This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש היימלאנד

7

1984

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״

מאָסקווע

יול

7

1984

אינהאַלט

דאַוויד בערגעלסאָן. אלעקסאנדער באראש . 4
זאלמען ליבינזאָן. דאַוויד בערגעלסאָנס עפּאָפּיי „באם דניעפּער" 23
דאָרע כײַקינע. אין מײַן יעדן פרימאָרגן (לידער) 34

ווערק פון אויסלענדישער שרײַבער. מוישע גיציס (טשיקאגאָ). און דאָס לעבן גייט 37
לעוו בערינסקי. אף דער זוניקער ערד (לידער) 64
הערשל פּאָליאנקער. הערשעלע אָסטראָפּאָליער, דער באלשעם און דער באלעגאָלע 70

שמועל גאָרדאָן. צוויי גאסן (נאָוועלע) . . . 82
ווערק פון אונדזערע לייענער. הערשל באראז (לידער) 89
מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער. צו שאָלעם־אליי־כעמס 125־טן געבורטסטאָג. מאטעריאלן אין דער סאָוועטישער פרעסע 91
מיר זעצן פאָר די אינטערוויוען מיט טוער פון דער יידישער טעאטער־ און עסטראדע־קונסט, וואָקאלער און פאָרלייענער־קונסט אף יידישע מאָטיוון אין סאָוועטנפארבאנד 97

ליטעראטור און קונסט

כאַים מעלאמוד. סידי טאל 104
מוני שולמאן. גלייבט דעם פּאָעט 121
פּאָלעמיק. מוישע וואָלף. וועגן מ. מארגאָלינס אר־טיקל „די געשיכטע פון א ליבע" — אן אָנזאָג פון א ראָמאנטישן שטראָם אין נאָטע לוריעס שאַפונג" 124
קאָנסטאנטין קעדראָוו. מענטש און קאָסמאָס (פילאָסאָפישער עטיוד) 131
אונדזערע מיטיילונגען. פאַינע גרימבערג. נאָ־טיצן וועגן דער יידישער טעמאטיק אין דער קינ־סטלערישער ליטעראטור פון פארשיידענע לענדער און צײַטן (יידיש — ב. גערשמאן) 146
פובליציסטיק. יורי ווערטשענקאָ, קים סע־ליכאָוו. אפגאניסטאן קעמפט, אפגאניסטאן האלט אָפּ א ניצאָכן 155
בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען. יידישע סאָוועטישע שרײַבער מיט קאָסמאָנאווטן באם רונדן טיש 162
דאָס איז טשיקאווע (לויט א נאָטיץ פון ל. ראכמאן אין „אוסטראלישע יידישע נײַס") 164
פריילעכע שורעס. (צייכענונגען פון ה. אינגער) 166
מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראטור 168
פאר די, וואָס לערנען יידיש 170
כראָניק 123
רעזומע (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ.ביידער (שטעלפארטרעטער פון הויפּט־רעדאקטאָר),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער,
ב. מילער, כ. מעלאמוד,
ה. פּאָליאנקער,
י. שוסטער (פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר), י. שרײַבמאן

דאָוויד בערגעלסאָן

1884 **1984**

מיט הונדערט יאָר צוריק איז געבוירן געוואָרן דער גרויסער יידישער וואָרט־מייסטער, איינער פון די אָנהייבער פונעם סאָוועטישן פּעריאָד אין אונדזער פּראָזע דאָוויד בערגעלסאָן. נאָך מענדעלען, פּערעצן און שאָלעם־אליכעמען האָט ער מיט רעכט פאַרנומען דאָס אָרט פונעם פערטן קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור.

דאָוויד בערגעלסאָן

אַלעקסאַנדער בראַש

1

אין וועכטער-שטיבל, וואָס בײַ דער רוינירטער עלעקטראָסטאַנציע, — אַ שטיבל מיט קליינע פענצטערלעך אין די גראָבע געמויערטע ווענט און מיט אַ הייס-אָנגעהייצט אײַזער-נעם אייוועלע באַם אַרײַנגאַנג, — איז מיט שאַריִען אויף טאָג געקומען די האָרבאַטע דאַבריש.

אין דרויסן האָט דער סאָף פֿון דער עסעריק-קלעפּיקער ווינטער-נאַכט נאָך אַלץ זייער פֿויל געביטן זײַן כאַשכעס אויף עפּעס אַ מין פֿאַפּעליאַטער קאַלעמוטנעקײַט, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף דאַברישעס קליינע און כיינעוודיקע דרײַעקיקע באַקן.

אין שטיבל לעבן דעם אײַזערנעם אייוועלע איז געשטאַנען אויף די קני דער אַזויגערופֿע-נער „זאַוווּכאָז‟ באָרעך קאַנפֿער און האָט אויפֿגעלייגט שפּענדלעך אָן אויפֿהער, ווי אומיסטן, קעדיי דער פֿלאַם זאָל זיך אַלעמאָל אַרויסרײַסן און באַלויכטן זײַן ביינערדיק, שטענדיק אָפּ-שפּעטנדיק פּאָנעם.

קיין שום סימאָנים פֿון וואָנצעס האָט באָרעך ניט געהאַט, נאָר עפּעס אַ מין מעשונעדיק צולאָכעס-בערדל האָט ער דאָך געטראָגן, ווי אויף אָפּצושפּעטן מיט דעם פֿון אַלערלײַ בערד.

— האָסט פֿאַרשפּעטיקט, — האָט ער געזאָגט צו דאַברישן, צווינקענדיק אויפֿן דער-בײַיִקן ניט-פֿאַרבעטן געלעגער, — ער איז שוין אויף דער אַרבעט, דער ברודער דײַנער.

— אַזוי פֿרי? — דאַבריש האָט אַרויסגענומען פֿון איר צעראַטענעם קוישל אַ טערמאָס-פֿלאַש און בוטערבראָדן אין אַ בלאַנק-ווײַס סערוועטל, — וואָס טוט ער דאָרט?

— וואָס ער טוט דאָרט? — באָרעך האָט באַטראַכט די פּאָר זאַכן, וואָס ער נעמט צו פֿון דאַברישעס האַנט, — עך! — האָט ער אָפּגעזיפֿצט. — איך קוק-אָ... פֿײַנע כפּייצים גע-ווען באַם פֿעטער נעכעמיען אין שטוב... און ביכלאַך... די גאַנצע מישפּאָכע — דורכויס פּרימאַ. און וואָס איז פֿון איר געבליבן? דו און אָשער, אַלעקסאַנדער נעכעמיעוויטש, הייסט עס, און פֿאַר אַ צולאָג — איך, באָרעך קאַנפֿער. אויך מיר אַ קאָרעוו. ווי זאָגט מען: יאַק נימאַ ריבע...

ערשט איצט, אָפּגעלייגט די זאַכן אויף די צונויפֿגעקלאַפּטע ברעטלעך, וואָס דינען דאָ פֿאַר אַ טישל, האָט ער זיך אומגעקערט צום פֿריִערדיקן שמועס:

— וואָס ער טוט דאָרט?.. אַלע זעקס עלעקטראָדוויגאַטעלעס זײַנען אויפֿגעריסן. פֿון זייערע טיילן דאַרף מען וואָס גיכער צונויפֿשטעלן כאָטש צוויי. נו, פֿאָרקעט ער דאָרט איניי-נעם מיט די טשאָרנאָראַבאָטשי, כאָטש סע פּאַסט גאָר ניט פֿאַר אַן אינזשעניער. אַ דירעקטאָר פֿון דער עלעקטראָסטאַנציע, אַ נאַטשאַלניק — און בלאָטירט זיך מיט ווינען דאָ איניינעם מיט מיר אין אָט דער קאָנורקע. איך זאָג עס אים, מיינט ער, אַז דאָס וויל איך אים אַרויס-פּאַטערן, קעדיי אַרײַנצונעמען אַהער עמעצן פֿון מײַן מישפּאָכע. וואָס טוט זיך מיט אים, אַ?..

עס ווערן דאָ געבראַכט די קאַפּיטלען פֿון דאָוויד בערגעלסאָנס ניט פֿאַרענדיקטן ראָמאַן אונטערן זעלבן נאָמען, וועלכע זײַנען אין אָנהייב 1946 פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין דער צײַטונג „איינִיקײַט‟ און אין קיין בוך־פֿאָרם ניט דערשינען.

דאַבריש? זײַן שטיבל איז עק סאַדאָווע איז דאָך געבליבן גאַנץ — דאָס שטיבל, וווּ ער האָט געוווינט מיט טאַטיאַנען... כ'האָב עפּעס גאָר געהערט זאָגן: זי לעבט, זײַן טאַטיאַנע, נאָר זי האָט אים אָנגעפּײַפט...

דאַבריש האָט ניט געענטפערט. אין איר רײנעם ציכטיקן בורנעסל, וואָס מיט די אָפּ-געלײגטע לאַצן, און אינעם שניי-ווײַסן בערעטל, פֿון אונטער וועלכן עס קוקן אַרויס גע-קרײַזלטע אָפּגעבליאַקעוועט-רויטלעכע האָר, איז זי געזעסן אויפֿן ראַנד פֿון איר ברודערס ניט-פֿאַרבעטן געלעגער.

זי איז געזעסן אין עפּעס אַ מין באַזונדערער פּאָזע, וואָס האָט צו זאָגן: „אַזאַ בין איך... מיטן יונגן דרײַעקיקן פּאָנעם — אַ קאַפּריזע שײנקײַט אויף צו ווערן אײַנגעבאַקן בליק-שנעל אין מאַנצבלשע הערצער, און מיטן צעקרימטן רוקן — אַ געשטראָפּטער באַלמום".

די רעכטע האַנט האָט זי געהאַלטן אַזוי שטײַף פֿאַרקוועטשט אין טאַש פֿונעם בורנעסל, ווי גלײַך אָט-אָט וועט זי די האַנט אַרויסכאַפּן און וועט אָפּלאָזן באַרעכן אַ הייסן פּליאַסק, האַלעמײַ בעבעט ער אַזוי פּרײַ און לוסטיק וועגן זאַכן, וואָס צורירן זיך צו זיי איז פּונקט ווי קראַצן מיט די נעגל אַ שרעקלעך טיפֿע וווּנד.

אַ פּלאַפּלער איז ער אין אירע אויגן געווען אַלע זײַנע יאָרן, אָט דער ווײַטער קאָרעוו באַרעך — אַ מענטש, וואָס זאָגט אויף זיך אַליין:

„ער! פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אין מיר אַ שאָלעם-אַלייכעם!"

אַזאַ איז ער געבליבן אויך איצט, נאָך דעם ווי ער האָט זיך אומגעקערט אָן צוויי ריפּן פֿון דער אָפּאָלטשעניע.

פֿאַקטיש איז ער דאָ געווען ניט קיין „זאַווכאָז", נאָר אַ סטרוזש. ווען מע זאָל אים גלייבן אויפֿן וואָרט, האָט ער דאָס אופֿגעגעבן אין „גאָרקאָם" דעם געדאַנק, מע זאָל איר ברו-דער, דעם אינזשעניער באַראַשן, אַרויסרופֿן אַהער פֿונעם שפּיטאָל אויף אופֿצושטעלן דאָ די עלעקטראָסטאַנציע.

— און איצט, — האָט ער זיך געקלאָגט פֿאַר דאַברישן, — איצט קליאַנטשע איך פֿאַר אים: אָפּאָרמליאַיע מיך דאָ פֿאַר אַ זאַווכאָז... איך רעד, און ער שווײַגט...

אַ לאַנגער און בײנערדיקער, אין זײַן איבערגעניצעוועטער שינעל, וועלכע ער טוט ניט אויס ניט בײַטאָג, ניט בײַנאַכט, איז ער געשטאַנען אײַנגעהויקערט אַקעגן דאַברישן, געדרייט מיט דינע פֿאַרגעלטע פֿינגער אַ ציגאַר טוטין און אויף קיין רגע ניט צוגעמאַכט דאָס מויל:

— אײַ, אַשער, אַשער... אַלעקסאַנדער נעכעמיעוויטש! ווער האָט אים דאָ אין שטאָט ניט געקענט?.. אויב ניט באַם נאָמען, איז אין פּאָנעם מיט דער יונגער שײנער באָרד — אַ נאַסטאָיאַשטשע ברונעט!.. אַ פֿיגור! אויסגעפּוצטע שפּאַצירנדיקע דאַמאָטשקעס פֿלעגן וואַרפֿן אויף אים די אייגעלעך, ווען זיי פֿלעגן אים דערזען דורכגײן די גאַס... אײַ, אייגע-לעך, — כאָטש מיטן קוק פֿאַרזוכן, וואָס פֿאַר אַ טאַם ער האָט. לאָמיך אַזוי לעבן, ווי איך פֿלעג הערן, ווי זיי ריידן וועגן אים צווישן זיך: „וואָט אָן, וואָט אָן!.." פֿון וואָס האָט זיך דען אָנגעהויבן טאַטיאַנעס ראָמאַן מיט אים? — אויך פֿון וואַרפֿן אויגן אויף אים אין גאַס, אַ מע-סוקענער ראָמאַן!.. דײַן טאַטע, לעשאָלעם, האָט זיך ניט געוואָלט מישן... קיינער האָט זיך ניט געוואָלט מישן... נו, זעט מען דאָך דעם סאָף... וווּ איז זי איצט, טאַטיאַנע?

דאַבריש האָט זיך ניט אומגעקוקט און האָט ניט געענטפערט.

— און וווּ איז דאָס יינגעלע זייערס?.. וואַדיק, וואַדיק... כ'מיין: ער דאַרף שוין איצט אַלט זײַן אַ יאָר זיבן-אַכט... ניין?

דאַבריש האָט געקוקט צום באַלקן, ווי גלײַך די גאַנצע צײַט, וואָס זי זיצט דאָ, האָט באַרעך נאָך ניט אויסגערעדט קיין איין וואָרט.

— רופֿט אים אַרײַן, — האָט זי ענדלעך אַ וואָרף געטאָן קאַלטלעך, צורעכטמאַכנדיק אַקעגן קליינעם רענצל-שפּיגעלע דעם רויטלעך-בלאַסן טוש אויף אירע זייער דינע ליפּן.

באַרעך האָט פֿאַמעלעך פֿאַרייכערט באַם אָנגעגליטן אײוועלע. אַ ווײַלע האָט ער זיך געזײַטלט אויף דער האָרבאַטער מיט אַ קרומער מינע: „אייביק פּוצט זיך עס, ווי פֿאַר אָנקוקן זיך מיט אַ כאָסן". זײַן בליק איז פֿון רגע צו רגע געוואָרן מער בייז: „פֿכע! כ'האָב איר ניט פֿאָטראַפּעט!" פֿויל, ווי באַ אומזיסטיק טועכץ, האָט ער פֿאַרלאָזט דאָס וועכטער-שטיבל.

— איז רופֿן אים?.. כ'גיי.

2

אין דרויסן אַף יענער זײַט געעפֿנטער טיר האָט א גראָבער נאסער שניי געשאָטן אין אַלאַכסן לעבעדיק-פֿאַרשײַט, ווי מיט פֿאַריבל, וואָס די צוריק-צוגעמאכטע טיר לאָזט אים ניט זיך אַרײַנרײַסן אויך אין שטיבל.

דאָס נאָענטסטע פֿענצטערל איז אין הויף פֿאַרשטעלט געוואָרן מיט די פֿלייצעס פֿונעם שטיין-געבליבענעם באָרעכן. דאַבריש האָט געזען, ווי ער הויקערט זיך דאָרט אקעגן אַן אומבאַקאַנטן יונגנמאַן. דאָס קליינע גערונצלטע בערדל אַרום דעם יונגנמאַנס בלייכן פּאָנעם זעט אויס נאָך שוואַרצער פֿונעם אָפּגעלייגטן קאָטיקענעם קאָלנער. באָרעך הערט אים אויס ניט בלויז אָן יעדער מינדסטער ביזיקײַט, נאָר מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט זאָגן צו דער גאַנצער וועלט אַרום זיך: „שאַ!". אַזוי פֿירט ער זיך, באָרעך, בײַ דער ערשטער באַגעגעניש מיט יעדן אומבאַקאַנטן, ווײַל עפּשער וועט ער גראָד דורך אָט דעם נײַעם מענטשן געהאָלפֿן ווערן. ער האַלט פֿון אַלע יאָרן, אַז זײַן גליק קאָן קומען מיטאַמאָל און אומגעריכט. נאָר באַלד פֿאַרקרימט ער זיך, ווי אַף אויסצושפּײַען, און רופֿט גראָבלעך דעם יונגנמאַן, ער זאָל אים נאָכגיין.

דאַבריש האָט א פֿיר געגעבן איר בליק איבערן ניט-אויפֿגעראַמטן וועכטער-שטיבל. זי האָט ניט באַוויזן צודעקן איר ברודערס צעוואָרפֿן געלעגער, פֿון הויף האָט זיך אומגעקערט באָרעך. מיט אַן אויפֿגעהויבענעם גראָבן פֿינגער האָט ער אָנגעוויזן איבער זײַנע אַקסלען אַף צוריק, און געדאַכט האָט זיך, אַז ריידן האָט ער אָנגעהויבן נאָך אין דרויסן:

— אָט!.. זיך אָפּגעזוכט אײַערער א קאָרעוו פֿון טאַטנס צאַד... גאָר אַזש פֿון יענער זײַט. ס'הייסט ערגעץ פֿון אַרום ווילנע... ניט לאַנג אָנגעהויבן אַרבעטן דאָ אין א שפּיטאָל — אַן אויגן-דאָקטער, און הייסט אויך אָשער... נאָך אַן עלטערזיידן א ראָוו, אַזוי זאָגט ער. אָט גייען זיי.

אין הויף פֿאַרבײַ דעם פֿענצטערל האָבן איינס נאָכן אַנדערן דורכגעשווינדלט צוויי שאָטנס. דער גראָבער נאסער שניי האָט דאָרט אָנגעהויבן שיטן דריבנער, געדיכטער און אײַלעוודיקער. א שטאַרקער ווינט האָט מיט די שניילעך א יאָג געטאָן איבער די רויִנען און זאַווערוכעדיק אַרויסגעשאַרט פֿון דאָרט א פּאָר מענטשן אַהער צום אַרײַנגאַנג.

אין וועכטער-שטיבל איז צוערשט אַרײַנגעקומען דער יונגער קאָרעוו פֿון אַרום ווילנע. ער וואָלט, מעגלעך, גאָר ניט געווען אויסגעזען אַזוי מאָגער, נעבעכדיק און קליינווינקיק, ווען באַלד נאָך אים זאָל דער אינזשעניער באַראַש ניט געווען שפּאַנען מיט אַזאַ אימפּעט, ווי גלײַך אָט-אָט וועט ער נעמען אונטערשטופּן דעם גאַסט מאַמעש מיט די הענט. מיט די נאַסע שניילעך אַף זײַן יונגער שוואַרצער באָרד, אין דער פֿאַנאַנדערגעשפּיליעטער שינעל, וואָס מיט די פּאָגאָנעס פֿון א מאַיאָר, האָט ער אין פֿאַרגלײַך מיטן קאָרעוו געמאַכט דעם אײַנדרוק פֿון עפּעס איבערגעזאַלצן-גרויסעס. איבער דעם הילצערנעם געקאָוועטן קלעצל, וואָס פֿאַרבײַט אים א שטיקל פֿון זײַן לינקן פֿוס, האָט ער שווערלעך איבערגעוואָרפֿן זײַן הויכן צעוואַקסענעם קערפּער פֿון איין אָרט אַפֿן אַנדערן.

— א דאַנק, א דאַנק, — האָט ער גאַנץ טרוקן זיך אָפּגעזאָגט פֿונעם קאָרעווס ליבלעכער גרייטקײַט צו העלפֿן אים אַריבערשפּאַנען די שוועל, — באַמיט זיך ניט.

באַמערקט דאָ דאַברישן, וואָס זיצט אַפֿן ראַנד פֿון זײַן געלעגער, און אָנגעברויגעזט די ברעמען, ווי ער וואָלט זײַן מיט איר א ביסל צעקריגט, האָט ער א ווײַלע געקוקט אַף איר מיט א שלעפֿעריקן בליק פֿון אונטער זײַנע לאַנגע אַראָפּגעלאָזטע וויִעס, וואָס וואַרפֿן אַף זייער שאָטן אַף דער מאַטער הויט פֿון פּאָנעם.

— מײַן שוועסטער, — האָט ער זי פֿאָרגעשטעלט, — און דאָס איז דאָקטער סויפֿער פֿון ווילנע — דעם טאַטנס שוועסטערס א זון.

דאָ באַלד זיך פֿאַרטראַכט, האָט ער פֿרעגנדיק א קוק געגעבן אַף זײַנע אייגענע הענט. זײַן אונטערשטע ליפּ איז א ווײַלע געבליבן פֿאַרביסן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צום קלעצל, וואָס בײַ זײַן לינקן פֿוס, ווי אַף צו מעיאַשעוו זײַן זיך מיט דעם: „וואָס נאָך קאָנען מיר מיט דיר איצט טאָן פֿאַר א קאָרעוו?" דאָס איינציקע, מיט וואָס ער האָט אים איצט געקאָנט מעכאַבעד זײַן, איז געווען מיט זאָגן אים „דו".

— נו זיך... פֿאַרברענג... איך וועל קומען שפּעטער א ביסל.

און אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך מיטאַמאָל די פֿאַרטראַכטקײַט, איז ער אַוועק צוריק צו זײַן אַרבעט און מיטגענומען מיט זיך אַהין באָרעכן.

3

אין די אויערן בא דאַברישן, וואָס האָט פאַריבלדיק נאָכגעקוקט, ווי איר ברודער גייט אוועק, האָבן נאָך אַלץ פאַרדריסלעך געקלונגען די ווערטער „מײַן שוועסטער", מיט וועלכע ער האָט זי פאַרגעשטעלט.

וואָלט ער געווען צוגעגעבן נאָך עפּעס וועגן איר און וועגן איר לעבן, וואָלט זי געווען זיך דערפילט שאָקירט. נאָר בלײַבן אונטערן „טשין" — „מײַן שוועסטער" איינע אליין מיט א פרעמדן מענטשן, וועלכן ער האָט איר דאָ אָנגעהאנגען אף צו פאַרברענגען מיט אים, — דאָס איז איר שוין אוואדע געווען ווײַט ניט צום הארצן.

אוועק איז א שווערע שווײַגנדיקע מינוט, ביז זי האָט דאָ, ענדלעך, גענומען זיך ארומזען אפן גאסט.

נאָר אינעם דאָקטער סויפערס ניט כאפּן זיך, בייס ער האָט אראָפּגעצויגן פון זיך זײַן אלט פוטערל, אין זײַן פאמעלעכן ארומקוקן זיך און זוכן אף דער וואנט א טשוואָק אף אופצוהענגען עס, אין זײַן אופהייבן זיך אף די שפּיץ פינגער, קעדיי צו דערלאנגען צום טשוואָק, — אין דעם אַלעם איז געווען עפּעס בענימעסדיקס און געזעצטעס פון א מענטשן, וואָס איז, ענדלעך, נאָך לאנגע וואָגלענישן צוגעשווומען צו א שטיקל היימישן ברעג און האָט שוין ניט וואָס צו אײַלן.

מיט אָט דער איבערגעכאפּטער רויִקײַט זײַנער האָט ער רעכט באוואונדערט דאָברישן ערשט שפּעטער, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אז זי און איר ברודער זײַנען די איינציקע קרויווים, וואָס זײַנען אים געבליבן אף דער גאנצער וועלט און אז אליין איז ער טאקע מאמעש דער „אני הגבר ראָה עני" פון דער געשיכטע מיט ייִדן אין די יאָרן 1939 — 1945 — ער איז דורכגעגאנגען אַלע פּײַנען פון געטאָס און קאָנצלאגערן און פון געפירט ווערן צום טויט, נאָר ער רעדט וועגן דעם ניט, ווי וועגן אן איבערגעגאנגענעם עטאפּ.

שווײַגנדיקערהייט האָט דאָבריש פאַרשפּרייט פון זײַנטוועגן מיט א ווײַס טישטעכל דאָס בימקוים-טישל. זי האָט אָנגעגאָסן א גלעזל ווארעמס פונעם טערמאָס און אים פאָרגעלייגט צובײַסן. האָט ער, ניט אָפּזאָגנדיק זיך, א קוק געגעבן אף זײַנע הענט און א זוך געגעבן אן אָרט אף זיי אָפּצוואשן.

דאָבריש האָט צוגעקוקט, ווי די הענט טריקנט ער נאָכדעם אָפּ זייער שטײַף מיטן האנטעך, ווי עס טוען פרומע ייִדן פאַרן עסן. שיר ניט מיט דווייקעס טוט ער זיי א רײַב איינע אָן דער אנדערער. האָבנדיק שוין צוגעזעצט זיך לעבן איר באם טישל, האלט ער זיי נאָך אַלץ פרום צונויפגעלייגט אין איין הייך מיט זײַן ברוסט, אָט די הענט זײַנע. אָט-אָט וועט ער, דאכט זיך, ווי א פרומער ייִד, מיט פאַרגלאָצטע אויגן מאכן „האמויצע", נאָר דאָ פאַרטראכט ער זיך און אָנשטאָט זיך צורירן צום עסן, טוט ער גאָר פּלוצעם א פרעג וועגן איר ברודער זייער שטרענג, קימאט בארויגעז:

— פאַרוואָס לאָזט איר אים ארומגיין אָן קוליעס?.. ווי לאנג איז ער דען פונעם שפּיטאָל?

מיט אַלע זײַנע טנועס איז ער דאָברישן געווען פרעמד, קימאט דערווידער — א יונגער מענטש, אן אויגן-דאָקטער און אונטערגעוואָרפן איז ער רעפלעקסן, וואָס שטאמען דורכויס פון עפּעס אן אלט-רעליגיעזער אָפּגעלעבטער וועלט.

מיט האלב-צוגעמאכטע אויגן, ניט רירנדיק מיט די פריש-אָפּגעוואשענע צונויפגעלייגטע הענט, האָט ער אַלץ געוואַרט אף איר ענטפער. און פּלוצעם האָט בא דאָברישן א טיאַך געטאָן אין הארצן. אין אָט דער פּאָזע זײַנער האָט זיך איר א באָמבל געטאָן עפּעס האלב-פאַרגעסנס און דאָך קענטלעכס — קימאט אין אזא פּאָזע, מיט שטײַף-צונויפגעלייגטע הענט אקעגן דער ברוסט פלעגט אין שווערע אָנגעשטרענגטע לעבנס-מינוטן בלײַבן זיצן איר פאָטער נעכעמיע באראש — איר געהארגעטער פאָטער, וועגן וועמענס גאנצן אָוואר די קינדער האָבן געוווּסט בלויז איין זאך: אין די יונגע יאָרן האָט ער געפּאטערט ניט ווייניק קויכעס אף רײַסן מיט זײַן רעליגיעז-פרומער מישפּאָכע און ווערן אן אדוואָקאט. מיט א געפיל שיר ניט פון אונטערטעניקײַט האָט זי ענדלעך געענטפערט וועגן איר ברודער:

— פונעם שפּיטאָל איז ער ניט לאנג, אינגאנצן א וואָכן צוויי. ער האָט נאָך גאָר ניט געטאָרט אָנהייבן ארומגיין, נאָר אזא מענטש איז ער... וואָס איז שײַעך צו ווירקן אף אים, ער זאָל אָנקומען צו קוליעס...

מיט א נערוועזן ציטער איז איר קליין מויל געבליבן אָפן אף נאָך עפּעס צו זאָגן. פון אָנשטרענגונג האָט זי עטלעכע מאָל א פינטל געטאָן מיט די אויגן. איר האָבן אויסגעפעלט

אַ פּאָר קורצע ווערטער, וועלכע דעם גאַסט זאָל קלאָר ווערן, אַז זי זאָרגט זיך פֿאַר איר ברודער אָן זײַטיקע אײַצעס און אַז ביכלאַל איז זי אַ פֿיל ערנסטערער און טיפֿערער מענטש, ווי אים, דעם קאַרעוו, קאָן פֿון ערשטן בליק זיך דאַכטן. מיט די אונטערשטע אַרויסגערוקטע ווײַסע צײנדלעך האָט זי די נײַטיקע ווערטער פֿון ערגעץ ווי אַ כאַפּ געטאָן.

— אים, — האָט זי געזאָגט וועגן ברודער, — זײַנען פֿון טאָמיד אָן דערווידער אַלערלײ מענטשן, וואָס מוזן זיך אַף עפּעס אָדער אַף עמעצן אָנשפּאַרן, פּונקט ווי זיי זײַנען אים דערווידער מיט זייער פֿאַרלוירנקײַט, ווען זיי ווערן עפּעס אָן אין לעבן.

איר האָט זיך געדאַכט, אַז פֿון אירע לעצטע ווערטער האָט דער קאַרעוו לײַכט אַ ציטער געטאָן, ווי ער וואָלט זיי גענומען אַפֿן כעזשבן פֿון דעם, וואָס אָט איצט איז ער געקומען צו קרוויום זיך אָנשפּאַרן אַף זיי.

פֿאַרשעריש האָט זי אַף אים אַ קוק געטאָן, צי איז ער ביכלאַל אַ גרויסער באַל־מויעך, נאָר זיך ווידער אָנגעשטויסן מיטן בליק אַף זײַנע אונטערגעהויבענע דאַוונענדיק־צוניפֿגע־לייגטע הענט און ווידער דערפֿילט אַף זיך זייער מאַכט — איר געהאַרגעטן פּאָטערס מאַכט.

— וואָלט ער האָבן פֿאַרלוירן נאָר דאָס שטיקל פּוס, — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן קלאָר מאַכן, אַז די רייד גייען וועגן איר ברודער, — ער האָט אָנגעווווירן פֿיל מער.

— פֿיל מער? — דער גאַסט האָט אופֿגעמאַכט די אויגן און פֿאַמעלעך זיי געגלאָצט צום שטערן, — נו יאָ. ער איז דאָך ניט איינער...

דאָבריש האָט ניט באַוויזן דערטראַכטן ביזן סאָף: „ט'עלעך אויסגיין פֿון אָט דער באַ־נאַלער טרייסט”, ווי דער גאַסט האָט שוין ווײַטער גערעדט וועגן איר ברודער:

— כ'מיין: ער איז דאָך איינער פֿון יענע, וואָס האָבן שוין ניט איין מאָל אָנגעווווירן און האָבן אָנגעהויבן באַנײַס אַ קאָן — אַ ייִד!

— ווי?

— איך זאָג, — ער האָט זיך באַגעגנט מיט דאָברישעס צערייצטן, קימאַט אָפּשפּעטנ־דיקן בליק און אָנשטאָט צו באַליידיקן זיך אַ שמייכל געטאָן, ווי מע שמייכלט פֿון אַ קינד, — איך זאָג: ייִדן, אַפּאָנעם, ווייסן עס און גייען דערויף.

— אַף וואָס?

— נו, אַף דעם אַלעם... אַזאַ פֿאָלק.

די הענט האָט ער מער ניט געהאַלטן פֿרום־צוניפֿגעלייגט.

ער איז געזעסן באַם טישל רויִק אָן שום האַוויײַעס.

מיט אַ פֿאַרטראַכט גלענצל אין די אויגן, וואָס ווייסט, דאַכט זיך, אָט־אָט נעמען פֿאַר־גיסן די גערונצלטע האָר פֿון זײַן ביז גאָר שוואַרץ בערדל, האָט ער אַלעמאָל אָפּגעזופּט פֿונעם גלעזל וואַרעמס.

באַם טישל איז געזעסן אַן אייראָפּעיִשער מענטש, וואָס האָט נאָרוואָס אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק, וועלכן זי, דאָבריש, האָט ניט פֿאַרשטאַנען, און אויך מיט דעם האָט ער ווי גענומען הערשן אַף איר.

פֿונעם פֿריִערדיקן פֿאַרלאַנג זיך פֿאַרצושטעלן פֿאַר אים ווי ניט „אַבי־ווער” איז אין איר געבליבן ניט מער ווי אַ געפֿיל פֿון פֿאַרלוירנקײַט און פֿוסטער אָנגעדרודלטקײַט.

פֿאַרוואָלט האָט זיך איר אויסקריפֿן עס דאָ אַפֿן אָרט מיט עפּעס פּאָשעט־מענטשלעכס און אינטים־מישפּאָכעדיקס.

נאָר באַקומען האָט זיך ניט דאָס.

4

שיר ניט מיט עפּעס אַ מין אוזעס האָט זי אָנגעוויזן אַף אַ צוניפֿגעראָלט העפֿטל, וואָס שטעקט אַרויס פֿון אונטער איר ברודערס צוקאָפּנס־קישן.

— ט'איז ער, אויב איר ווילט וויסן, דעם ברודערס הויפּט־אומגליק... ער קוקט אַרויס פֿון אונטערן קישן... ס'איז אַ טאָגבוך, צוגעשיקט פֿון זײַן פֿרוי טאַטיאַנען.

און אַפּגיך, אַפּגיך, אויפֿבריענענדיק אַלץ מער און מער מיט די אויגן און מיטן גאַנצן וועזן, האָט זי גענומען אויסלייגן פֿאַרן גאַסט דאָס סאַמע אָנגעווייטיקטע, וואָס בראָט זי און קרענקט זי אינעווייניק און וואָס זי האָט ביז איצט נאָך פֿאַר קיינעם פֿונעם מויל ניט אַרויס־געבראַכט:

— א טאָגבוך וועגן דעם אומגליק, וואָס האָט זי דורך דער געטאָ דערפירט, זי זאָל... זי זאָל האָבן א קינד פון אַן אנדערן... איר שטעלט אײַך פאָר? — דורכויס אידעלע לירישע באשרײַבונגען וועגן אָט דעם מיעסן און געמיינעם פאקט. און אליין פארזיכערט זי אים, אז זי קאָן אָן אים ניט לעבן, אָן מײַן ברודער, הייסט עס... זי געפינט זיך איצט בא אירער א מומע אין לענינגראד. זי איז געווען איינע פונעם היגן פראָפעסאָר אָסטראָומאָווס גראַטענע מיידלעך. פון זעכצן יאָר אָן איז זי דאָ נאָכגעלאָפן דעם ברודער מײַנעם, דעם שענסטן אַר-טיקן מאנספארשוין מיטן שטרענג-סעמיטישן פאָנעם. און גראָד איצט, אזוי באקלאָגט זי זיך, לעבט זי באנײַס איבער אלע טיפע געפילן און לײַדנשאפטן, מיט וועלכע זי האָט זיך דעמלט צו אים געצויגן — זיך געצויגן ביז ניט קאָנען געוועלטיקן אף זיך מער, ביז...

פון דער מינע אפן קאָרעווס פאָנעם — א מינע, ווי אים וואָלט פון אירע רייד גרילצן אין די אויערן, — האָט זי געזען, אז ער כידעשט זיך, ער פארשטייט ניט, וואָס צווינגט זי, זי זאָל דאָ באלד בא דער ערשטער באקאנטשאפט מיט אים וועגן דעם אלעם דערציילן.

נאָר אין דער זעלבער צײַט האָט זי געפילט אין אים עפּעס אזוינס, מיט וואָס ער קאָן האָבן א ווירקונג אף איר און אף איר ברודער און האָט זיך געײַלט, קעדיי אריבערצושלעפן אים אין דער געשיכטע מיט טאטיאנען דורכויס אף איר, דאָברישעס, זײַט:

— נאט, זעט...

זי האָט א כאפ געטאָן דאָס צונויפגעראָלטע העפטל פון אונטער איר ברודערס צו-קאָפּנס-קישן און מיט גרויסער צערייצטקײַט, מיט ברען אין יעדער טנוע גענומען פארלייענען פונעם ערשטן זײַטל אפן קאָל:

— „איך זיץ, איך ליג, צי איך דרעמל — אלצײַנס. באטאָג און באנאכט הער איך ניט אוף צו פילן אין זיך יענע היציקע זומערדיקע טעג, ווען אף דער פראגע „צי ווילט איר נאָך עפּעס פונעם לעבן?", זײַנען איך און דו, אלעקסאנדער, געווען גרייט צו ענטפערן ביידע אפמאָל, ביידע אין איין קאָל:

— „ניין, מער ניט!"

ערשט איצט האָט זי דערזען, אז באם גאסט זײַנען ביידע הענט האלב-אופגעהויבן, ווי אף צו באשיצן זיך מיט זיי פון עפּעס בייזס, וואָס רוקט זיך אף אים. זײַן פאָנעם איז געווען פול מיט געבעט, זי זאָל אופהערן לייענען.

— מע דארף ניט מער... צו וואָס?..

דעמלט האָט דאָברישעס קאָפּ אײַליק א זוך געגעבן צווישן די אקסלען אַן אָרט אף צו באהאלטן זיך.

אירע אויגן האָבן זיך פארטראכט, ווי זיי וואָלטן מער קיינעם ארום זיך ניט געזען.

פאמעלעך האָט זי צונויפגעראָלט דאָס העפטל, עס צוריק ארונטערגערוקט אונטערן קישן, זיך צוריק צוגעזעצט אפן ראנד פונעם געלעגער און פלוצעם זיך פאנאנדערגעוויינט מיט א טיף היכצן, באמיענדיק זיך דערבײַ אלץ מער און מער צו דערשטיקן אין זיך איר קאָל און בלײַבנדיק צולעצט בא זייער א דינעם הויך-פאריסענעם און דערוואָרגענעם קוויטשיקל.

און מאָדנע.

דאפקע מיט דעם איז דאָ אין וועכטער-שטיבל ווי אויסגעשעפּט געוואָרן יעדער ווא-רעמקײַט צווישן איר און דעם גאסט.

אופגעמאכט די אויגן נאָכן געוויין, האָט זי דערזען, ווי ער שטייט צו איר מיטן רוקן, מיטן פאָנעם צום פענצטערל.

נו, יאָ, צוריקגערעדט... מע האָט באדארפט זײַן א שטיק האָלץ, מע זאָל נאָך אָט דעם אלעם ניט באנעמען, וואָס פאר איר מאכט אויס דער ברודער פון שטענדיק אָן און באזונ-דערס איצט, נאָך די שרעקלעכע דערשיטערונגען פון די לעצטע יאָרן, נאָך פארלירן דעם פאָטער מיט אלץ און מיט אלעמען. וואָס דען האָט זי, כוץ אים, אין לעבן?

5

טרוקן ביז גאָר איז געווען דאָ דער ווײַטערדיקער שמועס צווישן איר מיטן גאסט.

ער האָט געפרעגט, זי האָט געענטפערט.

אים האָט זיך געדענקט, אז זי, דאָבריש, האָט אין פארבינדונג מיט טאטיאנעס נאָמען דערמאָנט דאָס וואָרט „געטאָ".

ער האָט געפֿרעגט:

— ווי קומט דען טאַטיאַנע אין געטאָ? זי איז דאָך אַ רוסישע.

דאַבריש האָט געענטפֿערט קאַלט און אָן כיישעק, ווי זי וואָלט וויסן פֿאָרויס, אַז פֿון אַלע אירע ווייטעקלעכסטע איבערלעבונגען וועט ווערן עפּעס אַ מין גרויער פּראָטאָקאָל:

— אַזוי איז געווען: דער ברודער איז אַוועק אַפֿן פֿראָנט באַלד אין אָנהייב מילכאָמע. פֿון שטאָט האָט מען זיך עוואַקויִרט. דער טאַטע איז געהאַרגעט געוואָרן בייס די ערשטע באָמבאַרדירונגען, עוואַקויִרט האָט זיך אויך דעם פּראָפֿעסאָר אַסטראַומאָוס מישפּאָכע — אַ גרויסע מישפּאָכע, אַ סאַך קינדער. טאַטיאַנע האָט אָפּגעשיקט מיט זיי אויך איר קינד, וואַדיקן, און איז פֿאַרבליבן איינע אַליין אויף צו פֿאַרהיטן איר פֿאָטערס זעלטענע ביבליאָטעק און בעמיילע שוין — אויף צו פֿאַרהיטן אַלץ אין איר וווינונג און אין איר פֿאָטערס וווינונג. דאָס איז געווען קעגן דעם ווילן פֿון אירע אייגענע, קעגן אַלעמענס ווילן. אַ שטאַרקע נאַטור. זי האָט געזאָגט: די דייַטשן וועט מען צוריק אַרויסטרייַבן, נאָר דערווייַל וועט דער פֿאָטער ניט האָבן מער זייַן ביבליאָטעק און דערווייַל וועט בא איר און באַם פֿאָטער גיין צו גרונט אַלץ, וואָס מע האָט אָנגעזאַמלט מיט גרויס מי אין פֿאַרלויף פֿון אַזויפֿיל יאָרן. איבערשפּאַרן זי איז דעמלט געווען אומעגלעך. נו, און נאָכדעם... נאָכדעם האָבן דאָ די דייַטשן זי גענומען אין געטאָ אַרייַן, ווי אַ פֿרוי פֿון אַ ייִדן.

דאַבריש האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן זייער גיך צונויפֿקלייַבן אירע זאַכן אויף אַוועקצוגיין. פֿון דעם האָט דעם גאַסט באַדאַרפֿט זייַן גאַנץ קלאָר, אַז זי וויל מער ניט פֿירן דעם שמועס און וועט מער אויף גאָרנישט ניט ענטפֿערן.

דאָך האָט ער געפֿרעגט:

— ווו איז איצט זייער קינד, וואַדיק?

דאַבריש האָט געענטפֿערט, אויפֿמאַכנדיק שוין די טיר, ניט אומקוקנדיק זיך:

— באַם זיידן, דעם פּראָפֿעסאָר אַסטראַומאָוון... ער האָט אָקאָרשט צוריק מיט אַ פּאָר טעג געבראַכט אַהער זייַן פֿאַמיליע פֿון דער עוואַקואַציע.

און זי איז אַוועק, איבערלאָזנדיק דעם קאָרעוו איינעם אַליין אין ווערכטער-שטיבל.

פֿאַרבייַשאַרנדיק זיך אין דרויסן לעבן דער וואַנט, האָט זי געזען דורכן פֿענצטערל, ווי דער גאַסט מאַכט אַלערליי מאַניפּוליאַציעס אויף אַרומצושפּאַנען, כאָטש אין ווערכטער-שטיבל איז ניטאָ דערויף קיין פּלאַץ. האַלטנדיק זייער נידעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, מאַכט ער אַלעמאָל אַ פּאָר דריבנע טריטעלעך צום אייַזערנעם אייוועלע און צוריק, און זייַנע האָ-ווייַעס זייַנען דערבייַ שוין ווידער גאַנץ פֿרעמדע — רעפֿלעקסן פֿון אַן אַלטער, אָפּגעלעבטער וועלט.

6

מיט אַן אָבערעם שפּענער און שפּענדלעך, צעשיטנדיק זיי אַפֿן וועג, איז אין ווערכטער-שטיבל אַרייַנגעקומען באָרעך.

אַרייַנגעקומען, האָט ער ראַפּטום אין פֿאַרלויף פֿון איין רעגע באַוויזן אָפּצוטאָן דרייַ זאַכן: אַ גלאָץ טאָן די אויגן אַפֿן דאָקטער סויפֿער, אַ שמיץ געבן מיט אימפּעט די שפּענער צום דאָקטערס פֿיס, ווי אומיסטן אויף שטערן אים צו מאַכן דאָ זייַנע דריבנע טריטעלעך, און בייזלעך אַ פֿרעג געבן:

— וואָס זשע? — ער האָט אַ שאָך געגעבן דעם גאַסט, צי וועט מען קאָנען דורך אים עפּעס פֿועלן בא אַלעקסאַנדער נעכעמיעוויטשן. — איר אייַלט זיך?

— ניין, — האָט דער גאַסט געענטפֿערט פֿון פֿאַרטראַכטקייַט אַרויס, — איך האָב הייַנט גראָד אַ פֿרייַען טאָג.

— סייַדן אַזוי...

באָרעך האָט זיך אַראָפּגעזעצט צום האַלב-אויסגעלאָשענעם אייַזערנעם אייוועלע און האָט עס גענומען צעבלאָזן מיט אַ פֿרום פּאָנעם, ווי עפּעס אַ מין הייליק פֿייַער, וואָס טאָר דאָ אויף קיין איין רעגע ניט אויסגעלאָשן ווערן. צווישן איין בלאָז און צווייטן האָט ער פֿאַר-וואָרפֿן דעם דאָקטער סויפֿער מיט אָפּגעריסענע פֿראַזעס וועגן אַלעקסאַנדער נעכעמיעוויטשן:

— וואָרן אָט וויל אים דאַבריש כאַפּן אין אַ פֿרייַער מינוט... זי דאַרף בא אים פֿועלן, ער זאָל זיך איבערקלייַבן פֿון אָט דער לאָך צו זיך אַהיים. וואָרט זי שוין דערויף, זינט ער האָט זיך אַהער אומגעקערט... זייַן אָסאָבניאַקל אויף דער סאַדאָווע-גאַס איז געבליבן גאַנץ,

אַלץ איז דאָרט אױפן אָרט װי געװען, נאָר ער איז נאָך אַפילע קײן אײן מאָל ניט צוגעגאַנגען אַהין א קוק טאָן. סע װאָלט בעפירעש געװען ניט קרום, װען אױך איר, אַן אײגן געשװעסטערקינד, זאָלט דאָ צולײגן א האַנט... סע װאָלט געװען אי זײַן טױװע, אי דאָברישעס טױװע... פאַרײנװעגס װאָלט איר שױן פון מיר אױך געקראָגן א האַרציקן דאַנק... בא אים איז עס א קאַפּריז, און מיר גײט דאָ אין לעבן... איך בין, װי איר זעט, שױן ניט קײן יונגערמאַן און לעב נאָך אַלץ אַלײן װי א הונט... און גראָד איצט האָט זיך אָפּגעזוכט נישקאָשע פון א װײַבל, װאָס װאָלט זיך מיט מיר פאַרשריבן... נאָר װען זשע? װען איך זאָל זי קאָנען אַרײַננעמען אױף מײַן זשילפּלאָשטשאַד...

ביסלעכװײַז האָט ער געגעבן אָנצוהערן דעם גאַסט, אַז ער, באָרעד, שטױסט זיך אָן, װאָס אַלעקסאַנדער נעכעמיעװיטשן קװעטשט דאָ:

— אײנעם אָסאָבניאַקל הענגט נאָך אַלץ אױף דער װאַנט זײַן טאַטיאַנעס פאָטאָגראַפיע...

באָרעד איז געװען די מײנונג, אַז װיבאַלד מיט טאַטיאַנען האָט זיך געטראָפן אַזא מײַסע... איז מעג מען אַראָפּרײַסן פון דער װאַנט איר שײן פּנעמל און אַן עק זאָל עס נעמען. כאָטש פון דער אַנדערער זײַט: נאָך אַזא טאַטיאַנע איז שװער צו געפינען. ער, באָרעד, איז זעקס יאָר געװען א ביליעטיאָר אין טעאַטער און האָט זיך דאָרט גענוג אָנגעזען מיט פּושקינס בעסטע טאַטיאַנעס... מעגן זײ אַלע בא זײַן טאַטיאַנען הײצן די הרובע...

— אַ? װאָס קוקט זיך אױף אים נישט אום, — און גראָד זי האָבן די דײַטשן גענומען אין געטאָ אַרײַן, װײַל איר מאַן איז א ייִד... מע װײסט ניט קלאָר פאַרװאָס. מע זאָגט: זײ האָבן געברענט, האַלעמײַ האָט זיך עװאַקוירט דער פאָטער אירער, דער פּראָפעסאָר אָסטראָװמאָװ. טאַטיאַנע, א סװאָרע, איז דערצו נאָך געװען פאַרמישט אין א פּאַדפּאָלנע קװאַרטירע... אין געטאָ האָט מען ערשט דערזען, װער טאַטיאַנע איז... אַזױ זאָגט מען אין שטאָט: װי זי װאָלט זײַן א שנור ניט בא נעכעמיע באַראַשן, נאָר בא אײנעם פון די גרעסטע ראַבאָנים... און אַזױ האָט זיך געצױגן און געצױגן, ביז מע האָט זי פאַר איר שאַרף צינגל, אַזױ זאָגט מען, איבערגעפירט אײנײנעם מיט א פּאַרטיע ייִדן אין א קאָנצלאַגער, פונװאַנען קײנער גײט שױן לעבעדיק ניט אַרױס... פרעגט זיך, װיאַזױ זשע פאָרט איז זי אַרױס פון דאָרט א לעבעדיקע? דאָס װײסט שױן, אַפּאַנעם, נאָר ער, אַלעקסאַנדער נעכעמיעװיטש... איך בין אײנמאָל אַהער אַרײַנגעקומען, װען דאָבריש האָט גענומען פון אים שטיקער, ער זאָל אַרײַנגײן צום פּראָפעסאָר אָסטראָומאָװן — זיך דאָרט כאָטש זען מיטן קינד, מיט װאַדיקן, הײסט עס... װאַרן װאַדיק, אַפּאַנעם, װײסט נאָך גאָרנישט, אַז זײַן טאַטע איז אָן א שטיקל פּוס און אַז זײַן מאַמע האָט אים געהאַט א ברודערל פון אַן אַנדערן... נאָר איך זע: אײַך שלעפּערט שױן גאָר פון װאַרטן אױף אַלעקסאַנדער נעכעמיעװיטשן... אָט גײ איך א קוק טאָן, װאָס טוט ער דאָרט...

7

דער דאָקטער סױפער האָט װירקלעך געהאַט אַזא אױסזען, װי אים װאָלט דאָ אין װעכטער-שטיבל געהאַלטן אין אײן שלעפּערן. לעפּיש א װאָרעם געגעבן די הענט באַם אײװעלע, האָט ער נאָך באָרעכס אַװעקגײן, װי אין אָנמאַכט, זיך צוגעזעצט אױפן ראַנד פונעם בעט. פון אַלץ, װאָס ער האָט דאָ נאָרװאָס אױסגעהערט פון באָרעכן, האָט אים געמליעט אױפן האַרצן, פּונקט װי פונעם טונקעלן עסעריק-קאַלטן טאָג אין דרױסן און פונעם שנײ, װאָס הערט דאָרט אַלעמאָל אױף און הײבט װידער אָן צו שיטן. זײַנע אױגן האָבן זיך האַלב צוגעמאַכט, דעמלט װען די אָנגעשטרענגטע ברעמען האָבן ניט אױפגעהערט אונטערצוציטערן װי פון עפּעס א קאַװאַנע אַרײַנצודרינגען מיטן פאַרשטאַנד אינעם לעבנס-מישמאַש, װאָס אַרום אים קומט פאָר.

מיטן שלעפּעריקן געדאַנק האָט ער א זוך געגעבן דעם פאָדעם, מיט װעלכן ער, דער דאָקטער סױפער, איז נאָך אַלץ געבליבן אָנגעקניפּט אין לעבן — אָנגעקניפּט אױך איצט, נאָך אַלע דורכגעגאַנגענע געטאָס און קאָנצלאַגערן, נאָך אומענדלעכן דרײען זיך אינעם לאַבירינט פון מענטשלעכער שײנקײַט און מענטשלעכער העסלעכקײַט:

— פאַר א לאַנגן און דינעם פאָדעם — דין, װי א שפּינװעבס.

ניט אױפהײבנדיק די אױגן, האָט ער אַראָפּגעלאָזט זײַן קאָפּ צו דער ברוסט אױף צו פאַרגעסן זיך, נאָר אין זײַן אײַנשלאָפנדיקן מױעך איז נאָך אַלץ געבליבן א האַלב-װאַך שפּעלטיקל אױף צו געדענקען װעגן זיך, דעם דאָקטער סױפער, װעלכער קער נאָך צו יענע

דורעס, וואָס האָבן אָנגעהויבן זייער לעבן מיט לערנען אין כיידער „כומעש". אפֿן אכט־און־דרײַסיקסטן יאָר לעבן איז בא אים, דעריבער, אזא געפֿיל, ווי ער וואָלט זײַן אין איינע יאָרן מיט „און די ערד איז געווען לער און וויסט און דער אָפּגרונט — כוישעך"... יאָ, יאָ... אפּאָ־נעם דערפֿאַר איז עס... פֿאַר אַלע מענטשן איז גענוג, וואָס יעדערער פֿון זיי לעבט איבער די געשיכטע פֿון זיך אַליין, פֿון זײַן אייגן פֿאָלק, נאָר יידן, מאשמאָעס, האָבן געוואָלט, אז יעדעס קינד זייערס זאָל איבערלעבן די געשיכטע פֿון דער גאנצער וועלט פֿון איר סאמע אָנהייב און פֿון אַלע פֿעלקער... צו וואָס האָבן זיי עס באַדאַרפֿט?.. פֿאַר יעדן מענטשן איז גענוג, אז ער גיט ארויס בלויז זײַן אייגענעם איינציקן קלאַנג, ווי א קאַמערטאָן — פֿאַר יעדן, גאָרניט פֿאַר יידן — א רעזאָנאַנס פֿון דער גאנצער וועלט־געשיכטע און פֿון די טענער פֿון אַלע פֿעלקער, מיט וועלכע עס איז געקומען אין באַריר... און — עלנט, עלנט אַליין, אָט ווי ער, דער דאָקטער סויפֿער, וואָס זיצט דאָ און וואַרט אף צוזוטוליען זיך כאָטש צו עפּעס א קאָרעוו, א געשוועסטערקינד, נאָר קיין גרויס נאכעס, אזוי זעט זיך ארויס, וואַרט דאָ ניט אף אים.

8

אריבער א האַלב צענדליק מענטשן איז נאָכגעגאַנגען דעם אינזשעניער באַראַשן, ווען ער האָט זיך סאָפּקאַלסאָף אהער אומגעקערט. דורך דער אַלעמאָל אופֿגעמאַכטער טיר איז די דרויסנדיקע קעלט אַלץ טיפֿער ארײַנגעדרונגען אינווייניק. זי האָט דערגרייכט ביזן דאָק־טער סויפֿער, וואָס זיצט טרויעריקלעך אפֿן ראַנד פֿון דער בעט. זי האָט ארויסגערופֿן א ציטער אף זײַן רוקן און האָט געשאַפֿן בא אים דעם אײַנדרוק, ווי ער וואָלט ווירקלעך האָבן אָפּגעשלאָפֿן די גאנצע צײַט, וואָס ער וואַרט דאָ אף זײַן געשוועסטערקינד.

דאָס וועכטער־שטיבל איז פֿול געוואָרן מיט טריט פֿון שטיוול, מיט גערוך פֿון פרישע סאָסנאָווע סטרוזשקעס און מיט נאָך אנדערע מינים רייכעס, וואָס האָבן דערמאָנט דעם דאָקטער סויפֿער, וויאזוי פּלעגט אין די קינדער־יאָרן שמעקן דער אָנהייב ווינטער, און האָבן אים מיט דעם געצווונגען, ער זאָל אף א רעגע זיך דערפֿילן זייער יונג און זאָל קוקן אפֿן אינזשעניער באַראַשן מיט זײַנע מענטשן, ווי אף פֿיל עלטערס פֿון זיך. זייערע כעזשבוינעס וועגן ציגל פֿאַר צעשטערטע און האַלב־צעשטערטע פֿונדאַמענטן און וועגן אויסגעגראָבענע און ניט־דערגראָבענע קובאָמעטערס האָבן דעריבער א ווײַלע זיך אויסגעדאַכט דעם דאָקטער זייער טיף און פֿאַרפּלאָנטערט, — כעזשבוינעס, וואָס פֿאַנאַנדערקלײַבן זיך אין זיי קענען נאָר גענייטערע פֿון אים, דעם דאָקטער, און נאָר יענע, וואָס טוען אַליין די אַרבעט.

איינעם פֿון די ארײַנגעקומענע — א גרײַז־גראָוון, געוויזענעם בלאָנדן, אין אן אָפּגע־ריבן לעדערן לײַבל און אין גוטע שמאָלע שטיוול, וואָס האָבן אים ווי צוגעגעבן פֿעסט־קײַט, — איז אויסגעקומען צו וואַרטן, ביז דער אינזשעניער וועט זיך באַפֿרײַען. היימיש האָט ער זיך צוגעזעצט לעבן דאָקטער אפֿן ראַנד פֿון דער בעט, און פֿונעם שמועס, וואָס האָט זיך צווישן זיי פֿאַרבונדן, איז קלאָר געוואָרן, אז ער איז א ייִד, א שלאָסער פֿון פּינקטלעכער מעכאַניק, אז איינעם מיטן אינזשעניער באַראַשן האָט ער געאַרבעט נאָך פֿאַר דער מיל־כאָמע און אז דעם אינזשעניערס פֿאָטער, נעכעמיע באַראַש, האָט אים געקענט נאָך פֿריִער, איידער ער איז געוואָרן א שלאָסער. דער דאָקטער האָט געוואָלט בא אים וויסן, וואָס זשע איז ער געווען פֿריִער.

— איך? — ניט געכאַפּט און געדולדיק האָט דער שלאָסער אַלץ געזוכט עפּעס צווישן די פּאַפּירלעך, וואָס אין זײַן אייבערשטן רעקל־טאַש, געדאַכט האָט זיך דעריבער, אז פֿון דאָרט לייענט ער ארויס דעם ענטפֿער: — פֿריִער בין איך געווען א קרעמער.

— א קרעמער?..

— נו יאָ, ביז פֿערציק יאָר, — פֿאַרוווּנדערט א קוק געגעבן אפֿן דאָקטער, וואָס כי־דעשט אים דאָ, האָט ער פֿאַרגלאָצט די אויגן, ווי אף צו דערמאָנען זיך איינעם מיטן גע־רונצלטן שטערן, — נו יאָ... א פֿאַרמעגלעכער קרעמער... בען קרעמער... מײַנע קינדער, צוויי אונטערגעוואַקסענע ייִנגלעך, האָבן זיך ניט געקענט לערנען... ס'איז געווען אפֿן אכטן צי אפֿן נײַנטן יאָר פֿון דער ראַטנמאַכט.

ער האָט א ווונק געגעבן אפֿן אינזשעניער באַראַשן:

— כ'האָב זיך דעמלט מעיאַשעוו געווען מיט זײַן פֿאָטער... שוין א מײַסע פֿון א יאָר צוואַנציק צוריק... אוואַדע איז געווען שווער זיך שטעלן צום סטאַנאָק איינעם מיט ייִנגלעך,

נאָר דאָס האַרץ האָט זייער ווײ געטאָן אױף די קינדער, נו, האָב איך באַשלאָסן: וואָס-וואָס, נאָר מײַנע ייִנגלעך זאָלן האָבן אַ סאָוועטישן טאַטן.

דער דאָקטער האָט געפרעגט וועגן דעם שלאָסערס קינדער:

— ווּ זײַנען זײ איצט?

— מײַנע קינדער?... — דער שלאָסער האָט שױן געהאַט געפֿונען בײַ זיך דאָס נײטיקע פּאַפּירל. שטרענג האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אױף „ניין” און שטרענג האָט ער אַ קוק געגעבן אױפֿן דאָקטער. אין די ווינקלען פֿון זײַנע אויגן — היפּשע לעבעדיקע אױגן, נאָר, ווי בײַ זקיינים, שױן אָן אַ קלאָרער פֿאַרב, — האָט זיך באַוויזן אַ פּײַכטקײַט און גענומען זיך אױסשפּרייטן צו די שוואַרצאַפּל-צו. דאָ אָבער האָט אים צום טישל אַ רוף געגעבן דער אינזשעניער, און ער האָט אַ שפּאַן געטאָן אַהין מיט יונגע טריט. אַנטוועגדיק אַפֿגיך זײַנע בײ-ליקע ברילן, האָט ער גענומען מיט אינטערעס אַרײַנקוקן אינעם ווינקל פֿון דער אופֿגעוויקל-טער גרויסער צייכענונג, וווהין דער אינזשעניער טײַטלט מיט אַ פֿינגער.

פֿונעם אינזשעניער האָט דער דאָקטער נאָכדעם זיך דערוווּסט:

— דעם שלאָסערס קינדער זײַנען ביידע געפֿאַלן אױפֿן פֿראָנט.

מיט דעם האָט זיך דאָ געהאַט אָנגעהױבן דער שמועס צווישן די געשוועסטערקינדער, ווען אַלע אַרבעטער זײַנען אַוועקגעגאַנגען. דער דאָקטער האָט מיטאַמאָל זיך געגעבן אַ הייב אױף, ווי אױף נאָכצולױפֿן דעם שלאָסער אין דרויסן אַרויס, איז געבליבן שטיין אינמיטן שטיבל מיט זײער אײַנגעהױקערטע אַקסלען. פֿון זיך האָבן זײַנע הענט זיך אַרײַנגעגליטשט אין די הױזן-טאַשן, זײַנע אױגן האָבן אַלץ מער און מער געשמעלערט זײער שאַרפֿן בליק, און אינגאַנצן האָט ער אױסגעזען, ווי אַן אָנגעצילטער לעבעדיקער רעוואָל-ווער, וואָס אױסשיסן וועט ער באַלד ניט מיט קײן קױל, נאָר מיט אַ בױערנדיקן אױספֿיר מיקויעך אַ רעטעניש, צו וועלכן ער זוכט שױן לאַנג אַ באַשײדונג. דער שמועס האָט זיך ווײַטער ניט געקלעפּט, און פֿון דעם איז גלײַך קלאָר געוואָרן, אַז אױך אױף אױג געפֿינען זיך דאָ צוויי געשוועסטערקינדער, וואָס מיט זײערע איבערלעבונגען און מיט זײער געדאַנקען-גאַנג זײַנען זײ אײנער דעם אַנדערן נאָך מער פֿרעמד, ווי מיט זײער אױסערלעכן אױסזען.

קרױווים האָבן זיך אָנגעקערט סײַדן זײערע שוואַרצע בערדלעך. נאָר דעם דאָקטערס באָרד איז גאָר געוועזן, ווי שפּעטער האָט זיך אַרױסגעוויזן, עפּעס אַ מין טקיעס-קאָף-בערדל: זײַן באָבע, דעם ראָווס ווײַב, האָט נאָך געלעבט, ווען ער איז אַוועק קײן פּאַריז שטודירן, און האָט דעמלט גענומען בײַ אים די האַנט, אַז די באָרד וועט ער ניט רירן.

דער אינזשעניער באַראַש האָט בעעמעס ניט אָנגעהױבן צו וויסן, וויִאזוי צו גײן דאָ אַרום אָט דעם אומבאַקאַנטן קאָרעווו זײַנעם. ער האָט אים געבעטן זיצן און מיט זײַן גאַנצער שוועקײַט גענומען אַרומשפּאַנען לעבן אים אױף זײַן הילצערנעם קלעצל.

[9]

מיט בײזן פֿאַריבל פֿון עפּעס לעבעדיקס און בלינדס האָבן כוואַעס, מאָנענדיק אַ טיקו, געגלײַוועט אין פֿראָסט און אין קעלט. שלעפּעריק און ניט צופֿרידן האָט די צעשטערטע שטאָט זיך אײַנגעהערט אין יעדן מינדסטן בױ-גערויש:

— וויניק נאָך... וויניק קלאַפּן דאָ די טעסלער-העקן!

טאָג-אײַן, טאָג-אױס האָט די צעשטערטע שטאָט ניט אופֿגעהערט אופֿצונעמען גאַנצע מענגעס — אײַנוווינער פֿון גאַסן, וואָס געבליבן איז פֿון זײ ניט מער, ווי נעמען.

געשטראָמט האָט מען צו איר נאָך אַלע גילגולים פֿון מילכאָמע, געפֿלאָסן מישפּאָכעס-ווײַז און אין גאַנצע עשעלאָנען אײנעם מיט אָרטיקע אונטערנעמונגען און אַנשטאַלטן, — געײַלט מיט ברען:

— אַהיים!

פֿאַרטשאַדעט מיטן דראַנג זיך אומצוקערן, ניט וויניקער ווי מיטן פֿאַרלאַנג צו ניצאָכן, האָט מען גאַנצע וואָכן מיט אומגעדולד אַרױסגעקוקט אױפֿן טאָג, ווען סאָפּקאָלסאָף וועט מען זיך אַרײַנזעצן אין צוג און — אַהיים!

און ניט געווען איז נאָר די קראַפֿט און דער באַריער אױף אַפּצוצוימען אין וועג אָט דעם שטאַרקן שטראָם, וואָס שטאַמט פֿון אַלטן אָוועסדיקן „ושכבתי עם אבותי” און ציט און טראָגט:

— אַהיים!.. אַהיים!

[10]

די ערשטע כוואַליע פֿון רעעוואַקואַציע האָט צוריקגעבראַכט אַהער דעם פּראָפֿעסאָר פֿון פֿײַער-פֿיזיק פּיאָטער גראַסימאָוויטש אָסטראָומאָוו מיט זײַן פֿרוי און די ייִנגערע קינדער און מיט זײַן האַלב-ייִדיש אייניקל, דעם זיבניאָריקן וואַדיקן.

אָנגעקומען מיט טאָג-ליכט און זיך אויסגעלאָדן פֿונעם צוג אין ווײַטן עק פּלאַטפֿאָרמע, איז פּיאָטער גראַסימאָוויטש — אַ גאַנץ וווּקסיקער גראָוו-ווערנדיקער מאַנצבל, אין אַן אַש-קאָלירענעם פּאַלטאָ אויף וואַטע — געבליבן שטיין זייער שווערלעך, ווי אויף ניט צו רירן זיך שוין מער פֿונעם אָרט אַפֿילו ניט מיט נאָך איין איינציקן טראָט. זײַן גרויס פּראָפֿעסאָריש-אויסגעיִידלט פּאָנעם האָט אויסגעזען די קינדער פֿרעמדלעך אינעם צופֿיל אָנגערוקטן און זייער ביליקן פֿוטערנעם הײַטל, וואָס די פֿרוי האָט אים געקויפֿט ערגעץ-ווּ אין וועג.

אַ גלעט געטאָן אויף זיך אָט דאָס פּראָסטע הײַטל מיט בײַדע הענט, ווי מע טוט אַ גלעט די אייגענע האָר אויפֿן קאָפּ, האָט ער מיט צונויפֿגעצויגענע אויגן פֿון אונטער די בלאָנדע רי-רעוודיקע ברעמען גענומען זיך אײַנקוקן, ווי גרויס איז די צעשטערונג אין שטאָט, וואָס הייבט זיך אָן אַרויסצוהעלן פֿונעם פֿרימאָרגן-נעפּל אַנטקעגן אויפֿן באַרג.

— עפּעס גאָר ניט דאָס! — האָט ער געזאָגט, ניט אָפּרײַסנדיק פֿון דאָרט זײַן בליק און דערפֿילנדיק לעבן זיך די צוגעקומענע פֿרוי, — ביסט זיכער, אַז מיר האָבן זיך ניט צו פֿרי אויסגעלאָדן און זײַנען שוין געקומען טאַקע אויף אַן עמעס?

צוגעווינט צו הערן פֿונעם מאַן פֿאַרשיידענע ווילדקײַטן און זיך אויף זיי ניט אָפּרופֿן, האָט אים נינאַ אַנדרייעווונאַ דאָ גלײַך אָנגעוויזן אויף דער פֿאַריקמאַכער-שילד אין סאַמע עק פֿונעם באַראַק, וואָס פֿאַרבײַט דעם צעשטערטן וואָקזאַל. ביז זי וועט קריגן טראַנספּאָרט אויף אַריבערצופֿירן אין שטאָט אַרײַן די פֿיל פּעק מיט די קינדער, איז איר דאָ פּיאָטער גראַסי-מאָוויטש געוווּן אײַנגאַנצן אָן איבעריקער.

— פּרוּוו אַהין צוגיין אָפּגאָלן זיך, — האָט זי אים געראָטן, — איצט, גאַנצפֿרי, איז מיסטאָמע דאָרט קיין ריי נאָך ניטאָ. וואַרט... נעם מיט זיך אַהין וואַדיקן, זאָל דאָס קינד ניט פֿרירן דאָ אויף דער קעלט. ווילסט גיין, וואַדיק?

— מיטן זיידן?

פֿון וואַדיקס סאַמעט פּענעמל, וואָס מיט די פֿולע ליפּלעך, האָט געגעבן אַ קוק אַרויף צום זיידן עפּעס באַזונדערס כײַנעוודיקס, ווי פֿונעם פּענעמל באַ זייער אַ שיין מולאַטל. זײַנע אויגן און זײַנע לאַנגע ווי̇עס זײַנען געווען אַזוי שוואַרץ, אַז פֿון אָנרירן זיך אין זיי, אַזוי האָט זיך געדאַכט, קאָן מען זיך אויסשמירן, ווי פֿון אָנרירן זיך אין סאַמע שוואַרצן גאַלישן טינט. אינעם טאָך פֿון זײַנע לאַנגע ווי̇עס האָט זיך געפֿילט אַ קלאָרער ענטפֿער:

— כ'וויל!

— נאָך אַ מין וועלן!

מיטן זיידן איז ער צו יעדער צײַט גרייט געווען צו גיין אַפֿילו אין דער ווײַטער וועלט אַרײַן און — דעריקער דערפֿאַר, ווײַל שטענדיק האָט זיך באַקומען, אַז ניט דער זיידע פֿירט וואַדיקן, נאָר וואַדיק פֿירט דעם זיידן. באַם אייניקל האָט זיך ביכלאַל אײַנגעשטעלט אַ מיי-נונג, אַז ווען ניט ער, וואָלט דער זיידע קיינמאָל ניט געטראָפֿן אַהין, וווּהין ער דאַרף, און וואָלט שיִר ניט אומגעקומען פֿון די פֿיל אוולעס, וואָס אים טוען אָפּ די קינדער: זיי שלעפּן אַוועק אַלע בלײַערס פֿון זײַן שרײַבטיש, און באַ אופֿראַמען אין שטוב פֿאַרשטופּן זיי אים זײַנע שטעקשיך זייער טיף אונטער דער בעט — ווער וואָלט אים דען געקומען צוהילף באַם אַרויסשלעפּן אָט די שיך, ווען ניט ער, וואַדיק? און ניט נאָר דאָס אַליין. אין סאַמע מיטן איבערטאָן די שיך קאָן דער זיידע זיך שטאַרק פֿאַרטראַכטן, און ווען וואַדיק זאָל אים דעמלט ניט צעדרייכען, וואָלטן די שטעקשיך מיטן זיידנס פֿיס זיך קיינמאָל ניט צונויפֿגעפּאָרט. צי אָט, לעמאָשל, קומסט אַרײַן צו אים אין צימער, ווען ער זיצט דאָרט באַ זײַן אַרבעט, און פֿרעגסט באַ אים, צי ווייסט ער ניט, וווּהין איז פֿאַרשוווּנדן דײַנס אַ נייטיק שפּילכל, ענט-פֿערט ער דיר דאַפֿקע צו דער זאַך און זייער ליבלעך, נאָר נאָכדעם הייבט ער ניט אָן צו געדענקען, ווען ביסטו באַ אים געווען און וואָס האָט ער דיר געענטפֿערט.

דער באָבעס אָנזאָגעכץ אַוועקצופֿירן דעם זיידן צום פֿאַריקמאַכער און אים צוריק ברענ-גען פֿון דאָרט אָן אָפּגעגאָלטן האָט וואַדיק דעריבער אויף זיך איבערגענומען מיט דער פֿולער אַכרײַעס, וואָס פּאָדערט זיך דערבײַ.

— דו, זיידע, — האָט ער באַצײַטנס אָנגענומען מיטלען, — זײַ פֿאָרזיכטיק. מע דאַרף

אַריבערגיין אַן דאָרט־אַ איבער רעלסן. אײַל זיך ניט... אַן אונדז וועלן די קינדער מיט דער באַבען ניט אַוועקפאָרן.

וואַדיקן האָט בעשום־אופן ניט געקענט אײַנפאַלן, אַז אין אַ קנאַפער שאָ אַרום, ווען ער וועט זיך אומקערן מיטן פּריש־אָפּגעגאָלטן זיידן, וועט ער אַרום דער באַבע אין עק פּלאַטפאָרמע טרעפן אַזאַ גרויסע ענדערונג.

[11]

פון די קינדער איז דאָ שוין מער קיינער ניט געווען. עס האָבן געפעלט אַלע גרויסע פּעק און לעבן די געבליבענע קליינע פּעקלעך האָט די באָבע, ניט אָפּווישנדיק די רינענ־דיקע טרערן, געהאַלטן אין סאַמע מיטן אויסדערציילן זיך פאַר אַ פּײַן־אַנגעטאָנענער פרוי, וואָס האָט ניט אַרויסגענומען די הענט פון דער מופטע און האָט אַלץ טרויעריקלעך צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי בא מוידע זײַן:

— יאָ, יאָ, טײַערינקע, דיר איז שלעכט, זייער שלעכט...

וואַדיקן איז די פרוי געווען קענטלעך מיט איר לעבעדיקן אומקוקן זיך צו אים און צום זיידן, און דעריקער מיטן שמייכל, מיט וועלכן זי האָט זיי באַגריסט נאָך פונוויטנס. צוגעקומען נעענטער, האָט ער דערהערט עפּעס קענטלעכס אויך אין איר קאָל:

— נו, געגנג... אַט גייען זיי אַהער... נו, טײַערע מײַנע... הער אויף, הער אויף... וועגן דעם אַלץ טאָר דאָך דאָס קינד ניט וויסן.

אַז אים מיינט מען עס מיטן וואָרט „קינד" — דאָס האָט וואַדיק פון לאַנג געוווּסט. מער ניי זײַנען פאַר אים געווען די בליקן, מיט וועלכע די באָבע מיטן זיידן ווינקען זיך אָפּטמאָל דורך, ווען זיי דערזעען אים לעבן זיך. זיי רײַסן דעמלט איבער דעם שמועס, וואָס זיי פירן, און באַמײַען זיך אַוועקצוקוקן מיט די טרויעריקע אויגן אַן אַ זײַט.

קיין באַזונדערע שפּורן אין זײַן פאַרשטאַנד וואָלט אָבער דאָס אַלץ ניט געווען געלאָזט, ווען ניט נאָך עפּעס מער וויכטיקס. ביז ניט לאַנג פלעגט מען מיט אים טאָג־אײַן, טאָג־אויס אײַנבאַזורגן, אַז ער האָט אַ טאַטן אַפן פראָנט און אַ מאַמען, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון די דײַטשן. דאָס איז געווען אַ שטענדיק אײַנבאַזורגן מיט אַ שטענדיק באַווײַזן זייערע פאָ־טאָגראַפיעס, וואָס זײַנען אין זײַנע אויגן, דעם עמעס געזאָגט, קימאַט גאָרנישט ענלעך גע־ווען צו יענע לעבעדיקע מאַמע־טאַטיאַנאַ און פּאַפּא־אַלעקסאַנדער, וואָס ער האָט שוין ניט גאַנץ קלאָר געדענקט און וועלכע ער האָט פונדעסטוועגן פון מאָל צו מאָל געזען אין כאַ־לעם און נאָך זיי געבענקט מיט גרויס געטרײַשאַפט, אַן שום כעזשבן און האָפענונג, און דאָך מיט עפּעס אַ ליבן ווייטעק בלויז פון אַט דער בענקשאַפט אַליין.

און דאָ פּלוצעם פון אַ געוויסער צײַט אַן האָט מען אָנגעהויבן זייער ניט ווילנדיק צו ענטפערן אַף זײַן נאָכפרעגן זיך אַף זיי — ענטפערן קורץ, ווי אַף אָפּצופּאַטערן זיך און אַף צו פאַרשעמען אין אים דעם ליבן ווייטעק פון בענקען נאָך זיי.

זײַן מאַמע־טאַטיאַנאַ געפינט זיך בא איר מומען אין לענינגראַד און לאָזט אים גריסן אין אירע בריוו — מיט דעם האָבן זיך געענדיקט אַלע זײַנע יעדיִעס וועגן איר. איינעם אירן אַ בריוו, געדענקט ער, האָט די באָבע אופגעהערט פאַרצולייענען דעם זיידן פונקט אין יענער מינוט, ווען זי האָט אים, וואַדיקן, דערזען אַרײַנקומען אין צימער. באַם זיידן, וועלכער האָט דעמלט אַרומגעשפּאַנט לעבן זײַן שרײַבטיש, זײַנען ביידע אַראָפּגעלאָזטע הענט געווען אויס־געצויגן און שטײַף צוגעטוליעט צום קערפּער, ווי געליימטע. ווינקענדיק צו דער באָבען אַף אים, וואַדיקן, האָט דער זיידע זיך ניט אָפּגערופן מיט קיין איינציק וואָרט אַף איר נאָכ־פרעגן זיך:

— גאָט מײַנער, וואָס זשע וועט איצט זײַן מיט טאַטיאַנען?.. וואָס וועט איצט זײַן מיט אַלעקסאַנדער נעכעמיעוויטשן?

פון דעמלט אַן האָט ערגעץ טיף אין וואַדיקן אָנגעהויבן זיך פאָרן דער וווּנדער, וואָס אין אים רופט אַרויס דאָס ווינקען אַף אים, מיטן ליבן ווייטעק, וואָס ער האָט פון בענקען נאָך זײַנע טאַטע־און־מאַמע, אייגנס האָט געגומען אופצולעבן דאָס אַנדערע און ביידע אייגענעם האָבן אַרויסגערופן אין אים אַ גאַנץ אומרויִק געפיל — עפּעס אַ מין געמיש פון פאַריבל און פאַרדראָס, וואָס צווינגט אים זיך אָנשטרענגען און פילט אים אַן מיט אַלץ שטאַרקערער און שטאַרקערער דערמאָנונג אַן מאַמע־טאַטיאַנען און אַן פּאַפּא־אַלעקסאַנדער.

דאָס דאָזיקע געפּיל האָט באַהערשט וואַדיקן אויך איצט, ווען, האָבנדיק זיך אַרײַנגעזעצט איינינעם מיט די דערוואַקסענע אינעם צוגעשיקטן פון שטאָט קליינעם אויטאָבוס, האָט ער באַמערקט, ווי מע ווינקט אָף אים, און האָט אײַנצײַטיק דערהערט די שרעק אינעם יידנס קאָל:

— וואָס? — האָט דער ייִדע זייער אומרויִק איבערגעפרעגט בא דער האַלב-קענטלעכער פרוי, — אָן א שטיקל פּוס, זאָגט איר?.. ווי?.. ביזן קנעכן?..

— זע, — האָט א שעפּטשע געטאָן די באָבע, ווינקענדיק אפן פאַרשטאַרבן געבליבענעם וואַדיקן, — מיט אָט דעם קינד דאַרף מען זײַן געהיט... און ביכלאַל...

זי האָט אויסגעלאָזט מיט א זיפץ:

— דאָס קינד וועט נאָך האָבן צו זינגען און צו זאָגן.

[12]

איז עס געווען אין איינעם פון יענע טעג.

א זאַווערוכע, ווי געטראָגן פון צווייערליי ווינטן, האָט פון גאַנצפריִ אָן ניט צוגעלאָזט צו דער ערד אירע געדיכטע ווײַסע שיטעניִשן. צו פאַרנאַכט-צו האָבן קרום-טאַנצנדיקע צעשטויבטע שניי-זײַלן הויך געוויכערט זיך אפן פוסטן פלאַץ אין עק שטאָט און עפּעס טאַקע נאָר, ווי זיי, די זיך רויכערנדיקע שניי-זײַלן, האָבן צוגעשפּאַרט צום טויער פונעם שפּיטאָל דעם דאָקטער סויפערס באַקאַנט מיידל.

— פּעניע.

אזא איז געווען איר נאָמען — א נאָמען, וואָס מע הערט אים זעלטן, און דאָס זאָל זײַן א רעמעז, אז אויך זי אַליין איז א מיידל פון א באַזונדער נאַטור, וואָס טרעפט זיך זעלטן.

— קומט, — האָט זי געזאָגט צום דאָקטער, ווען, אָנגעטאָן אין זײַן אַלטן אָפּגעטראָגענעם פוטערל, איז ער ניט אָן זאָרג ארויסגעקומען צו איר פונעם שפּיטאָל.

אירע אויגן, פול מיט בענקשאַפט, — זיי האָבן דערפון אזש אויסגעזען א ביסל בוילעטע — האָבן אוועקגעקוקט אָן א זײַט, קעדיי ניט צו זען, ווי דער דאָקטער קנייטשט זיך.

— איצט-אָ?

דער דאָקטער האָט עס געפרעגט גאַנץ פּוילבלעך, אופשטעלנדיק דערבײַ דעם קאָטיקענעם קאָלנער און פאַרגלאָצנדיק זײַן בליק אַלץ העכער און העכער אף אײַנצוקוקן זיך, צי זעט מען ניט ארויס א שטיקל וועלט כאָטש ערגעץ אויבן, העכער דער זאַווערוכע.

— הויקערט זיך ניט, ס'איז ניט מעסוקן, — האָט דאָס מיידל געזאָגט צו אים מיט יענעם טאָן, וואָס, אז קינדער דערהערן אים פון א מוטער, דערפילן זיי באַלד, אז מע מוז פאָלגן, ווײַל די מוטער זעט זיי דורך און דורך.

„נו, מיילע..."

אזוי האָט מען געקאָנט טײַטשן דעם אויסדרוק אפן דאָקטערס פּאָנעם, ווען ער האָט געמאַכט די ערשטע טריט, ניט אָנהייבנדיק צו וויסן, וואָס איז איר אָנגעקומען גראָד איצט אינמיטן אָט דער שניי-דרייעניש און וווהין רופט זי אים.

און זיי האָבן אינצווייען פּאַמעלעך אוועקגעשפּאַנט פונעם שפּיטאָל.

זיי האָבן זיך אוועקגעלאָזט מיט א שווערן גאַנג אקעגן ווינט און שניי-בלאָזעניש, אָפּטרעטנדיק דעם וועג די לאַסט-אויטאָס, וואָס פירן הייצונג אין שפּיטאָל, און, היטנדיק זיך פאַר זיי, ווײַל פון די אקעגנדיקע זאַווערוכע-כוואַליעס זײַנען די לאַסט-אויטאָס ארויסגעקראָכן זייער פּלוצעם און מיט א רעגע פריִער האָט מען זיי ניט געזען און ניט געהערט דעם רויש פון זייערע מאָטאָרן.

דער דאָקטער האָט שווער איבערגעטראָגן קעלט פּאַשעט דערפאַר, וואָס דעריקער יאָרן זײַנען אים אוועק אין בעלגיע און אין פּאַריזש, ווו ער האָט שטודירט. דאָרט וואָלט מען בא אזא שטורעם פאַנאַנדערגעלאָזט די קינדער פון די שולן און א טייל לעבן וואָלט זיך אָפּגעשטעלט. דאָס מיידל האָט עס געוווּסט, און דעריבער איז אויסגעקומען דעם דאָקטער, אז זי רייצט זיך מיט אים:

— קוקט...

זי האָט אָנגעוויזן אױף אַ בײַ גאָר פֿאַרשנײַט מענטשל, וואָס זיצט זיך אַזוי געדולדיק סאַמע אויבן אױף אַן אָנגעלאָדענעם לאַסט־אויטאָ, ווי גלײַך עס האָט נאָך צו פֿאָרן און צו פֿאָרן.

דער דאָקטער האָט גלײַך מוידע געווען:

— יאָ, יאָ.

און ערשט נאָכדעם איבערגעפֿרעגט:

— ווי?..

איבער דעם פֿאַרשטאַרקטן שניי־שטורעם האָט דאָס מיידל אים געמוזט אַרײַנשרײַען אירע פּאָר ווערטער מאַמעש אין אויער אַרײַן. וואָס האָט זי געוואָלט? איר מײַן, אַפּאָנעם, איז געווען אַרויסצורופֿן בײַ אים דעם געדאַנק, אַז גוט פֿאַרשטײַן און ליב באַקומען דעם רוסישן מענטשן קאָן מען אָקאָרשט דאַן, ווען מע זעט אים אײַנײַנעם מיט זײַןווינטער. דער דאָקטער האָט זיך בלויז געקאָנט אָנשטויסן, אַז דאָס מיינט זי, פֿונדעסטוועגן האָט ער זיך געכאַפּט מוידע זײַן:

— יאָ, יאָ.

ער איז שוין געווען צוגעווינט אויסערלעך אין אַלץ איר נאָכגעבן, ווי עס מאַכט זיך: אַ קינד גיט, קלוימערשט, אין אַלץ נאָך דער מוטער, נאָר אין רעזולטאַט באַקומט זיך גאָר, אַז מיט דעם איז דאָס קינד בלויז אויסן צו דערלערנען דער מאַמעס דראָכים.

דער עמעס איז, אַז דער דאָקטער סוּיפֿער הערט אַלץ ניט אויף איבערצוטראַכטן, צי אָט די פּעניע, נאָך אַלע אירע איבערגעטראָגענע אָפּטרײַסלונגען אין די געטאָס און אינעם טויט־לאַגער, וווּ ער האָט זיך מיט איר געטראָפֿן, וועט קאָנען זיך צוריק אײַנפּאַסן אין די אָרו־מיקע לעבנס־נאָרמעס.

„פּאַמעלעך, — אַזוי קלערט טיף אין זיך דער דאָקטער, — פּאַמעלעך מיט מענטשן, בײַ וועלכע עס האָט געקלעקט ענערגיע אױף דורכצוברעכן אַלע ווענט פֿון דער דײַטשיש־פֿאַשיסטישער אַכזאָריעסדיקער מעשוגאַס און אַרויס גאַנץ. מע ווייסט נאָך ניט, וואָס וועלן זיי טאָן מיט אָט דער נײַ־אויסגעאַרבעטער אײַזערנער ענערגיע נאָך פֿיר יאָר לעבן אויסער יעדער מענטשלעכער נאָרמע“.

אַליין דער דאָקטער איז איינער פֿון זיי און קוקט זיי גוט נאָך. ער באַמערקט, אַז יעדערער פֿון זיי, ווען ער קלײַבט זיך אויס אַ באַשעפֿטיקונג, טוט ער עס, ווי אַ זאַך בלויז אױף דערווײַל. שוין אַליין דאָס, וואָס זיי האַלטן, אַז קיינער ווייסט ניט, וואָס בײַ זיי אין הארצן טוט זיך, איז אַ שוועל צווישן זיי און די אַרומיקע.

וואָס איז שײַעך צו פּעניען, האָט זי אויך, ווי דער דאָקטער מיינט, בלויז אױף דערווײַל אָנגעהויבן זיך לערנען אין אַ טעכניקום פֿאַר געוועב־קונסט און וווינט דאָרט אין דער דערבײַיקער צוזאַמענוווינונג. פֿאָרגעקומען איז עס אָקאָרשט אין די לעצטע טעג.

גאַנץ געהיט האָט איצט דעריבער דער דאָקטער אַ פֿרעג געטאָן:

— איז ווי איז דאָרט אין דער צוזאַמענוווינונג?

— ווי זאָל זײַן?

— אַ סאַך בעטן אין צימער?

— צוועלף, אַזוי, דאַכט זיך.

— און ווי פֿילט איר זיך דאָרט?

— ווי מײַן בעט וואָלט געשטאַנען אױף אַן אומבאַוווינטן אינדזל.

קימאַט מיט שרעק האָט דער דאָקטער זיך געזעגנט צו איר מיטן בליק: „אָט איז עס“...

נו יאָ: ס'איז אַ מיידל, וואָס איר אין די אויגן האָט מען טאַטע־און־מאַמע געהאַרגעט אין דער שטוב, וווּ זי איז געבוירן, אינעם דאָרעם־שטעטל, וווּ זי האָט אָקאָרשט צוריק מיט אַ כאַדאָשים צוויי געענדיקט די שול. געראַטעוועט זי פֿון טויט האָבן אין יענעם הייסן זו־מערדיקן באַטאָג ניט קיין מענטשן און ניט קיין מאַלאָכים, נאָר גאָר דער בוידעם־לעזשען, צו וועלכן זי האָט שטײַף צוגעטוליעט איר אַכצניאָריק לעבן, — אַ געוויינלעכער לעזשען אױף אַ גאַנץ ציכטיקן ריין־אויסגעקערטן בוידעם. די דײַטשן, פֿון וועמענס הענט זי האָט זיך דעמלט אַרויסגעדרייט, האָבן דאַפֿקע אַרופֿגעקוקט אױף יענעם בוידעם, נאָר זי ניט באַמערקט. פּאָשעט, ווײַל די פֿאַרב פֿון איר אָנטאָן איז גראָד געווען איינס מיט דער פֿאַרב פֿונעם לעזשען. איז אָט: וועגן אַ רעטער פֿאַרגעסט מען ניט אַזוי גיך, ער מעג אַפֿילע הייסן „לעזשען“. דער דאָקטער ווייסט, אַז פּעניע קלײַבט זיך צופֿאָרן אַהין אין שטעטל — עס ציט זי זייער שטאַרק:

— ווײַל עפּשער, — אַזוי האָט איינמאָל געהערט פֿון איר דער דאָקטער, — עפּשער שטייט ער נאָך דאָרט, דער לעזשען.

דאָס איז, פאַרשטייט מען, געווען גענוג ווילד — באַציִונגען פון א יונג און שיין מיידל צו א לעזשען אַף א בוידעם, נאָר אין סאַכאַקל — ניט מער ווי דער אָנהייב פון דער שוועל, וואָס טיילט זי אָפּ, עפּשער נאָך אַדהײַעם, פון די אַרומיקע, ווײַל גראַטעוועט זי האָבן דעמלט ניט קיין מענטשן און ניט קיין מלאָכים, נאָר דער לעזשען — א פאַקט. און מעגלעך, אַז געיאָגטע כײַעס פילן דאָס זעלבע צום בוריאַן, צו וועלכן זיי פאַלן צו, קעדיי צוניפגיסן מיט אים זייער פאַרב.

ווען זי האָט אין יענעם הייסן זומער-טאָג אַוועקגעבלאָנדזשעט איינע אַליין פון איר שטעטל, איז איר אין פוסטן פעלד אויסגעקומען זייער ווונדערלעך און אבסאָליוט ניט הי-וועלטיק, וואָס פייגעלעך אין א סטײַע פליִען איבער פון איין זוניק אָרט אַפן אַנדערן, וואָרעם די גאַנצע וועלט איז שוין געווען אומגעקומען, און געבליבן איז נאָר זי, פעניע, איינע אַליין.

— אין דעם, — אַזוי האָט זי איינמאָל דערציילט דעם דאָקטער, — אין דעם בין איך געווען זיכער.

— זיכער?..

מיט א מעדיצינישער קאַוואָנע האָט דער דאָקטער געמיינט דאָ עפּעס אָנטאַפּן און דעריבער זייער געהיט איבערגעפרעגט:

— פאַרוואָס זיכער?

— הייבט זיך אָן דער „פאַרוואָס“!..

דאָס מיידל האָט אָנגעהויבן ווערן צערייצט:

— אַלץ, מיט וואָס איך האָב געלעבט, איז דאָך שוין מער ניט געווען!

און פון איר צערייטצקײַט האָט דער דאָקטער דערפילט פיל מערער, ווי פון איר ענט-פער, אַז אויפצוקלערן עפּעס האָט דאָ ניט זי אים, נאָר ער — איר.

אינדערעמעסן, לעבן הייסט: פילן די באַציִונגען פון זיך צום אַרום און פונעם אַרום — צו זיך. די פאַרשטעלונג באַם מענטשן וועגן דער וועלט קומט פון די אײַנגעשטעלטע נאָר-מעס און געזעצן, וואָס גיבן אים אין יעדער געגעבענער רעגע די זיכערקײַט, אַז ער וועט עקזיסטירן שפּעטער מיט א רעגע. נאָר אָט איז בא אים מיטאמאָל אָפּגענומען געוואָרן אָט דער „שפּעטער“ איינינעם מיט אַלע געזיכערטע נאָרמעס און געזיכערטע געזעצן. אָן אָט דעם „שפּעטער“ בלאָנדזשעט אַוועק א מיידל פון איר שטעטל, ווו אַלע זײַנען אויסגעהאַר-געט, די הײַזער זײַנען באַרויבט, די טירן מיט די פענצטער זײַנען אויסגעקלאַפּט. אַרום דעם מיידל —וויסטקײַטן, אין וועלכע זי פילט ניט פאַר זיך ניט קיין נאָרמעס און ניט קיין גע-זעצן. צי הייסט עס ניט פאַר איר, אַז אומגעקומען איז די וועלט?

נאָר דאָס אַלץ איז געווען מיט פעניען דעמלט... אין יענעם הייסן זומער-טאָג — שוין מער, ווי מיט פיר יאָר צוריק.

איצט האָט שטאַרק געשטורעמט אַרום איר א שנייִקער ווינטער-טאָג, און געפונען האָט זי זיך דאָ אין דער גרויסער שטאָט, וואָס האָט געהאַט אין איר סאַמע מיטן א גענוג רוִיִירטן צענטער און אין איר סאַמע עק — א שפּיטאָל מיט א פוסטן פּלאַץ, אַף וועלכן עס רויכערן זיך און עס שטויבן זיך הויכע קרום-טאַנצנדיקע שניי-זײַלן.

— קומט, קומט, — האָט זי אין שווערן גאַנג אַקעגן ווינט און שיטעניש ניט אָפּגע-לאָזט פון זיך דעם דאָקטער.

געדאַכט האָט זיך דערבײַ, אַז פון אירע אויגן וועלן אָט-אָט אָנהייבן רינען ניט קיין טרערן, נאָר מאַמעש געפרוירענע טראָפּנס בענקשאַפט.

— קומט, קומט.

— פאַרט, וווהין?

ערשט דאָ איז אים געלונגען זיך דערוויסן, אַז בא איינעם א מיידל אין דער צוזאַמענ-וווינונג האָט געטראָפן א שפּענדל אין לינקן אויג:

— ניט אויסצומאָלן גאָר יענערס יעסורים, ווײַל זי אַרבעט בא קינעמאַטאָגראַפיע און אַפּן רעכטן אויג זעט זי שלעכט, און ביז ווער-וואָס... מע דאַרף, עס זאָל זי באַרויִקן א ספּעציאַליסט. קיין אַנדער דאָקטער גלייבט זי ניט.

— איז דאָס גאָר?

פאַרוווּנדערט, האָט ער באַנײַס א קוק געגעבן אַף פעניען: ווירקלעך, סאַראַ צעשרויפּט מיידל! — אָט פילט זי זיך אין דער צוזאַמענוווינונג, ווי איר בעט וואָלט געשטאַנען אַף אַן אומבאַוווינטן אינדזל, און אָט איז זי גרייט אַרומצוויאָגן אין אַזאַ אומקומעניש, קעדיי וואָס גיכער באַרויִקן דאָרט אירע א שכיינע.

דער דאָקטער האָט לאַכלוטן ניט געהאַט אויסגערעכנט אַף אַוועקצולאָזן זיך צו ווײַט פונעם שפּיטאָל, אַפילע די קעפּקע אַף זײַן קאָפּ איז איך געווען צו גרינג אָנגעטאָן. דער

ווינט האָט די קעפּקע פון זײַן קאָפּ אַראָפּגעריסן און זי אָפּגעטראָגן אַף עטלעכע קלאָפטער צוריק. און פעניע, כאָטש זי האָט, ווי גאָר א יונג מײדעלע, א יאָג געגעבן נאָך דער קעפּקע, האָט זי דאָך אין פאַרגלײַך מיטן פאַרשײַטן ווינט אַרויסגעזען אין יענער רעגע זײער געזעצט. זי האָט געזוכט מיטלען, אַז איר פרײַנט זאָל ווײניקער פרירן.

אַרויסגעוויזן האָט זיך: דער דאָקטער האָט דאַפקע בא זיך א וואַרעם שאַרפעלע, נאָר ער האָט עס פאַרגעסן אַרויסצונעמען פון דער קעשענע.

בא פעניען האָט נאָך אין אירע פריִע קינדער-יאָרן זיך אַרויסגעאַרבעט א מין באַזונדע-רער הייב מיט די אַקסלען, וואָס פאַרשפּאַרט איר פאַרשײדענע רייד. דאָס מאָל האָט דער הייב מיט די אַקסלען איר פאַרשפּאַרט צו זאָגן:

— אױ, אַן אָפּגעלאָזטע בריִע!

אַנטוענדיק אים דאָס שאַרפעלע אַפן האַלדז און פאַרשפּיליענדיק צוריק די קנעפּלעך פון זײַן פוטערל, האָט זי ניט געהערט, וואָס ער רעדט צו איר. אירע אויגן האָבן פון רעגע צו רעגע אַלץ מער פאַרווונדערט באַטראַכט עפּעס אַזוינס, וואָס קומט פאָר ערגעץ זײער טיף אין דער אַקעגנדיקער זאַווערוכע. פון אָנגעשטרענגטן אײַנקוקן זיך האָט איר בליק קעסיי-דער זיך געשמעלערט און אירע ווײַס וויִעס האָבן אונטערגעציטערט.

און פּלוצעם האָבן אירע פינגער פאַרגעסן אַן די לעצטע קנעפּלעך, וואָס זיי האָבן נאָך צו פאַרשפּיליען באַם דאָקטערס פוטערל. ערנסט און פול מיט היספּײַלעס, ווי גלײַך דאָרט, וווהין זי קוקט, קומט פאָר א מעשונע מאָדנע נאַטור-ענדערונג, האָט דורכגעקלונגען איר קאָל:

— זעט!...

לויט דעם ליכטיקן שמײכל, וואָס האָט זיך אַלץ גרעסער און ברייטער צעגאָסן איבער דעם מײדלס פּאָנעם, האָט דער דאָקטער אין דער ערשטער רעגע שיר ניט געמײנט: ער וועט דערזען, ווי עס שפּאַלט זיך דאָרט דער הימל. אַרויסגעשטעלט האָט זיך באַלד, אַז אַף עפּעס מער ערדישס ווײַזט אַן פעניע.

טיף אין דער זאַווערוכע — אין סאַמע מיטן פון אירע געדיכטע שיטנדיקע דרייענישן און אין דער זעלבער צײַט עפּעס, ווי העכער פון איר, מאַמעש קימאַט אונטער דער פאַר-נעפּלטער הימל-קוויטקײַט — האָבן גענומען זיך אַנצינדן עלעקטרישע לעמפּלעך. זיי האָבן אָפּגעשפּראָצט איינס נאָך איינס. און צו זייער גאָלדענעם פינקלען האָט דאָס אויג זיך גע-צויגן מיט גרויס נײַגער, ווי צו אַן אַקשאָנעסדיקן גראַנגל מיט אַרומיקער כאַשכעס. די לעמפּלעך וואָלטן עפּשער גאָר ניט געווען אויסגעזען אַזוי הויך, ווען אַרום זיי זאָל ניט געווען שטורמעווען אַזאַ ווילדע זאַווערוכע.

— ס'איז ער, מײַן געשוועסטערקינד, — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט באַם דאָקטער, — דער אינזשעניער אַלעקסאַנדער בעראָש אַף דער עלעקטראָסטאַנציע. ער האָט הײַנט געלאָזט אין גאַנג די ערשטע עלעקטראָ-באַוועגער.

אַנומלטן האָט ער דערציילט פעניען וועגן דעם ניט-געלונגענעם וויזיט בא אָט דעם געשוועסטערקינד זײַנעם:

— א מענטש מיט איִעווס צאָרעס.

אַזוי האָט ער דעמלט אינקורצן פאַרענדיקט, ווײַל די גאַנצע מײַסע, ווי אים האָט זיך געדאַכט, האָט ניט אינטערעסירט פעניען.

דאָך האָט אים לאַכלוטן ניט געווונדערט, ווען ער האָט איצט פּלוצעם דערהערט פון פעניען:

— איִעווס צאָרעס האָבן אָנגעצונדן אָט די לעמפּלעך, כ'פאַרשטיי, כ'פאַרשטיי.

דאָס האָט אים בלויז דערמאָנט, אַז וואָרטער נעמט אָפּטמאָל אויף אָט דאָס מײדל אין זײער סאַמע פּאַשעטסטן זינען — שיראַים פון דער „לערע", וואָס זי האָט דורכגעמאַכט בא די דײַטשן... א סימפּטאָם פון איר קרענק...

— זעט, זעט! — איז זי באַלד צוריק פריילעך געוואָרן. — אַן דאָרט: נאָך און נאָך לעמפּלעך!

אַזוי צי אַנדערש, צום ערשטן מאָל נאָך דער אָקופּאַציע האָט דאָ אין דער רויִנירטער שטאָט זיך אָנגעצונדן עלעקטריש ליכט, און דאָס האָט אַרויסגערופן דעם ליכטנדיקן שמײכל בא פעניען אַפן פּאָנעם — איינעם פון די ערשטע ברייט-צעשטראַלטע שמייכלען נאָך אַלע אירע שווערע איבערלעבונגען.

דאָ האָט דער דאָקטער, אַגעוו, באַמערקט:

פון פעניעס געזיכט, בייס עס צעשמייכלט זיך ברייט, פאַרשווינדט יעדער שפּור פון דערשלאָגנקײַט, און פון אַרום איר מויל, פון דער אַנקוועלנדיקער בענקשאַפט, וואָס פילט

אַן אירע אויגן, — אַריבערצוגיסן זיך, שפּילט אַרויס איר סאַמע צאַרטער מיידלשער כיין — אַ מין עקסטראַקט פֿון אייביקער ווייַבלעכקייַט, אַרייַנגערעכנט שוין אויך אָדעם-האַרישנס כּאווע. אַזוי צי אַנדערש, אין גאַנג פֿון לאַגישן טראַכטן איז דער דאָקטער דעמלט געקומען צום באַשלוס, אַז אינעם גאָלדענעם פֿינקלען פֿונעם באַנייַ אָנגעצונדענעם ליכט זעט פֿעניע די צוריק אָפּגעשטעלטע נאַרמעס און געזעצן פֿון פֿאַר דעם דייַטשיש-פֿאַשיסטישן אַכזאַ-ריעסדיקן מעשוגאַס און דערפֿילט באַנייַ זייער געוועלטיקנדיקע קראַפֿט.

נאָר אויב די אָנגעצונדענע ליכטלעך איצט אינמיטן דעם זאַווערוכע טראָגן ווירקלעך אַ היילונג פֿאַר אַזעלכע, ווי פֿעניע און ווי ער, האָט שוין עפּשער אַ זינען צוצוקוקן זיך גאַנץ גוט צו יענעם, וואָס צינדט אָן אָט די ליכטלעך.

פֿונדאַנען האָט זיך גענומען, וואָס דער דאָקטער האָט באַנייַ דערפֿילט אַ באַדערפֿעניש אַרייַנצוגיין נאָכאַמאָל ווען-ניט-איז צו זייַן געשוועסטערקינד אַלעקסאַנדער באַראַשן אויף דער עלעקטראַסטאַנציע.

[13]

דאַברישן האָט באַמערקט, אַז מע קוקט זיך אום אויף איר אין גאַס, זי האָט פֿאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און, אונטערטעניק, אָן שום פּאַזע, גענומען שפּאַנען ווייַטער אין איין ריי מיטן דאָקטער.

אירע אויגן זייַנען געווען קימאַט אינגאַנצן צוגעמאַכט, דעמלט ווען אירע אַראָפּגעלאָזטע לאַנגע וויִעס זייַנען פֿון רעגע צו רעגע געוואָרן אַלץ נאַסער און נאַסער. צווישן די רויט-לעכע פֿלעקן, וואָס זייַנען אַרויסגעטראָטן אויף אירע דרייַעקיקע באַזונדער-שיינע באַקן, האָבן טרערן גיך-גיך אָנגעיאָגט איינע די אַנדערע.

אינמיטן פֿאַמעלעכן גאַנג האָט פֿון מאָל צו מאָל ביגנייווע זיך געזייַטלט אויף איר דער דאָקטער. זי האָט איצט אין זייַנע אויגן אויסגעזען פּאָשעט אומגליקלעך, ווי אַ געשלאָגן עלנט קינד. אינדערעמעסן: אַלע אירע אייגענע זייַנען אויסגעקוילעט, ניטאָ מער קיין טאַטע נעכעמיע, וואָס זאָל פֿאַרבינדן מיט אַ פֿריִערדיק לעבן. צעבראָכן איז דעם ברודער אַלעק-סאַנדערס פֿאַמיליע-לעבן. געבליבן איז דאָס קליינע צווייַגעלע — וואַדיק. גראָד הייַנט האָט ער, דער דאָקטער סויפֿער, אַזוי שטאַרק דורכגעטראַכט און דורכגעפֿילט דעם זינען פֿון מישפּאָכעדיקער אָנגעקניפּטקייַט אין ווייַטערדיקן לעבן.

מעגלעך, אַז טאַקע דערפֿאַר, וואָס דער דאָקטער איז געווען פֿאַרנומען מיט אָט די געדאַנקען, האָט ער אין דאַברישעס ווייַטערדיקן קלאָגן-זיך שוין מער ניט באַמערקט קיין מינדסטע איבערגעזאַלצנקייַט.

דאַבריש האָט זיך מוידע געווען פֿאַרן דאָקטער, אַז נאָך אין יענעם פֿרימאָרגן, ווען זי האָט אים באַגעגנט בא אַלעקסאַנדערן אין וועכטער-שטיבל, האָט זי ביסלעכווייַז אָנגעהויבן דערפֿילן צו אים אַ באַזונדערע וואַרעמקייַט, ווי צו אַ געשוועסטערקינד. נו יאָ, ס'איז קיין וווּנדער ניט: ווער וועט ווילט זיך ניט האָבן אַרום זיך עפּעס בלוטיק-אייגנס? ניט האָבנדיק זייַן אַדרעס און ניט וויסנדיק, אין וועלכן שפּיטאָל ער אַרבעט, האָט זי אים די לעצטע טעג פּאַ-שעט אַרומגעזוכט אין גאַס, עפּשער וועט זי אים באַגעגענען. זי געפֿינט, אַז ער, ווי אַ געשוועסטערקינד, קאָן דאָ ניט שטיין בלייַבן אין אַ זייַט. דאַפֿקע ווען ער, אַלס געשוועס-טערקינד, — אַזוי מאַלט זי זיך אויס, — קומט אַרייַן צום פּראָפֿעסאָר אַסטראַמאַוו און דער-קלערט אים, אין וואָס עס גייט דאָ, וואָלט עס געקאָנט האָבן אַ ווירקונג. די אַסטראַמאַווס זייַנען זייער ווויִלע מענטשן און וואָלטן פֿאַרשטאַנען... זי וויל דעריבער, אַז דער דאָקטער זאָל איר דאָ אויפֿן אָרט צוזאָגן, אַז ער וועט עס טאָן.

— איך גאָר?..

דער דאָקטער האָט אין פֿאַרלוירנקייַט געקנייטשט מיט די אַקסלען:

— שוין זשע האָבן עס באַשלאָסן די אַסטראַמאַווס, ניט אָנפֿרעגנדיק גאָר וועגן דעם בא אַלעקסאַנדערן?

ער האָט צוגעזאָגט דאַברישן, אַז ער וועט, יעדנפֿאַלס, פֿריִער אַרייַנגיין צו אַלעקסאַנ-דערן אויף דער עלעקטראַסטאַנציע און זיך באַמיִען אָנצוטאַפּן, ווי קוקט ער אויף דעם. דאָס, האָט ער צוגעזאָגט דאַברישן, וועט ער טאָן אָן שום אָפּלייגעכצן — נאָך הייַנט פֿאַרנאַכט.

[14]

ס'איז ווידער ארויס ניט קיין גערּאָטענע באַגעגעניש צווישן די צוויי געשוועסטער־קינדער בּאראש און סויפּער.

ווען דער דאָקטער איז צוגעקומען צו דער עלעקטראָסטאַנציע, איז שוין געווען טכ'ילעס אָוונט.

דאָס וועכטער־שטיבל מיט די גראָבע ווענט און מיט די קליינע פענצטערלעך האָט ער געטראָפן פול און פול מיט מענטשן און פארפלייצט מיט יאָמטעוודיקער ליכט. באַם אריבערטרעטן די שוועל וואָלט ער געווען גלייך פארקערעוועט צוריק, ווען דער לאַנגער סטרוזש, בּאָרעך, וואָס איז דאָרט געשטאַנען בא דער טיר, זאָל אים ניט געווען אריינשלעפּן קימאַט מיט גוואַלד.

— שרעקט זיך ניט, — האָט ער בארויקט דעם דאָקטער, — ס'א שטיקל מיטינג.

און ביי־זלעך, קימאַט ניט צענעמענדיק די ליפּן, ווי בא ציינווייטעק, האָט ער אריינגעשעפּטשעט דעם דאָקטער אין אויער:

— ס'איז מען געקומען פונעם גאָרקאָם אונדז טשעסטוועוועו. מיר האָבן דורכגעלאָזט די ערשטע דוויגאַטעליעס פריער, ווי מע האָט גערעכנט. איר מיינט, וואָס איז דער גאָרקאָם דאָ אויסן? מע דאַרף, אַז די גאַנצע עלעקטראָסטאַנציע זאָל אָנהייבן ארבעטן וואָס גיכער. קוקט זיי אָן, אָט די פונעם גאָרקאָם: קלוגע כעוורע, אָ־אָ!.. זיי זיצן אָן דאָרט באַם טישל, סאַמע אויבנאָן.

פון דאָרט, פונעם סאַמע אויבנאָן, האָט דער אינזשעניער בּאראש מיט א קאָלטלעכן בליק זיך א גריס געטאָן צו סויפּערן, און אויסגעקומען איז, ווי צו אים זאָגט ער:

— נו יאָ, אַלץ איז גוט און ס'וועט זיין נאָך בעסער. דערווייל זיינען די מאַשינען אוועקגעלאָזט געוואָרן אין א שטעלעכל פון צוניפגעשלאָגענע ברעטלעך, און ווי שווער דאָס איז אָנגעקומען, קאָנען דערציילן די, וואָס האָבן דאָ געארבעט באַטאָג און באַנאַכט.

ער האָט געגעבן דאָס וואָרט צורשט קראַוטשענקאָן און נאָך אים — דעם עלטערן יידן דעם שלאָסער פון פינקטלעכער מעכאַניק, וועמענס בײדע זין זיינען אומגעקומען אין דער מילכאָמע. בײדע, קראַוטשענקאָ און דער אַלטער שלאָסער, — אַזוי איז שיר ניט אויסגעקומען, — פאַרענטפערן זיך, האַלעמיי לויבט מען זיי, וואָס זיי האָבן גוט געארבעט.

— נו יאָ, — האָט געזאָגט דער גראָוער שלאָסער, — וואָס זשע דען קאָן איך טאָן פאַר מיינע קינדער?..

זיך איינגעקוקט א ווײַלע, זיך איינגעהערט, האָט דער דאָקטער זיך באַנײַס פאַרקלערט סײַ וועגן דער וועלט, פון וועלכער ער איז אהער אין שעליכעס געקומען, — דער וועלט פון דאָברישעס טײַנעס, — סײַ וועגן דער וועלט, וועלכע ער האָט דאָ געטראָפן.

בּאָרעך איז אים נאָכגעגאַנגען אין דרויסן ארויס:

— איר גייט שוין טאַקע?.. כ'וועל אײַך באַגלייטן.

אים, בּאָרעכן, איז געווען א שאָד אָפּצולאָזן פון זיך אָט דעם מענטשן, פאַר וועמען ער האָט שוין איינמאָל אויסדערציילט זיין ביטער האַרץ.

— נו אָט... אייער געשוועסטערקינד! — האָט ער געזאָגט וועגן דעם אינזשעניער בּאראש, — מע טשעסטוועוועט אים... עפּשער וועט דאָס גראָד זיין א סגולע, ער זאָל שוין אַמאָל איבערגיין פונדאַנען צו זיך אין זיין אָסאָבניאַקל און מיך לאָזן לעבן אױף דער וועלט...

אױף אַלץ, וואָס קומט פאָר ארום אים, איז איצט בּאָרעך געווען אימשטאַנד צו קוקן בלויז און נאָר פונעם שטאַנדפּונקט, צי אים וועט אינגיכן געלינגען ארויספּאַטערן אַלעקסאַנדער נעכעמיעוויטשן פון וועכטער־שטיבל.

— וואָרן אויב ניט, — האָט ער זיך אויסגעזיפצט פאַרן דאָקטער, — אויב ניט, בין איך אויסגעשטעלט... אָבער טאַקע מאַמעש!

די מײַסע איז, וואָס ער, בּאָרעך, קאָן שוין מער ניט פארלייגן א קלאָץ דעם ווײַבל, וועגן וועלכן ער האָט שוין איינמאָל דערציילט דעם דאָקטער, אַז זי וויל זיך מיט אים פארשרײַבן, נאָר מיט א טנײַ, ער זאָל זי אריבערנעמען אױף זײַן „זשילפּלאָשטשאַד". מיטן ווײַבל, דעם עמעס געזאָגט, האָט ער ניט אפילע ווו א רעד צו טאָן אונטער פיר אויגן. נאָך גוט, וואָס מע האָט ניט לאַנג געעפנט דאָ אין שטאָט אן אָרט צו עסן מאָראָזשענע — איצט־אָ... אין סאַמע מיטן ווינטער. זיצט ער דאָרט מיט איר אָפּט אין אָוונט אינצווייען בא א טישל און פארזיכערט זי, אַז אַלץ וועט זײַן גוט... „עס וועט זײַן... עס וועט זײַן... מע דאַרף נאָר א ביסעלע צוטערפּען". און דאָס ווײַבל איז גראָד ניט קיין נאַר. אנומלטן, באַם עסן מאָראָזשע-

נע, האָט זי צו אים געזאָגט: „איר זעט? מע קען אונדז דאָ שוין בא אַלע טישלעך... מע לאַכט פון אונדז"... און נאָך אַזאַ וויַבל וועט ער שוין קיינמאָל ניט קריגן, וויַל אָט:

— ווי איר זעט, — האָט ער געזאָגט צום דאָקטער, — די שיינקייט שיט זיך ניט פון מיר.

פון דעם אַלעם האָט דעם דאָקטער אָנגעהויבן שלעפערן אינמיטן גייען אין גאַס... טאַקע ווי נאָר צוליב פאַטער ווערן פון אַט דער שלעפעריקייט, האָט ער פּלוצעם געפרעגט וועגן זיַין געשווסטערקינד:

— ווען קען מען אים טרעפן אַליין?

— אַלעקסאַנדער נעכעמיעוויטשן?.. — האָט זיך אַ כאַפּ געגעבן באַרעך. — וואָס זשע? איר מוזט אים זען?

— כ'האָב גענדאַרפט מיט אים אַ רעד טאָן.

— אַ רעד טאָן?

באַרעך האָט זיך שיר ניט אויסגעלאַכט:

— מיט אים ריידן קען מען נאָר וועגן דער עלעקטראָסטאַנציע. וועגן עפּעס אַנדערש, אַז מע רעדט צו אים, הערט ער ניט... אַ? איר גלייבט מיר ניט?

און ער האָט דערציילט דעם דאָקטער, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק איז צו אַלעקסאַנדער נעכעמיעוויטשן דערגאַנגען עפּעס וועגן דעם קינד — וועגן וואַדיקן, וואָס געפינט זיך בא זיַין שווער, דעם פּראָפעסאָר אַסטראַאָמאָוו. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער נאָך דעם אַרומגעהינקען אויף זיַין קלעצל הין און צוריק אין וועכטער-שטיבל. ערשט מיט שאַריַען אַף טאָג, אַז איך בין אַריַינגעקומען אין וועכטער-שטיבל כאַפּן אַ דרעמל, האָב איך אים דאָרט שוין ניט געטראָפן, — ער איז שוין געווען ערגעץ בא די מאַשינען, ווי אַלע טאָג.

— אייסער, — האָט אָוועקגעמאַכט באַרעך, — אַ מענטש אין אַ שטאָלענער קופּערטע.

— אַ מענטש אין וואָס? — האָט ניט פאַרשטאַנען דער דאָקטער.

— נו יאָ, אין אַ שטאָלענער קופּערטע, — האָט איבערגעכאַזערט באַרעך, — איר ווייסט ניט, וואָס עס הייסט? אַ קופּערטע אַף אַ זייגער... פאַרוואָס זאָג איך עס? וואָרעם כ'האָב געזען אַמאָל אַ זייגער אין אַ גלעזערנער קופּערטע, ס'הייסט: אונטער גלאָז... מע זעט אַרויס, ווי עס דרייען זיך אַלע דריבנע רעדעלעך. און אַף אַלעקסאַנדער נעכעמיעוויטשן וועט איר פון אויסוויַיניק גאָרנישט ניט זען. אָט דאָס זאָג איך: אַ מענטש אין אַ שטאָלענעם פאַנצער.

— —

מאַמעש ווי עפּעס אַ מין זייגער אונטער גלאָז, — אַזוי האָט זיך דערפילט דער דאָקטער, ווען האָבנדיק פאַטער געוואָרן פון באַרעכן, איז ער געבליבן אין גאַס איין אַליין מיט אַלע זיַינע היַינטיקע נעשאַמע-איבערלעבונגען נאָכן אָנצינדן ליכט אין אָנדענק פון זיַין געהאַרגעטער מוטער. ערשט נאָכדעם האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דאָס אַלץ נעמט זיך בא אים פון דעם, וואָס בא זיך אין געדאַנק מאַכט ער אַ פאַרגליַיך צווישן זיך און זיַין געשווסטערקינד אַלעקסאַנדער באַראַשן.

„— ריידן צו אים קען מען נאָר וועגן דער עלעקטראָסטאַנציע, — אַזוי האָט געזאָגט באַרעך. — ציִ ניט אין דעם ליגט דער אונטערשייד צווישן אים, דעם דאָקטער, און זיַין היגן געשווסטערקינד אָדער דעם עלטערן סאָוועטישן יידן דעם שלאָסער", — וועגן דעם האָט דער דאָקטער געטראַכט, אומקערנדיק זיך אין יענעם אָוונט צו זיך אַף דער קוואַרטיר. איַינקוקנדיק זיך אין די עלעקטרישע לעמפּעלעך אַף די גאַסן, וואָס זיַינען אָקאָרשט צוריק מיט געציילטע טעג נאָך געווען איַינגעזונקען אין יאַמעש-כוישעך, האָט ער געדענקט דעם אינזשעניער באַראַשן, דעם עלטערן יידן — דעם שלאָסער און פיל אַנדערע, ווי זיי, צו וועלכע מע קען דאָ ריידן, ווי באַרעך זאָגט, „נאָר וועגן דער עלעקטראָסטאַנציע", נאָר נעשאַמע-איבערלעבונגען האָבן זיי ניט וויניקער, ווי ער, דער דאָקטער.

און אויך זיי צינדן דאָך אָן ליכט!..

דאָוויד בערגעלסאָנס עפּאָפּיי „באַם דניעפּער"

1

„נאָך אַלעמען" איז דער ערשטער גרויסער זײַל פון דאָוויד בערגעלסאָנס קינסטלערישן בנין.

„באַם דניעפּער" איז געווען דער צווייטער זײַל, וואָס קאָן אַוועקגעשטעלט ווערן אין איין רײ מיט די ראָמאַנען פון דער וועלט־ליטעראַטור אינעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דאָס איז אַ ראָמאַן־עפּאָפּיי וועגן דעם לעבן פונעם ייִדישן פאָלק אין רוסלאַנד אין סאָף 19־טן און אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט. אַזאַ עפּאָפּיי האָט ניט געהאַט קיין גלײַכנס אין דער ייִדישער ליטעראַטור, ניט רעכענענדיק דעם ניסטערס „די משפּחה מאַשבער". ווי עס זאָלן זיך ניט אונטערשיידן די דאָזיקע ראָמאַנען לויטן נוסח, לויטן אידייִש־קינסטלערישן אינהאַלט, לויטן מאַסשטאַב, זײַנען זיי אייניק אינעם שרײַבערישן שטרעבן צו שאַפֿן גרויסע עפּישע לײַוונטן.

דער אורשפּרינגלעכער פּאָרטראַכט פון דער קומענדיקער עפּאָפּיי „באַם דניעפּער", איז, קאָן מען זאָגן, געווען אַ דערציילונג וועגן דער קינדהייט פון אַ שרײַבער. דאָס האָט ניט געדאַרפֿט זײַן קיין אויטאָביאָגראַפֿיש ווערק. די אײַנדרוקן פון בערגעלסאָנס אייגענעם לעבן האָבן געדאַרפֿט דינען אַלס אַן אויסגאַנגס־פּלאַץ פֿאַר אַ גרעסערער דערציילונג, ווו דער הויפּט־העלד זאָל זײַן אַ באַגאַבט קינד, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אַ רײַכער סאָכרישער משפּחה. אַזאַ סוויווע האָט דער שרײַבער גוט געקענט און זי פֿאַרגעשטעלט אין אַ רײ ווערק, אָנהייבנדיק פון „אַרום וואָקזאַל". אַפֿילו דאָס געשטאַלט פונעם „ווײַסן הויז", וואָס הייבט זיך אויף איבער די נעבעכדיקע שטעטלדיקע הײַזלעך, האָט זיך שוין באַ אים באַוויזן, לעמאָשל, אין דער דערציילונג „די דינאַמישע רעגע", ווו דער הויפּט־העלד איז אַ קינסטלער און מע רופֿט אים פענעק. אויך די פֿאָרם פונעם ראָמאַן — עפּעס ענלעכס אויף זיכרוינעס פון אַ דערוואַקסענעם וועגן זײַן לעבנסוועג — איז שוין געווען אָנגעמערקט באַ בערגעלסאָנען. י. דאָברושין האָט זי געפֿונען אין „פּײַוולס מײַסעס" — אַ ביכעלע, וואָס איז דערשינען אין 1929 (געשריבן מיט אַ יאָר צען פֿריִער). פּײַוול שטאַמט פון אַ „ווײַסן הויז", ווו ס'איז פֿאַראַן אַ קיך מיט אַ קעכן (די שפּעטערדיקע בוני די קעכן)[1].

דער דאָזיקער עמבריאָן פונעם קינפֿטיקן גרויסן ראָמאַן האָט אָנגעהויבן אויסוואַקסן אין דער צווייטער העלפֿט פון די צוואַנציקער יאָרן. ווי מע קען אורטיילן פון די קאַפּיטלען, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין דער אַמעריקאַנער „פֿרײַהייט" („מאָרגן־פֿרײַהייט")[2], האָט דער ראָמאַן („פענעק") ניט געזאָלט זײַן קיין פֿילבענדיקער. אין פּראָצעס פון דער שפּעפֿערישער אַרבעט האָט זיך דער פֿאַרטראַכט שטאַרק טראַנספֿאָרמירט. געוויינלעך מערקט מען דאָ אָפּ די אַנטשיידענע ראָליע פון מ. גאָרקיס גרעסערער דערציילונג „דאָס לעבן פון קלים סאַמגין". אויף דעם האָט דער ערשטער אָנגעוויזן נאָכמען מײַזיל, וועלכער האָט דערציילט (אין „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אויף דעם אָנגעוויזן ה. רעמעניק), אַז ווען ער האָט דורכגעלייענט גאָרקיס ווערק, האָט ער טייקעף אָנגעשריבן וועגן דעם זײַן פֿרײַנט דאָווידן און אים פֿאָרגעלייגט אויך אָנשרײַבן אַן ענלעכער ווערק וועגן זייער קינדהייט און יוגנט. „ד. בערגעלסאָן איז געוואָרן פֿאַרקאָכט און פֿאַרכאַפּט מיט דער אידיי". ס'איז עפּשער אַזוי געווען, אָבער ניט גאַנץ פּינקטלעך. נ. מײַזיל האָט געשריבן וועגן דעם אין די פופֿציקער יאָרן (זײַן בוך, ווו ער דערמאָנט

[1] זע י. דאָברושין. דאָוויד בערגעלסאָן. מ., 1947, ז. 264.

[2] אין דער צײַטונג האָבן זיי זיך רעגולער געדרוקט פונעם 6 אָקטיאַבער 1929 ביז דעקאַבער 1930.



וועגן דעם — „דאָס יידישע שאַפן און די יידישע שרײַבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד" — איז דערשינען אין 1959) און ער האָט א ביסל איבערגעטריבן זײַן האַשפּאָע אַפן שרײַבער. דער ערשטער טייל פון מ. גאָרקיס „קלים סאַמגין" איז דערשינען אין סאָף 1927. קיין אויסלאַנד, ווו ס'האָבן דעמלט געלעבט נ. מײַזיל און ד. בערגעלסאָן, איז ער דערגאַנגען נאָך שפּעטער, ווען בערגעלסאָן האָט שוין געאַרבעט איבער זײַן ראָמאַן. איך קלײַב זיך ניט אָפּלייקענען די ווירקונג פון מ. גאָרקיס ווערק אַפן „באַם דניעפּער", זי אַנטפּלעקט זיך ניט אַזוי אינעם ערשטן טייל, אין „פּענעקן", ווי אינעם צווייטן טייל פונעם ראָמאַן. אָבער „קלים סאַמגין" און „באַם דניעפּער" שיידן זיך שטאַרק אונטער. מ. גאָרקי האָט געשטעלט פאַר זיך א ציל צו באַווײַזן „א טיפּ פון אן אינדיווידואַליסט, א מענטשן פון בעפירעש מיטלמעסיקע אינטעלעקטועלע פעיקײַטן", „א פיגור פון א רעוואָליוציאָנער א געצווונגענעם", „א קאָרבן פון דער געשיכטע"[1]. אין בערגעלסאָנס ראָמאַן טרעפן זיך אַזעלכע יידישע סאַמגינס, אָבער אין צענטער איז גאָר אן אנדער פיגור, א טיפּ פון א מענטשן, וואָס ציט זיך צום פאָלק און שליסט זיך אײַן אין דער רעוואָליוציע. אויך די פאָרם פונעם יידישן ראָמאַן איז אן אנדערע. מ. גאָרקי האָט זײַן גרעסערע דערציילונג באַצייכנט אַלס א כראָניק פון פערציק יאָר רוסלענדישן לעבן (פון די אכציקער יאָרן פונעם 19-טן יה. ביזן 1918). ד. בערגעלסאָן האָט אויך געוואָלט שילדערן דעם זעלבן צײַט-אָפּשניט, אָבער זײַן ראָמאַן, באַזונדערס דער ערשטער באַנד, איז ווײַט פון אן אָביעקטיווער כראָניק, ס'איז א ראָמאַן א סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישער.

מע קאָן זיך פאָרשטעלן, אז אינעם גילגל פונעם אורשפּרינגלעכן פּאָרטראַכט — שאַפן א ראָמאַן וועגן דעם וווּקס פון א באַגאַבט קינד — האָט געהאַט א האַשפּאָע ניט נאָר מ. גאָרקיס דערציילונג, נאָר אויך די אַלגעמיינע אַטמאָספער פון דער וועלט-ליטעראַטור אינעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אין וועלכער ס'האָבן אָנגעהויבן פאַרנעמען דעם אויבנאָן דער זשאַנער פון א ראָמאַן-עפּאָפּיי. אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט זײַנען אין פאַרשיידענע לענדער דערשינען פילבענדיקע ווערק פון דעם דאָזיקן זשאַנער: אין פראַנקרײַך — ראָמען ראָלאַנס „זשאַן קריסטאָף" און דערנאָך זײַן פּרויען-אַנאַלאָג „די באַצויבערטע נעשאָמע", ראָזשע מאַרטין דיוגאַרס „די מישפּאָכע טיבאָ", אין ענגלאַנד — „סאַגע פון די פאָרסײַטן" פון דזשאָן גאָלסואָרסי, אין דײַטשלאַנד — „די בודענבראָקס" פון טאָמאַס מאַן, אין אַמעריקע — טעאָדאָר דרײַזערס „די טרילאָגיע פון ווילן". אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָבן זיך אין די צוואַנציקער יאָרן, אַכוץ „קלים סאַמגין", באַוויזן די ערשטע טיילן פון אַלעקסיי טאָלסטאָיס „שיווע מעדוריי געהענעם", פון מ. שאָלאָכאָווס „דער שטילער דאָן". דאָס זײַנען ליטעראַרישע דערשײַנונגען פון א פאַרשיידענער מאַדרייגע, אָבער, באַטראַכטנדיק זיי צוזאַמען, באַצייכענען זיי די אַלגעמיינע שטרעבונג צו סינטעטישע, ראָמאַנטיש-עפּישע קינסטלערישע לײַוונטן.

דער דאָזיקער פּראָצעס, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער וועלט-ליטעראַטור אין אָנהייב פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, האָט פאַרכאַפּט אויך דאָוויד בערגעלסאָנען, א שרײַבער, וועלכער איז לויט זײַן נאַטור געווען א ראָמאַניסט. דער ערשטער טייל פון מ. גאָרקיס דערציילונג „קלים סאַמגין" האָט, מיין איך, געגעבן א שטויס בערגעלסאָנס קויעך-האַדימיען, אַדאַנק אים האָט זיך מיסטאַמע געביטן דער פריִערדיקער פּאָרטראַכט זײַנער. דער ראָמאַן וועגן דער קינדהײַט פון א באַגאַבט ייִנגל האָט זיך דערנאָך פאַרוואַנדלט אין א ברייטער עפּאָפּיי וועגן דעם לעבן און דעם קאַמף פונעם יידישן פאָלק אין רוסלאַנד ערעוו דער פּראָלעטאַרישער רע-

[1] М. Горький, собр. соч. в 30 тт., том 19, стр. 541-544.

וואָליוציע. אַזא ראָמאַן האָט געדאַרפט באַ-
שטיין, ווי עס האָט שפּעטער דערציילט אַליין
ד. בערגעלסאָן[1], פון פינף טיילן: אינעם
ערשטן טייל זאָל געשילדערט זײַן דער לעצ-
טער צענדליק פונעם 19-טן יאָרהונדערט,
אינעם צווייטן — די ערשטע יאָרן פונעם
20-טן יה. (1903—1906, דה. די יאָרן פון
דער רעוואָליוציע 1905), אינעם דריטן —
די טקופע פון דער רעאַקציע (1907—1914),
אינעם פערטן — די צײַט פון דער ערשטער
וועלט-מילכאָמע (1914—1917), אינעם פינפטן
טייל — די אָקטיאַבער-רעוואָליוציע אַף
אוקראַינע. דעם דאָזיקן פּלאַן — אין אַ ביז
גאָר סכעמאַטישן אויסלייג, בלויז היסטאָרי-
שע דאַטעס — האָט צונויפגעשטעלט דער
מעכאַבער אין 1933, ווען ער האָט אַרויס-
געלאָזט „פּענעק" אַלס ערשטן טייל פונעם
ראָמאַן, און געטראַכט וועגן זײַן העמשעך.
דער פּלאַן האָט זיך געקאָנט ענדערן און
האָט זיך ווירקלעך געענדערט, אין 1939
איז דערשינען דער צווייטער באַנד, וואָס איז
אָנגערופן „יונגע יאָרן". טראָץ דעם פריער-
דיקן פּלאַן, פאַרענדיקט זיך אין אים די
האַנדלונג אין 1903, ערעוו דעם צווייטן
צוזאַמענפאָר פון רסדאַפּ. די פאַרפּלאַנירטע
געשעענישן פון דער רעוואָליוציע פון 1905
יאָר וואָלטן שוין אַרײַנגעגאַנגען מיסטאָמע
אינעם פאָלגנדיקן טייל. צום גרויסן באַדויערן,
איז דער העמשעך ניט פאַרווירקלעכט גע-
וואָרן, און מיר ווייסן ניט, וויאַזוי וואָלט
אויסגעזען דאָס גאַנצע ווערק. אָבער דאָס,
וואָס בערגעלסאָן האָט באַוויזן צו פאַרווירק-
לעכן — די ערשטע צוויי בענדער פון „באַם
דניעפּער" („פּענעק" און „יונגע יאָרן") —
שטעלט מיט זיך פאָר אַ דערשײַנונג אַן
אויסערגעוויינלעכע אין דער געשיכטע פון
אונדזער ליטעראַטור.

צום ערשטן מאָל האָט זיך אין דער ייִדי-
שער ליטעראַטור באַוויזן אַזא ברייט-מאַס-
שטאַביק ווערק, וואָס שילדערט די גויראָלעס
פונעם פאָלק אינעם וויכטיקסטן איבערבראָך
פון דער געשיכטע — ערעוו דער סאָציאַליס-
טישער רעוואָליוציע. אין קיין שום פריערדיק
ווערק איז אַזוי אָפן ניט אָוועקגעשטעלט גע-
וואָרן די פּראָבלעם פון דער רעוואָליוציע,
וועלכע זאָל דערלייזן די פאַרשאַרפטע גע-
זעלשאַפטלעכע ווידערשפּרוכן. עמעס, באַ איי-
ניקע ייִדישע שרײַבער זײַנען פריער געווען
פּרוּוון זיך ווענדן צו דער טעמע פון דער
רעוואָליוציע. דאָ דאַרף אָנגערופן ווערן קוי-
דעמקאָל שאָלעם-אַליכעמס „דער מאַבל"
(שפּעטער אָנגערופן „אין שטורעם"), וועלכער

האָט געשילדערט אומיטלבאַר די רעוואָליו-
ציאָנערע געשעענישן פונעם 1905 יאָר אין
רוסלאַנד. ס'איז בעפּייִרעש אַן אינטערעסאַנט
ווערק, אָבער ס'האָט ניט דערגרייכט דעם
ניוואָ פון „טעוויע דעם מילכיקן" אָדער „מע-
נאַכעם-מענדלען". אַף אים ליגט, ווי עס האָט
נאָך באַמערקט אַרן גורשטיין, די סכעמע פון
צײַטונג-אײַלענישן[1].

באַ צוועלף יאָר האָט דאַוויד בערגעלסאָן
געאַרבעט איבער זײַן ראָמאַן — פון 1927
ביזן 1939. אין די זעלבע יאָרן האָט ער
געשאַפן נאָך דרײַ ווערק, באַזונדערס דאַרף
מען דערמאָנען דעם ביראָבידזשאַנער ציקל,
אָבער זײַן הויפּט-אויפגאַבע האָט ער געזען
אין פאַרענדיקן זײַן גרויסן עפּישן פאַרטראַכט.

אונדזער קריטיק האָט מערסטנטייל גע-
שריבן וועגן די וועזנטלעכע אונטערשיידן פון
די צוויי בענדער „באַם דניעפּער", אָנווײַזנדיק,
אַז „פּענעק" איז אַ פּסיכאָלאָגיש ווערק, און
„יונגע יאָרן" זײַנען איבערגעפּולט מיט אידיי-
שע מאַכלויקעס. די צוויי בענדער שיידן זיך
געוויס אונטער, אָבער גלײַכצײַטיק ווילט זיך
אונטערשטרײַכן זייער אידייִש-קינסטלערישע
איינהייט. דאָס זײַנען צוויי טיילן פון איין
עפּיש ווערק. וועגן דעם זאָגט שוין דער אייגנ-
אַרטיקער פּראָלאָג צו אים, ווי עס ווערן
אָנגערופן די נעמען פון די זכוס-אָוועס, מיט
וועלכע די ביבל הייבט אָן די מענטשלעכע
געשיכטע — אַדאָם, שויס, ענויש. אָבער די
דאָזיקע איבערעכענונג קלינגט דאָ שאַרף
פּאָלעמיש. בערגעלסאָן וואַרפט אָפּ די דור-
רעסדיקע טראַדיציע פון פירן דעם ייִכעס
פון אַדאָם-האָרישן און דערקלערט, אַז ס'וועט
זײַן אַ ווערק וועגן דעם הײַנטצײַטיקן דאָר,
וועגן דעם דאָר, וואָס איז אויסגעוואַקסן „אַ
יאָר דרײַסיק פאַר דער רעוואָליוציע", וועגן
„שטעט אָפן רעכטן ברעג דניעפּער, ווײַט פו-
נעם יאַרדן און פון די אָוועס, ווײַט אַפילע
פונעם דניעפּער, טיף אין דער שוואַרצערדי-
קער, גרינבלעטערדיקער אוקראַינע". דער דאָ-
זיקער אַרײַנפיר דאַרף אָנזאָגן דעם לייענער,
אַז ס'וועט זײַן אַן עפּיש ווערק, וואָס וועט
דערציילן ניט וועגן די אוראַלטע אָוועס, נאָר
וועגן די מענטשן, וועמענס גוירל איז פאַר-
בונדן מיט דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע.
אַזא נאָוואַטאָרישן ציל האָט פאַר זיך גע-
שטעלט דער שרײַבער, אַ ציל צו שאַפן אַ
נײַעם עפּאָס.

אייגנטלעך גערעדט, האָט בערגעלסאָן זיך
געווענדט צו דער זעלבער צײַט און צו די
זעלבע ערטער, וועלכע ער האָט שוין באַ-
וויזן אין „אַרום וואָקזאַל" און „נאָך אַלעמען",

[1] זע זש. „וויסנשאַפט און רעוואָליוציע", 1934, נומ. 1-2, ז. 73-74.

[1] זע. א. גורשטיין. אויסגעוויילטע אַרטיקלען, מ., 1959, ז. 242 (אין רוסיש).

אָבער זײַן צוגאַנג צו דעם באַקאַנטן מאַטעריאַל איז געוואָרן אַנדערער. ער איז געוואָרן באַרײַכערט מיט דער היסטאָרישער דערפאַרונג, מיטן באַגרײַפן די געזעצן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. בערגעלסאָן האָט לאַכלוטן ניט אָפּגעוואָרפן זײַן פריִערדיקע שאַפונג, אין „באַם דניעפּער" האָט ער פאָרגעזעצט די קינסטלערישע אויספאָרשונג פון זײַן טקופע, זײַן אײגנאַרטיקן שעפערישן נוסעך. „נאָך אַלעמען" קאָן באַטראַכט ווערן ווי אַ מין שטופע צום נײַעם ראָמאַן.

נאָכן קורצן פּראָלאָג, אין וועלכן בערגעלסאָן אַפּישירט זײַן אידייִש־קינסטלערישע פּראָגראַם, גייט ער גלײַך אַריבער צו דערציילן וועגן לעווינס מישפּאָכע. די דערציילונג ווערט געפירט רויִק, ניט געײַלט, בעהאַדראָגעדיק פאַרברייטערט זי זיך, צעצווײַגט זיך, אין איר שליסן זיך אײַן אַלץ מער און מער פּערזאָנען. פון לעווינס הויז ווערט זי אַריבערגעטראָגן אין די הינטערגעסלעך פונעם שטעטל, און אין צווייטן באַנד — אין אַ גרויסער גובערניע־שטאָט, וועלכע איז אויך שאַרף צעטיילט אויף צוויי ניט גלײַכע טיילן: דעם צענטער — די סאַדאָווע און די פאָרשטאָט — די גרעקאָווקע. אַ מין פאַרמיטלער צווישן די צוויי קעגנזעצלעכע ערטער, סײַ אין שטעטל, סײַ אין שטאָט, איז אין ראָמאַן פּענעק, לעווינס בען־זקונים.

פּענעקס געשטאַלט איז בערגעלסאָנס אַ גרויסע קינסטלערישע אַנטדעקונג. אונדזערע קלאַסיקער, אָנהייבנדיק פון מענדעלע מוכער־ספאָרים, האָבן זיך אָפט געווענדט צו קינדער־געשטאַלטן און מיט גרויסער ליבע זיי געשילדערט. ס'איז גענוג אָנצורופן מאָטל פּייסי דעם כאַזנס, וועלכער האָט אַף אַ נאַיִוו־קינדערישן אויפן דערציילט וועגן זײַן לעבן און וועגן דעם גוירל פון זײַן מישפּאָכע. שאָלעם־אַלייכעמס גאַנצער בוך איז מאָטלס אַ מאָנאָלאָג.

דאָוויד בערגעלסאָן האָט גאָר אַנדערש געבויט זײַן ראָמאַן. אַלץ, דאַכט זיך, ווערט דערציילט פונעם מעכאַבער אַליין, אָביעקטיוו, אָבער זייער אָפט גיט דער אווטאָר איבער דאָס וואָרט זײַן הויפּט־העלד, און עס דאַכט זיך, אַז פּענעק אַליין דערציילט עס. דער איבערגאַנג פון דער אָביעקטיוו־אווטאָרישער מאַניר צו דער סוביעקטיוו־לירישער איז נאַטירלעך און שאַפט אַ מערקווירדיקן קינסטלערישן עפעקט, אַן עפעקט פון אומיטלבאַרקײַט.

אָפט איז אַפילע שווער צו פעסטשטעלן, ווו פאַרענדיקט זיך דעם מעכאַבערס רייד און ווו הייבט זיך אָן די רייד פונעם פּערסאָנאַזש.

ביידע דערציילונגס־פאָרמען גיסן זיך צונויף אין איין גאַנצעס, שאַפנדיק אַן אויסערגעוויינלעכע קינסטלערישע באַצויבערונג. און ווי מײַסטעריש איז איבערגעגעבן די פּסיכאָלאָגיע פון אַ קינד, זײַן אויפנעמען די אַרומיקע וועלט! אין אַזאַ סטיליסטישער מאַניר איז אָנגעשריבן דער ערשטער באַנד פון „באַם דניעפּער". די דאָזיקע מאַניר שטערט ניט דעם עפּישן געבוי זײַנעם. נאָר פאַרברייטערט אים, מאַכט די שילדערונג ליריש־וואַרעם. די אָביעקטיווע באַשרײַבונג ווערט דערגאַנצט מיטן אומיטלבאַרן אויפנעם פונעם העלד, וועלכער נעמט אַף זיך די פונקציע פון אַ דערציילער. מיסטאָמע ניט צופעליק ווערט פּענעק לעווין אינעם ראָמאַן אַ שריפטשטעלער. מע קאָן אַפילע זאָגן, אַז דער צווייבענדיקער ראָמאַן, אַלס אַ ראָמאַן וועגן דער שטעלונג פון אַ וואָרט־קינסטלער, איז אין דעם זין פאַרענדיקט. צום סאָף פונעם צווייטן באַנד האָט פּענעק שוין אָפּגעדרוקט זײַנע ערשטע כיבורים, מע האָט דערקענט זײַן באַגאַבונג, און ער אַליין צווייפלט שוין ניט אין זײַנע שרײַבערישע פעיִקײַטן.

אָבער ווי עס זאָל ניט זײַן אינטערעסאַנט די שילדערונג פונעם שרײַבערישן פּראָצעס, באַשטימט ער ניט דעם הויפּט־אינהאַלט פונעם ראָמאַן. די דאָזיקע שילדערונג איז אײַנגעפלאָכטן אינעם פילאַרטיקן ברייט־עפּישן לעבנס־בילד. ניט צופעליק איז אין צענטער פונעם בילד אַוועקגעשטעלט אַ שריפטשטעלער, זאָל זײַן אַ פּאָטענציעלער, ווײַל גרייד אַ שריפטשטעלער דאַרף אַרײַנדרינגען אין דער טיפעניש פון דערווירקלעכקײַט. „וואָרעם שרײַבן וועגן דעם לעבן פון מענטשן קאָן מען נאָר דענסטמאָל, — גיט בערגעלסאָן איבער פּענעקס און בעליסאָפעק זײַן אײגענעם געדאַנק, — ווען מע ווייסט, פונוואַנען דאָס לעבן גייט און וווּהין עס פירט".

דאָוויד בערגעלסאָן האָט אויסגעקליבן פאַר זײַן העלד אַ ביז גאָר ווויסנדורשטיקע פּאָזיציע — אים געגעבן אַ מעגלעכקײַט צו זײַן אין פאַרשיידענע סאָציאַלע שיכטן, די דאָזיקע שיכטן זײַנען באַוויזן אין אָנהייב מיט די אויגן פון אַ קינד, דערנאָך — פון אַ יוגנטלעכן. די אָריגינעלקײַט און אײגנאַרטיקײַט באַשטייט דאָ אין דעם, וואָס פּענעק — אַן אָפּשפּראָצונג פון אַ רײַכער מישפּאָכע — ווערט אַן אײגענער מענטש אין די הינטערגעסלעך. אין אַ ריי ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור פיגורירן פּערסאָנאַזשן, וועלכע רײַסן זיך אַרויס פון דער סוויווע, ווו זיי זײַנען אויסגעוואַקסן, באַזונדערס אײַנדרוקספול האָט דעם דאָזיקן פּראָצעס געשילדערט מאַק-

סים גאָרקי. ס'איז גענוג צו דערמאָנען אַזעלכע געשטאַלטן זײַנע, ווי פאָמא גאָרדייעוו, יעגאָר בוליטשאָוו און אַנדערע. ד. בערגעלסאָן האָט געפונען זײַן אויפן צו שילדערן אָט דעם פּראָצעס. פּענעק איז פונעם געבורט אָן געוואָרן אַן אָפּגעשטויסענער, עפּעס א בען סוירער-אַמוירע, אָט איז זי, „די לעבעדיקע גווירישע אַווידע", — פלעגט מען איבער אים שפּאָטן אין די הינטערגעסלעך. און ער איז ווירקלעך געוואָרן אַן אָפּטריניקער פונעם „ווײַסן הויז", וועלכער פאַרקערפּערט אינעם ראָמאַן די בורזשואזע וועלט. דער שרײַבער שטעלט אומעטום די ווערטער „דאָס ווײַסע הויז" אין גענדזנפּיסלעך, געבנדיק שוין מיט דעם צו וויסן, אַז אינדערעמעסן איז דאָס הויז אַזוי צוציִענדיק, ווי עס זעט אויס פון דרויסן. אינדערעמעסן איז דאָרט אַלץ פאַלש, דאָס הויז ווערט פאַרלאָזן און האָט אין זיך עפּעס ווערעמדיקס, ווי מע זאָגט וועגן אים אין דער קיך.

די גאַנצע מישפּאָכע לעווינס: מיכאָעלס צווייטע ווײַב — פּענעקס מוטער, די קינדער, איבערהויפּט שיינדל די גרויסע, איז געשילדערט סאַטיריש. איר הויפּט-שטריך איז צוויִעס, אָבער די פּילצאָליקע פאָרשטייער פון איר זעען אויס גאָרניט איינטאָניק, פאַרקערט, זיי זײַנען אָנגעמאָלט — בונטפאַרביק. באַזונדערס טיילט זיך אויס די פיגור פונעם באַלעבאָס, פון מיכאָעל לעווין. בערגעלסאָן האָט געפונען א זייער איבערצײַגנדיקן קינסטלערישן גאַנג, קעדיי צו אַנטפּלעקן לעווינס סאָציִאַלן מעהוס — פּענעקס קינדערשן אינסטינקט.

מיכאָעל לעווינס גוירל, א דראַמאַטישער גוירל, באַקומט אינעם ראָמאַן א סימבאָלישן באַטײַט, זײַן טויט סימבאָליזירט דעם אומפאַרמײַדלעכן אונטערגאַנג פון זײַן גאַנצן קלאַס. און כאָטש בערגעלסאָן רופט צו אים פערזענלעך אַרויס א געוויסן מיטלײַד, איז ער צו זײַן געשטאַלט אומבאַראַכמאָנעסדיק. מיט איין דעטאַל נעמט ער אַראָפּ פון אים דעם אָרעאָל: זײַן קרענק איז אַן אוראָלאָגישע און באַשריבן איז זי מיט ווייניק אָנגענעמע פּראָטים: „אין הויז" האָבן אָנגעהויבן זיך צו הערן נײַע ווערטער — אורין, קאַטעטער, אָפּצאַפּן. זיי האָבן מעוואַיִעש געוועזן דאָס „הויז", באַליידיקט, ווי זנוס-ווערטער, ווי ניבלפּע. מער פון אַלעמען האָבן זיי מעוואַיִעש געוועזן און באַליידיקט דעם פאָטער אַליין. ער, דער גוויר, מיכאָעל לעווין, — דאַפקע ער מוז שטאַרבן פון א קרענק, וואָס איז פאַרבונדן מיטן סאַמע שענדלעכסטן צווישן די גלידער.

ניט איין מאָל האָט מען אין אונדזער קריטיק פאַרגלײַכט די שילדערונג פון געדאַליע הורוויצעס טויט אין „נאָך אַלעמען" און מיכאָעל לעווינס טויט און אָנגעוויזן ווי סאָציִאַל-שאַרפזיכטיקער איז געוואָרן בערגעלסאָנס קינסטלערישער מעטאָד. דער ראָמאַן „באַם דניעפּער" וואַקסט אויס אין א גרויסער סאָציִאַלער עפּאָפּיי, וווּ ס'איז באַשײַמפּערלעך באַוויזן, ווי די אייגנטימלעכע געזעלשאַפט איז שאַרף צעצווייט, צעטיילט אויף קלאַסן. בערגעלסאָן האָט אַרויסגעפירט זײַן העלד פון די ענגע ראַמען פונעם „הויז" און אים אַוועקגעשיקט אין פאָרשטעטל, אין די פאַרוואָרפענע געסלעך, וווּ ער שטויסט זיך צונויף מיט א גאָר אַן אַנדער וועלט. דער אויפן פון שילדערן איז געבליבן דער זעלבער — די וועלט פון די אָרעמעלײַט איז אויך באַשריבן דורך פּענעקס קינדערשן אויפנעם. ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז מיטן קינדס מויל רעדט דער עמעס, אַזאַ אויפן איז אומיטלבאַר און הויך קינסטלעריש. אינעם ראָמאַן איז, אַזויאַרום, געשאַפן א ברייטע פּאַנאָראַמע פונעם שוידערלעכן לעבן פון די אַרבעטנדיקע, וועמענס מי האָט באַזאָרגט דעם וווילשטאַנד פון לעווינס מישפּאָכע. אַזאַ צוגאַנג צו דער קלאַסן-פּראָבלעם איז נאָך ניט געווען אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

דער שרײַבער האָט געווענדט זײַן אויפמערקזאַמקײַט ניט נאָר אויפן שרעקלעכן דאַלעס, וואָס הערשט אין די הינטערגעסלעך, נאָר אויך אויף דער אומופהערלעכער מי פון זייערע אײַנוווינער, די באַלמעלאָכעס. מיט גיריקע אויגן קוקט פּענעק אויף זייער אָרעמקײַט און ווערט באַצויבערט פון זייער אַרבעט. בערגעלסאָן באַשרײַבט די דאָזיקע מי בעמעס באַגײַסטערנדיק און עפנט מיט דעם א נײַ בלעטל אין דער ייִדישער ליטעראַטור. די באַשרײַבונג קלינגט ווי א סימפאָניע פון מענטשלעכער מי, און פּענעק, דאָס גווירישע יינגל, איז פאַרכאַפּט מיט איר.

אַזוי איז אינעם ערשטן באַנד שוין אָנגעמערקט פּענעקס פאָרשטייענדיקער קומען צו דעם פאָלק, צו די אַרבעטנדיקע.

אַגעוו, ס'איז וווּנדערלעך, ווי בערגעלסאָן האָט געקענט פאַרשיידנאַרטיקן די פּאָרטרעטן פון די באַלמעלאָכעס, שאַפנדיק א גאַנצע גאַלעריי פון זיי: ייִסראָעל-הערש — דער בעסטער סטאָליער אין שטעטל, ראַכמיִעל דער שוסטער — א פּיקוער, א שאַרפער ווערטלזאָגער און א גרויסער אָרעמאַן, אַלטער מייטיס א. אַנד. איינס נאָכן אַנדערן גייען דורך פאַר דעם לייענער טראַגישע גוירלעס פון די האָרעפּאַשניקעס, וועגן וועלכע עס ווערט דערציילט אָט פאַרבײַגייענדיק, אָט פּראָטימדיק.

וואָס מער פּענעק דערקענט די אומגליקלעכע גויראָלעס פון די בײַווינער פון די הינטערגעסלעך, אַלץ מער דערשטוינטע פראַגן שטייען אויף אין זײַן באַוווּסטזײַן. ניט אין כיידער, נאָר דאָרט, צווישן די באַוווּלטע און אונטערדריקטע, עלנט פאַרוואָרפענע, זײַנען דורכגעגאַנגען זײַנע לעבנס-יאָרן, דאָרט איז ער אויסגעוואַקסן, דערזען די ערשטע סימאָנים פון סאָציאַלער מערידע, ניט קיין אָפענע, ניט קיין מאַסעווע, נאָר טיפּיש פּראָווינציעלע, שטעטלדיקע (די האַנדלונג קומט דאָך פאָר אין א פאַרוואָרפן שטעטל ניט ווײַט פונעם דניעפּער). צום סאָף פונעם ערשטן באַנד איז ער ערעוו באַרמיצווע, ד.ה. לויטן ייִדישן רעליגיעזן מינהעג, ערעוו דער פּוליאַריקײַט. אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט א גאַנצער פּעריאָד פונעם לעבן. נאָכאַמאָל רעכנט בערגעלסאָן איבער די לעגענדאַריע ביבל-אָוועס — אַדאָם, שויס, ענויש, וואָס גיט צו דעם באַנד א האַרמאָנישע פאַרפולקומונג, און דער פּיל-פונקט ווײַזט אָן אף א העמשעך.

דער ערשטער באַנד פון „באַם דניעפּער" מיט זײַן קאָנטראַסט פונעם „ווײַסן הויז" און די הינטערגעסלעך איז דורכגעדרונגען מיט אַן אינערלעכער איבערצײַגונג, אַז די וועלט איז אויפגעבויט אומזיניק, און מע דאַרף זי איבעראַנדערשן. האַגאַם אינעם בוך ווערט דערציילט וועגן א סאַך טרויעריקס און טראַגישס, הערשט אין אים א דערהויבענע אַטמאָספער, אַן אַטמאָספער פון יאָמטעוודיקײַט. וואָס עס זאָל זיך ניט טרעפן, לאָזט דער הויפּט-העלד ניט אַראָפּ די נאָז, פאַרלירט ניט דעם ביטאָכן. דאָס לעבן האָט אים לאַכלוטן ניט געבאַלעוועט, ניט זעלטן איז אים געווען ביטער, נאָר פּענעק טרייסט זיך מיט דעם, וואָס דאָס לעבן פון די האָרעפּאַשניקעס איז נאָך ביטערער, דער דאָזיקער מיטלײַד האָט אים געצוווּנגען צו זיי זיך אָנשליסן, און ער דערפילט זיך אָפט יאַדאַכעס מיט זיי. אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין האָט ער — „דאָס פאַרדאָסטע נאָגידל" — גענומען קוקן אף אַלץ, וואָס רינגלט אים אַרום, מיט די אויגן פון די באַלמעלאָכעס.

אָט די צוויי קוק-פונקטן — פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אין דער הייך — האָבן צוגעגעבן דעם ערשטן באַנד עפּישע ברייטקײַט און פולקײַט. אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז נאָך ניט געווען אַזאַ ווערק, ווו ס'זאָל אַזוי פילזײַטיק זײַן געשילדערט דער שטייגער, די זיטן און דער סאָציאַלער סייַדער פונעם ביזרעוואָליוציאָנערן שטעטל. דאָוויד בערגעלסאָן האָט אומצערײַסבאַר פאַרבונדן דאָס פּריוואַטע לעבן פון די מענטשן, זייער שטייגער מיטן היסטאָרישן גויראָל פונעם גאַנצן פאָלק, מיט זײַנע האָפענונגען און דערוואַרטונגען. דער גאַנצער באַנד איז דורכגעדרונגען מיט פאַרגעפילן פון אומפאַרמײַדלעכע שינוים.

2

זײַענדיק א העמשעך פונעם ערשטן באַנד, איז דער צווייטער באַנד פון „באַם דניעפּער" אייגנאַרטיק סײַ לויט דער פּראָבלעמאַטיק, סײַ לויט דער סטרוקטור. דער מאַסשטאַב זײַנער איז אַן אַנדערער. די האַנדלונג ווערט אַריבערגעטראָגן אין א גרויסער גובערניע-שטאָט, וועלכע ליגט אפן רעכטן ברעג פונעם דניעפּער, ס'איז אַן אוקראַיִנישע שטאָט מיט א גרויסער מאַסע ייִדישער באַפעלקערונג. דער נאָמען פון דער שטאָט איז ניט אָנגערופן, נאָר מע קאָן אָן סאָפעק האַלטן, אַז ס'איז געמיינט קיִעוו, ווו דאָוויד בערגעלסאָן האָט א סאַך יאָרן געלעבט און וועלכן ער האָט שטאַרק ליב באַקומען. אין דער שילדערונג פון דער שטאָט איז אָנגעווענדט דער זעלבער פּרינציפּ, וואָס אין ערשטן באַנד, — די שטאָט איז צעטיילט אף צוויי טיילן: דער אייבערשטער — „מיט בענק, באַנקיר-הײַזער, מיט רײַכע האָטעלן, מאַגנאַטישע קאָנטאָרן און פאַרפּוצטע געשעפטן" — און דער נידעריקער, גרעקאָוועקע — מיט „ברוקירטע און ניט-ברוקירטע גאַסן און געסלעך באַם זאַמדיקן דניעפּער". דער אויסערלעכער קאָנטראַסט פון די שטאָט-גאַסן ווערט דערגאַנצט מיט אַן אינערלעכן, סאָציאַלן קלאַסן-קאָנטראַסט. פּענעק איז דאָ אויך דער פאַרבינדונגס-רינג צווישן די צוויי שטאָט-קוואַרטאַלן, צווישן די צוויי וועלטן. דער אווטאָר האָט פאַרהיט דאָס זעלבע קאָמפּאָזיציאָנעל מיטל, ווי אינעם ערשטן באַנד. אָבער דער נײַער לעבנס-מאַטעריאַל, די נײַע אידייִשע אויפגאַבן, וועלכע ער האָט געשטעלט פאַר זיך, האָבן געפאָדערט אויך נײַע סטרוקטור-לייזונגען. אינעם ערשטן באַנד איז קימאַט אַלץ געשילדערט מיט פּענעקס אויגן, דורך פּענעקס אופנעם, נאָר אינעם צווייטן באַנד דאָמינירט דער דערציילונגס-פּרינציפּ „פונעם אווטאָר". צײַטנווײַז — גאַנץ זעלטן — הערן זיך דאָ אָפּהילכן פון דער פריִערדיקער סטרוקטור, ווען דעם מעכאַבערס רייד גיסן זיך צונויף מיט די רייד פונעם העלד. דער ראָמאַן האָט פאַרלאָרן איבער דעם א געוויסן כיילעק פון אומיטלבאַרקײַט, אָבער באַקומען מער אָביעקטיווקײַט.

ווי ס'איז שוין געזאָגט, איז פּענעק אין צווייטן באַנד געוואָרן עלטער אף פינף-זעקס

יאָר, געוואָרן רײַפער, ער קלײַבט שוין אויס זײַן וועג אין לעבן. אין אים האָבן זיך אופגעוועקט שרײַבערישע פעיִקײַטן, אָבער ער איז נאָך ניט זיכער אין זײַן בארוף, פּרוּווט אים אויס, זוכט. די זוכונגען זײַנע זײַנען געוואָרן מער גײַסטיקע.

אין מעשעך פונעם גאנצן ראָמאן צווינגט בערגעלסאָן פעניקן זוכן דעם טאמציס פונעם געזעלשאפטלעכן מעכאניזם, שטויסט אים צונויף מיט די גרונט-קלאסן פון דער געזעלשאפט, מיט פאַרשטייער פון פארשיידענע סאָציאלע שיכטן און גרופּעס, פון פארשיידענע אידעאָלאָגישע ריכטונגען.

אינעם צווייטן באנד פון „באם דניעפער" איז אָנגעמאָלט א ברייט בילד פונעם לעבן אין רוסלאנד אין אָנהייב פונעם 20-טן יה. אין דער יִדישער ליטעראטור איז נאָך ניט געווען אזא מאסשטאב-ווערק, וואָס זאָל אָפּשפיגלען די גויראָלעס פונעם גאנצן לאנד. פעניק איז איבערהויפּט אין א יִדישער סוויווע, אָבער אין דער אָרביטע פון דער דערציילונג ווערן ארײַנגעצויגן אויך רוסן, אוקראַינער, פאַרשטייער פון אנדערע פעלקער, וועלכע באוווינען רוסלאנד. האגאם א גרויסע ראָליע אין דער פּראָבלעמאטיק און אינעם סוזשעט שפּילט די נאציאָנאלע פראגע, ביפראט די פראגע פונעם גוירל פון דעם יִדישן פאָלק, באקומט די דאָזיקע פראגע א כאראקטער פון א פויעל-יויצע. צו אלע לעבנס-דערשײַנונגען ווענדט איצט בערגעלסאָן אָן א קלאָרן סאָציאלן קלאסן-צוגאנג. אין דעם פּראט מאכט ער ניט קיין שום האַכנעס. דער ראָמאן אינגאנצן גענומען און באזונדערס דער צווייטער באנד דעמאָנסטרירט די אידייִשע רײַפקײַט פונעם שרײַבער, וועלכער האָט געפונען דעם שליסל צום קאָמפּליצירטן, ווידערשפּרעכלעכן מעכאניזם. אין פעניקס גײַסטיקע זוכענישן איז ניט שווער צו דערקענען די זוכענישן פון זײַן מעכאבער, פון דאָוויד בערגעלסאָנען, זיי האָבן באקומען אינעם ראָמאן אן אייגנארטיקע קינסטלערישע אנטפּלעקונג.

אין דער סטרוקטור פונעם צווייטן באנד שפּילט דאָס עלטערן-הויז ניט אזא סוזשעטיש-שאפנדיקע ראָליע, ווי עס האָט געשפּילט אינעם ערשטן באנד. דאָרט איז דאָס „ווײַסע הויז" און די הינטערגעסלעך — צוויי קאָנטראפּונקטן, וועלכע שטייען איינס קעגן צווייטן און דערגאנצן איינס דעם אנדערן. דאָס הויז אף סאדאָווע איז אף דער זײַט פונעם לעבן, אף דער זײַט פונעם סוזשעט. פעניק האלט, אז וועגן אים איז ניטאָ וואָס צו שרײַבן, עס באגײַסטערט ניט, פון אים „האָט געצויגן מיט רויִקער קילקײַט", זײַנע באלעבאטים האָבן נאָך געפּרוּווט פארהיטן דעם אויסזען פון דער געוועזענער גרויסקײַט, אָבער נאָך מיכאָעלס טויט האָבן זיך די געשעפטן פונעם הויז גענומען וואקלען.

אין אויבנאָן פון די פארמעגלעכע קלאסן האָט בערגעלסאָן ארויסגערוקט אנדערע פיגורן, וועלכע זײַנען געשילדערט אמאָל איראָניש, אמאָל גראָטעסקיש. דער טיפּאזש איז דאַ א גרויסער און פילארטיקער — פון קליינע באלעבעסלעך, ווי דער בינדיוזשניק שלוימע פולקע, וועלכער איזדיעקעוועט זיך איבער זײַנע שמײַסער, ביז דעם גרויסן מאגנאט סאול נאטאנאָוויטש שאוועל. דאָס איז די יִדישע בורזשואזיע, און אינעם ראָמאן איז באוויזן איר קלאסן-פּאָנעם, איר קלאסן-אופירונג, זי עקספּלואטירט סײַ די יִדישע, סײַ אנדערע ארבעטנדיקע. צוליב די קלאסן-אינטערעסן האָט זי זיך אָנגעשלאָסן אין דער צארישער מאכט, דערזען אין איר אן אָנשפּאר און געזוכט בא איר שוץ. אינעם ראָמאן איז אופגעדעקט דער עמעסער פארצעף פון דער יִדישער בורזשואזיע, ווי זי לעקט זיך אונטער בא די צארישע מאכטהאָבער.

אוועקשטעלנדיק אין צענטער פונעם ראָמאן דעם גוירל פון דעם יִדישן פאָלק אין רוסלאנד, האָט בערגעלסאָן אים פארבונדן מיט די היסטאָרישע גויראָלעס פון גאנצן לאנד. די האנדלונג אינעם ראָמאן ווערט פאנאנדערגעוויקלט אף א ברייטן פּאָן. צו דער אוקראַינישער גובערניע-שטאָט דערגייען אָפּהילכן פון די רעוואָליוציאָנערע געשעענישן, וועלכע קומען פאָר אין פארשיידענע געגנטן — פון קאווקאז ביז פעטערבורג, פון מינסק ביז וולאדיוואָסטאָק. אומעטום אנטפּלעקט זיך אומצופרידנקײַט, עס פלאמען אוף פויערשע בונטן, שטרײַקן אף די זאוואָדן און פאבריקן, עס ברעכן אויס סטודענטישע אומאָרדענונגען. דער ראָמאן גיט צו הערן, אז גאנץ רוסלאנד רוישט, אז דער צארישער טראָן וואקלט זיך.

די נאָוואטאָרישקײַט פון „באם דניעפער" באשטייט קוידעמקאָל אין דעם, וואָס אינעם ראָמאן איז געגעבן א ברייט און בוילעט בילד פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אין רוסלאנד אין אָנהייב פונעם 20-טן יה. גרײַלעך איבער דעם וואקסט דער ראָמאן איבער אין א הערָאישער עפּאָפּיי. די כראָנאָלאָגישע דאטעס פונעם צווייטן באנד זײַנען פּינקטלעך באצייכנט: פונעם ארויסגאנג פון דער צײַטונג „איסקרא" ביזן צווייטן צוזאמענפאָר פון רסדאפּ. שוין די באצייכענונג פון די דאָזיקע היסטאָרישע געשעענישן זײַנען ביז גאָר באשײַמפערלעך — פון איצט אָן באשטימט דער גוירל פונעם לאנד דער קאמף פון דעם רע-

וואָליוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון רסדאפּ, אף וועלכן ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער היסטאָרישער ציל פונעם רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט — אראָפּוואַרפן דעם צאַריזם און אײַנשטעלן די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור — באַצייכנט א קוואַליטאַטיוו נײַע טקופע אין דער אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד, סימבאָליזירט דעם ערעוו פון א רעוואָליוציע. די דאָזיקע רעוואָליוציע, וועלכע איז באַרופן צו צעשמעטערן דעם אַנטי-פאָלקישן צאַרישן רעזשים, איז שוין אַפן טאָג-אָרדענונג. וועגן איר רעדט מען אומעטום, מע גרייט זי שוין, און איר איקערדיקער קויער זיינען די אַמערסטן קאָנסעקווענטע העלדן — די איסקראַוועס.

אין וואָרהאַפטיקע געשטאַלטן און סיטואַציעס האָט דאַוויד בערגעלסאָן געשטרעבט צו באַווײַזן דעם צעוואַקסענעם „מעכאַניזם פון דער רעוואָליוציע" — דעם אינערלעכן און אויסערלעכן. ניט אַלץ האָט זיך אים אײַנגעגעבן, ניט זעלטן זעען מיר אין צווייטן באַנד פּובליציסטישע באַשרײַבונגען, די דערציילונג ווערט דעמלט בלייכער, פאַרלירט די אָנשטרענגונג און די עמאָציאָנעלע אָנגעזאָטיקטקײַט. ברענגענדיק די אָדער יענע דאָקומענטן, ווי, לאָמיר זאָגן, פּלעכאַנאָוס טעזיסן וועגן דער הײַנטצײַטיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט מיט לענינס באַמערקונגען, האָט דער שרײַבער געוואָלט צוגעבן דעם ראָמאַן א פאַקטישע איבערצײַגטקײַט — די דאָקומענטן וועלן אַליין ריידן, אָבער ער האָט פאַרגעסן, אז ער שרײַבט ניט א היסטאָריאָגראַפישן מײַמער, נאָר א קינסטלערישן ראָמאַן. צום גליק, זײַנען אַזעלכע בלויזן ווייניק. די ווירקזאַמקײַט פון „באַם דניעפּער" איז אָנשוילעך ניט דעמלט, ווען ער ווערט אילויסטרירט מיט פאַקטן און דאָקומענטן אָדער ווען עס ווערן געפירט פּאָליטישע דיסקוסיעס, נאָר אין דער עמאָציאָנעלער אויסדריקלעכער דערציילונג, אין דער לעבעדיקײַט פון די קינסטלערישע געשטאַלטן.

אינעם ראָמאַן איז פאַרקערפּערט דער גאַנצער ספּעקטער פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד אף דער גרענעץ פון צוויי יאָרהונדערטער. עס לעבן און האַנדלען נאָך די פאָלקיסטן, וועלכע האָבן מיט א שמייכל געקוקט אף זייער שוין דורכגעגאַנגענעם אָוואַר, ווי אף יוגנט-זינד.

אף דער ארענע פון דער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג זײַנען ארויס נײַע קויכעס. אינעם ראָמאַן זײַנען עס די סאָציאַל-דעמאָקראַטן, מאַרקסיסטן, עקאָנאָמיסטן, עסערן, זובאַטאָוועס, אין דער ייִדישער סוויווע — בונדאָוועס, ציִעניסטן פון פאַרשיידענע שאַטירונגען און גרופּקעלעך. אַלע זײַנען פאָרגעשטעלט מיט פּערסאָנאַזשן, וועלכע פאַרגעדענקען זיך. בערגעלסאָנס קונסט פון פאָרטרעטירונג איז, דאַכט זיך, אומויסשעפּבאַר.

מיט גרויסער סימפּאַטיע און מיט אָפענער ליבע זײַנען געשילדערט די „איסקראַוועס", די אָנהענגער פון לענינס ליניע אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג. זיי זײַנען קאָנסעקווענטע רעוואָליוציאָנערן, וועלכע דריקן אויס די עכטע פאָלקס-אינטערעסן. אינעם ראָמאַן ווערט לענין אָפט דערמאָנט, מיט אים שרײַבט מען זיך איבער, צו אים פאָרט מען נאָך אָנווײַזונגען, זײַנע אידייען — פון די ביכלעך, ארטיקלען — כאַפּט מען אונטער און ווערן פאַרשפּרייט. דער אויפן פון זײַן לעבן רופט ארויס אַנציקונג. „וווּנדערלעך, — זאָגט איינער, וועלכער האָט זיך באַגעגנט מיט לענינען, — אין סיביר, בייס ער איז דאָרט געוועזן פאַרשיקט, האָט ער געלערנט פויערים שפּילן אין שאָך, געגעבן אומזיסטיקע בוכהאַלטעריע-לימודים דעם דאָרפישן קרעמער, בא וועמען ער פלעגט קויפן פּאַפּיר, און אין דער זעלבער צײַט האָט ער געשריבן «Развитие капитализма в России». פּאַשעטקײַט און גרויסקײַט".

פּאַשעטקײַט און גרויסקײַט — די דאָזיקע שטריכן זײַנען אייגנטימלעך פאַר אַלע „איסקראַוועס". דאָס זײַנען ריטער פון דער רעוואָליוציע, וועלכע זײַנען מיט לײַב און לעבן איבערגעגעבן די פאָלקס-אינטערעסן.

3

„באַם דניעפּער" איז א נײַער ייִדישער נאַציאָנאַלער עפּאָס. ד. בערגעלסאָן גייט ארויס פון דעם, אז די באַפרײַונג פון דעם אונטערדריקטן ייִדישן פאָלק וועט דערגרייכט ווערן בלויז דעמלט, ווען עס וועט אראָפּגעוואָרפן ווערן דער צאַריזם. דער עצעם קערןפונקט, די כוט-האַשעדרע, וואָס אָרגאַניזירט דעם צווייטן באַנד פונעם ראָמאַן, איז דער בלוט-בילבל אף ייִדן, וועלכער האָט געבראַכט צו א פּאָגראָם. בערגעלסאָן האָט היסטאָריש ריכטיק אופגעדעקט די מעכאַניק פון דער שוואַרצמייעדיקער אַקציע.

דער ראַנד פונעם 10-טן און 20-טן יה. איז אין רוסלאַנד באַצייכנט מיט אַן אופשטײַג פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. מיט אַלע זײַנע קויכעס האָט דער צאַריזם זיך באַמיט, ווי וו. אי. לענין האָט געשריבן, „אָנריכטן דעם האַס פונעם ארבעטס-מענטש ניט אף דער אַזיאַטישער רעגירונג, נאָר אף

די פרעמדשטאמיקע"[1]. אין אן אנדער אָרט האָט וו. אי. לענין אומיטלבאר פארבונדן די ייִדישע פאָגראָמען אין רוסלאנד ערעוו און אין דער צײַט פון דער רעוואָליוציע פון 1905 מיט דעם, אז די רעגירונג האָט געוואָלט דערשטיקן דעם רעוואָליוציאָנערן געדאנק און די פראָלעטארישע באוועגונג.

דאָוויד בערגעלסאָן דעקט אויף אינעם ראָמאן די קיך פון דער צארישער רעאקציאָנערער פאָליטיק. ער באווײַזט זי קינסטלעריש מיט די אויגן פון א פאָשעטן רעפאָרטיאָר פון א רוסישער ליבעראלער צײַטונג מאט-מאגידאָוויטש. דאָס דאָזיקע געשטאלט דארף צוגערעכנט ווערן צו די געלונגנסטע אין „באם דניעפער". מאט-מאגידאָוויטש איז אינגאנצן אליין די אומיטלבארקײַט. א באגאבטער מענטש, האָט ער דאָך ניט געקאָנט באווײַזן זײַנע פעיקײַטן, זיי זײַנען געבליבן בא אים ניט רעאליזירטע, און מע האָט אים געהאלטן פאר א לוי-יוצלעך. אָבער ער איז געווען זייער אן ערלעכער, א געוויסנהאפטער, קיינמאָל ניט געגאנגען אף א פשאָרע מיטן געוויסן. א פאָליגלאָט, א ליבהאָבער פון מאטעמאטיק און א פאָלקלאָר-זאמלער, א ייִדישער מאָשל-שרײַבער אין קרילאָווס מאניר, איז ער אָבער געווען שטארק עלנט, אָן אָרעמאן און געלעבט צווישן אזעלכע זשע אָרעמלײַט. א פאָשעטער כײַוועקײַעם, האָט ער פון אלע פאָליטישע פארטייען סימפאטיזירט די איסקראָוצעס, געזען אין זיי מענטשן, וועלכע זײַנען ענלעך צו אים אליין, מענטשן ערלעכע און אומייגנוציקע. „איסקראָווצעס, — האָט ער געהאלטן, — זײַנען הייסע כעווערלײַט, און אליין האָט ער ליב, אז מע איז א גרויסער אזעספאָנעם אנטקעגן דער וועלט". און ניט צופעליק האָט בערגעלסאָן ארופגעלייגט אף אים די לאסט צו אופדעקן דעם שווארצמייעדיקן בלוט-בילבל.

מאט-מאגידאָוויטש איז געווען צווישן יענע, וועלכע האָבן פארשטאנען, אז דאָס פאָלק איז א גרויסער קייעך, און אָט דער קייעך וועט אײַנגיכן זיך לאָזן שטורמעווען די זעלבסטהערשאפט, גיין אין שלאכט פאר א געזעלשאפט, ווו עס וועט ניט זײַן קיין סאָציאלע און נאציאָנאלע אונטערדריקונג. בערגעלסאָן האָט ענג פארבונדן די צוויי אופגאבן פון דער פאָרשטייענדיקער רעוואָליוציע.

ביז א געוויסער צײַט האָט פענעק ניט געפילט זײַן נאציאָנאלע אָנגעהעריקײַט. אויסגעוואקסן אין א ייִדיש שטעטל, ער האָט געוווסט בלויז וועגן סאָציאלע באגרענעצונגען. אין דער גובערניע-שטאָט האָט ער אָבער גענומען זיך צוהערן צו די אידעאָלאָגישע שטרײַטן, וועלכע ס'האָבן געפירט פארשיידענע פארטייען ארום די אָדער יענע געזעלשאפטלעכע פראָבלעמען, בעסוירכעם אויך דער נאציאָנאלער. ארײַנברענגענדיק אין ראָמאן אידעאָלאָגישע שטרײַטן, אנטפלעקט בערגעלסאָן די שטעלונגען פון פארשיידענע צדאָדים.

די ערעוו-פאָגראָם-אטמאָספער, וואָס ווערט אלץ אָנגעגליטער, האָט געצוווּנגען פארשיידענע פאָליטישע פארטייען און קלאסן אָפן צו דערקלערן זייערע פאָזיציעס. אינעם ראָמאן איז באוויזן, וויאזוי די ייִדישע בורזשואזיע איז געוואָרן יאדאכעס מיט דער צארישער רעגירונג. די ייִדישע מאגנאטן בעראָש מיט סאָול נאטאנאָוויטש שאוועלן האָבן פארפאקט זייערע טשעמאָדאנעס און זײַנען ביגנייווע געלאָפן פון דער שטאָט, מאכנדיק בלויז אן אָנשטעל, אז זיי נעמען עפעס אָן אף ניט צו דערלאָזן די שכיטע. אינדערעמעסן האָבן זיי פשאָרע געמאכט מיט דער מאכט. די סצענע, וויאזוי דער גובערנאטאָר נעמט אוף די ייִדישע דעפוטאציע, איז אין דעם פראט זייער כאראקטעריסטיש. ס'איז א מײַסטעריש-גראָטעסקישע סצענע, וואָס באווײַזט איבערצײַגעוודיק דעם טאָך פונעם צאריזם און זײַן שאָוויניסטישער פאָליטיק.

באטראכטנדיק דעם געריכט איבער מ. ביילִיסן, האָט וו. אי. לענין געשריבן: „קיין שום שפור פון געזעצלעכקײַט איז אין רוסלאנד ניטאָ, אלץ איז דערלויבט פאר דער אדמיניסטראציע און פאר דער פאָליציי צוליב דער אומבאגרענעצטער העצע קעגן די ייִדן — אלץ איז דערלויבט ביז צודעקן און פארבאָרגן די פארברעכונג, גרײַלעך אזא איז דער סאכאקל פון ביילִיסעס פראָצעס"[1]. אן ענלעכע סיטואציע האָט באוויזן בערגעלסאָן אין „באם דניעפער". לעכאטכילע — אינסינואציעס, צעבלאָזן די פײַנטשאפט צו די ייִדן, ארויסרופן פאָגראָם-שטימונגען, און אלץ, כדי צו ריכטן די אומצופרידנקײַט פונעם פאָלק אין פלוס פון שאָוויניזם. די דאָזיקע פאָליטיק דעמאסקירן אין ראָמאן נאָר די „איסקראָווצעס". בלויז זיי האָבן אנטבלויזט די וואָרצלען פון דער דאָזיקער פאָליטיק. בערגעלסאָן איז גאָר ניט גראָדליניק אין דער שילדערונג פון די ייִדן-איסקראָווצעס. די פארשפרייטונג פון די פאָגראָם-שטימונגען האָט געווירקט אויך אף זיי, פסיכאָלאָגיש געווירקט. זיי זײַנען געווען איבערצײַגטע אינטערנאציאָנאליסטן, ניט געטראכט וועגן זייער נאציאָנאלער אָנגעהעריקײַט, פאר זיי האָט זי ניט

---

[1] В. И. Ленин, полн. собр. соч., т. 5, стр. 77-78.

[1] В. И. Ленин, полн. собр. соч. т. 25, стр. 64.

געהאַט קיין באַשליסנדיקע באַדײַטונג. אָבער איצט האָבן זיי זיך דערפילט א ביסל אײַנגעקלעמטע. זייער טאַקטיש איז די דאָזיקע פּסיכאָלאָגיע באַוויזן אויפן בײַשפּיל פון אָלגע כייסמאַן. זי איז געווען דערצויגן אין אַן אַפּיקאָרסישער מישפּאָכע, אין גײַסט פון ליבע צו אַלע מענטשן. אָבער איצט, דערזעענדיק אויף די גאַסן דעם אויפגערעגטן האַמוין פון ייִדן, „האָט זי אײַנעם קלעם פון די דערשטוינטע פאַרשטויסענע רעדלעך אויף ייִדישע גאַסן דערפילט אויך אירן א שטיקל כיילעק און זיך אויף א רעגע פאַרלוירן, ווי ניט וויסנדיק, וואָס זאָל זי טאָן מיטן דאָזיקן שטיקל כיילעק אירן אין אָט דעם קלעם". אָלגע האָט גאַנץ גיך גריוווער געוועזן די פאַרלוירנקײַט און זיך דערמאָנט, אַז איר כוויוו איז דערקלערן די אַרבעטנדיקע — סײַ ייִדישע, סײַ רוסישע — דעם טאַמציס פון דער פּאָגראָמצוגרייטונג.

אָבער אינעם ראָמאַן קלינגען אויך מאָטיוון — טראַגישע. פּענעק האָט לעכאַטכילע ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס עס קומט פאָר, — אומעטום הערט מען רייד וועגן א פּאָגראָם. פאַרוואָס? ער שטעלט פאַר זיך די פראַגע: ווער און צוליב וואָס דאַרף עס האָבן? און אין די דאָזיקע שווערע טעג באַגעגנט ער זיך מיט קלימען דעם באָלשעוויק. צווישן זיי פאַרפירט זיך א געשפּרעך אויף דער לעבנסצאַפּלדיקער טעמע. דערזעענדיק אין „איסקראַ", וואָס איז געלעגן אויפן טיש, אַן אַרטיקל: «Нужна ли самостоятельная политическая партия еврейскому пролетариату?», איז ער געוואָרן אויפגערודערט און אויפן דערקלערט דעם מיטשפּרעכער: „די מײַסע, וואָס אין לייענען קומט אויס צו באַגעגענען זיך מיטן וואָרט „זשיד", אַמאָל טוט דערפון שטאַרק וויי... באַזונדערס, ווען דו באַגעגנסט עס בא מענטשן, וואָס זײַנען בא דיר אָפּאַנעמעסן כאָשעוו, נו, איז פונדאַנען, מיסטאַמע, נעמט זיך עס, אַז איך דערזע ערגעץ דאָס וואָרט „יעווריי", קומט מיר שוין אויס, ווי מע וואָלט מיך טאָן א גלעט..."

נאָך מער האָט זיך פּענעק פאַרוווּנדערט, ווען ער האָט דערהערט קלימס באַמערקונג: „יאָ, ייִדן האָבן ניט ווייניק אויסצושטיין". פּענעק האָט נאָך ניט געקענט אײַנשטימען מיט קלימען, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז א דערשײַנונג א סאָציאַלע, אָבער ער איז געווען באַגײַסטערט, ווען ער האָט איבערגעלייענט אין א פלוגבלעטל: „קאָנסטאַטירנדיק, אַז די זעלבסטהערשאַפט זאָגט אָפּ ייִדן אין זייערע סאַמע עלעמענטאַרע רעכט, לאַדט אײַן דער קאָמיטעט אַלע בירגער אויסצודריקן זייער פּראָטעסט קעגן דעם רעגירונגסאַנטיסעמיטיזם אין דער מײַ-דעמאָנסטראַציע". ביז דעם האָט פּענעק געמיינט, אַז קיינעם אינטערעסירט ניט דער גוירל פון די ייִדן. ווײַזט זיך אַרויס, אַז ס'זײַנען פאַראַן מענטשן, וועלכע טרעטן אַרויס קעגן דער גאַנצער פּאָליטיק פונעם צאַריזם, בעסויכעם קעגן די רעדיפעס אויף ייִדן. צום האַרצן איז אים געווען די רעדע פון א פּאָשעטן אַרבעטער, וועלכער האָט געזאָגט די דערשראָקענע ייִדן: „ייִדישע פּאָגראָמען דאַרף די בורזשואַזיע, ניט די אַרבעטער... מע ראַבעוועט און מע קוילעט ניט נאָר די ייִדן, אַלע פעלקער מוזן זיך אויפהייבן און קעמפן מיטן צאַריזם".

אַזוי האָט בערגעלסאָן געבראַכט פּענעקן צום באַוווּסטזײַן, אַז בלויז די סאָציאַלע באַפרײַונג פון אַלע פעלקער קאָן ברענגען די ייִדן נאַציאָנאַלע גלײַכבאַרעכטיקונג. שפּאַנענדיק אינעם פינאַל פונעם צווייטן באַנד מיט אַנדערע יונגע אַרעסטירטע, איז פּענעק אין געדאַנק געוואָרן אייניק מיט די דעמאָנסטראַנטן, וועלכע האָבן געזונגען א קאַמפּסליד. דאָס איז געווען פאַר אים א געפיל פון ברידערלעכער סאָלידאַרישקײַט, א געפיל פון אינטערנאַציאָנאַליזם.

די קינסטלערישע לאָגיק פון „באַם דניעפּער" האָט געפירט צום געדאַנק, אַז דער גוירל פונעם ייִדישן פאָלק אין רוסלאַנד איז אומצערײַסבאַר פון די היסטאָרישע גוירלעס פונעם גאַנצן לאַנד. דאָס, וואָס בערגעלסאָן האָט א באַזונדער אויפמערקזאַמקײַט געווענדט אויף דער אונטערדריקטער לאַגע פונעם אייגענעם פאָלק, דערקלערט זיך ניט נאָר מיט דעם, וואָס ער איז געווען א שרײַבער א ייִדישער, נאָר אויך מיט אָביעקטיווע אומשטענדן. „קיין איין נאַציאָנאַליטעט פון רוסלאַנד, — האָט לענין געשריבן, — איז אַזוי ניט אונטערדריקט, אַזוי ניט פאַרפאָלגט, ווי די ייִדישע. דער אַנטיסעמיטיזם לאָזט אַלץ מער טיפערע וואָרצלען צווישן די פאַרמעגלעכע שיכטן. די ייִדישע אַרבעטער קרעכצן אונטער צווייי יאָכן: ווי אַרבעטער און ווי ייִדן"[1].

ס'איז קעדײַ צו דערמאָנען, אַז דעם צווייטן באַנד „באַם דניעפּער" האָט בערגעלסאָן געשאַפן אין די יאָרן, ווען דער היטלערישער פאַשיזם האָט שוין אין דײַטשלאַנד פאַרכאַפּט די מאַכט און פאַנאַנדערגעוויקלט נאָך א מער כײַישע אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע, איידער דער רוסלענדישער צאַריזם. דער ראָמאַן האָט אַזויאַרום באַקומען א ברייטן און אַקטועלן זין.

אין זײַן עפּאָפּיי האָט בערגעלסאָן ריכטיק אָפּגעשפּיגלט די וועזנטלעכע סאָציאַלע און

[1] В. И. Ленин, полн. собр. соч., т. 25, стр. 16-17.

פּאָליטישע פּראָצעסן, וועלכע זײַנען פֿאָרגעקומען אין רוסלאַנד אױפֿן ראַנד פֿונעם 19-טן און 20-טן יה. פֿאַרן שרײַבער איז שוין געווען קלאָר די פּערספּעקטיוו פֿון א רעוואָליוציע, וועלכע האָט געדאַרפֿט דערלייזן ווידערשפּרוכן, וועלכע האָבן צעריסן דאָס לאַנד. די עפּאָפּיי איז ניט פֿאַרענדיקט, זי האָט געדאַרפֿט דערפֿירט ווערן ביזן 1917, דה. ביז דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע, אָבער שוין אין די צוויי בענדער, וועלכע זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט, איז אָנגעמערקט די פּערספּעקטיוו — די נייטיקייט פֿון אומפֿאַרמײַדלעכע רעוואָליוציאָנערע איבערגעשטאַלטונגען אינעם לאַנד. דער ראָמאַן איז פֿול מיטן געפֿיל, אַז אַלע פּרוּוון פֿונעם צאַריזם צו פֿאַרהאַלטן דעם גאַנג פֿון דער געשיכטע זײַנען פֿאַרורטיילט. אין דעם באַשטייט דער הויפּט-פּאַטאָס פֿון די צוויי בענדער.

„באַם דניעפּער" איז בערגעלסאָנס לעצט גרויס ווערק. עס באַווײַזט אָנזיכטיק, ווי עס האָבן זיך פֿאַרפֿולקומט זײַנע אידייִשע און קינסטלערישע פּרינציפּן. אָנהייבנדיק פֿון סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישע דערציילונגען, איז בערגעלסאָן געקומען צו א היסטאָריש-פֿילאָסאָפֿישן, ברייט-מאַסשטאַביקן ראָמאַן, צו א העראָאישער עפּאָפּיי. די פֿילצאָליקע אינדיווידועלע גורלות, וועלכע זײַנען אין אים אַרויסגעפֿירט, גיסן זיך צונויף אין איין בילד, וואָס באַווײַזט דעם גורל פֿונעם גאַנצן לאַנד.

אין „באַם דניעפּער" באַהעפֿטן זיך אימפּרעסיאָניסטישע בילדערישקייט מיט שאַרפֿזיכטיקייט פֿון סאָציאַלער זעונג, פּינקטלעכקייט פֿון פּראָטים מיט פֿילאָסאָפֿישע פֿאַראַלגעמיינערונגען, רעאַליסטישע וואָרהאַפֿטיקייט מיט רעוואָליוציאָנערער ראָמאַנטיק, פֿאַרביקע פּאָרטרעט-מאָלערײַ מיט אָפֿענער פּובליציסטיק. דאָוויד בערגעלסאָן האָט אויסגענוצט אַלע מיטלען פֿון קונסט און געשאַפֿן אַן עפּאָכאַל ווערק, וואָס איז א דערגרייכונג פֿון דער גאַנצער פֿילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור.

אין מײַן יעדן פרימאָרגן

* * *

ביימער אײנעם אָוונט טונקלער ווערן,
כ׳גיי ארום אין שטילן סאָד פארטראכט.
ווּ בין איך, און ווּ זײַנען די שטערן? —
אונדז צונויפגעגאָסן האָט די נאכט.
ביינהאשמאָשעס לײַכטן שטערן העלער,
ס׳רוישט ניט ווײַט דער דרעמלענדיקער טײַך.
כ׳ווייס ניט — ווּ בין איך, און ווּ — די וועלן,
טונקלעניש פארייניקט האָט אונדז לײַכט.
כ׳פיל ניט, ווּ בין איך, ווּ ביימער זײַנען,
כ׳ווייס ניט, ווּ בין איך, און ווּ — דער ווינט,
ווּ עס איז זײַן אָטעם, און ווּ — מײַנער,
ס׳האָט די שטילקײַט אונדז פארקנאסט אצינד
און צונויפגעשמאָלצן אונדז אײנײנעם,
מיך און דעם ארום אין גאַרן ברויז.
ווען ס׳איז גרויס די וועלט —
פון טײלכלעך קלײנע
זי באשטייט, ווי אלץ, וואָס עס איז גרויס.
כ׳האָב דערפילט מאמאָשעסדיק און בוילעט,
אז דאָס גראָז, די שטערן-ליכט, וואָס העלט,
איך און כוואליעס און דער האלבער מוילעד —
זײַנען אויך א טײלכל פון דער וועלט.
זײַן א טייל פון וועלט —
איך דארף ניט מערער,
און מײַן פרייד איז פולער נאָך אצינד,
ווען איך פלאָנטער: ווּ בין איך, ווּ — שטערן,
ווּ — מײַן אָטעם און ווּ בלאָזט דער ווינט.

* * *

מײַן הײַנט קומט צו מיר פון מײַן נעכטן. צעריײַסן
ווער קאָן אזא מעכטיקע קייט.
איך זע, ווי עס כוואליען זיך בײַוועלער ווײַסע,
וואָס איך האָב געשפינט יונגערהייט.
מײַן הײַנט פליסט ארויס פונעם נעכטן, און אלע,
מיט וועמען באנאנד כ׳בין געווען,
וואָס זײַנען געשטאָרבן, אין שלאכטן געפאלן,
אין אויוונס פון גענעם פארברענט, —
זיי קומען מיט מיר אין מײַן יעדן פרימאָרגן,
די אלע פארלוירענע פרײַנט.
מײַן הײַנט איז אין מאָרגן אין מײַנעם פארבאָרגן,
און ס׳שווימט שוין אין מאָרגן מײַן הײַנט.

* * *

פארוואָס טוט א ציטער די ערד,
ווי נאָר זי דערפילט, צי דערהערט:
א דונער שפאצירט אין די הייכן,
ווי אײַזערנע פילקעס ער וואָלט
געקײַקלט א באָל נאָך א באָל
אין וואָלקנס צעשויבערטע, ווייכע.

ס׳געפעלט אים די שפּיל. נו, איז וואָס?
ער האָט דאָך נאָך זיך ניט געלאָזט
נאָך קיינמאָל קיין פינצטער׳ן סימען.
נאָר ס׳טוט ניט קיין ציטער די ערד,
ווען ס׳הענגט אוף א בלענדיקע שווערד
א בליץ אין צעוויכערטן הימל.

כאָטש אָפט, ווען איר שווערד זי באהאלט,
פארקוילט בלײַבט א בוים אינעם וואלד,
א סקירדע אין סטעפּ ווערט פארסארפעט.
מיט מיר טרעפט: כ׳פארזע א געפאר...
און אָפטמאָל א שרעק מיך באפאלט,
ווען שרעקן זיך וואָלט איך ניט דאַרפן.

שוין שפעטלעך צו מיר קאָן דערגיין
פון קלעפיקע קנאָספּן דער מיין,
פון איידעלן צוויט די נעשאָמע.
כ׳פארענטפער זיך: ס׳טרעפט, אויך די ערד
נעמט אוף א דערשײַנונג פארקערט.
די אייביקע ערד — די כאכאָמע.

* * *

ניט קיין דין-וועכעזשבן איז מיר נייטיק געבן
(א סאכאקל מאכט מען, בענקענדיק נאָך דו).
ווײַל זײַן אָרט דאַרף האָבן יעדער מענטש אין לעבן,
איז מיר נייטיק וויסן: און מײַן אָרט איז ווו?
עפשער בא דעם וועבשטול איז מײַן אָרט געבליבן,
ווו די פעדעם כוואַליען פלעגן זיך אין צער?
עפשער איז דאָס אָרט מײַנס בא א קינדעריש וויגל,
און די קינדער וויגן דאַרף איך דורך די נעכט?
עפשער איז עס גאָר אין לייענזאַל אין שטילן,
ווו פון לעמפּ א העלע פּאַלן פּלעגט די ליכט?
דאָרט כ'פּלעג ניט באַמערקן, עפשער בלויז דערפילן,
אַז ביז שפּעטער שאָ געבליבן בלויז בין איך?
עפשער אינעם סטעפּ, ווו סנאָפּעס פּלעג איך בינדן?
צי באַם אויוון, וואָס געהייצט כ'האָב אין א פראָסט?
עפשער אינעם סאָד, ווו כ'בלאָנקע אויך אצינדער
און ווו עפּל רײַפע איך געפין אין גראָז?
האָט זיך מיר אַנטפּלעקט אַזויווי א דערפינדונג —
כ'ווייס שוין, ווו מײַן אָרט איז אין דער גרויסער וועלט:
בא דער וויג, ווו הוידען פּלעג איך מײַנע קינדער,
דאָרט, ווו סנאָפּעס בינדן פּלעג איך אינעם פעלד,
אויך אין צער, ווו דינסטע פעדעם פּלעג איך שפּינען,
נאָכקוקן — כאָלילע, ס'זאָל ניט זײַן קיין ריס,
בא מײַן שרײַבטיש, ווו דאָס וואָרט איז שווער געפינען, —
אומעטום מײַן איינציק אָרט אין לעבן איז.
ניט קיין דין-וועכעזשבן קום איך איצטער געבן,
כ'דאַרף ניט קיין סאכאקל, כ'בענק ניט נאָך קיין דו.
יעדער מענטש זײַן אָרט דאַרף האָבן אינעם לעבן,
האָב איך אויך מײַן אָרט, און כ'ווייס דעריקער — ווו.

* * *

איך האָב זיך שוין צוגעוווינט א ביסל,
אַז ניט אַלץ אין לעבן איז מיר קלאָר.
איינס אָבער כ'וואָלט נייטיק דאַרפן וויסן,
ווײַל מיט מיר פערזענלעך קומט עס פּאָר.
אַלץ דאָס ביטער-שווערע, דאָס ניט גוטע,
וואָס באַטריבט וואָלט אויך,
ווען ס'קומט אין שלאָף,
פאַר געציילטע רעגעס, צי מינוטן
אויסדערציילן קען איך ביזן סאָף.
כאָטש אין לעבן האָט זיך עס געצויגן,
ווי מיט פיס געשוואָלענע געשפּאַנט,
און מעגושעמדיק פאַר מײַנע אויגן
ווייטעקדיק געשווינדלט נאָכאַנאַנד,
נאָר עס האָט מיר ניט געקאַרגט מײַן לעבן
גליק און פרייד — א פולע מאָס געוויס;
ס'לעבן האָט דער פרייד מײַנער געגעבן
שטאַרקע, גיכע פליגל, ניט קיין פיס.
איז דאָס גליק מײַנס אַלעמאָל געפלויגן
פײַערלעך און יאָמטעוודיק-געשווינד,
ווי עס פליט א גיכע פײַל פון בויגן,
ווי עס פליט אין ברייטן פעלד א ווינט.
נאָר אצינד, ווען ס'לעבט אויף אין זיקאָרן
כאָטש א טאָג פון גליק, וואָס איז אַוועק,
וועגן אים דערציילן גאַנצע יאָרן
עס וואָלטן מיר אַוואַדע ניט געקלעקט.
ווו איז דאָ דער סייכל? — וויל איך וויסן...
ווײַל מיט מיר פערזענלעך קומט עס פּאָר.
עמעס, כ'האָב זיך צוגעוווינט א ביסל,
אַז ניט אַלץ אין לעבן איז מיר קלאָר.

* * *

ניין, ניט דאָס בעסטע כ׳האָב פאַרכאַפּט אין וועג מיט זיך,
קיין שום רעשימעס האָב איך ניט געשריבן:
דאָס פריידיקע כ׳וועל נעמען, לאָזן כ׳וועל דאָס טריבע,
דעם כוישעך וועל איך לאָזן, נעמען בלויז די ליכט.

גענומען כ׳האָב מיט זיך פון מײַן אַמאָל
און פאַרזיכטיק געבראַכט אין הײַנט פון נעכטן
דאָס וויכטיקסטע פאַר מיר — דאָס גוטע און דאָס שלעכטע,
וואָס טראָגן עס אין לעבן לאַנג איז אָפט אן אָל.

יאָ, לײַכטער וואָלט געווען עס לאָזן שטיל אין וועג,
און אָנהייבן אָפּסנײַ, ניט האַלטן אין זיקאָרן
א גרויע שאָ, א שווערן שליאַך אין פלי פון יאָרן,
צי עפשער בעסער גאָר — פראָסט געבן א פאַרמעק.

נאָר מעקן וויל איך ניט, איך וועל עס לאָזן בלויז,
און ניט אַף הע׳פקער, ווי עס קאָן זיך עפשער דאַכטן.
כ׳ווייס ווו איך לאָז און וועלכע שאָען, טעג, פאַרנאַכטן,
בא וועלכן וועג, אַף וועלכן בוים, אין וועלכן הויז.

אין לעבן זעען מיר דעם כוישעך מיט דער ליכט
(ניט גוט איז דעמלט, ווען דער כוישעך וועגט אַריבער).
קיין שום רעשימעס האָב איך ניט געשריבן,
און ניט דאָס לײַכטסטע כ׳האָב פאַרכאַפּט אין וועג מיט זיך.

* * *

קיינער זאָגט מיר מער ניט, אז כ׳בין בא אים איינע,
קיינער זאָגט מיר מער ניט, אז איך בין א שיינע.
וואָס זשע זאָל איך טאָן? די ווערטער דאַרף איך נייטיק,
ווי דעם רעגן דאַרפן זומערצײַט די קווייטן,
ווי די ביימער דאַרפן, ס׳זאָל א ווינט זיי וויגן.

גלײַך ווי עס דערזעט מיך איצט מײַן קלוגער שפּיגל,
קנייטשן, ווי געצייכנט מיט א קרומער ווירע,
ער באַווײַזט מיר גלײַך, קעדיי מיך ניט פאַרפירן.
קנייטשן בא די אויגן, קנייטשן אַפן שטערן...

אָבער כ׳דאַרף דאָך פאָרט די ליבע ווערטער הערן,
זייער גוטע, אָבער לאַנג ניט קיין געהערטע.
עפשער איך אַליין זאָל זאָגן זיך די ווערטער?

וואָס זשע? זיך אַליין דערלאַנגט מען אויך א לאָגל.
— דו ביסט בא מיר איינע — כ׳וועל אַליין זיך זאָגן.
שעקערדיק דערבײַ ניט טרייסטן זיך: — א שיינע.
כ׳בין בא זיך אַליין דאָך טאַקע, ווירקלעך — איינע.

ווערק פֿון אויסלענדישע שרײַבער

מוישע גיציס
(טשיקאַגאָ)

און דאָס לעבן גייט...

4

עס זײַנען אוועק נאָך אַ דרײַ כאַדאָשים. עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע מילדע פֿרעסטלעך. מ׳האָט שוין אָנגעהויבן זיך גרייטן צום קריסטלעכן נײַ-יאָר. מאַלקע האָט איינמאָל מיט אַ שמייכל אַ פֿרעג געטאָן:

— וואָס זאָלן מיר קאַרלען שיקן? אַ קריסטלעכע מאַטאָנע, צי אַ כאַנעקע-מאַטאָנע?

טאָנסקי האָט אַ קוק געטאָן אויף איר אַ פֿאַרטראַכטער, ווי ניט הערנדיק און ניט פֿאַרשטייענדיק, וואָס זי פֿרעגט. ער האָט גאָר געטראַכט, און ניט צום ערשטן מאָל, וועגן זײַן בריוו צו פּערלמאַנען. עפּעס ענטפֿערט ער ניט, פּערלמאַן. עס האָט אים ניט געלאָזט רוען. ווי עפּעס גוטס און טײַערס איז צוגעקומען צו זײַן לעבן, און מיטאַמאָל האָט עס זיך אָפּגעשטעלט...

אָבער מיט אַ וואָך שפּעטער איז אָנגעקומען אַ בריוו. מאַלקע איז אין דעם טאָג ניט געווען אינדערהיים — געגאַנגען קויפֿן און אויסקלײַבן די נײַ-יאָר-מאַטאָנעס פֿאַר קאַרלען, העדען און אַלעקסאַנדערן. זי איז געגאַנגען פֿרי, קעדיי זיך גיכער אומקערן — זיך אויסהיטן פֿון באַפֿאַלן ווערן פֿון די בײַסטרוקעס אין אָוונט, כאָטש מיט איר איז דאָס קיינמאָל ניט געשען.

טאָנסקי איז אַרויפֿגעקומען פֿון דער פּאָטשט מיטן בריוו. געמאַכט פֿאַר זיך אַ טעפּעלע קאַווע מיט אַ געברוינט ריפֿטל ברויט און מאַרמעלאַד. ער וועט מיט דעם אָפּהאַלטן אַ ביסל דעם פֿאַרגעניגן פֿון לייענען פֿון עפּעס אַן אַנדערשדיקײַט דאָרט. ער האָט זיך אוועקגעזעצט באַם טיש און גענומען לייענען.

„מײַן ליבער, טײַערער פֿרײַנט שמועל טאָנסקי!

איר קענט זיך גאָרניט פֿאָרשטעלן, וויאַזוי איר האָט מיך דערפֿרייט מיט אײַער בריוו. עס האָט אַ ווייע געטאָן מיט וואַרעמקײַט פֿון פֿאַרגאַנגענהײַט, וואָס איז אַרײַן אין דער אייביקײַט און מיטאַמאָל ווידער אַרויסגעשווומען, ווי אַ ניט איבערגעריסענע פֿון די וועלט-געשעענישן, פֿון די קאָשמאַרן אין די טעג, נעכט און יאָרן. איך האָב איבערגעלייענט אײַער בריוו דרײַ מאָל. איין מאָל פֿאַר מײַן זון יולִיאַן. ער האָט געהערט, נאָר עס האָט אים אָבער ניט גערירט. און עס איז נאַטירלעך. וואָס ווייסט ער וועגן מיר, און וועגן אײַך, און וועגן „איסט-בראָדוויי”, און ניו-יאָרק? איך טראַכט, אַז אין האַרץ, אין קאָפּ און אפֿילו ווען ס׳איז

ס אָ ף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד”, נומ. 6, 1984.

אַנגעשלאָסן, זאָל זײַן אפילע בלויז קולטורעל, אין א פרעמד פאָלק, און צי מ׳רעדט ייִדיש, צי העברעיִש, צי מע רעדט עס ניט, קאָן מען אויך סײַוויסיי ווערן א מענטש מיט מײַלעס, מיט מעגלעכקײַטן צו ברענגען עפּעס נוצלעכס, אויסלעבן זיך ווי א שיינער מענטש און האנאָע האָבן פון דעם לעבן — איך האָב דאָ אין זינען יוליאַנען.

מיר, איך און יוליאַן, האָבן זיך אײַנגאנצן, דאכט זיך, אקלימאטיזירט. מיר פילן זיך בעסער, ווי מיר וואָלטן זיך געפילט איצט דאָרט בא אײַך אַף דעם „ריווערסייד דרייוו" — אזוי, דאכט זיך, הייסט דאָרט די ייִדישע רײַכע געגנט, אויב איך געדענק עס ריכטיק. איצט לאָמיך אײַך אָנזאָגן א גוטע, צי עפּשער אן איליוזאָרישע בסורע: איך האָב זיך גענומען ווידער שרײַבן — אן אווטאָביאָגראפיע. אײַער מאטאָנע, ווען איך בין אוועקגעפאָרן — די גאָלדענע פען, האָב איך אין מײַן וואַגלעניש פארלוירן. ווען איך וואָלט זי געהאט, וואָלט מיר געווען נאָך אָנגענעמער צו שרײַבן. אן אווטאָביאָגראפיע געדויערט לענגער צו שרײַבן. דו ווייסט ניט, פון וואָס אָנצוהייבן און ווען צו ענדיקן — אזויפיל מאטעריאל און אײַנדרוקן זאמלען זיך אָן בא א מענטשן, בא א שרײַבער איבערהויפּט, ווײַל ער רעאגירט אויך אַף אזעלכע אספּעקטן, ווי ליטעראטור, פילאָסאָפיע, פּאָליטיק און אנדערע „קלייניקײַטן", אַף וועלכע אן אקטיאָר צי א דאָקטער וואָלט אפילע ניט געטראכט צו רעאגירן. איך קום, הייסט עס, איצט אהיים צו ייִדיש. קומט עפּשער צו עפּעס גוטס דאָרט בא אײַך אין ניו-יאָרק?

די אלטע שרײַבער זײַנען אוועק, און וויפל מענטשן לייענען איצט זייערע ווערק אפּילע אין ניו-יאָרק? צי זײַנען פאראן נײַ-געבוירענע, פּאָטענציִעלע שרײַבער? מיט וועמען זאָל איך דאָ ריידן וועגן דעם? מיט מײַן זון און מיט זײַן זון? ס׳איז ווי צו ריידן צו א טויבן און שטומען. רייד איך צו זיך אליין. און איצט, צו מײַן גרויסן פארגעניגן, מיט אײַך.

אין דעם לאנד דאָ, מיט זײַנע מיט איבער הונדערט פעלקער און מיט איבער 70 לעשוינעס, פיל איך זיך אַפּט גוט, ווי א דערוויילטער מיט עפּעס א זכוס אין לעבן. און איך זאָג זיך: זאָל זײַן, כ׳בין בלויז א שפּענדל פון מײַן פאָלק, א שפּענדל נאָך דעם כורבן... דו ווייסט דאָך: — «Лес рубят — щепки летят» — ווערט מיר גוט פון דעם געדאנק, אז מײַן בלײַבן, מײַן זײַן, מיט מײַן גוף און מיט מײַנע געדאנקען דאָ, אין אוזבעקיסטאַן, — א טייל פון דעם ריזיקן סאָוועטנפארבאנד, א לאנד, וועגן וועלכן איך האָב קיינמאָל ניט געטראכט, ניט געטרוימט צו זײַן... און זע... פּלוצעם, ווי דורך עפּעס א קישעף, — איך בין דאָ, און איך פיל, און איך זאָג: ס׳איז גוט. גאנצע פערציק יאָר. איז דאָס ניט עפּעס א מין זיג פאר א פארפליִענדיק שפּענדל?

ווען איך וואָלט געווען יונג... נו, לאָמיר זאָגן אין די פופציקער, ווי איך בין געוועזן, וואָלט איך זיך געפילט נאָך בעסער, ווײַל כ׳וואָלט געפילט, אז איך טראָג נאָך עפּעס צו צו דער נײַער קאָנסטרוקציע פון א בעסער, שענער, גערעכטער לעבן. איך דארף ניט זײַן אנטוישט. נײַן. איך האָב דאָ, אין מײַנע יינגערע יאָרן, צוגעטראָגן מײַן קיילעך ענערגיע און וויסן. און לאָמיך אײַך זאָגן דעם עמעסן עמעס, מײַן פרײַנט: עס קומט מיר ניט אַף דעם געדאנק אפילע צו לעבן ערגעץ אין דער אָרעמער צי רײַכער ייִדישער געטאָ און ליגן דאָרט ווי א מאָליוסק, ווי אן אויסטער מיט א פּערל אין זײַנע געדערעם אַף דעם גרונט פון יאם און קיינער זאָל ניט וויסן אפילע, אז איך טראָג אין זיך אן אוצער.

איך קוק אַפּט אַף מײַן זון יוליאַן דעם אויגן-דאָקטער און אַף זײַן פרוי טאמארע (איך וווין דאָך בא זיי אין הויז) און איך טראכט וועגן זייער זון וולאדימיר (א נאָמען נאָך לענינען). איך זע אים ניט זייער אַפּט — ער איז א פליִער, א פּילאָט; און, זיצנדיק אין מײַן שטול, מערסטנס אליין, טראכט איך, אז איך וואָלט זיך עפּשער געפילט מער פּאָעטיש, — פילאָסאָפיש פיל איך זיך די גאנצע צײַט, — ווען איך וואָלט גערייכערט א ליולקע. איך טראכט אויך א ביסל (?) וועגן זיך: וועגן מײַנע וועגן אין לעבן, וועגן סאָרען, וועגן יוליאַנען, טאמארען, וולאדימירן און זײַן אוזבעקישער געליבטער (דערווײַל ווייס איך נאָך ניט איר נאָמען)... איך טראכט וועגן זיי, און איך זוך, און איך וויל געפינען עפּעס אן ענטפער, עפּעס א פארבינדונג מיט דעם אמאָל — וועגן פּאָטערלאנד, מוטערלאנד, געבוירן-אָרט, שטעט, הײַזער, בולווארן, טעאטערס, קאפעען, שטרעבונגען, איליוזיעס, מענטשן ארום, וואָס זײַנען געווען און זײַנען שוין ניטאָ — און איך ווער ניט מער סענטימענטאל. איך בענק ניט מער. איך בין מײַן אייגענער פילאָסאָף, וואָס זאָגט מיר: אלץ, וואָס עס איז געווען ארום דיר און אין דיר, איז באשאפן געוואָרן פון דיר און אזעלכע, ווי דו. דו און זיי האָבן געשאפן די זאכן, די נעמען, די באצייכענונגען, די אידעאָלאָגיעס, די פילאָסאָפיעס, עס מאכט ניט אויס ווו און ווען, מיט צוגרייטונג צי צופעליק — עס מאכט ניט אויס. עס וועט אָנגיין מיט דיר און אָן דיר ביז Ad infinitum — אומענדלעך.

איך ווייס ניט, צי מײַן זון איז א פילאָסאָף. ער וויל ניט דערמאָנען און וויל ניט ריידן וועגן דעם אמאָל. קיין סאך גוטס אין דער פארגאנגענהײַט האָט ער ניט געהאט, און דאָס שלעכטע און בייזע וויל ער פארגעסן. ער און זײַן זון האָבן דאָ געפונען זייער וועלט, זייער קולטור, וואָס איז אין זייערע אויגן פארביק און עקזאָטיש אפילע. און זיי געניסן פון דעם. אף מיר קוקן זיי ווי אף אן אלטן בוים, אף וועלכן די קאָרע איז שוין שטארק גערינצלט און צעפאלט זיך שוין... אָבער ער האָט נאָך האנאָע, דער אלטער בוים, פון די נעסטן אין זײַנע צווײַגן, פון די פייגל, וואָס שטעלן זיך אָפּ אף די צווײַגן, פון דער זון, וואָס וואַרעמט אים, און פון דער גרינקײַט, וואָס באַדעקט אים נאָך, און אפילע פון דעם שאָטן, וואָס ער וואַרפט. לאָז אים צורו. טו א שמייכל צו אים... עפשער, ווען מענטשן וואָלטן גערעדט מיט מיר און זיי וואָלטן געהערט, וואָס איך זאָג און וויאַזוי איך זאָג עס, אפילע ווי אין דעם בריוו צו אײַך, וואָלטן זיי געזאָגט איינער צום צווייטן: א געזונט אף אים! טוט א קוק: אין די דאָזיקע יאָרן, און ער רעדט נאָך אזוי רו־יק־פילאָסאָפיש, און ער טראָגט ניט קיין האס אף קיינעם, און ער זיצט און וואַרט אזוי רו־יק, מיט עפּעס א זיסער אפילע דערוואַרטעניש אויסצוטרינקען דעם קאָס ביזן לעצטן טראָפּן. און דער לעצטער טראָפּן, זאָגט מען, איז דער זיסטער, עס דערמאָנט זיך מיר גראָד טיוטשעוו:

Лишь жить в себе самом умей —
Есть целый мир в душе твоей ...

זאָגט אָבער די מענטשהײַט ארום און דאָס לעבן ארום: ניין, קוק ניט בלויז אין דײַן אייגענער נעשאָמע. ס'איז נאָך דאָ אזויפיל ארבעט ארום — זאָל זײַן אפילע בלויז מיט דער פען, זאָג איך: גערעכט. גערעכט. דאָך — די אומזעבאַרע האַנט שטייט פאר מײַנע אויגן און דאָס אומהערבאַרע קאָל זאָגט: גענוג!

יאָ, איך טראכט אויך, אז ס'איז ווונדערבאַר, וואָס מענטשן האָבן מיט טויזנטער יאָרן צוריק אײַנגעפירט אזא זאך, ווי בריוו, געשיקט מיט לויפערס, מיט טויבן, מיט פערד, מיט שיפן און איצט מיט עראָפּלאַנען... און ס'איז אוואַדע צו באַוווּנדערן דעם טעלעפאָן, די ראַדיאָ, וואָס פארבינדט מענטשן אזש מיט דער לעוואָנע. טראכט איך, און איך זאָג צו זיך: גוט. א בריוו. איצט שרײַב איך אן ענטפער אף א בריוו, און איך וועל ווידער דערהאַלטן א בריוו. ביז ס'וועט קומען איין לעצטער בריוו, אף וועלכן איך וועל שוין ניט ענטפערן. איר ווייסט עס, און איך ווייס עס. זאָל עס אָנגיין ווי לאַנג עס גייט, און אז איך וועל שוין ניט זײַן, וועלן נאָך א מיליאָן אזעלכע זאכן אופהערן צו עקזיסטירן פאר מיר. און איך וועל אפילע ניט וויסן וועגן דעם. וועלן מיר עס לאָזן צו דער צײַט, וואָס מיר אַליין האָבן זי אויסגעטראכט. ווייסט דען עמעצער, ווען עס איז געווען דער אָנהייב און ווען ס'וועט זײַן דער סאָף פון דער צײַט? קיינער וועט עס קיינמאָל ניט וויסן. ס'איז גוט, וואָס דער מענטש האָט אויסגעטראכט ציפערן צוליב דעם באַגריף צײַט. נו, איז עפשער צײַט צו ענדיקן דעם בריוו און נעמען וואַרטן מיט אומגעדולד אף אן ענטפער.

אָבער נאָך איין באַמערקונג: ווי איר זעט, שרײַב איך אײַך מערסטנס וועגן זיך אַליין און אפילע ניט וועגן דעם ארומיקן לעבן. איך בין שוין אזוי אלט, אז איך האָב שוין ניט די מעגלעכקײַט ארויסצוגיין צו באַקוקן, שטודירן און שרײַבן וועגן דעם ארומיקן און אינטערעסירן זיך מיט די ייִדן, וואָס וווינען דאָ און מיט וועלכע איך טרעף זיך ניט. ס'איז דאָ גראָד פאַראַן א סינאַגאָגע, אָבער איך בין דאָרט נאָך קיינמאָל ניט געווען. שרײַב איך וועגן דעם, וואָס איך טראכט. און אויב די טראכטענישן זײַנען שוין אלטע, מיט גראָ־ווע בערד, איז ווער בין איך, אפילע אָן א באָרד, און דערצו בין איך ניט דער איינציקער, וואָס כאזערט איבער טאָג־אײַן, טאָג־אויס די זעלבע אײַנגעשטעלטע עמעסן און ליגנס. וועגן וואָס נאָך קאָן מען שרײַבן אין א בריוו?

זײַט געזונט און האָט גוטע שטימונגען. אז די שטימונג איז א גוטע, איז א סימען, אז אלץ איז גוט ארום. יאָ, פארגעסן צו דערמאָנען: איך לייען איצט איליא ערענבורגס לעצטן, נײַנטן בוך «Люди, годы, жизнь». אך, ווי אנטפלעקנדיק. א הארציקן גרוס אײַער מאלקען.

אײַער מיט דערוואַרטונג

באַרעך פּערלמאַן”.

אויך דאָס מאָל האָט טאָנסקי ניט אָפּגעלייגט דאָס ענטפערן פּערלמאַנען אף זײַן בריוו. ס'האָט אים אויך, ווי דאָס ערשטע מאָל, געצויגן צו דערפילן, אז ער ווערט פארבונדן מיט א ייִדישן שרײַבער, מיט א שאַפנדן מענטש; וואָרעם, דעם עמעס זאָגנדיק, האָט ער זיך

געפרעגט: צו ווּעמען נאָך וויל איך און פיל ווי צו שרײַבן? וויפל נאָך ייִדישע שרײַבער זיצן איצט און שרײַבן בריוו צו קלאָגן? יאָ, אָבער וועגן וואָס זאָל ער שרײַבן? ווידער דאָס זעלבע? ווידער איבערכאַזערן דאָס אָנגעווייטיקטע, וואָס דערגייט שוין אים אליין ביזן האַלדז? און צוליב וואָס דאַרף ער וויסן דאָרט? וואָס קאָן ער דאָרט און ער דאָ טאָן וועגן דעם? ער האָט זיך אָבער גלײַך אוועקגעזעצט שרײַבן דעם בריוו. אוועקגעשטעלט די דאַטע: 21-טער דעקאַבער 1977. געזעסן אייניקע מינוטן, טראַכטנדיק.

„טײַערער באַרעך פּערלמאַן!

בײַ אונדז דאָ וועט לויט דעם קאַלענדאַר מאָרגן אָנהייבן זיך דער ווינטער. און מיט 4 טעג שפּעטער וועט זײַן דער קריסטלעכער נײַ-יאָר. ניט אָפּיציעל האָט זיך בײַ מיר און בײַ מאַלקען אָנגעהויבן דער ווינטער מיט א וואָך צוריק, ווען ס'איז אויסגעפאַלן דער ערשטער שניי און ווען אונדזער בעשוטפּעסדיקער רעוומאַטיזם האָט געלאָזט הערן פון זיך. ס'איז ניט שטאַרק קאַלט, און די מעטראָפּאָליע שטייט מיט איר גרויקײַט א טרויעריקע, ווי א פאַרשטיינערטע. און עס כאַפּט דיך אָן א ציטער — ניט נאָר פון דער קעלט אליין, נאָר פון די שטימונגען אַרום. איך מיין ניט, ליבער פּערלמאַן, אָנשטעקן אײַך מיט דער בראָנקסער צי ניו-יאָרקער שטימונג, און עפּשער האָב איך ניט געדאַרפט אָנהייבן מײַן בריוו צו אײַך מיט אָט דער שטימונג מײַנער.

אײַער בריוו איז אָבער געוואָרן פאַר מיר, ווי די וואַרעמע זון-שטראַלן. איר וועט באַלד דערזען און דערפילן, אַז איך בין אַרויס פון דעם פּעסימיזם. מיר געפעלט שטאַרק אין אײַער בריוו, ווו איר רעדט וועגן אײַערע טראַכטעניִשן און געפילן, וועגן אײַער נײַ-אַלטער שוין היים, ווו איר, אײַער יוליאַן און וולאַדימיר פילן זיך „ווי בײַ זיך אינדערהיים” באַ-קוועם און צופרידן. און נאָך מער דאָס, וואָס מיר וויסן זייער גוט בײדע, — עס וויל זיך שוין ניט לויפן, וואַנדערן, זוכן גליקן מער, זוכן און גאַרן יענע אַבסטראַקטע לעבנס-באַגריפן, וואָס אין פּראַקטישן לעבן זײַנען זיי ווי כאַלוימעס. און עס דערמאָנט מיר: מיט א פּאָר וואָכן צוריק האָב איך זיך צופעליק געטראָפן מיט א פּאָר אימיגראַנטן, וועלכע זײַנען מיט א יאָר צוריק אָנגעקומען דורך ווין, רוים קיין ניו-יאָרק, טרויעריקע וועגן די אויסגעכאַלעמטע אויצרעס, דירעס, מאַשינען, דזשאַבס, צו וועלכע מ'דאַרף בלויז אויס-שטרעקן די הענט און זיי קומען צו אײַך ווי מיט א קישעף. אָבער זיי זײַנען זיך מוידע, אַז זיי פילן זיך דאָ ווי פרעמדע, און ווען אפילע יעדער איינער דאָ וואָלט געקוּמען ריידן רוסיש, וואָלטן זיי זיך אַלצייגנס געפילט ווי אין א פרעמד לאַנד, ניט ווי דאָרט, אינדער-היים. זיי אַנטלויפן פון די ייִדן דאָ, וואָס מאַכן פאַר די נײַ-עמיגראַנטישע קינדער גאַנצע פּאַראַדן מיט מילעס, מיט באַרמיצוועס, מיט לערנען זיי די אָרטאָדאָקסישע וועגן פון ייִדיש-קײַט — טראָגן יאַרמעלקעס, עסן קאָשערס, פּראַווען שאַבעס, — האָב איך, גלײַך ווי איך וואָלט ניט געוווּסט, א פרעג געטאָן: — „אויב אַזוי... איז פאַרוואָס זײַנען פאַראַן אַזעלכע, וואָס רײַסן זיך צו עמיגרירן?” האָט איינער, דער מער אינטעליגענטער געזאָגט: „דאָס איז שוין אַן אײַנגעפלאַנצטער דורך די יאָרטויזנטער אַזאַ פּסיכישער דראַנג צו וואַנדערן, זוכן בעסערס. ס'איז א זאַראַזע אַזאַ. א מין אָנשטעקעניש, וואָס קומט ווי אין א פּאַניק. אָט, ווי, לאָמיר זאָגן, ווען עמעצער אין א טעאַטער טוט א געשריי „פײַער”, אפילע ווען עס ברענט ניט, ווערט א געלאָף אַף געהאַרגעט צו ווערן”.

כ'האָב זיי פאַרשטאַנען. און איך גלייב אויך, ווען זיי זאָגן, אַז זיי בענקען אַהיים. וואָרעם, אָט איך אליין (לאַכט ניט), נאָך אַזויפיל יאָרן, קאָן איך זיך נאָך ניט אַרײַנפּאַסן און אויפנעמען די אַמעריקאַנער „וועסט” מיט אירע „קאָוובאָיעס”, מיט זייערע פערד, מיט זייערע בעהיימעס, מיט זייערע לידער, מיט זייער אָנטועכץ; און אויך ניט מיט דער „סאַוט”. און ווער זאָגט, אַז איך האָב זיך געקענט אַרײַנפּאַסן אין דער „איסט” כוץ דער „איסט-סײַד” אין ניו-יאָרק, וואָס איז געוואָרן מײַן געטאָ? און וווּנדערט זיך ניט. אויך איצט האָבן מיר געטאָס, רײַכערע געטאָס, גאַנצע געטאָ-שטעטלעך, ווי דאָ אין ברוקלין, ווי סקאָקי לעבן טשיקאַגאָ — בײַ יעדער גרויסער שטאָט קימאַט. עמעס — ניט צו באַקלאָגן זיך. וועט איר דאָך מיסטאָמע איצט א פרעג טאָן: צוליב וואָס שמועסן מיר וועגן דעם? קאָן איך פון מײַן זײַט א פרעג טאָן: וועגן וואָס דען זאָלן מיר ריידן? וועגן וועלט-פּאָליטיק וויל איך ניט ריידן. אַז זיי ווילן מיך ניט מיט מײַנע פּלענער און מיינונגען, איז וואָס דאַרף איך זיך שטופּן? און אַן שפּאַס: וועגן וואָס? וועגן עוואָליוציע לויט דאַרווינען? צי וועגן די הידראָגענישע, נייטראָנישע, נוקלעאַרע באָמבעס און ראַקעטעס, מיט וועלכע איך און איר וואָלטן זיך אַזוי אויסגעטויגט? מיר האָבן נאָך ניט גערעדט וועגן די „האַרץ-איבערפלאַנצונ-גען”, צי וועגן די געהירן, דעם מויעך-איבערפלאַנצונג, וואָס וועט זיכער אין איין שיינעם

טאָג געשען; צי ריידן עפּשער וועגן אַ רײַזע צום מאַרס און וועגן די שטיינדלעך, וואָס מ'וועט ברענגען פון דאָרט? צי זאָלן מיר עפּשער ריידן וועגן אומשטערבלעכקייט צי טכיאַס-האַמייסים? צי וועגן דער ווײַטערדיקער עוואָלוציע פון דעם „האָמאָ-סאַפּיענס"?..

אויב איר האָט אַ טעלעפאָן, שיקט מיר דעם נומער. איך וואָלט אײַך אָנגעקלונגען, וואָלט איך גערעדט אַ ביסל מיט אײַך, וואָלט געהערט אײַער שטים, און איר וואָלט געהערט מײַן שטים און מײַן איראָניע, אָנשטאָט צו דערפילן עס אין בריוו.

כ'האָב דערציילט מײַן זון אַלעקסאַנדערן וועגן אײַך (דורך דעם טעלעפאָן), ווו איר געפינט זיך. האָט ער אַ זאָג געטאָן: „ס'קאָן טרעפן, אַז אַ גרופּע פון די פּראָגרעסיווע אַדוואָקאַטן זאָלן אַ פלי טאָן צום סאָוועטנפאַרבאַנד אַ קוק צו טאָן אויף דעם לאַנד און זען, ווי די יוסטיץ אַרבעט דאָרט. אויב ס'וועט פּאַסירן, וועל איך זען צו באַזוכן אויך דײַן פרײַנט, דײַן קאָלעגע". איר הערט? טאָ זיצט דאָרט און וואַרט. עס וועט מיסטאָמע געדויערן אַ ביסל צײַט.

נו, עס קומט דאָך אַ נײַ יאָר (לויט דעם קאַלענדאַר און לויט יעזוסעס געבורט מיט 1978 יאָרן צוריק), ווינטש איך אײַך געזונט, און „גוטע שטימונגען", ווי איר האָט מיך געווונטשן, און שאָלעם אַרום און אַרום.

מיט בעסטע גרוסן, אײַער

שמועל טאַנסקי".

מאַלקע, ניט וואַרטנדיק אויף אייצעס פון טאַנסקין, האָט אין דעם טאָג געקויפט און אַרויסגעשיקט די נײַ-יאָר-מאַטאָנעס. פאַר העדען — אַ שיינע שאַל, פאַר קאַרלען — אַ טעלעסקאָפּ, פאַר אַלעקסאַנדערן — אַ טוץ נאָזטיכלעך. און אויפן צווייטן טאָג האָבן זיי, מאַלקע און טאַנסקי, אויך געקראָגן מיט דער פּאָטשט אַ טשעק, אַ נײַ-יאָר-מאַטאָנע פון דער טאַנסקי-פאַמיליע.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט העדאַ אָנגעקלונגען און מיטגעטיילט, אַז זי און איר ברודער האָבן דערהאַלטן בריוו פון דער מוטער, אַז דער פאָטער איז געשטאָרבן און ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז אין פעוראַל וועט זי נעמען קאַרלען און וועט אָפּפליִען מיט אים קיין שוועדן.

ווען מאַלקע האָט אַ פרעג געטאָן, ווי לאַנג זי קלײַבט זיך צו זײַן דאָרט, האָט העדאַ געשוויגן אַ ווײַלע און ענדלעך געזאָגט: ס'איז אָפּהענגיק פון דעם, וואָס זי און אַלעקסאַנדער וועלן דאַרפן לייזן...

5

דער ווינטער איז געווען אַ שווערער סײַ פאַר מאַלקען, סײַ פאַר טאַנסקין. ער האָט געמוזט איבערײַסן זײַנע שפּאַצירונגען יעדן אינדערפרי. די פיס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אים צו טראָגן אין זײַן שווערן ווינטערדיקן מאַנטל איבער די לאַנגע קוואַרטאַלן, ווו ער פלעגט געוויינלעך שפּאַצירן; ווען ס'איז געווען מער אָדער ווייניקער אַ שיינער טאָג, פלעגט ער דאַפקע אַרויסגיין, אַרײַנגיין אין אַ קאַפעטעריע, נעמען אַ טעפּעלע קאַווע, זיצן דאָרט, באַטראַכטן די מענטשן, אָפּרוען זיך און גיין צוריק אַהיים.

איין מאָל אין וואָך פלעגט ער זיך אָפּשטעלן אין דער ביבליאָטעק-אָפּטיילונג, טאַקע אין דעם קוואַרטאַל, ווו ער האָט געוווינט, און אַהיים נעמען אַ בוך, וואָס האָט אים אינטערעסירט. ער פלעגט גיין מיט מאַלקען איין מאָל אין וואָך אײַנקויפן פּראָדוקטן. אַזוי זײַנען געגאַנגען די טעג, די וואָכן און די כאָדאָשים יאַנוואַר און פעוראַל...

אין איינעם פון די אָוונטן אין די לעצטע טעג פון פעוראַל האָט אַלעקסאַנדער אָנגעקלונגען, און ווען מאַלקע האָט אויפגעהויבן דאָס טרײַבל און דערהערט זײַן שטים, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— „מענטאַל-טעלעפּאַטי", ערשט געטראַכט פון דיר.

אַלעקסאַנדער האָט געזאָגט, אַז ער האָט שוין איינמאָל געפּרוווט קלינגען, אָבער דער טעלעפאָן איז געווען פאַרנומען — זי האָט מיסטאָמע גערעדט מיט עמעצן, און ער האָט ניט געהאַט קיין צײַט צו וואַרטן. איצט, אָן פאַרשלעפּעניש און צופיל רייד (ער דאַרף גיין שלאָפן, מאָרגן האָט ער אַ שווערן טאָג), וויל ער איר זאָגן, אַז העדאַ און קאַרל זײַנען מיט אַ פּאָר טעג צוריק אָפּגעפליגן צו איר מוטער קיין שוועדן. העדאַ האָט אויך געקלונ-

געזן צו זאָגן „גודביי", אָבער אויך דעמלט איז איר, מאַלקעס, טעלעפאָן געווען פּאַרנומען. לײדער קאָן ער איצט ניט ריידן צופיל און מוז זאָגן א גוטע נאַכט.

טאַנסקי האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז דער איניען איז ניט אַזאַ פּאַשעטער, ער איז א מער ערנסטער. ער האָט אָבער ניט געוואָלט דיסקוטירן עס מיט מאַלקען. ער האָט גוט געדענקט דעם געשפּרעך מיט אַלעקסאַנדערן אין טעלעפאָן (מאַלקע איז ניט געווען אינ־דערהיים), ווען אַלעקסאַנדער האָט אים דערמאַנט וועגן דעם באַמבע־אופּריס בא דער טיר פונעם קאָטעדזש נאָכן פּראָצעס און דער פאַרטיידיקונג פון דעם נעגער.

פון זינט דעם באַמבע־אופּריס און די באַנאַכטיקע טעלעפאָנישע סטראַשונקעס, האָט ער געזאָגט, קאָן העדאַ קיין רו ניט געפינען. זי האָט מער ניט געקאָנט שלאָפן, זיך קאָנ־צענטרירן אַף איר אַרבעט אין דער לאַבאָראַטאָריע, זי האָט זיך געשראָקן, וואָס עס קאָן פּאַסירן מיט אים, מיט קאַרלען און מיט איר, און געפאָדערט, ער זאָל בייטן זיין פּאָזיציע, רייסן זיין פאַרבינדונג מיט דער אָרגאַניזאַציע פון פאַרטיידיקן „ציווילע רעכט". ער האָט זיין אָפיס אין מאַנהעטן, קאָן ער, ווי טויזנטער אַנדערע אַדוואָקאַטן, זיך פאַרנעמען מיט געוויינלעכע איניאַנים, מיט געטן, לעמאַשל, און דעמלט וועלן זיי קאָנען לעבן רויק. זי איז גראָד ניט קעגן יענער אָרגאַניזאַציע, איז אַלײן אויך ראַדיקאַל געשטימט, אָבער זי קאָן פּאַשעט פיזיש און פסיכיש ניט אויסהאַלטן די נערוועזע אָנשטרענגונגען, וואָס לאָזן זי ניט אָפּ אַפילע בא דער אַרבעט, וואָס פאָדערט א קלאָרן קאָפּ...

אַלעקסאַנדער האָט זיך אָפּגעזאָגט נאָכצוגעבן איר פאַרלאַנג. און אַוואַדע האָט ער גערעדט מיט איר, פּרוּווּנדיק איר דערקלערן, אַז ניט יעדן טאָג אָדער כוידעש קומען פּאָר אַזעלכע פּראָצעסן, און אַז ער טוט עס ניט צוליב דעם געלט, וואָס ער פאַרדינט הדרביי. ער טוט עס צוליב זיינע אייגענע איבערצייגונגען, וועלכע ער קאָן ניט און וויל ניט ענדערן. און ער איז ניט דער איינציקער יוריסט אין לאַנד, וואָס גיט זיך אָפּ מיט דער דאָזיקער גע־רעכטער זאַך. העדאַ האָט געענטפערט, אַז זי פאַרשטייט אים, זי קען זיך אָבער ניט העלפן. מאָמענטנווייז האָט ער געצווייפלט, צי איז זי טאַקע אַזוי פּראָגרעסיוו, ווי זי זאָגט. ער האָט זיך אָבער ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז זי זאָל זיין אַזאַ... און די איז דערווייל מיט קאַרלען אוועקגעפאָרן.

טאַנסקי האָט רעאַגירט אַף דעם רויק. ער איז געווען איינשטימיק מיט אַלעקסאַנדערן, אַז עס איז אַן איבערגעטריבענע שרעק. ער האָט געקענט זיין זון, זיין כאַראַקטער — אַנדערש וואָלט ער ניט געווען אַזאַ דערפאָלגרייכער יוריסט, איבערהויפּט אין דער פאַר־טיידיקונג פון די פאַרפאָלגטע צוליב זייער ראַסע אָדער ראַדיקאַליזם. מאַלקע האָט א פּאָר מאָל געקלונגען אַלעקסאַנדערן. אים געפרעגט, צי ער האָט עפּעס יעדיעס פון העדען. יאָ, ער קריגט בריוו פון איר, — האָט ער געזאָגט, — א פּאָר מאָל גערעדט אין טעלעפאָן מיט איר. זי און קאַרל זיינען „אָקעי". זיי וועלן מיסטאָמע אינגיכן צוריקקומען, — האָט ער איר פאַרזיכערט, — ער איז לײדער פאַרנומען. גודביי.

טאַנסקי האָט פאַרענדיקט זיין עסיי „וואָס איז שפּראַך", וועלכן ער האָט געוומען שרייבן מיט א דריי־פיר וואָכן צוריק, אָנגעקלונגען צו גאָלדמאַנען אין איינעם פון די גאָר קאַלטע טעג. געלאָזט צום ערשטן ריידן מאַלקען מיט בעטין, דערנאָך איבערגענומען דאָס טרייבל:

— וואָס מאַכט איר, גאָלדמאַן? — האָט ער געפרעגט.

— איך פריר.

— פון קעלט?

— ניין, פון די ניעסן אין טעלעוויזאָר. גערעדט היינט מיט גרינשפּאַנען, איר גע־דענקט אים?

— אַוואַדע געדענק איך אים. ער האָט, דאַכט זיך, אין זיינע יונגע יאָרן געפּרוּווט באַגיין זעלבסטמאָרד איבער א קריטיק אַף זיינעם א בוך לידער. ער מוז שוין זיין אין מיינע, צי עפּשער אין איינערע יאָרן.

— מיר זיינען די אַרשינען צו מעסטן יענעמס יאָרן? ער איז אין איינערע יאָרן. א פיר צי פינף און זיבעציק. — האָט גאָלדמאַן געזאָגט.

— וואָס מאַכט ער?

— ער דרוקט א בוך לידער אין יִשׂראל. 500 קאָפּיעס. דאָרט איז ביליקער.

— צוליב וואָס? האָט ער נאָך אַזויפיל באַקאַנטע, צו וועמען צו שיקן א בוך א מאַ־טאָנע?

— כ'האָב אים געגעבן אויך איינער אַדרעס.

— נו... די לעצטע אילוזיע.

— עס וואָלט גוט געווען צו טרעפן זיך ערגעץ בא א טעפּעלע קאַווע.

— ווען דער שניי וועט זיך צעגיין און ווען די טעמפּעראַטור וועט פאַלן. אין אַפּרעל מיסטאַמע, — האָט טאַנסקי געזאָגט.

— וועלן מיר וואַרטן. דערוויַיל א גוטן.

ער האָט אין דעם אָוונט גענומען לייענען זיַין ריין־איבערגעשריבענעם עסיי און זיך דערמאָנט אין זיַין אייגענער פראַזע „די לעצטע אילוזיע", וואָס ער האָט געזאָגט גאָלד־מאַנען, ריידנדיק וועגן גרינשפּאַנען. א טראַכט געטאָן: אויך בא מיר. „וואָס איז שפּראַך"... וואָס פאַרא נייַסן האָב איך אַנטדעקט? צי ווייסט ניט יעדער ייִד, וואָס וועט לייענען דעם עסיי (ווו, ווען, ווער?), וואָס שפּראַך איז? עפּשער ווייסט ער טאַקע ניט, וואָס א שפּראַך מיינט, און מע דאַרף אים אָנווייַזן אירע פונקציעס אין מענטשלעכער קאָמוניקאַציע, אין מענטשלעכן אויסדרוק (ניט נאָר אין שרייַבן לידער)? מ'וועט לאַכן פון אים, פון דעם שרייַבער טאַנסקי (ער לעבט נאָך?), ווען מ'וועט נעמען לייענען זיַינע פילאָסאָפיעס וועגן אָט דער דאָזיקער אומגלייבלעכער דערפינדעניש און דערגרייכונג, וואָס דער „האָמאָ־סאַפּיענס" האָט געגעבן דער מענטשהייַט — דאָס וואָרט, די פראַזע, די שפּראַך... עפּשער איז דאָס געקומען, ווי דאָס האַווקען פון א הונט, צי ווי דער טרעל פון א סאָלאָוויי? וואָלט עפּשער בעסער געווען צו זיַין ווי א פיש, ווי א טשערעפּאַכע?.. צוליב וואָס האָט ער געשריבן וועגן דעם?.. איז שרייַבן וועגן שפּראַך ניט אַזוי וויכטיק, ווי שרייַבן וועגן מוזיק? וועגן פּאָעזיע? וועגן ליבע? וועגן מאָראַל? וועגן עפּעס א גאָט?.. וווּהין קאָן ער אַזא מין עסיי שיקן, אַז ער זאָל עס קאָנען זען אין דרוק? — די לעצטע אילוזיע...

ס'איז שוין באַלד אַוועק מאַרט מיט א פּאָר פאַרשפּעטיקטע זאַווערוכעס. אָט באַלד איז אַפּרעל און פּייסעך. מע זיצט נאָך טאָג און נאַכט אין הויז. די איינציקע קאָמוניקאַציע מיט באַקאַנטע איז דורכן טעלעפאָן. די רעוומאַטישע ווייטעקן האַלטן מער אָדער ווייניקער אָן. נו, שלינגט מען פּילן. מע רייַבט מיט זאַלב די פיס יעדן אָוונט, איידער מע גייט שלאָפן. מע קוקט דעם טעלעוויזאָר. מע הערט מוזיק. מע לייענט. ניטאָ א טאָג אָן פייַערן, אין וועלכע עס ווערן פאַרברענט מענטשן. מערסטנס קינדער. שוואַרצע קינדער איבער־הויפּט. ווייַל, ערשטנס, איז די באַהייצונג אין די אָרעמע הילצערנע הייַזער ניט קיין גוטע, און, צווייטנס, גייען די עלטערן אַוועק אויף דער אַרבעט, אָדער זיי זוכן אַרבעט און לאָזן די קינדער אַליין. און די טאָגטעגלעכע מאָרדן; און די אַרבעטסלאָזיקייַט, וואָס וואַקסט; און די עקאָנאָמיע, די אינפלאַציע איבערן לאַנד; די אומופהערלעכע זוכעניש פון פּאָליצייַ און רעגירונגס־אַגענטן, די נאַרקאָטיקער מיט זייערע פילמיליאָניקע, ווערטפולע זעקלעך און פּעקלעך פון די נאַרקאָטיקס... און באַנאַכטיקע וואָיען פון די פייַערלעשער־סירענעס... און מע ווערט צוגעוווינט צו דעם.

און אָט אין אַזא נאַכט האָט טאַנסקי, ליגנדיק שוין אין בעט, פּלוצעם זיך אויפגעהויבן, זיך אָנידערגעזעצט און א זאָג געטאָן צו מאַלקען:

— עפּעס האָט, ווייַזט אויס, פּאַסירט מיט פּערלמאַנען. שוין עטלעכע כאָדאָשים, אַז ס'איז ניטאָ קיין בריוו פון אים.

— און ס'איז דאָרט קיינער ניטאָ, ווער ס'זאָל דיר לאָזן וויסן, אויב עפּעס איז געשען מיט אים? — האָט זי געזאָגט.

— ער האָט מיר עטלעכע מאָל געשריבן וועגן זיַין זון, דעם אויגן־דאָקטער, און ער וווינט דאָך באַם זון. ער האָט מיר געשריבן, אַז איינמאָל האָט יענער אַפילו געלייענט מייַן בריוו צו אים. וועט ער מיר עפּשער לאָזן וויסן, אויב עפּעס איז געשען מיט אים (ניט געפילט ווי צו זאָגן: געשטאָרבן).

עס איז אַוועק א וואָך פון יענער נאַכט, און אומדערוואַרט האָט ער דערהאַלטן א בריוו פון פּערלמאַנס זון, דעם דאָקטער. ער האָט געשריבן אין רוסיש, אַז דער פאָטער איז מיט א צוויי כאָדאָשים צוריק געשטאָרבן און טאַקע אין דעם טאָג, ווען דער בריוו איז אָנגעקומען. ער האָט שוין אָבער דעם בריוו ניט געזען. און ער, דער זון, דערזעענדיק ווידער דעם בריוו, האָט באַשלאָסן אָנשרייַבן אים, מיסטער טאַנסקין, וועגן דעם פאָטערס טויט. דעם ניט־געעפנטן בריוו שיקט ער צוריק. ער באַדויערט שטאַרק, פאַרשטייט זיך, וואָס די קאָרעספּאָנדענץ, וואָס האָט געגעבן דעם פאָטער אַזויפיל גייַסטיקן פאַרגעניגן און

פריד, איז איבערגעריסן געוואָרן, אָבער דער טויט איז אומפּאַרמײַדלעך. ער אַליין, דער דאָקטער, איב ער וועט אַמאָל מאַכן אַ רײַזע מיט זײַן פרוי קיין ניו-יאָרק, וועט ער אַנקלינגען צו מיסטער טאָנסקין — דעם פּאַטערס נאָענסטן פרײַנט און קאָלעגע. מיט דאַנק און גרוס — יוליאַן.

6

ס'איז געווען אַ רעגנדיקער אָוונט אין דער ערשטער וואָך פון אַפּריל, ווען אַלעקסאַנדער, פּאַרטיק ווערנדיק מיט די אינסטרוקציעס צו זײַנע צוויי סעקרעטאַרשעס אַפּן מאָרגעדיקן טאָג, האָט זיך געלאָזט פאָרן צום רעסטאָראַן עסן מאַלצײַט.

אַרײַנקומענדיק אין רעסטאָראַן און אַוועקזעצנדיק זיך בײַ אַ טישל, האָט ער, צו זײַן שטוינונג, דערזען בײַ אַ צווייטן טיש זיצן די שמייכלענדיקע העדאַ און קאַרלען. ער איז אויפגעשפּרונגען, ווי אַן אויפגעהויבענער פון אַן אומזעבאַרער קראַפט:

— העדאַ... קאַרל... ווי קומט איר אהערצו?

— מיר וואַרטן אויף דיר, — האָט קאַרל געזאָגט מיט אַ ברייטן שמייכל.

— וויאַזוי האָט איר געוווּסט, אַז איך וועל קומען אהערצו?

— דו האָסט געשריבן, אין וועלכן רעסטאָראַן דו עסט מאַלצײַט, — האָט העדאַ געזאָגט. — און איך ווייס דאָך שוין יאָרנלאַנג וועגן דעם דאַזיקן אָרט, וווּהין מיר פלעגן קומען און וווּ דו ביסט געוווינט צו עסן.

— און ווען זענט איר געקומען? — האָט ער געפרעגט און אַוועקגעזעצט זיך בײַ זייער טיש.

— צוויי אַזייגער באַטאָג, — האָט העדאַ געזאָגט. — גענומען אַ וואַנע, אויסגעטרונקען קאַווע מיט קעז און בייגל, דערנאָך געפאָרן אין מײַן מאַשין, וואָס האָט ווי געוואַרט אויף מיר אין דעם גאַראַזש, און אײַנגעקויפט, ווי געווײנלעך, אַלץ, וואָס מע דאַרף אין הויז צו עסן און צו טרינקען. קאַרל האָט זיך פאַרבענקט נאָך קאָקאַ-קאָלאַ... און ווען מיר האָבן אַלץ אײַנגעקויפט, האָבן מיר באַשלאָסן צו קומען אהערצו וואַרטן אויף דיר און עסן צוזאַמען.

אַלעקסאַנדער האָט געקוקט אויף זיי ביידע, ניט געוואָלט פרעגן, ווי עס קומט, וואָס זיי האָבן אַזוי גיך זיך אומגעקערט. בעסער ניט פרעגן. אָט גלײַך ווי זיי וואָלטן גאָר אינגאַנצן ניט אַוועקגעפלויגן קיין שוועדן. דאָס פרעגן וועט שוין קומען שפּעטער, ווי פון זיך אַליין, אינדערהיים. דאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן צו קאַרלען:

— ביסט אַ ביסל אויסגעוואַקסן דאָרט, בײַ דער באָבען אויף דער וואַקאַציע.

— כ'האָב זיך אָפּט געגליטשט אויף די שניי-גליטשערס. כ'פלעג פאָרן אהינצו אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך.

— און די מאַמע?

— די מאַמע אויך אַמאָל.

— וואָס מאַכט דײַן מאַמע? — האָט ער אַ פרעג געטאָן העדען.

— מײַן שוועסטער עלגאַ האָט כאַסענע געהאַט, און זי וועט מיט איר מאַן וווינען בײַ דער מאַמען. דער באָכער, אַ קאַליפאָרניער, איז אַנטלאָפן קיין שוועדן — ניט געוואָלט גיין אין אַרמיי איבער דער וויעטנאַמער מילכאָמע. ער איז אַן אײַנבינדער און האָט ליב זײַן אַרבעט.

זיי האָבן באַשטעלט אַ מיטיק, און, עסנדיק, האָט קאַרל געהאַלטן אין איין דערמאָנען די מײַכאָלים, וואָס די באָבע האָט געקאָכט פאַר זיי. אַלעקסאַנדער האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויף העדען. איר לענגלעך פּאָנעם און גלאַט-פאַרקעמטע האָר האָבן, ווי שטענדיק, געמאַכט דעם אײַנדרוק פון אַ רויִקער, אינטעלעקטועלער פרוי. זי האָט אויך ניט אַראָפּגענומען אירע בליקן פון אים. און נאָך אַ רײ פראַגן און ענטפערס וועגן שטוב-עניאָנים, וועגן בריוו, ביכער און זשורנאַלן (קאַרל איז אַוועק אין וואַש-צימער), האָט זי שטיל אַ פרעג געטאָן:

— דו האָסט געבענקט נאָך מיר?

— ווען כ'האָב געהאַט צײַט, — האָט ער געשמייכלט.

— דו ביסט דאָך שטענדיק פאַרנומען.

— ניט אין די אָוונטן.

— כ׳האָב געמיינט, דו וועסט מיך אָפּגעטן, — האָט זי אויך געשמייכלט, — דו ביסט אַן אדוואָקאט, אָבער אָפּצוגעטן מיך וואָלסטו געדאַרפט אָנשטעלן א צווייטן. האָסט געטראַכט וועגן דעם?

— וואָס פּלוצעם? דו דאַרפסט זיך ניט פילן שולדיק.

— מיין פאַרלאָזן דיך. לאָזן דיך אַליין אונטער די געפאַרן פון דינאַמיט-באָמבעס. ס׳איז דאָ, האָף איך, גאַרניט געשען? זיי קלינגען נאָך אינמיטן דער נאַכט אין טעלעפאָן? זיי סטראַשען נאָך?

— ניין. און מע דאַרף ניט איבערטרייבן.

— וואָס מאַכן דיינע עלטערן?

— זיי עלטערן זיך.

— דו ביסט געווען בא זיי?

— ניין. גערעדט מיט זיי אין טעלעפאָן עטלעכע מאָל. זייער וועלט איז ניט אונדזער וועלט. מיר — אָט בויען מיר, אָט צעשטערן מיר... און אָט בויען מיר ווידער. מיר האָבן נאָך עפּעס א צוקונפט, פול מיט פאַנטאַזיעס. בא זיי איז אַלץ מאָנאָליטיש, וואָלט איך געזאָגט. אויב עפּעס ווערט צעשטערט, איז דאָס אַרום זיי און אין זייערע קערפּערס. און אַז זיי זאָרגן, דאַכט זיך מיר, זאָרגן זיי וועגן אונדז, וועגן קאַרלען.

— אָט איז קאַרל דאָ צוריק. מיר קאָנען פאָרן אהיים. כאַ, דאָס מאָל וועלן מיר פאָרן אין צוויי מאַשינען. דו אין דיינער, איך אין מיינער, — האָט העדאַ געזאָגט.

ווען זיי זיינען שוין געווען אין דרויסן און געשטאַנען בא העדאַס מאַשין, האָט קאַרל אַ זאָג געטאָן:

— ווי דענקסטו, פּאַ, איך קאָן שוין האָבן מיינע א מאַשין?

— ווען דו וועסט ווערן א סטודענט אין קאָלעדזש — און דאַרפסט ניט וואַרטן צו לאַנג. נאָך א יאָר, צי צוויי. עס געוועגדט זיך אין דיר, וויאַזוי דו וועסט לערנען.

פאָרנדיק אַליין אין מאַשין אַף דעם וועג אהיים, קיין לאָנג-איילאַנד, האָט אַלעקסאַנדער געטראַכט, אַז אָט... ער האָט א זון, וואָס נאָך א פּאָר יאָר, און ער וועט זיין אין קאָלעדזש... מיט זיינע פּעקלעך — עפּשער טאַקע איבעראיאָר... איין זאַך האָט ער, קאַרל, און ער אַליין, דער פּאָטער, אויסגעמיטן — די באַרמיצווע, ווען ער איז אַלט געווען 13 יאָר... די טומלדיקע אויספּלאַנירטע רייכע באַרמיצווע-צערעמאָניעס, צו וועלכע ער ווערט אַמאָל איינגעלאַדן, ווען א זון פון א קאָלעגע ווערט אַלט דרייצן. ווען ער וואָלט ניט כאַסענע געהאַט מיט העדען, נאָר מיט א יידיש מיידל, וואָלט ער מיסטאָמע אויך געדאַרפט אָנהאַלטן דעם סטאַטוס און אויפירן זיך ווי אַלע אַנדערע... נו, ער אַליין איז א ייד... אָבער לויט דער יידישער רעליגיע זיינען די קינדער, געבוירענע בא קריסטלעכע מאַמעס, אויך קריסטן, ניט יידן, אויב דער פּאָטער איז א ייד. קאַרל ווייסט אָבער ניט וועגן דעם דאָזיקן רעליגיעזן דין. און ס׳קאָן נישט זיין, אַז ער האָט ניט געהערט פון זיינע כאַווירים אין שול וועגן באַרמיצוועס... ער איז געווען און איז שטענדיק א נייגעריקער, און ס׳קאָן ניט זיין, אַז ער האָט ניט געהערט און ווייסט ניט, אַז ווען א ייִנגל בא יידישע עלטערן ווערט 13 יאָר, מאַכט מען פאַר אים באַרמיצווע-פאַראַדן, צערעמאָניעס מיט מאַטאָנעס... איז פאַרוואָס האָט ער קיינמאָל ניט גערעדט, ניט געפרעגט וועגן דעם? וויאַזוי איז דאָס מעגלעך אין ניו-יאָרק, מיט איר צווייִמיליאָניקער יידישער באַפעלקערונג, מיט אַזויפיל יונגע קינדער, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען די דאָזיקע צערעמאָניעס פון באַרמיצוועס און באַט-מיצוועס? עפּשער האָט ער גערעדט וועגן דעם מיט דער מוטער? און עפּשער, און דאָס איז מער גלייבלעך, עס לייגט זיך מער אַפן סייכל, שווייגט ער, און פרעגט ניט, און רעדט ניט וועגן דעם, ווייל ער וויל זיך פון עפּעס באַשיצן? ער וויל ניט מיט זיין „פיפטי-פיפטי״ אַריינקריכן אין קאָמפּליקאַציעס... ער איז צופרידן, ווען מע לאָזט אים צורו, ווען מע זאַטשעפּעט אים ניט מיט רעליגיעס, צי דאָס איז די יידישע, צי פּראָטעסטאַנטישע, צי קאַטוילישע...

ער, אַליין, אַלעקסאַנדער, פאַרשטייט אויך ניט, פאַרוואָס די יידן האָבן זיך אַזוי שטאַרק און טומלדיק אָנגעכאַפּט אין די באַרמיצווע-צערעמאָניעס... דאָס וועט אָפּשטעלן די אַסימילאַציע? די אינטעגראַציע? וואָס האָט ער אַליין צו טאָן מיט יידנטום און יידישקייט, כוץ ווען עס קומט צו געזעצן און יורידישע ביזנעס?...

ווען ער איז צוגעפאָרן צום קאָטעדזש, האָט ער דערזען, אַז העדאַ און קאַרל קומען שוין אַרויס פון גאַראַזש מיט די פּעקלעך, וואָס זיי האָבן איינגעקויפט, איידער זיי זיינען געפאָרן אין רעסטאָראַן.

די אָנגעצונדענע לאָמפּן האָבן באַלויכטן דאָס גאַנצע הויז מיט אַן אָנגענעמער ליכטיקער וואַרעמקייט. ס׳איז געווען, האָט אַלעקסאַנדער געזען, אויפגעראַמט. ס׳האָט זיך גע-

פילט, ווי אין עפּעס א יאַמטעוו-נאכט. ערשט איצט האָט ער דערזען, אז קאַרל איז געוואָרן א ביסל העכער און דינער. אויך העדא האָט אין דעם גרויען, געפּאסטן קלייד אויסגעקוקט דינער און העכער. צי עפּשער זײַנען דאָס די הויכע אָפּצאסן אירע, וואָס מאכן זי העכער. און כאָטש זי האָט ניט געשמייכלט, איז איר פּאָנעם געווען אָנגענעם מיט איר רויִקײַט, מיט עפּעס א קלאָרקײַט, מיט אָפענער גוטסקײַט, וואָס האָט אים געפרייט.

ער האָט זי ארומגענומען און געהאלטן א ווײַלע צוגעדריקט צו דער ברוסט, געקושט אירע ליפּן מיט עפּעס א דאָרשט, וואָס ער האָט שוין לאנג ניט געפילט... זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט אלע דרײַ אפן דיוואן, צוהערנדיק זיך צו א סימפאָניע אינעם טעלעוויזאָר, וואָס קאַרל האָט אײַנגעשלאָסן...

דערנאָך האָט אלעקסאנדער אָנגעקלונגען צו די עלטערן. זיי האָבן זיך שטארק דערפרייט מיט דער גוטער נײַס וועגן העדעס און קאַרלס צוריקומען. העדא און קאַרל האָבן אויך געזאָגט א פּאָר פראזעס יעדער איינער — זיי וועלן נאָך ריידן, ווען זיי וועלן שוין זײַן אויסגערוט און זיך דערפילן, ווי מע פילט זיך אינדערהיים.

העדא און קאַרל האָבן שוין אויסגעפּאקעוועט זייערע קליידער און זיי אופגעהאנגען אין די וואנט-שאפעס. אלעקסאנדער האָט אין זײַן קאבינעט דורכגעקוקט אייניקע דאָקומענטן, וועלכע ער האָט מיטגענומען מיט זיך פון אָפיס. דערנאָך האָבן זיי (ס'איז שוין געווען עלף אין אָוונט) געטרונקען מילך און פארביסן מיט שוועדישן געבעקס, וואָס זיי האָבן געבראכט מיט זיך. געהערט אין דער זעלבער צײַט די טאָג-נײַס אין טעלעוויזאָר. דערנאָך האָט אין די דרײַ וואש-צימערן יעדער איינער זיך גענומען גרייטן צום שלאָף.

אין דער האלב-טונקלקײַט פון זייער שלאָפצימער האָט אלעקסאנדער אומגעריכטערהייט געכאפּט א בליק אף דער האלב-אנטבלויזטער פיגור פון העדען... אף אירע לאנגע, נאקעטע פיס און הענט... און, ווי קימאט מיט א האלב צענדליק יאָרן צוריק, זיך דערפילט אָן ארומגעכאפּטער פון א שטארקן באגער צו דעם שיינעם, גוט פאָרמירטן, רייצנדן קערפּער פון זײַן ווײַב. זיי האָבן ביידע, ווי אופגעהויבענע פון הייסע כוואליעס, גענומען טראָגן זיך אין עפּעס א יאם פון פריידיקן געפיל פון אומבאגרײַפלעכן גענוס...

7

פערלמאנס טויט האָט געהאלטן טאָנסקין אייניקע טעג אין א צושטאנד פון פארלוירנקײַט, טרויער אפילע. ער האָט אים, פערלמאנען, די גאנצע צײַט געזען אָט אזעלכן, ווי ער פלעגט אים זען אין דער קאפעטעריע מיט 40 יאָר צוריק. ער האָט אפילע ארויסגענומען זײַן בריוו און ווידער אים איבערגעלייענט. ווען פערלמאן האָט געלעבט, האָט ער, טאָנסקי, געפילט, אז, ניט קוקנדיק אף דעם, וואָס זיי זײַנען אזוי ווײַט איינער פון צווייטן, און ס'איז אפילע ניטאָ קיין האָפענונג ווידער צו טרעפן זיך אמאָל, האָט ער אָבער געפונען דעם שטארקן אינטערעס אין דער פארבינדונג מיט אים דורך בריוו: קריגן פון אים א בריוו, טראכטן וועגן די בריוו, אליין שרײַבן א בריוו, ווארטן אף א בריוו... ס'האָט ערגעץ אין זײַן מוִיעך געפלאָטערט א מין גײַסטיקע עקזיסטענץ פאר אָט דער שרײַבערישער פארבינדונג. און איצט ניטאָ — אויס.

ער קאָן ניט העלפן... ניט טראכטן וועגן דעם: ער האָט געפּרוּווט אפילע (שוין ניט איינמאָל געפּרוּווט) צו פארבינדן זיך דאָ אין לאנד מיט א פּאָר קאָלעגן, מיט וועלכע ער איז געווען גוט באקאנט און וואָס האָבן אין זייער צײַט אויך געשפּילט עפּעס א ראָליע אין דער ליטעראטור — געפּרוּווט זיך פארבינדן שריפטלעך, האָבן זיי געענטפערט מיט פארעווע, גאָרניט זאָגנדיקע בריוו, מיט קוים זעלבארע שורעס, מיט אויסגעוועפּטע שטימונגען — איינס איז געווען פארשטענדלעך: יערידע. איינער, א האָראָוויץ, גראָד א יינגערער, עטלעכע און זעכציק יאָר, האָט נאָך „געשפּרודלט מיט ענערגיע און מיט ווילן צו טאָן עפּעס", ווי ער האָט געשריבן אין זײַן ענטפער אף טאָנסקיס בריוו — אָבער אויך ער איז געווען אין ייִעש. ער איז ארײַנגעפאלן אין ייִעש, ווײַל ער האָט געזען, אז די זעלבסטגעקרוינטע אופהאלטער פון דער ייִדישער קולטור לאָזן אים ניט צו, ווײַל ער קאָן נאָך ווערן „צו אמביציִעז און פארכאפּן די גאנצע רעזשי, דירעקציע, רעקלאמע און בארימטקײַט, וואָס האָט זיי אוועקגעשטעלט אין דעם אויבנאָן פון דער פאראליזירטער, פארשטומטער ייִדישער קולטור". דאָס איז גראָד געווען גאנץ קלאָר פאר טאָנסקין. איז זיצן און בלויז שרײַבן בריוו, און וועגן דעם זעלבן איניען — צוליב וואָס?

און נאָך איינער, אַן אַמאָליקער פּראָמינענטער קולטור-טוער און אַ שיינער אָראַטאָר — מיכל שיינגאָלד, האָט, ענטפערנדיק אַף טאַנסקיס בריוו, געשריבן: „נו, גוט, זאָגט מיר, טאַנסקי, קאָנקרעט, וואָס קאָן מען טאָן? ווען זיי (ווער זייַנען זיי די „זיי“?) זאָלן אַפּילע אַראָפּנעמען די בלאָפערישע מאַסקעס און ווען זיי זאָלן אַפּילע האָבן דעם גייַסטיקן קוראַזש זיך מוידע צו זייַן: „עס צעפאַלט זיך דער אַמאָליקער, אַלטער בנין, וואָס יעדע פון זייַנע קאָלאָנעס זייַנען געשטאַנען אין אַלע ווינקלען פון דער ערד... און ווען די וועלט-ציטערניש, די וועלט-קאַטאַסטראָפע איז געקומען, זייַנען די קאָלאָנעס די ערשטע צעפאַלן געוואָרן... און אַפּילע די פונדאַמענטן זייַנען פאַרשאָטן געוואָרן... איז פונוואַנען און פון וואָס זאָלן מיר ווידער אָנהייבן, ווען מיר האָבן שוין ניט אַפּילע קיין עכטע, אַכרייַעספולע אַרכיטעקטאָרן, מוליערס, ציגל-לייגערס... פון וואָס זאָלן מיר ווידער אָנהייבן? פון כאַדאָרים? און ווער וועט העלפן? די פּרעסע, וואָס גייט אונטער? די יידישע מיליאָנערן מיט זייערע קאַפּיטאַלן, מעצענאַטן פאַר אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן, שפּיטאָלן, מוזייען, אָבער קיין סענט ניט פאַר יידיש... עס נעמט בא מיר צו דאָס געזונט, אַפּילע ווען איך רעד און שרייַב וועגן דעם“. און מיט דעם האָט ער פאַרענדיקט זייַן בריוו.

האָט טאַנסקי אופגעהערט שרייַבן בריוו. געלייענט אַ סאַך — ענגליש און רוסיש. און אין דער יידישער ליטעראַטור ווידער, ווען-ניט-ווען, זיך אומגעקערט צו די אַלטע ווייַטע שאַפונגען פון די אַוועקגעגאַנגענע שרייַבער.

איינמאָל אין אַן אָוונט, זיצנדיק און טראַכטנדיק וועגן דעם אַלעמען, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו מאַלקען, אַז ער טראַכט אָנהייבן שרייַבן בריוו צו זיך אַליין, אָט ווי: מיינט ער טאַקע, דער שרייַבער טאַנסקי, אַז ער איז גערעכט אַף הונדערט פּראָצענט אין דעם, וואָס ער זאָגט? און זייַנען טאַקע זייַנע עמעסן די עמעסע עמעסן? עפשער איז ער, טאַנסקי, אויך אַ פאַרפירטער, אַ פאַרגלייבטער אין זייַנע פאַקטן און אַפּילע אין זייַן פּעסימיזם? מאַלקע האָט געשמייכלט: — טאַקע, שרייַב עס אָן. לאָמיר הערן.

אין אָנהייב מייַ האָט ער דערהאַלטן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“, וועלכער האָט אים איבעראַשט מיט דער צאָל זייַטן, מיט דעם אָרט, וואָס מ׳גיט אָפּ אַ שרייַבער — ער זאָל זיך קאָנען אָנזען אין זייַן גאַנצן אויסדרוק און פאַרנעם; מיט דער קונסט-אָפּטייַלונג, מיט די איליוסטראַציעס, וואָס ווערן אין דעם זשורנאַל געדרוקט, און איבערהויפּט מיט דעם ליטעראַרישן און פּובליציסטישן אינהאַלט.

דער דאָזיקער טאָג איז געווען פאַר אים אַ יאָמטעוודיקער. ער האָט אַ גאַנצן טאָג געלייענט, און דער איינציקער מענטש, מיט וועמען ער האָט זיך געקאָנט טיילן מיט זייַנע אייַנדרוקן, איז געווען מאַלקע.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן. מאַלקע האָט אופגעהויבן דאָס טרייַבל, אָבער דאָס מאָל איז דער קלונג געווען פאַר טאַנסקין.

— טאַנסקי?

— טאַנסקי. וואָס מאַכט איר, גאָלדמאַן?

— איך מאַך גאָרניט. אַפּילע קיין לעבן מאַך איך ניט. איך גלייב, אַז בלויז בא אונדז אין אַמעריקע „מאַכט מען“ אַ לעבן. איך רוף אייַך צו לאָזן אייַך וויסן, אַז קרעטשמאַר... איר געדענקט דאָך קרעטשמאַרן... ער האָט אַלע זייַנע יאָרן געשריבן קורצע, כסידישע מייַסעלעך... נו, איז ער געשטאָרבן.

— איך געדענק אים. ער האָט שוין געדאַרפט זייַן איבער נייַנציק.

— קיינער געדענקט שוין ניט זייַן נאָמען אַפּילע, — האָט גאָלדמאַן געזאָגט.

— ווער, ווילט איר, זאָל געדענקען? — האָט טאַנסקי געזאָגט.

— אָט אַזעלכע, ווי איך, ווי איר, עפשער נאָך עטלעכע. מאָרגן איז די לעווייַע אין טשעפּל... ניט ווייַט פון אייַך. איך וועל דאַרפן פאָרן, אָבער איר קאָנט זיך דורכגיין אַהינצו. וועלן מיר זיך טרעפן דאָרט.

— האָט איר נאָך עמעצן געקלונגען?

— וועמען? די עטלעכע יינגערע פּאָעטן קענען אים ניט, זיי האָבן אַפּילע זייַן נאָמען ניט געהערט. ער האָט זיך שוין יאָרן ניט געדרוקט. וועט איר קומען?

— איך וועל קומען.

— צוועלף. איז לאָמיר ריידן אַ ביסל וועגן פרייַלעכערע זאַכן.

— אַשטייגער?

— אַשטייגער... וועגן די לעצטע מאָהיקאַנער.

— וועל איך אייַך דערמאָנען קאָראָלענקאָס: דער לעצטער גלאָקן-קלינגער האָט אָפּגעקלונגען. אין רוסיש קלינגט עס בעסער, טיפער «Последний звонарь отзвонил...».

— ווען מע טראַכט זיך אַרײַן, ווערט אַ ביסל טרויעריק אַף דער נעשאָמע... ווי דענקט איר, וועט אַמאָל ווידער קומען אַ צײַט, ווען ייִדן וועלן האָבן אַ מאַני לייב, אַ מוישע לייב, אַ לייוויק, אַ פּערעץ, אַ שאָלעם-אַלייכעם, אַ מאַרקיש, אַ בערגעלסאָן, אַ ניגער? עס וואָלט געדויערט אַ פּאָר שאָ אויסצורעכענען זיי אַלעמען...

— עס זײַנען נאָך פאַראַן אַזעלכע, וואָס גלייבן אין דעם... ניין, ניט שרײַבער... גלאַט אַזוי ייִדן, וואָס ווילן גלייבן אין עפּעס... עס גלוסט זיך ניט צו בלײַבן הענגען אינדערלופטן. נו, עס פאַרטראָגט ניט דאָס האַרץ בײַ איינעם צו זאָגן אַ קראַנקן — עס האַלט שמאָל מיט דיר. אָט יענע גלייביקע זאָגן: זעט: נאָך צוויי טויזנט יאָר האָט ווידער אויפגעלעבט העברעיִש. איז ווידעראַמאָל: איר געדענקט עפּשער, ווי מע פלעגט זאָגן אין רוסיש «блажен, кто верует».

— איר שרײַבט נאָך אַ ביסל, טאָנסקי?

— יאָ. און איר?

— מײַנע הענט ציטערן, אָבער איך שרײַב אויך צוביסלעך. מײַן שרײַבמאַשין האָט זיך צעבראָכן. זי איז אַרײַנגעפאַלן אין ייִעש פריִער פון מיר. זי שטייט שוין אַ שוויַגנדיקע. קלאַפּט ניט מער. מײַן אוריינִיקל איז איינמאָל אַרײַנגעקומען צו אונדז, דערזען אַפן טיש די שרײַבמאַשין מיט די ייִדישע אויסיִעס, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו דער עלטערבאָבע, צו בעסין: אַ קאָשערע! נו, ווער אין מײַנע יאָרן וועט לויפן קויפן אַ נײַע ייִדישע מאַשין? אָפּצודרוקן אַ פּאָר ייִדישע אַרטיקלען און אַרײַנלייגן זיי אין שופלאָד? צי אַוועקשיקן זיי צום נעגעוו, צי צו דעם מידבער סאַכאַראַ, אַז זיי זאָלן דאַרפן וואַרטן אַף אַ ייִדישן מאָשיִעך?

— בײַ אײַך איז נאָך טונקעלער, ווי בײַ מיר, — האָט טאָנסקי געזאָגט.

— ווי דענקט איר? קרעטשמאַר האָט עפּעס איבערגעלאָזט אייניקע מײַסעלעך? איר ווייסט דאָך, אַז איינער שטאַרבט, כאַפּט מען זיך אָן אין דער יערושע...

— איך דערמאָן זיך אָפּט אין אײַער זאָג: מ'דאַרף זיך צוײַלן שטאַרבן, ווײַל באַלד וועט ניט זײַן, ווער ס'זאָל קומען צו דער לעווײַע. נו, וועלן מיר זיך זען מאָרגן. צוועלף אין גראָסמאַנס טשעפּל.

— אַ גוטן.

ס'איז געווען אַ רעגנדיקער טאָג אין יון. טאָנסקי איז מיט זײַן רעגן-שירעם אַהיימגעקומען פון זײַן שפּאַציר. דער רעגן איז ניט געווען קיין שטאַרקער. דאָך איז ער אַפן וועג אַרײַנגעגאַנגען אין דער קאַפּעטעריע אָפּצורוען זיך אַ ביסל, אויסטרינקען אַ טעפּעלע קאַווע (די סאַכאַרין-טאַבלעטן האָט ער געטראָגן מיט זיך אין אַ קליין פלעשעלע). און טראַכטן אַ ביסל... טראַכטן איז בײַ אים אויך געווען אַ מין אינגרעדיענט פון עקזיסטענץ, מיט וואָס אַ מענטש דאַרף זיך פאַרנעמען. און זיצנדיק אַזוי, זופנדיק צוביסלעך די קאַווע, האָט ער, ניט טראַכטנדיק אפילע, אַ זאָג געטאָן: איצט וואָלט איך געקענט אָנהייבן שרײַבן עפּעס. געזאָגט און זיך צעשמייכלט.

זיצנדיק שוין אין שטול און קוקנדיק אַף מאַלקען, ווי זי קלעפּט אַרײַן אין אַלבאָם פאָטאָגראַפיעס, וואָס קאַרל האָט איר צוגעשיקט, האָט ער ווידער, ווי רײדנדיק צו זיך אַליין, אַ זאָג געטאָן:

— אַפילע ווען איך ווייס ניט, וואָס איך וועל טאָן מיט דעם, האָט זיך מיר הײַנט פאַרגלוסט אַוועקצוזעצן זיך און אָנשרײַבן עפּעס... אָט ווי איינעם פאַלט אײַן צו שפּילן אַף פידל, צי אַף פּיאַנאָ, אימפּראָוויזירן... שאַפן עפּעס.

— שרײַב וועגן מיר. וועגן מײַן לעבן, — האָט מאַלקע געזאָגט.

— דו ווייסט, אַז איך מײַד אויס צו שרײַבן וועגן מײַנע אייגענע. אַ סאַך גרויסע שרײַבער האָבן דאָס אויסגעמיטן, איז פאַרוואָס זאָל איך זײַן אַנדערש? בין איך דען ניט אויך איינער פון די גרויסע שרײַבער? כאַ-כאַ! — האָט ער האַנאָע געהאַט פון זײַן ביסל הומאָר.

— דו שרײַבסט מערסטנס וועגן דעם, וואָס דו זעסט און וועגן וואָס דו טראַכסט, — האָט זי געזאָגט, — אָבער ניט וועגן לעבעדיקע מענטשן, נעשאָמעס.

— יאָ. אין דעם ביסטו גערעכט. מעגסט צוגעבן: מענטשלעכע פּראָבלעמען.

— און ווען דו שרײַבסט וועגן די טראַכטעניִשן פון מענטשן, איז דאָס מערסטנס דאָס, וואָס דו אַליין טראַכסט.

— נאַטירלעך. איך בין איינער פון דער מענטשהײַט. און אידייען, מאַכשאָוועס, אויסדרוקן, עמאָציעס און אײַנדרוקן זײַנען אַלע צעשפּרייט און פאַרקנופּט ווי אין ריזיקע נעצן

איבער דער מענטשהײַט. מיר געפינען זיך אַלע אין אַט די נעצן. אייניקע אין פּאַשעטע נעצן, אַנדערע — אין זײַדענע, שיין-געפלאָכטענע נעצן. און ווי מיר זאָלן זיך ניט קליגלען, און ווי מיר זאָלן ניט זײַן געלערנט, דערצויגן, טרעניִרט — זײַנען מיר אַלע אונטער דער הויט, ביִאָלאָגיש, ווי העדאַ וואָלט עס געזאָגט, די זעלבע לעבעדיקע ווערעמס פון דעם לעצטן, דערווײַל, האָמאָ-סאַפּיענס-פּעריאָד, און אַף וואָס פאַר אַ לעשוינעס מיר זאָלן ניט ריידן, טראַכטן מיר, פירן מיר זיך אויף, האָבן מיר ליב און פּרוכפּערן זיך, ווי עס וויל די נאַטור. ווען איך זאָג עפּעס, זאָגן עס נאָך אַ פּאַר ביליאָן נעפּאַשעס — דאָס זעלבע, מיט מיר, אַפילע ווען איך הער עס ניט. און דאָס, וואָס אַ פּאַר ביליאָן פילן, טוען און זאָגן, פיל איך אויך און איך זאָג עס אויך — עס מאַכט ניט אויס, צי איך הער עס, צי ניט. עס איז ניט בלויז איך, בלויז מײַנס — ס'איז ווי אַ מאָלעקול, ווי אַן אַטאָם אין איין אָרגאַניזם.

— איז ניטאָ, מיינסטו צו זאָגן, קיין פאַרשיידנאַרטיקײַט אין דער מענטשהײַט? אַלע ווי אין איין פאַבריק געמאַכט?

— כ'האָב דאָך געזאָגט: מיר זײַנען אַלע גלײַך אין די נעצן פון דער נאַטור — די נעצן אָבער קאָנען זײַן פּאַשעטע, זײַדענע, פּליושענע און עפּשער אויך אומזעבאַרע. דער מענטש איז אַן איינס צווישן די דרײַ-ביליאָניקע איינסן אין דעם וועלט-באַשאַף — ניט אַרײַנרעכענענדיק די טויטע. איצט פאַרשטייסטו, פאַרוואָס איך זאָג, אַז ווען און וועגן וואָס איך זאָל ניט טראַכטן און שרײַבן, איז עס ניט בלויז מײַן טראַכטן, אַפילע ווען איך בין טאָנסקי און איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין, וואָס אַלבערט איינשטיין האָט געטראַכט. די מענטשלעכע פּראָבלעמען און אײַנפאַלן קאָנען זײַן אין די טויזנטער, אין די מיליאָנען, ווי די שטערן, אַשטייגער — אין דעם באַשאַף אָבער זײַנען זיי אַלע גלײַך און קומען פון דער זעלבער כימישער רעאַקציע. און אַז איך שרײַב וועגן מענטשלעכע פּראָבלעמען, פילאָסאָפיעס, קונסט, לײַדנשאַפטן, פאַנטאַזיעס אַפילע, ווייס איך, אַז ס'איז ניט בלויז מײַנס, שרײַב איך האַלב אין ערנסט, האַלב מיט דעם העוועל-האַוואָלימדיקן טאָן אין מיר.

— איך זע אַזויפיל ביכער — ביִאָגראַפיעס און אווטאָביִאָגראַפיעס, — האָט מאַלקע געזאָגט, — שרײַב דײַן אווטאָביִאָגראַפיע.

— אווטאָביִאָגראַפיעס זײַנען קיינמאָל ניט עמעסדיק. איך געדענק ניט דעם נאָמען פון דעם דענקער צי שרײַבער, וואָס האָט געזאָגט, אַז אין די אווטאָביִאָגראַפיעס איז דער עמעס בלויז דאָס, וואָס דער אווטאָר האָט ניט געשריבן, בלויז דאָס, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט, אַז די לייענער זאָלן ניט וויסן וועגן דעם. כוץ דעם — איך וואָלט ווידער געדאַרפט זיך אומקערן צוריק צום שטעטל, צו די „שטעטלשע אידיליעס", וועלכע דער לייענער וויל זען אין אַ מאַרטירערישער, פאַרהייליקטער אַפילע ליכט, ס'איז געוואָרן אַ מוז אַזאַ.

— איז שרײַב וועגן ליבע. אַט, וועגן אַ ייִדישער „מאַדאַם באָוואַרי", ווי פלאָבער האָט געגעבן דער ליטעראַטור; צי וועגן אַ ייִדישער „אַנאַ קאַרענינאַ", ווי טאָלסטאָי האָט עס געטאָן; צי אַפילע ווי טשעכאָוו „די דאַמע מיטן הינטל"...

— כאַ-כאַ-כאַ! דו נעמסט מיט אַ פאַרשטעלטער מאַסקירטער ערנסטקײַט דערהייבן מיך, אוועקשטעלן מיך אין איין ריי מיט די באַרימטסטע פּראָזאיקער און זאָגסט נאָך מײַנעם א געדאַנק וועגן די ווערק, וועגן וועלכע איך האָב ערשט ניט לאַנג צוריק גערעדט מיט דיר און כ'האָב געזאָגט, אַז די דאָזיקע גרויסע שרײַבער וואָלטן ניט געשריבן איצט אַף אַזעלכע טעמעס. מיר דאַכט זיך, אַז אַפילע שפּאַסן וועגן דעם איז נאַריש.

— איז... שרײַב וועגן דער צוקונפט.

— אַט, אַט... אַט אין דעם האָבן זיך שוין טאַקע אַ סאַך שרײַבער אָנגעכאַפּט צו שרײַבן, זינט דעם אַטאָמישן אופרײַס און זינט דעם פלוג צו דער לעוואָנע. יאָ, אַ סאַך שרײַבער וואָלטן געוואָלט זײַן די דאָזיקע, וואָס האָבן אופגעהויבן דעם פאָרהאַנג אַף דער בינע-ערד צו ריידן און ווײַזן דאָס נײַע קומענדיקע סאָציאַלע, טעכנאָלאָגישע און גײַסטיקע לעבן, צו וועלכן די מענטשהײַט גייט. דאָס לעבן, דאָס מענטשלעכע לעבן שטייט אָבער ניט אַף איין אָרט — עס בײַט זיך, אַפילע ווען די אינוויוניקסטע, ברייִשיסדיקע עסענץ איז די זעלבע.

— וואָס זשע ביסטו — אַ פּעסימיסט צי אַן אָפּטימיסט?

— איך האָב אין זיך אַנטדעקט, אַז מ'קאָן זײַן ביידע. אַט, אַשטייגער, ווען איך טראַכט וועגן זיך ווי וועגן אַ שרײַבער. צי אַט, ווען איך טראַכט, אַשטייגער, וועגן די מענטשלעכע טעכנאָלאָגישע דערגרייכונגען. וואָס מ'קאָן טאָן מיט נוקלעאַרער ענערגיע — מ'קאָן

טראַנספֿאָרמירן די ערד און פֿאַרוואַנדלען זי אין אַ פּלאַנעטע מיט קישעפֿדיקע באַקוועמ־לעכקייטן פֿאַר דער מענטשהייט, און מ׳קאָן זי שוין מיט די זעלבע טעכנאָלאָגישע דער־גרייכונגען פֿאַרברענען, אופֿרײַסן אין איין טאָג צײַט. דאָס זעלבע מיט די ביאָלאָגישע דער־גרייכונגען, מיט מעדיצינישע און אַזוי ווײַטער... קיינער אין אַזאַ וועלט קאָן זאָגן אַף זי־כער, וואָס אַ קומענדיקער דאָר קאָן ברענגען.

— איז וועגן וואָס וועסטו שרײַבן, ווען דו וועסט זיך אוועקזעצן שרײַבן?

— איך גיי ניט פֿאַרטראַכטן אַ גרויס ווערק (ווען איך זאָג „גרויס", מיין איך ניט די קוואַליטעט. גרויסע ווערק קומען צו גרויסע שרײַבער און אויך עפּשער איין מאָל אין פּופֿציק צי אין הונדערט יאָר). איך זאָג „גרויס", פּונקט ווי אַ מאָלער וואָלט געזאָגט: איך גיי מאָלן אַ בילד, וואָס וועט פֿאַרנעמען אַ האַלבע וואַנט... נו, איך טראַכט ניט איצט וועגן אַ פֿאַרנעם, אין וועלכן איך וואָלט אַרויסגעבראַכט אַ דאָר צי צוויי — אַ מין טרילאָגיע. אַפֿילע ווען איך וואָלט פֿאַרטיק געוואָרן מיט דעם, איז וויאַזוי וואָלט עס דערזען די ליכטי־קע וועלט. נו, אַזעלכע מענטשן, ווי איך, וואָלטן עפּשער געקויפֿט אַזאַ נײַ־דערשינענעם בוך, איז וויפֿל האָסטו אַזעלכע מענטשן ווי איך, כאַ־כאַ?.. וועל איך דיר אויסזאָגן אַ סאָד. ס׳האָט שוין געטראָפֿן מיט מיר אייניקע מאָל: דו ווייסט, מע זאָגט בײַ אונדז, אַז דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן. טו איך אַזוי: איך זעץ זיך אוועק בײַם שרײַבטיש, נעם פּאַפּיר און די פֿען און שטעל אוועק אויבנאָן, אַף דעם ערשטן בלעטל, אַ פּראַזע, וואָס קומט מיר פּלוצעם אין קאָפּ אַרײַן. לאָמיר זאָגן: „ס׳האָט געשנייט", צי „ס׳האָט גערעגנט". איך פֿאַר־מאַך די אויגן און טו זיך אַ זאָג: „איז וואָס?" קומט מיטאַמאָל פֿון ערגעץ אַ צווייטע פּראַ־זע, דערנאָך אַ דריטע... אַ געדאַנק, אַ פֿאַנטאַזיע... עמעצנס אַ פּאָנעם... אַ שטימונג... און עס פֿירט מיך ערגעץ אַרײַן, אָט ווי גייענדיק אין אַ פֿינצטערן וואַלד צי אַ פֿינצטערער גאַס... און אָט ווידער עפּעס אַ זעונג... פֿון דער פֿאַרגאַנגענהײַט... צי פֿון דעם נעכטן... און די פֿען לויפֿט... און מיטאַמאָל דערזע איך אַ בילד, און וועלכן איך קאָן אַרײַנברענ־גען אין אידיי... צי איך דערמאָן זיך אַ געשפּרעך, אָט ווי דעם איצטיקן, און איך הייב אָן שרײַבן, אַ געפֿירטער שוין פֿון דורכלעבונגען, צי פֿון פֿאַנטאַזיע, פֿון לאָגיק, אַף וויפֿל איך האָב זי, פֿון טאַלאַנט, אַף וויפֿל איך האָב אים... איך בין דאָך אַ שרײַבער... מ׳האָט דאָך שוין אָן אַ שיר זאַכן מײַנע געדרוקט אין די שענסטע זשורנאַלן. נו, אָט... אָט האָב איך דיר געגעבן די געלעגנהײַט צו דערהערן אויך וועגן מײַן שרײַבערישן מיטל צו פֿאַר־נאַרן אַן אידיי, אַ טעמע צו מײַן מויער און דערנאָך, ווען ס׳האָט זיך געעפֿנט אַ טירל און ס׳האָט אַ בלייך געטאָן עפּעס אַן אידיי, זײַנען שוין געקומען צוהילף די אָנגעזאַמלטע דער־פֿאַרונגען, סײַ פֿון לעבן, סײַ פֿון לייענען, סײַ פֿון שרײַבן און אויך דאָס, וואָס מ׳רופֿט אינספּיראַציע. מיין ניט אָבער, אַז אָט אַזוי ווערט אַ ווערק געשאַפֿן. עס זײַנען פֿאַראַן גע־נוג טעג און נעכט, אין וועלכע דער שרײַבער, אַרומטראָגנדיק זיך מיט דער אידיי, צי פֿאַבולע, צי פֿאַרשטעלונגען, צי כאַראַקטערן, ווערט אויסגעמוטשעט פֿון שטרויכלונגען, פֿון צווייפֿלונגען, פֿון אײַנגעוואָרצלטע אין אים אין לויף פֿון דורות האַשפּאָעס, אידעאָ־לאָגיעס, טראַדיציעס, און וואָס ניט... אַ שרײַבער האָט שטענדיק און איבערהויפּט אין אונדזער יאָרהונדערט געדאַרפֿט וויסן, ווו און מיט וועמען ער שטייט און גייט. ער קאָן זיך ניט שטיצן מער אַף דעם באַוווסטזײַן, אַז „קונסט צוליב קונסט" פֿאַרענטפֿערט אַלע פֿראַגעס, אַז קונסט שטייט איבער אַלעס. די מענטשהײַט, און אויך די קונסט, שטייט איצט שאַרף צעטיילט. און דאָס פּראָגרעסיווע אין לעבן קאָן ניט גיין אַרומגענומען גוטברודע־ריש מיט דעם קאָנסערוואַטיוון צי פֿאַשיסטישן. אַוודע מאָנט דאָס ריין־מענטשלעכע זײַנס — דאָס אינטעלעקטועלע, דאָס עראָטישע, די אַבסטראַקט־מאָראַלישע באַגריפֿן, וועל־כע די מענטשהײַט האָט געשאַפֿן און אוועקגעשטעלט אויבנאָן אין לעבן, — מיר דאַרפֿן אָבער אויך געדענקען די באַגריפֿן וועגן יושער און גערעכטיקײַט. כ׳האָב געשריבן און איך האָב נאָך ניט אופֿגעהערט צו שרײַבן וועגן אונדזער ייִדיש וועלטל. און עס טרעפֿט — איך טו אַ טראַכט: ווען אַ מיקראָב וואָלט געקענט טראַכטן, וואָלט ער מיסטאָמע געמיינט, אַז דער טראָפּן וואַסער, אין וועלכן ער און טויזנטער אַנדערע מיקראָבן געפֿינען זיך, איז די גאַנ־צע וועלט. און ווען איך וואָלט געווען אַ שרײַבער, אַ מיקראָב, וואָלט איך געדאַרפֿט שרײַבן וועגן אָט דער דאָזיקער וועלט מײַנער, וועגן אָט דעם טראָפּן וואַסער. צום גליק (אַ צו־פֿאַל אַזאַ), זע איך, אַז איך בין אַ מענטש און איך זע ווײַטער, טיפֿער, העכער — אַרויס פֿון דעם טראָפּן וואַסער — און איך קאָן פֿאַרפֿליִען מיט מײַן פֿאַנטאַזיע אין קאָסמאָס צי אין דער ווײַטער צוקונפֿט פֿון דער מענטשהײַט, און ס׳איז בלויז אַ שאָד, טראַכט איך, וואָס איך האָב ניט גענוג וויסן און טאַלאַנט צו שרײַבן וועגן דעם, אין וואָס אונדזער

יִדיש קולטור-וועלט איז ניט א טראָפּן וואסער, אָבער אויך ניט קיין „צוגעזאָגט לאנד" פאר א שרייַבער.

— ווען זשע ווילסטו אוועקזעצן זיך שרייַבן?

— אָט... ווען עס וועט מיך ווידער א צי טאָן, וועל איך...

8

העדא האָט נאָכאמאָל אָנגעהויבן ארבעטן אין דער לאבאָראטאָריע. אלעקסאנדער איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אלץ מער און מער פארנומען מיט זייַן אדוואָקאטור. ער האָט באַקומען א שותף — אן אדוואָקאט, וואָס איז געווען באוווּסט אין די היכע „ריעל-עסטייט"-ביזנעס. די אקציעס, וואָס זיי האָבן איצט געפירט מיט קויפן און פארקויפן הימלקראצערס, זייַנען געווען אין די היכע מיליאָנען. דער פארטניאָר זייַנער, בענדזשאמין קופער, איז אויך געווען א יִיד, יִינגער פון אלעקסאנדערן אף פינף יאָר. זעט אויס, ווי א בלאָנדער דייַטש. אויך פארהייראט. די פארטניאָרשאפט צווישן אים און אלעקסאנדערן איז געקומען צוליב דער באַגעגעניש אין א סיכסעך וועגן א געבייַדע, וואָס האָט באטראָפן זיבן מיליאָן דאָלארן.

אלעקסאנדער האָט געמיינט, אז איצטער וועט ער זייַן ווייניקער פארנומען, האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אז ער איז נאָך מער, ווי פריִער, פארנומען. דערצו האָט ער נאָך אין דער פרייַער צייַט אינדערהיים געהאלטן אין פארענדיקן זייַן בוך וועגן די מארטירער-ראַדיקאלן אין אמעריקע; און העדא, פון איר זייַט, איז אויך געווען פארנומען מיט צוגרייטן א בוך. קארל האָט געלייענט א סאך. זיך געגרייט שוין אָט-אָט ארייַנטרעטן מיט זייַנע היכע פעִיקייַטן אין קאָלעדזש, אפילע ווען ער איז מיט א יאָר צי צוויי יִינגער פון אנדערע פּאָטענציִעלע סטודענטן. העדא וועט באשליסן, אין וועלכן קאָלעדזש ער זאָל גיין.

ער איז אין דעם זומער א סאך ארומגעפאָרן (אין די זונטיקס) אין העדעס מאשין. אין די אָוונטן האָט ער ווען-ניט-ווען געשפּילט אף דער גראנד-פיאנע, מערסטנס אימפּראָוויזירט. און העדא האָט אים געזאָגט, אז ער זאָל פארצייכענען די אימפּראָוויזאציעס (ער האָט נאָך אלס קינד זיך געלערנט בא א פיאנע-לערערן אין לאָנג-אייַלאנד). ער איז נאָך אלץ געווען פארכאפּט מיט פאָטאָגראפיע, און די כאַווירים זייַנע (געציילטע) האָבן געזען אין אים א צוויטן סטיגמיטץ.

איינמאָל אין א זונטיק, ארומפאָרנדיק אין דער מאשין איבער דער לענג פון דעם אינדזל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין א שפּאנישער קאפע. צופעליק איז אין אָט דעם טאָג די קעלנערן געווען די טאָכטער פון דעם באלעבאָס פון דער קאפע. זי האָט זיך אופגעהויבן צו סערווירן קארלען מיט דעם, וואָס ער האָט באשטעלט, און ער האָט אף דעם טישל, בא וועלכן זי איז געזעסן, דערזען דעם בוך פון בעלאסקאָ איבאניעז „מארע נאָסטרום" — אונדזער יאם, וואָס זי האָט געלייענט אין שפּאנישן אָריגינאל. ער האָט שוין פריִער געלייענט אין עטלעכע שפּראכן — שוועדיש, דייַטש און שפּאניש, א ביסל פראנצויזיש. ווען ער האָט זיך צערעדט מיט איר אין שפּאניש, האָט עס זי שטארק דערפרייט און זי האָט געפרעגט, צי ער האָט געלייענט דעם בוך. ניין, ניט געלייענט, — האָט ער געזאָגט. זיי האָבן געשמועסט ארום א האלבער שאָ, און זי איז שטארק געפעלן געוואָרן קארלען. זי איז דאָס ערשטע יאָר אין קאָלעדזש און גרייט זיך צו זייַן א פילאָלאָג. איר נאָמען איז קארמען, ווי אין דער אָפּערע, — האָט זי געלאכט. ווען ער האָט זיך געקליבן אוועקצוגיין, האָט זי אים דערקלערט, אז דער בוך איז אירער און אויב ער וויל אים לייענען, קאָן ער אים נעמען און צוריק ברענגען ווען ער וויל. האָט ער דעם בוך גענומען און איז אהיימגעפאָרן מיט א פארנעפּלטן טרוים וועגן עפּעס א פארבינדונג מיט א שיינער סטודענטן, וועמענס נאָמען עס איז קארמען. דער מוטער האָט ער אין דעם טאָג געזאָגט, אז ער דענקט ערנסט זיך פארנעמען מיט פילאָלאָגיע.

מיט א וואָך שפּעטער, אויך זונטיק, האָט קארל גענומען דעם בוך, וואָס קארמען האָט אים געגעבן צו לייענען, און זיך געלאָזט פאָרן צו איר. דער טאָג איז געווען א שיינער, א ליכטיקער, און ס'איז געווען אָנגענעם צו פאָרן. ווען ער האָט אוועקגעשטעלט דעם אווטאָמאָביל און איז ארייַן אין דער קאפע, האָט ער זי גלייַך גענומען זוכן מיט די בליקן, אָבער זי איז אין דער קאפע ניט געווען. ער האָט זיך צוגעזעצט בא א טישל און באשטעלט קאווע מיט עפּל-געבעקס. געפרעגט בא דער קעלנערן, צי קארמען וועט קומען.

— וויאַזוי איז אייַער נאָמען? — האָט די קעלנערן געפרעגט.

ווען ער האָט איר געזאָגט, האָט זי א שמייכל געטאָן און געמאַלדן, אז זי גייט איר אָנקלינגען: קאַרמען האָט איר אָנגעזאָגט, אז אויב עמעצער וועט קומען און פרעגן אַף איר, זאָל זי גלײַך אָנקלינגען. ס'וועט געדויערן א 15 ביז 20 מינוט.

האָט ער געוואַרט. און זי איז אינגיכן געקומען. צוגעגאַנגען גלײַך צו זײַן טישל און זיך אַנידערגעזעצט לעבן אים.

— מיט וואָס קאָן איך אײַך מעכאַבעד זײַן? — האָט ער געפרעגט, שמייכלענדיק.

— איך וועל אַליין באַשטעלן, — האָט זי אויך געשמייכלט, זיך אופגעהויבן און געגאַנגען נעמען פאַר זיך קאַווע, אויך מיט עפּל-געבעקס. צוריקגעקומען, זיך אַוועקגעזעצט און גלײַך א פרעג געטאָן אין שפּאַניש:

— געלייענט „מאַרע נאָסטרום"?

— געלייענט. ס'איז שוין אַלט, ס'איז אָבער געווען נײַ פאַר מיר. סערוואַנטעסעס „דאָן-קיכאָט", זאָגט מען, איז א גאַר גרויס ווערק, און איך האָב עס געלייענט. אָבער פון בלאַס-קאָ איבאַניעז האָב איך מער האַנאָע געהאַט.

— האָט איר געלייענט דעם דיכטער פאַבלאָ נערודאַ?

— ניין.

— איך וועל אים אײַך געבן, אויב איר ווילט.

— יאָ, איך וויל. ער איז פאַר מיר אומבאַקאַנט.

— האָט איר געהערט אַמאָל פון כריסטאָפאָר קאָלומבוס?

— דאַרף איך זיך דאָ באַלײדיקן, ווען איר שטעלט מיר אַזאַ פראַגע?

— ניין, כ'האָב געוואָלט א שפּאַס טאָן.

צוליב וואָס?

— איך אַנטשולדיק זיך. כ'האָב געדאַרפט א טראַכט טאָן, איידער כ'האָב אײַך געשטעלט אַזאַ קינדערשע פראַגע. איך ווייס ניט, וואָס עס האָט מיך א שטויס געטאָן. ס'איז געווען אימפּולסיוו. איר קוקט אויס צו זײַן רײַך, און איך טראָג אין זיך א מין אינסטינקטיוון אַנטאַגאָניזם צו די רײַכע, צו דער „גאָלדענער סטודענטנשאַפט" דאָ אין לאַנד. מײַן אַנטאַגאָניזם טרײַבט מיך אָפּטע איבערצוכאַפּן די מאָס.

— וואָס דאַרף אַזאַ „גאָלדענער סטודענט", ווי איך, טאָן, קעדיי צו געפינען כיין אין די אויגן פון אַזאַ אָרעמער...

— איך בין ניט קיין אָרעמע... מײַן פאָטער איז א... פאַרמעגלעכער רעסטאָראַטאָר. מיט וואָס פאַרנעמט זיך אײַער פאָטער? — האָט זי געפרעגט.

אַנשטאָט צו ענטפערן האָט ער אַרויסגענומען פון זײַן בוזעם-קעשענע א ביכעלע, אין וועלכן ער האָט געהאַלטן אַן אויסשניט פון דער צײַטונג, ווו ס'איז געווען אָפּגעדרוקט דער ראַפּאָרט וועגן דעם אינצידענט מיט דעם באָמבע-אָופרײַס בא דער טיר פון דעם אַדוואָקאַט טאַנסקיס קאָטעדזש.

— א... — האָט זי א קוק געטאָן אַף אים מיט א טיפן בליק פון ברייט-צעעפנטע אויגן. — מ'קאָן קיינמאָל ניט וויסן, ווער עס קרייצט איבער דײַן וועג. אײַער פאָטער איז, זעט אויס, א... ליבעראַל.

— אויב איר דענקט, אז דאָס איז דאָס ריכטיקע וואָרט.

— מײַן זיידע איז אין 1938 געפאַלן אין קאַמף קעגן דעם גענעראַל פראַנקאָס רעזשים.

א... — האָט שוין קאַרל מיט עפּעס אַן אָפּשײַ א קוק געטאָן אַף איר. — זענט איר געווען אַמאָל דאָרט, אין שפּאַניע? — האָט ער א פרעג געטאָן.

— ניין. איך בין א געבוירענע דאָ אין ניו-יאָרק. אָבער איך בין זיכער, אז ווען איך וועל עלטער ווערן און וועל זײַן אַף מײַן אייגענעם וועג, וועל איך א פלי טאָן קיין מאַדריד. איצט פיר איך א קאַמף מיט מײַנע עלטערן, זיי זאָלן מיך לאָזן זיך באַזעצן אין קאַליפאָרניע.

— פאַרוואָס קאַליפאָרניע?

— איך וויל באַזוכן דעם בירקלי-אוניווערסיטעט. זיי האָבן שוין דאָרט עטלעכע הונדערט סטודענטן, וואָס לערנען זיך רוסיש. אויב איך גיי אַף דעם וועג צו פילאָלאָגיע, דאַרף מען אין אונדזער צײַט קוידעמקאָל קענען אָט די שפּראַך.

— און כינעזיש, — האָט ער א שמייכל געטאָן.

— יאָ. אָבער איבערכאַפּן די מאָס איז ניט נייטיק.

— יאָ. איך דענק אויך אַזוי.

— האָט איר פרײַנט, וואָס זײַנען... מער אָדער ווייניקער, לינק געשטימט, אויב איר ווייסט, וואָס איך מיין, — האָט זי א פרעג געטאָן.

— עס זעט אויס, איר זענט איבערצײַגט, אַז איך בין אַן איגנאָראַמוס, ווען עס קומט צו פּאָליטישער באַוווסטזיניקייט.

— כ'האָב אײַך ניט געהערט ריידן וועגן דעם.

— מ'מוז דאָך ניט אַף שריט און טריט פּראָקלאַמירן דײַן קרעדאָ. איך בין, אין אַל-געמיין, אַ שווײַגנדיקער. איך האָב ניט קיין כאַווירים, מיט וועלכע איך וואָלט געקאָנט דיסקוטירן איבער פּאָליטישע פּראָבלעמען. און איר האָט אַזעלכע?

— יאָ. צוליב דעם האָבן מיר אַזאַ מין קלוב פון געצײלטע כאַווירים און כאַווערטעס. איר קאָנט זיך אויך אָנשליסן, אויב איר ווילט. ס'אַ מין דיסקוסיע-קלוב. עפּשער וועט אײַער פאָטער מיט דער צײַט צוניץ קומען, — האָט זי זיך צעלאַכט. — מ'קאָן קיינמאָל ניט וויסן, ווען אַ נײַער מאַקאַרטי וועט אָנקומען.

— איך וועל זאָגן מײַן פאָטער, אַז עס וואַקסן דאָ נײַע קאַנדידאַטן — קליִענטן פאַר זײַן אַדוואָקאַטישער פּראָפעסיע און מיסיע.

— איר פאַרמינערט עס.

— ניין, איך מיין עס ערנסט. און וועגן דעם קלוב — וועל איך אײַך לאָזן מיך פירן אַהין.

— גוט, אויב איר וועט זיך לאָזן.

— איך וועל זיך לאָזן, קאַרמען.

— גוט. לאָמיך דריקן אײַער האַנט, — האָט זי אויסגעשטרעקט איר האַנט, און ער האָט זי שוין ניט געוואָלט אַרויסלאָזן.

— אויב איר האָט צײַט אַהיים צו פירן מיך, וועל איך אײַך געבן נערודאַס בוך.

— מײַן גאַנצע צײַט איז אין אײַער רעשוס.

— עס טויג ניט אָפּצוגעבן אַזויפיל צײַט בלויז מיר. איר דאַרפט ניט זײַן אַזוי דזשענטל-מעניש מיט מיר. קומט, לאָמיר גיין, — האָט זי זיך אויפגעהויבן.

אין דעם זעלבן טאָג, ווען קאַרל איז געקומען אַהיים מיט נערודאַס בוך לידער, האָט ער זיך פאַרשפּאַרט אין זײַן צימער און גלײַך גענומען לייענען. לאַנג אָבער האָט עס ניט געדויערט. ער איז ניט געווען צוגעווינט צו פּאָעזיע און איבערהויפּט צו דער מאָדערנער, און דערצו אין שפּאַניש. ער האָט אָבער ניט געקאָנט זיך באַפרײַען און זיך אָפּרײַסן פון דעם גײַסטיקן בילד: קאַרמענס גרויסע שײַנענדיקע אויגן און שוואַרצע האָר אַרום איר דין, טונקל פּאָנעם.

אין אַן אַנדער זונטיק באַטאָג, ווען אַלעקסאַנדער האָט געטראָפן קאַרלען לייענען שעקספּירס „דער סוחר פון ווענעדיק", האָט ער גענומען דעם בוך אין האַנט און אַ זאָג געטאָן:

— אַ... שײַלאָק...

האָט קאַרל פּלוצעם אַ זאָג געטאָן:

— פּאַ... איך וואָלט געוואָלט דיך עפּעס פרעגן.

— פרעג.

— איך האָב שוין אַזויפיל געלייענט און נאָך מער געהערט וועגן אַנטיסעמיטיזם. פון וואָס קומט ער, דער אַנטיסעמיטיזם? פון דיר וועל איך וויסן מער און פאַרשטיין מער.

— איך וואָלט אַוודע געוואָלט דיר געבן דעם ריכטיקן ענטפער, קאַרל... מ'האָט שוין אָנגעשריבן טויזנטער ביכער וועגן אַנטיסעמיטיזם, אָבער אַ באַשטימטן אויסשעפּנדיקן ענט-פער האָט נאָך קיינער ניט געגעבן. ס'איז פּאַשעט אומעגלעך אָנצווײַזן מיטן פינגער אַף די ריכטיקע אומבאַשטרײַטע גרונט-וואָרצלען, ווײַל זיי זײַנען אַלע די'אַמעטראַל פאַרשיידענע. דער אַנטיסעמיטיזם האַלט זיך אין דער מענטשהײַט, צי בא באַשטימטע טיילן פון דער מענטשהײַט, שוין טויזנטער יאָרן. מע גיט אָן דעם טערעץ: די ייִדן פון מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק האָבן געפאָדערט פון פּאָנטיִוס פּילאַטוסן, דעם רעגירער פון יעהודע, ער זאָל באַפעלן צו קרײַציקן דעם ייִדישן איפּאַסטאַט יעזוסן (איך ווייס ניט, וויאַזוי מ'האָט אים דעמלט גערופן אין העברעיִש, צי אַראַמעיִש), דעם איפּאַסטאַט, וואָס איז פאַרגעטערט גע-וואָרן און דערקלערט געוואָרן אַלס דער זון פון גאָט און אַלס מאַשיעך. די אַלע יאָרן — באַלד צוויי טויזנט — האָבן יענע, וואָס רופן זיך קריסטן, נאָך ניט פאַרגעסן וועגן דעם, און אַלע יאָר, אַלעמאָל אין די קירכעס, און אין די שולן, און אין די היימען דערמאָנט מען וועגן דעם.

די ייִדישע צעשפּרייטונג איבער דער וועלט, נאָך דעם, ווי זיי האָבן פאַרלוירן זייער לאַנד, האָט זיכער געשטאַרקט דעם גלויבן אין אָט דער לעגענדע, און אין יעדער לאַנד,

ווהין זיי האָבן נאָר געהאַט א געלעגנהייט צו קומען, האָבן זיך די פאַרפאָלגונגען פאַרשטאַרקט; מ'האָט זיי ניט צוגעלאָזט צו באַארבעטן די ערד און אויך ניט צו די דאָמינירנדע פּראָפעסיעס; מ'האָט זיי פאַרצוימט אין געטאָס; מ'האָט זיי געצווונגען צו טראָגן געלע לאַטעס, באַשטימטע קליידונג. און ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אז אונטער אזעלכע פאַרשקלאַפנדע אומשטענדן האָבן זיי, קעדיי ניט אונטערצוגיין, געמוזט מיט אלע מיטלען לאַווירן אַנצוהאַלטן זייער רעליגיע און די מענטשלעכע ווירדיקייט. זיי האָבן זיך איסגעטויגט צו דעם. עס זיינען פון זיי ארויסגעקומען דאָקטוירים, געלערנטע און פינאַנסיסטן, וואָס עס האָט אויך געהאָלפן צו צעבלאָזן דעם האַס, דאָס ניט פאַרגינעריי, אויסגעמישט מיט רעליגיעזן פאַנאַטיזם, האָט געפירט צו א סאַך פאַרפאָלגונגען, פּאָגראָמען...

אזא טיפּ האָט שעקספּיר אופגעכאַפּט פון די לעגענדעס אין פאַלק, און מיט זיין געניצו שאַפן מענטשלעכע טראַגעדיעס און אריינשלעפן די צושויער אין די טיפסטע אופּברויזונגען פון האַס און נעקאָמע האָט ער איבערגעטריבן דעם גאַנצן עפּיזאָד. אָבער אפילע אלס א טעאַטראַלע שפּיל, אפילע מיט זיין פילאָסאָפישן און מענטשלעכן כּוש פאַר גערעכטיקייט, האָט ער מיט דעם „סויכער פון ווענעדיק" ניט געהאָלפן אופצודעקן עפּעס אין עמעס, נאָר פאַרטיפט דעם האַס צום יידן, וויזונדיק דאָס געשטאַלט פון שיילאָקן. דאָס זעלבע, פריער נאָך האָבן די אַפּאַסטאָלן געטאָן אין דעם „נייעם טעסטאַמענט" מיט שאַפן דאָס געשטאַלט פון יעהודע איסקאַריאָט מיט דער לעגענדע וועגן די דרייסיק זילבער-שטיק, וואָס ער האָט געקראָגן פאַר דעם קוש פון פאַראַט. דעמלט, אין יענע צייטן, איז „אַנטיסעמיטיזם", דאָס וואָרט, צי צווי ווערטער, נאָך ניט געווען באַקאַנט.

נו, מיר זעען אויך איצט, און ניט נאָר אין באַצוג צו יידן: קיינער, קיין איין לאַנד וויל ניט האָבן אף איר טעריטאָריע א פאָלק, וואָס האָט ניט ערגעץ-ווו זיין אייגענע היים. מ'האָט דאָ, אין אַמעריקע, א לאַנגע צייט ניט ארײַנגעלאָזט קיין כינעזער און קיין יאַפּאַנעזער; מ'האָט געשאַפן א סאַך „אַנטיס", אָבער דער אַנטיסעמיטיזם, אַנטי-יידן איז אמשטאַרקסטן צונויפגעשמאָלצן געוואָרן מיט דעם יידנטום, ווייל ער איז דערמוטיקט געוואָרן אין אזעלכע גרויסע לענדער, ווי פראַנקרייך, ענגלאַנד און דייטשלאַנד, וועלכע האָבן, אזוי צו זאָגן, אַטעסטירט, אז ס'איז א גאַנץ גערעכטע און מאָראַלישע באַציִונג פון ציוויליזירטע רעגירונגען צו א פאָלק, וואָס האָט דערמאָרדעט דעם זון פון גאָט, א פאָלק, וואָס באַשטייט פון פאַרעטער און שפּיאָנען, א פאָלק, וואָס לעבט בלויז פון האַנדל און שווינדל און זאַמלט זעק מיט גאָלד און זילבער, א פאָלק, וואָס האַלט צו זיין העכער פון אלע פעלקער און איז אויסדערוויילט פון גאָט... מע קאָן אזוי אָן אופהער ריידן וועגן די יידן, און ניט קיין זאָליא, און ניט קיין טאָלסטאָי, און ניט קיין מאַקסים גאָרקי האָבן געקאָנט איבערצייגן די אַנטי-יידן, און אלדאָס געשאַפענע, גערעדטע, אויסגעטראַכטע וועגן זיי איז דער שווערער אומצעשטערבאַרער מיף. די יידן טראָגן אף זיך דעם גרעסטן און שווערסטן טייל פון די „אַנטיס", ווייל זיי זיינען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט און ווייל דער אַנטיסעמיטיזם דינט פאַר די פּאָליטיקער און רעגירער, ווי עפּעס א ברענשטאָף, עפּעס א טיוולאָנישע מאַכט, וואָס טרייבט זייערע וואָגנס צו זיגן. מע טאָר אָבער ניט פאַרמאַכן די אויגן און זאָגן, אז דאָס יידנטום איז דאָס רייכסטע און אומשולדיקסטע פאָלק...

איך וויל דיר אויך זאָגן, אז ניט אלץ וועגן דעם, וואָס דו האָסט מיך געפרעגט, ווייס איך. ווּעסט עלטער ווערן און ווּעסט קומען אין באַריר מיט געזעלשאַפטלעכע און סאָציאַלע שטרייטן, וועסטו אליין לערנען וועגן זאַכן, וואָס עס ווײַזט זיך אויס, אז ס'איז אייביק, און וועגן זאַכן, וועלכע מ'קאָן איינפלאַנצן און אויסשפּירן, אז דאָס לעבן זאָל ווערן און זיין רייכער, בעסער און אָנגענעמער אָן די אלע „אַנטיס" און אלע לעגענדעס.

— א דאַנק, פּאַ.

— איך האָב פאַרגעניגן צו ריידן מיט דיר.

9

דער זומער איז אוועק. עס האָבן זיך דערנעענטערט די יידישע יאָמטויווים. און טאַנסקי האָט אין איינעם א טאָג א זאָג געטאָן צו מאַלקען:

— אָט, באַלד שוין נאָך א יאָר אריבער. פאַראַיאָרן ראָשעשאָנע זיינען מיר געווען באַ אלעקסאַנדערן (כאָטש מ'האָט ניט דערמאָנט מיט קיין איין וואָרט, אז ס'איז אונדזער ניי-יאָר). דענקסטו, אז אין דעם יאָר וועלן מיר ווידער איינגעלאַדן ווערן?

— ניין. כ׳האָב לעצטנס ניט גערעדט מיט העדען. פון זינט זי איז צוריקגעקומען פון שוועדן, האָבן מיר קיינעם פון זיי ניט געזען. קאַרלען וועל איך מיסטאמע באַלד אינגאַנצן ניט דערקענען. איך זע אים בלויז אויף די בילדלעך, וואָס ער האָט צוגעשיקט. און די בילד־לעך ווערן אויך זעלטענער. עפּשער וואָלטן מיר געקומען און אײַנגעלאַדן זיי צו... דײַן גע־בורטסטאָג?

— מײַן געבורטסטאָג איז שוין געווען. ס׳איז דײַן געבורטסטאָג אינגיכן. זײַ דו די דאָזיקע, וועמען זיי וועלן ברענגען פּרעזענטן. איך דאַרף גאָרניט.

— און וואָס דאַרף איך, וואָס זיי וואָלטן געבראַכט? ס׳איז פּאָשעט — צו זײַן מיט זיי און פאַרברענגען מיט זיי.

— זיי קאָנען זיך באַגיין אָן אונדז, און זיי באַגייען זיך אָן אונדז. — האָט טאָנסקי גע־זאָגט. — אָט באַגייען מיר זיך אָן זיי. מיר ווייסן, אַז זיי זײַנען אין לאָנג־אײַלאַנד, און זיי ווייסן, אַז מיר זײַנען אין די בראָנקס, און ווען זיי דערמאָנען זיך, קלינגען זיי... (ער...) אָן. וואָס ווילסטו, זיי זאָלן זיך האַלטן אין איין טשמאָטשקען מיט אונדז? מענטשן הײַנטיקע צײַטן זײַנען ניט אַזוי סענטימענטאַל, ווי די קרויווים, די מישפּאָכעס אין די אַמאָליקע שטעטלעך. וואָלט דײַן שנור, לאָמיר זאָגן, אין סטאַריגראַד, געהאַלטן פאַר דיר ערעוו ראָשעשאָנע א לעקציע באַם טיש וועגן ביאָלאָגיע צי ראַסיזם? און וואָלט דײַן אייניקל א זאָג געטאָן דאָרט באַם טיש: איך בין א „פיפטי־פיפטי”, א האַלב ייִד — האַלב קריסט? דו ווייסט, וואָס מיר איז אײַנגעפאַלן? לאָמיר דעם קומענדיקן ראָשעשאָנע, ניין, יאָמקיפּער־אָוונט, נאָך דעם שוי־פער־בלאָזן, אײַנלאַדן די גאָלדמאַנס. דו געדענקסט, ווען זיי זײַנען נאָך געווען באַ אונדז? מיט א דרײַ יאָר צוריק.

— איך אַליין האָב אויך געטראַכט וועגן עפּעס א שטיקל צוזאַמענקום. מיר קאָנען נאָך עמעצן אײַנלאַדן, כאָטש פאַר צופיל מענטשן האָב איך ניט קיין קויעך און ניט קיין אָרט באַם טיש.

— ווו האָסטו גענומען צופיל מענטשן? — האָט טאָנסקי געזאָגט. — עפּעס... ווע איך זיי ניט און כ׳האָב ניט געהערט פון זיי. זאָגסט דאָך אַליין, אַז האָסט שוין ניט באַלד, מיט וועמען צו ריידן אין טעלעפאָן. יאָ, גוט, וואָס כ׳האָב זיך דערמאָנט. מיר קאָנען אײַנלאַדן די צוקערמאַנס. זיי זײַנען באַ אונדז קיינמאָל ניט געווען. און מיר באַ זיי אויך ניט.

— גוט, — האָט מאַלקע געזאָגט. — וועלן מיר זײַן דרײַ יונגע פּאָרלעך. די צוקער־מאַנס — כ׳האָב פאַרגעסן איר נאָמען.

— דינע.

— א, יאָ... א פּרוויִשן נאָמען געדענקסטו. איבערהויפּט, ווען זי איז א שיינע.

— געווען א שיינע.

— ס׳איז נאָך געבליבן א צוועלף טעג. אין קומענדיקן שאַבעס וועל איך זיי אָנקלינגען. כ׳וועל זיי דאַרפן פרעגן, ניט צו פאַרגעסן, וואָס זיי מעגן עסן, יעדער פון זיי איז, ווי מיר, „דיִעטניקעס”. דאָס מעג ער עסן, דאָס ניט. ווי אַלט זײַנען זיי, די צוקערמאַנס? — האָט זי א פרעג געטאָן.

— וואָס איז דער אונטערשייד — א יאָר מער, א יאָר ווייניקער. אין אונדזערע יאָרן, מיסטאמע. צוקערמאַן דאַרף איצט אַלט זײַן 75 אָדער 76. ווען מיר האָבן אין 1953 זיך אַריבערגעצויגן אַהערצו, האָט מען באַ זײַן טאָכטער אין הויז געפּראַוועט א באַנקעט פאַר אים. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 50 יאָר. מיר זײַנען צו דעם אָוונט ניט געקומען, ווײַל אין יענעם טאָג זײַנען מיר געווען שטאַרק מיד צוליב דעם איבערציִען זיך אַהערצו.

— אַז ער איז אַוועק פון לערערײַ, איז מיט וואָס האָט ער זיך פאַרנומען? פון וואָס האָט ער געמאַכט א לעבן?

— ווען האָט ער געמאַכט א לעבן? דער זון האָט אים געהאָלפן עפענען א וועגעטא־ריִאַניש רעסטאָראַנדל, און ס׳איז ניט געגאַנגען. איז ער געגאַנגען אַרבעטן אין אַן אוניווער־סאַל־דעפּאַרטאַמענט־קראָם. זי אויך. מיט א צען יאָר שפּעטער איז דער זון שטאַרק רײַך געוואָרן, געקויפט די עלטערן א קאָטעדזש, און מיט עטלעכע יאָר שפּעטער זײַנען זיי אי־בערגעגאַנגען אויף פּענסיע.

— דו האָסט זייער טעלעפאָן?

— מיר האָבן דער טאָכטערס טעלעפאָן.

גלײַך נאָך ראָשעשאָנע האָט מאַלקע אָנגעקלונגען צו די גאָלדמאַנס און צו די צוקער־מאַנס (זי האָט אויסגעפונען זייער טעלעפאָן באַ זייער טאָכטער). אײַנגעלאַדן זיי צו קומען צום סאָף פון דעם יאָמקיפּער־טאָג („נאָך דעם שויפער־בלאָזן”, — האָט טאָנסקי אַרײַנגע־שריגן אין טעלעפאָן, ווען מאַלקע האָט גערעדט מיט גאָלדמאַנען).

ערעוו יאָמקיפּער האָט אַלעקסאַנדער אָנגעקלונגען פון דעם אָפיס צווינטשן די עלטערן א גוט יאָר („ווער אין דער וועלט ווייסט נית, אַז היינט איז יאָמקיפּער?“ — האָט ער געלאַכט). ער האָט געוווּסט, אַז זיי זיינען ניט רעליגיעז, אָבער די באַוווּסטזיניקע אָנגעהעריקייט צום ייִדישן פאָלק האַלטן זיי, איבערהויפּט די מוטער, אין א געוויסער אידענטיפיצירונג מיט די טראַדיציעס און יאָמטויווים.

— א גוט-יאָמטעוו, — האָט ער געזאָגט אין ייִדיש.

— דו געדענקסט? — האָט זיך מאַלקע דערפרייט. און אויך טאַנסקי האָט געשמייכלט, ווען ער האָט גערעדט מיט אים.

— „א גוט יאָמטעוו“ און „שאַלאָם“ קאָן איך זאָגן אויף פינף שפּראַכן, — האָט ער שוין געזאָגט אין ענגליש.

— און וואָס מאַכט העדאַ און קאַרל? — האָט מאַלקע געפרעגט.

— זיי זיינען פאַרנומען. העדאַ אין דער לאַבאָראַטאָריע און אינדערהיים, פאַרשטייט זיך. און קאַרל מיט זיין לערנען און לייענען — איך ווייס ניט וועלכעס מער.

— און דו? אַלץ אין אָרדענונג?

— אַלץ אין אָרדענונג. כ'וועל עפּשער פאָרן מיט א גרופּע אַדוואָקאַטן אויף א טור קיין סאָוועטנפאַרבאַנד.

— יאָ? ווען? — האָבן אי מאַלקע, אי טאַנסקי אויסגעשריגן.

— ווען ווייס איך נאָך ניט.

ער האָט נאָך גערעדט א ווײַלע, ווידער א זאָג געטאָן אויף ייִדיש „א גוט-יאָמטעוו“ און פאַרענדיקט: — שטאַרק פאַרנומען.

— איז דאָס געווען א „גוט-יאָמטעוו“ פון דער היינטיקער וועלט צי פון דער אַמאָליקער וועלט? — האָט טאַנסקי א זאָג געטאָן.

— פון ביידע וועלטן, — האָט מאַלקע א צופרידענע געזאָגט.

דער יאָמקיפּער-טאָג איז געווען א טרוקענער און א ווינטיקער. מאַלקע איז אויפגעשטאַנען פרי. ס'האָט זי ניט געלאָזט שלאָפן. זי האָט געהאַט גענוג אַרבעט, כאָטש זי האָט די צוגרייטונגען צום אָוונט אָנגעהויבן מיט צוויי טעג צוריק, טאַנסקי האָט דאָס מאָל מיט גאָרניט געקענט אַרויסהעלפן אין איר אַרבעט, כוץ באַם איינקויפן די ביטיקע פּראָדוקטן.

ער איז שוין געזעסן אין פאָדערצימער און געלייענט. אָבער אַרום צען אינדערפרי האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן און טאַנסקי האָט דאָס מאָל אויפגעהויבן דאָס טרייבל. ס'האָט גערעדט דינע צוקערמאַן. ער האָט זיך דערפרייט מיט איר, ווען ער האָט דערהערט איר שטים, ווען זי האָט א זאָג געטאָן: דאָס איז דינע. זי קלינגט, לײדער, — האָט זי געזאָגט, — צו לאָזן וויסן, אַז נעכטן באַנאַכט האָט צוקערמאַן געקראָגן א האַרץ-אַטאַקע. מ'האָט אים אין אַן אַמבולאַנס צוגענומען אין שפּיטאָל, וווּהין זי פאָרט איצט. ס'א שווערע האַרץ-אַטאַקע... אָבער זי האָפט, אַז ס'וועט ניט זיין פאַטאַל... יאָ, זיי האָבן א גוטן דאָקטער... זיי, די טאַנסקיס, קאָנען מאָרגן אין אָוונט אָנקלינגען. זי וועט זיין אינדערהיים אַרום ניין, ווען זי וועט קומען פון שפּיטאָל...

מאַלקע האָט אויך גערעדט מיט איר און האָט אויסגעפונען מער איינצלהייטן וועגן דער האַרץ-אַטאַקע, און ווען זיי האָבן פאַרענדיקט ריידן, האָט מאַלקע א זאָג געטאָן:

— אַזוי גייט עס. מע קומט אין די דאָזיקע יאָרן, ווערט מען א קאַנדידאַט אויף א האַרץ-אַטאַקע. וועט שוין פון דעם שטעטל דאָ בא אונדז היינט אין אָוונט ווערן א דערפל. בלויז מיר און די גאָלדמאַנס. דו דאַרפסט שוין ניט אַריינלייגן די ברעט אין טיש צו מאַכן אים גרעסער. עס קאָכט זיך פאַר זעקס, אָבער זאָל דאָס זיין דער גרעסטער אומגליק. זע... די הענט ציטערן בא מיר...

טאַנסקי האָט שוין מער ניט געקאָנט לייענען. ער איז געזעסן און האָט געטראַכט: דער טאָג וואָלט זיך אין אַן אַמאָליקן שטעטל געצויגן מיט שטימונגען, וואָס א יאָמקיפּערדיקער טאָג פלעגט אָנוואַרפן אויף די ייִדן — די שולן מיט די גרויסע ברענענדיקע ליכט, דאָס פאַרשטיקטע געוויין דאָ און דאָרט... דאָס פאַסטן... דאָס כאַלעשן, דאָס געבעטערײַ... כאַלאָשעס-טראָפּן.

דער טאָג האָט זיך געצויגן...

די גאָלדמאַנס זיינען געקומען פּונקט זעקס אין אָוונט. געבראַכט א פלאַש רויטן זיסן וויין. ער האָט אויסגעזען נאָך מער פאַרעלטערט מיט זיין קורץ-געשוירן גראָוו בערדל און מיט די לענגלעכע גראָווע האָר. דאָך האָבן זיינע בלויע אויגן געשיינט מיט עפּעס א פרייִלעכער שטימונג (ניט געוווּסט נאָך וועגן צוקערמאַנס האַרץ-אַטאַקע). בעסי איז געווען אויסגעפּוצט אין א גרויען שיינעם, אָבער ניט טייערן קאָסטיום, מיט א ווייסן שאַרף אויף דעם

גראָזון קאָפּ האָר, וואָס איז געווען נאָך פריש-כוואַליעדיק אויסגעלייגט (נעכטן אין „ביוטי פּאַלאַר"), די ליפּן אָנגערויט. די אויגן — הינטער שווערע, דיקע ברילן.

זיי האָבן די ערשטע צען-פופצן מינוט גערעדט וועגן צוקערמאַנס האַרץ-אַטאַקע. דערנאָך האָט מאַלקע זיי גערופן צום טיש. מ'האָט געעפנט די פלאַש מיטן רויטן זיסן ווײַן. געטרונקען לעכאַיִם, ווינטשנדיק איינער דעם אַנדערן אַ גוט, געזונט יאָר. מ'האָט אָנגעהויבן מיט די געפילטע פיש מיט כריין, דערנאָך סופּ מיט לאָקשן, דערנאָך די געבראָטענע קאַטשקע מיט זיסע קאַרטאָפליעס. גאָלדמאַן האָט געזאָגט, אַז ער קאָן אַלץ עסן, אויב עס איז ניט געפּרעגלט אין שמאַלץ און... אויב ער וועט עס קאָנען צעקײַען. און עס איז, פאַרשטייט זיך, געשטאַנען אויף דעם טיש אַ גרויסע פאַרצעלײַענע שיסל מיט אָנגעבראָקטע ציבעלעס, סאַלאַט, פּאָמידאָרן, באַגאָסן מיט אַ מין קנאָבל-זאַפט... נאָכן עסן — קאַווע מיט געבעקס, פלוימען-קאָמפּאָט... טאַנסקי האָט „ביכווידזי וועאַצמוי" סערווירט די קאַווע און געשפּאַסט, אַז קיינער אין די בראָנקס קאָן ניט מאַכן אַזאַ גוטע קאַווע, ווי ער מאַכט. בעסין זײַנען שטאַרק געפעלן געוואָרן מאַלקעס לעקעכלעך, און זי האָט געגעבן אויספרעגן, ווי מע מאַכט זיי... וואָס מאַלקע לייגט אַרײַן אין זיי.

זיי זײַנען אַלע געבליבן זיצן בײַם טיש. דער זייגער אויף דעם ביכער-שראַנק האָט שוין געוויזן אַכט, און גאָלדמאַן האָט זיך פלוצעם דערמאָנט, אַז טאַנסקי האָט אים איינמאָל דערציילט, אַז ער האָט געקראָגן אַ בריוו פון... טאַשקענט... פון... ווי האָט ער געהייסן, דער שרײַבער... יאָ... פּערלמאַן... איז וואָס מאַכט ער דאָרט, דער אַלטער.

— געשטאָרבן, — האָט אים טאַנסקי געזאָגט. — דער זון זײַנער, אַן אויגן-דאָקטער, האָט מיר אָנגעשריבן. דעם עמעס זאָגנדיק, איז פאַר מיר אונטערגעגאַנגען אַ מין... לעצטע פאַר מיר פאַרבינדונג מיט אַ יידישן שרײַבער פון יענער זײַט וועלט. ווייסט איר וואָס, גאָלדמאַן, עפּשער וואָלט איר אוועקגעפאָרן אַהינצו, אַז איך זאָל האָבן צו וועמען צו שרײַבן? — האָט זיך טאַנסקי געוויצלט.

— פאַרט איר און שרײַבט מיר, — האָט גאָלדמאַן געזאָגט. — איר זענט שטענדיק מיט איין פוס דאָרט סײַוויסיי.

— כ'האָב פאַרגעסן. איר האָט זיך, דאַכט זיך, געקליבן צו פאָרן און באַזעצן זיך אין יִסראַעל.

— איך האָב אין מײַן לעבן געטרוימט צו באַזעצן זיך אין פּאַריזש, אין אַמסטערדאַם, אין רוים און ווו ניט? און אַז מיר האַלטן בײַ יִסראַעל... קאָנט איר מיר געבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס אַזויפיל יידן, איבערהויפּט די יונגוואַרג, פאַרלאָזן די מדינה? איר ווייסט, אַז אין ניו-יאָרק אַליין, זאָגט מען, זײַנען שוין דאָ אַריבער 200 טויזנט פון זיי, און אין קאַליפאָרניע נאָך מער. וואָס איז דער מער?

— איך בין זיך מעשער, — האָט טאַנסקי געזאָגט, — אַז, ערשטנס, די אָנגייענדיקע פון דעם ערשטן טאָג אומאויפהערלעכע מילכאָמעס האָבן אַ סאַך צו טאָן מיט דעם. פאָטערס און מוטערס, ווי פּאַטריאָטיש זיי זאָלן ניט זײַן, ווילן ניט מאַקריוו זײַן זייערע זין אויף דעם נאַציאָנאַליסטישן מיזבייעך. צווייטנס, זיי האָבן נאָך אַלץ ניט גענוג וווינונגען פאַר די אַרײַנגעקומענע און פאַר די אויפגעוואַקסענע, וואָס ווילן כאַסענע האָבן און ווערן באַלעבאַטים פאַר זיך. און אַז מע געפינט אַ דירע, איז די פּרײַז אַזוי הויך, אַז ניט אַלע קאָנען דאָס דערגרייכן. דריטנס, ניט אַלע האָבן און קאָנען קריגן די אַרבעט, די פּראָפעסיע, צו וועלכער זיי זײַנען געווען צוגעוווינט, צי טרענירט אין די לענדער, פונוואַנען זיי זײַנען געקומען. אָט, ווי דאָקטוירים, אַשטייגער, וואָס זײַנען שוין אין צאָל מערער, וויפל דאָס לאַנד קאָן אויסהאַלטן. די אינפליאַציע איז דאָרט הויך — נאָך העכער, ווי בײַ אונדז. יענער טייל פון דער באַפעלקערונג, אַ דרײַ פּראָצענט אין די קיבוצים, וואָס האָבן מיט אַ 50 צי 75 יאָר צוריק געמיינט, אַז דאָס לאַנד וועט געבויט ווערן אויף סאָציאַליסטישע יעסוידעס, זעען איצט דאָס פאַרקערטע. עס איז גאָרניט צוגעקומען צו דער אידיי אַפילע פון קיבוצים — דאָס לאַנד ווערט מער קאָנסערוואַטיוו און קאַפּיטאַליסטיש. מע טרוימט פון אַ „קליינער אַמעריקע". איך רעד שוין ניט פון צענדליקער קלענערע פאַקטאָרן, וואָס ווירקן אויף דער באַפעלקערונג, ווי דער פאַנאַטיזם און די פאָדערונגען פון דער רעליגיעזער פראַקציע אין דער קנעסעט און אין דעם אַלגעמיינעם לעבן אין לאַנד, — די אָרטאָדאָקסיע, וואָס דיקטירט, לאָזט ניט אויסלעבן זיך פרײַ אין פּראָגרעסיוון זין, ווען עס קומט צו געטן, צו כאַסענעס, צו שאַבאָסים אויף יעדן שריט און טריט. ניט אַלע ווילן אָנגיין מיט אַזאַ לעבן... דער הויפּט-פּונקט, וואָס דעקט אַלע אַנדערע אורזאַכן, איז אַ ריין מענטשלעכער: מע וויל לעבן אַ מער באַקוועם, אַ רײַכער און אָן שרעק לעבן. דער גרעסטער טייל רײַסט זיך צו אַמעריקע.

— דענקט איר, אז די סאטמארער פאנאטיקער דאָ, אין ברוקלין, וועלן אמאָל ווערן די דיקטאטאָרס אין דעם ייִדישן לעבן אין אמעריקע? — האָט גאָלדמאן געפרעגט.

— ניין, צו דעם וועט ניט קומען, — האָט טאָנסקי געלאכט. — אָבער לאָמיר אײַך געבן א מאָשל: בא א קאָמעטע, ווי מיר ווייסן, איז דאָ דער קײַלעכדיקער קאָפ, נאָך וועלכן עס שלעפט זיך נאָך א לאנגער, צעשפרייטער ווידל. אָט אזוי איז דאָ אין לאנד די גרויסע גרופּע ראבאָיִם. זיי זײַנען ווי א קאָמעטע, וועמענס ווידל — אײַנפלוס איז צעשפרייט איבער דעם אמעריקאנישן ייִדנטום. עמעס, קיין גוואלדיקן דערפאָלג דערגרייכן זיי ניט. די טעמפּ-לען שטייען ליידיק, כוץ אין די „יאָמים נויראָיִם”, אָבער זייער אײַנפלוס איז נאָך גרויס. די דורכפאלן דעקן זיי מיט בארמיצוועס, כאסענעס, לעווײַעס. צו די יעניקע, וואָס שרײַען, אז די עלימינירונג פון ייִדיש אין ייִדישן לעבן פירט צו אסימיליאציע, וואָלט איך געזאָגט: גייט אין די טעמפלען און סינאגאָגעס און זאָגט מיר, צי איר הערט דאָרט א ייִדיש וואָרט? אלץ אין ענגליש. אלע זייערע פובליקאציעס אין לאנד זײַנען אין ענגליש. און אלץ איז קאָנצענטרירט אף יודאיזם, וואָס דאַרף קיינעם ניט איבעראשן — דאָס איז דער וועג און שליכעס פון ראבאָיִם...

— אפשער נאָך א טעפעלע קאווע? — האָט מאלקע א פרעג געטאָן.

— ניין, ניין... א דאנק, — האָט גאָלדמאן א קוק געטאָן אף זײַן האנטזייגערל. — צופיל קאווע איז ניט גוט. און עס איז שוין שפּעט פאר אונדז. גיין באנאכט די צווי קווארטאלן, ווען מיר קומען אראָפּ פון אווטאָבוס, איז איבערהויפט אין אונדזער געגנט געפערלעך.

— וואָס מאכט אײַער זון און זײַן פאמיליע? — האָט בעסי געפרעגט.

— זייער גוט, — האָט מאלקע געזאָגט. — און וואָס מאכט אײַער טאָכטער?

בעסי, לאָזט זיך אויס, האָט צאָרעס פון איר טאָכטער, דאָס הייסט פון איר אייניקל — זי האָט זיך ארויסגעצויגן פון דער היים, וווינט ערגעץ מיט אן אנדער מיידל אין א צימער. זיבעצן יאָר... און איז שוין א גאנצער מענטש פאר זיך, ארבעט בא א דאָקטער אין אָפיס אלס אופנעמערן.

— האָט זי שוין א באָכער?

— זי זאָגט, אז מיט קיין ייִדישע באָכערים טרעפט זי זיך ניט. זיי זײַנען איבערקלײַ-בעריש, זאָגט זי. און קוקן נאָך אלץ ארויס אף נאָדן. זי ווייסט קיינמאָל ניט, זאָגט זי, צי זיי ווילן הונדערט פראָצענט מאָראלישקײַט, צי דאָס פארקערטע.

— אין אונדזערע יונגע יאָרן, גאָלדמאן, — האָט טאָנסקי געזאָגט, — האָבן מיר ניט געהאט דעם סייכל און די פרײַהײַט, וואָס די הײַנטיקע יוגנט האָט.

— אײַ, מיר האָבן עס געהאט, — האָט בעסי געשמייכלט. — מיר האָבן עס אָבער באהאלטן אונטער זיבן שלייערן.

— יעדע פון אונדז איז געווען א פּאָטענציעלע סאלאָמע, — האָט מאלקע געלאכט. — איר האָט פארגעסן, צי איר מאכט זיך ניט ווּיסנדיק, ווי מיר זײַנען געווען אין אונדזער יוגנט.

— איז ווּ גייט איר פארברענגען דעם ווינטער, מענטשן? דאָ, צי אין פלאָרידע? — האָט בעסי א פרעג געטאָן.

— דער יאָקרעס לאָזט ניט אפילע א טראכט טאָן וועגן דעם. — האָט מאלקע גע-זאָגט. — און בא אים... — האָט זי אָנגעוויזן אף טאָנסקין, — איז מאיאמי ביטש ערגער פון קוני-אײַלאנד דאָ. מיר זײַנען דאָרט א פּאָר מאָל געווען. יענער קלימאט איז פאר מײַן ארטריט אויסגעצייכנט.

— נו, — האָט זיך גאָלדמאן אוועקגערוקט פון טיש, — מע דאַרף גיין. דער „יוים-האַדין” הײַנט איז שוין אויך אוועק. איז ניט געזאָרגט. לאָמיר זען איבעראיאָר ווידער טרינ-קען ווײַן, עסן א קאטשקע בא אײַך צי בא אונדז. דערווײַלע — געגאנגען.

זיי האָבן זיך אופגעהויבן. געטומען אָנטאָן די מאנטלען. און, שטייענדיק שוין בא דער טיר, האָט מען זיך נאָך אלץ דערמאָנט אין קלייניקײַטן, ווידער גערעדט וועגן די צוקער-מאנס — זיי וועלן מאָרגן אָנקלינגען, זיך דערוויסן, וואָס ער מאכט.

— איך האָף, אז זײַן קוויטל איז געשטעמפלט „לעכאיִם”, — האָט גאָלדמאן געזאָגט. — א גוטע נאכט.

— א גוטע נאכט און א דאנק פארן קומען, — האָבן ביידע, מאלקע און טאָנסקי, גע-זאָגט.

10

עס איז אוועק אויך דאָס יאָר 1978. אין אָט דעם יאָר איז, ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן, גאַרניט געשען, וואָס זאָל האָבן אופגערודערט מאַלקען און טאַנסקין, כוץ מאַלקעס אָפּעראַציע אף א קאַטאַראַקט און צוקערמאַנס טויט.

— די וועלט־פּראָבלעמען — די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, וויסנשאַפטלעכע, מיליטערישע און סאָציאַלע, באַמערקבאַרע און אומבאַמערקבאַרע איבערקערענישן אין קימאַט אַלע גרויסע לענדער — האָבן מיך קימאַט ווי ניט פאַרטשעפּעט, — האָט טאַנסקי צום נײַעם 1979־טן יאָר געזאָגט גאָלדמאַנען אין טעלעפאָן. — מיר זײַנען ניט געוואָרן רײַכער, און ניט אָרעמער. בלויז מיט א יאָר עלטער. מײַן זון אַלעקסאַנדער איז מיסטאָמע געוואָרן רײַכער, אָבער וואָס הייסט הײַנט רײַכטום, ווען א באַקסיאַר א טשעמפּיאָן, א קולאַקן־העלד, קריגט פאַר אַרומטאַנצן און בוכטשען א צווייטן קולאַקן־העלד א שאָ, צי ווייניקער, גאַנצע דרײַ צי פיר מיליאָן דאָלאַרן. איז וואָס פאַר א ווערט האָט עס, ווען אן אַדוואָקאַט מאַכט הונדערט טויזנט דאָלאַרן א יאָר, אַמאָל מער. איך און מאַלקע קאָנען אָבער פאַרצייכענען א ביסל פאַרגעניגן פון דעם, וואָס קאַרל, אַלעקסאַנדערס זון, האָט אין אַזא יונגער עלטער באַוויזן אָנגענומען צו ווערן אין דעם האַרוואַרד־אוניווערסיטעט און געקראָגן א סטיפּענדיע פאַר דעם גאַנצן יאָר צײַט... די איבעריקע נײַסן, גאָלדמאַן, הערן מיר דאָך אין דער ראַדיאָ צי טעלעוויזאָר... איצט דאַרף מען זען זיך טרעפן אַמאָל... אָבער ניט אין א טשאַפּעל, גאָלדמאַן... בא אונדז, צי בא אײַך — דאָס וועלן מיר לאָזן פאַר אונדזערע ווײַבער צו באַשליסן.

11

עס זײַנען אוועק זיבן כאָדאָשים, וואָס האָבן זיך פאַר די טאַנסקיס מיט גאַרניט אונטערשיידט איינער פון צווייטן, אויב מ׳זאָל ניט רעכענען, אז דינע צוקערמאַן האָט ווידער כאַסענע געהאַט — גענומען א מאַן אין אירע יאָרן, א מאַגנאַט. ער וווינט אף אן אינדזעלע „איביסקוס־אײַלאַנד“, עטלעכע קילאָמעטער פון מאַיאַמי, און ער האָט א יאַכטע מיט א מענטשן, וואָס „פירט“ די יאַכטע; די צווייטע געשעעניש, ווי טאַנסקי שפּאַסט, ווען ער רעדט וועגן דעם, איז, אייגנטלעך, א פּערזענלעכער איניען: ער האָט זיך פאַרלאָזט א קורצע באָרד און זעט אויס ווי „א פּראָפעסאָר“, לויט מאַלקעס מיינונג...

ס׳איז שוין אָט אָנגעקומען יול — א גאַנץ הייסער יול. און צו איינעם פון די יולאָוונטן האָט מאַלקע קאָנספּיראַטיוו, אז טאַנסקי זאָל ניט וויסן, זיך געגרייט צו זײַן פינף־און־זיבעציקסטן געבורטסטאָג. עס האָט געדאַרפט זײַן א סיורפּריז פאַר אים. די גאָלדמאַנס וועלן קומען. זי האָט גערעדט מיט אַלעקסאַנדערן אין טעלעפאָן וועגן דעם, און ער וועט אויך קומען.

טאַנסקי האָט זיך געוווּנדערט, וואָס מאַלקע איז עפּעס אין דעם הייסן טאָג אַזא פאַרפלאַמטע און קאָכט און באַקט עפּעס. אָבער מאַלע וואָס מאַלקען פאַלט אײַן צו טאָן אין די פּוסטע טעג...

ער האָט געוווּסט, אז אין אָט דעם טאָג איז זײַן פינף־און־זיבעציקסטער געבורטסטאָג, איז גוט — ס׳איז גוט צו זײַן מיט מאַלקען, צו וויסן וועגן דעם, צו זײַן דאַנקבאַר דעם לעבן...

אַרום פינף האָט מאַלקע אים געגעבן צו פאַרזוכן צוויי בלינצעס מיט סמעטענע, א טעפּעלע קאַווע און געזאָגט, אז זיי וועלן הײַנט עסן די וועטשערע א ביסל שפּעטער. נו, איז וואָס... שפּעטער איז שפּעטער... ער וועט ניט שטאַרבן פון הונגער.

אָט איז שוין זעקס. עס האָט זיך דערהערט א קלונג בא דער טיר. ווען טאַנסקי האָט זי געעפנט, האָט ער, צו זײַן איבעראַשונג, דערזען די גאָלדמאַנס: זי — מיט א פלאַש ווײַן אין האַנט, מיט א ברייטן שמייכל, מיט א קוש אין זײַן באַק, און ביידע — מיט א הויכן פריילעכן „העפּפּי בוירטדעי“, פּראָפעסאָר!

ער האָט שוין פאַרשטאַנען, ווען עמענס פּלאַן עס איז געווען צו פײַערן זײַן געבורטסטאָג. אָבער גיין מאַכן א סקאַנדאַל צוליב דעם וועט ער ניט. פאַרפאַלן. צעשטערט א ביסל זײַן רו אין דער דאָזיקער נאַכט. און אָט זיצט ער שוין מיט גאָלדמאַנען בא דעם קליינעם טישל אין פּאַדערצימער און רעדט וועגן „יובילעומס“ און געבורטסטעג, וואָס זײַנען די לעצטע יאָרן אָנגעלאָפן, ווי פייגל, מיט באַגריסונגען, מיט איבערגעטריבענע, ביז כאַלאָשעס און געלעכטער, ליבגעזאַנגען, און גאָלדמאַן האָט געקוקט אף טאַנסקיס באָרד און א זאָג געטאָן:

— ווי א באָרד קאָן פאַרענדערן א מענטשן... פאַרוואַנדלען אים אין אַן אינטערעסאַנ־טער פּערזענלעכקייט.

בעסי און מאַלקע האָבן זיך דערוויַיל אַריַינגעלאָזט אין א שמועס וועגן די לעצטע טענ־דענצן פון די ענגלישע פאַרלאַגן אַרויסצוגעבן ביכער, געשריבענע פון פּרויען. א מין פּאַר־פליַיצונג פון ביכער אַף יידישע טעמעס — דאָס שטעטל, די ראַבאַיִם, דער האָלאָקאָוסט; און ס'איז שווער צו געפינען א קינאָ־אַקטריסע, וואָס האָט ניט אַרויסגעגעבן א בוך, געשריבן פון איר צי פון א געדונגענעם און באַצאָלטן שריַיבער.

— און דאָך זיַינען דאָ, לויט טאַנסקיס מיינונג, גאַנץ אינטערעסאַנטע ביכער פון שריַי־בערנס, — האָט מאַלקע געזאָגט. — טאַנסקי קאָן איַיך געבן א גאַנץ שיין צעטל פון פּרויען— שריַיבערנס... יאָ, לאָמיך איַיך וויַיזן קאַרלס בילדלעך פון העדען, וואָס ער האָט אונדז צו־געשיקט. — האָט זי זיך אויפגעהויבן און געגאַנגען נעמען דעם אַלבאָם.

טאַנסקי האָט דערוויַיל געוויזן גאָלדמאַנען דעם נומער „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכן ער האָט איַינדערפרי באַקומען. גאָלדמאַן האָט געוויזן דעם זשורנאַל, א קוק געטאָן אַף דעם שאַרבלאַט:

— פול מיט פּראָפּאַגאַנדע, מיסטאַמע.

— האָט איר אַמאָל געליַיענט דעם זשורנאַל?

— ניין. ווי קומט ער צו מיר און ווי קום איך צו אים?

— איז וויאַזוי ווייסט איר, אַז ער איז פול מיט פּראָפּאַגאַנדע?

— מע הערט.

— אין יעדן ליטעראַרישן זשורנאַל איז פאַראַן א פּאַרציע פּראָפּאַגאַנדע. אַמאָל דירעקט, אַמאָל — די פּראָפּאַגאַנדע, וואָס עמאַנירט אומיטלבאַר פון די ווערק. און איר וועט דאָס באַמערקן און געפינען ניט נאָר אין דער ליטעראַטור, נאָר אויך אין מאָלעריַי, אין מוזיק. סיבעליוסעס „פינליאַנדיאַ" איז א מיַיסטער־ווערק אין מוזיק און אין דער זעלבער צייַט — פּראָפּאַגאַנדע, דאָס זעלבע מיט דער „מאַרסעליעז". אפילו ווען איר שריַיבט צי איר ליַיענט וועגן כאַסידיזם, געפינט איר דאָרט די אומזעבאַרע פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער כאַסידישער אידיי; צי ווען איר ליַיענט טאָלסטאָיס ווערק... דערשפּירט איר דען ניט גליַיך אין זיַינע קונסט־ווערק, ווי עס עמאַנירט פון זיי די טאָלסטאָישע מאָראַל? פונוואַנען האָבן זיך פלוצעם גע־נומען „טאָלסטאָווצעס"? פּראָפּאַגאַנדע, אויב איר ווילט עס אַנרופן פּראָפּאַגאַנדע, וועט איר געפינען באַ די נעוויִים, אפילו אין ביכער פון די סאָציאַליסטן, קאַפּיטאַליסטן, אין ביכער וועגן היגיענע, וועגן דערציִונג. עס וואָלט דאָך געווען ריכטיקער און עמעסדיקער צו זאָגן: דערקלערונגען, אָנרעגונגען, אינפאָרמאַציע אָנשטאָט פּראָפּאַגאַנדע. עס פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז יעדן מענטשנס רעכט צו ליַיענען אָדער ניט צו ליַיענען דעם אָדער יענעם בוך צי זשורנאַל...

טאַנסקי איז גריַיט געווען נאָך לאַנג צו ריידן וועגן דעם, אָבער אין דער מינוט האָט זיך דערהערט א קלונג באַ דער טיר: ס'איז געקומען אַלעקסאַנדער.

אַריַינגעגאַנגען איז ער מיט א פּעקל, אַנידערגעלייגט עס אַפן טישל אין פּאַיע. טאַנסקי האָט זיך שטאַרק דערפריַיט מיטן זון, אים אַרומגענומען, פאַרגעשטעלט גאָלדמאַנען און בעסין:

— מיַינע אַלטע גוטעפריַינט. מיַינער א קאָלעגע.

אַלעקסאַנדער האָט א שמייכלענדיקער, אָבער א גאַנץ ערנסטער אין זיַין האַלטונג זיך אָוועקגעזעצט אַף א שטול לעבן פאָטער און א זאָג געטאָן:

— דו זעסט אויס גוט... אין דיַין בערדל, פּאַ. דעם עמעס זאָגנדיק, האָב איך ניט גע־ווּסט, אַז היַינט ביסטו אַלט געוואָרן פינף און זיבעציק יאָר. אין מיַינע אויגן ביסטו שטענ־דיק געווען און פאַרבליבן א יונגער מענטש.

— פינף און זיבעציק איז גאַנץ יונג, — האָט מאַלקע געזאָגט. — נו, לאָמיר גיין צום טיש, מיַינע טיַיערע געסט. — האָט זי אָנגענומען אַלעקסאַנדערן באַם אָרעם, — און מיר וועלן טרינקען א טאָסט לעקאַוועד דעם אימעניניק.

מ'האָט געקלונגען מיט די האַלב־אָנגעפילטע גלעזלעך מיט וויַין, ווען גאָלדמאַן האָט מיט איבערגעטריבענער פיַיערלעכקייַט געווּנטשן טאַנסקין און מאַלקען א סך פּראָדוקטיווע יאָרן. און מאַלקע האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג וואַרטן מיט די געשמאַקע קנישעס מיט לעבער, מיט קאַשע און קאַרטאָפל (דאָס האָט אַלעקסאַנדער, אַזוי צו זאָגן, באַשטעלט, ווען ער האָט גערעדט מיט מאַלקען: ער האָט דאָס מיַיכל שטענדיק ליב געהאַט און שוין אַזוי פיל יאָרן דאָס ניט געגעסן)... דערנאָך האָט זי געבראַכט צום טיש געבראָטענע עפּל, א לעקער און קאַווע... אַזוי שפּעט אין אָוונט האָט קיינער ניט געוואָלט צופיל עסן.

— ס'איז ניט גענוג, — האָט מאַלקע געהאַלטן אין איין פֿאַרענטפֿערן זיך, — כ'האָב געדאַרפֿט צוגרייטן מער עסן, כ'האָב אָבער ניט געוואָלט, אַז טאַנסקי זאָל זיך אין עפּעס אָנשטויסן.

— ס'איז מער ווי גענוג, — האָט גאָלדמאַן געזאָגט.

אַלעקסאַנדער האָט אים אונטערגעהאַלטן.

— זאָל איך אַלעמען וויל באַקומען. — האָט מאַלקע געשמייכלט אַ צופֿרידענע. דער שמועס באַם טיש איז, פֿאַרשטייט זיך, געגאַנגען אין ענגליש. מ'האָט ניט אײַלנדיק געטרונקען די קאַווע, געגעסן דעם לעקער, גערעדט וועגן אַלערליי קלייניקייטן. טאַנסקי האָט זיך באַמיט ניט איבעריקס אַרײַנציִען אַלעקסאַנדערן אין די שמועסן, ניט אויסנוצן אים מיט זײַן וויסן און אויטאָריטעט אין אַן ערנסטן געשפּרעך וועגן עקאָנאָמיק און פּאָליטיק. ער וויל עפּשער אין אַט דעם אָוונט זיך אָפּרוען פֿון די טאָגטעגלעכע, אומופֿהערלעכע אַדוואָקאַטישע דיסקוסיעס. ער וויל מיסטאַמע זײַן דאָ מיט די עלטערן און ריידן אַ ביסל וועגן אייגענע, היימישע זאַכן...

און ווען עס איז אַוועק נאָך אַ האַלבע שעה, האָבן די גאָלדמאַנס געמאָלדן, אַז זיי דאַרפֿן פֿאַרן ווײַט און עס קימערט זיי די שטענדיקע געפֿאַר פֿון אַרומגיין באַנאַכט. וועלן זיי גיין. טאַנסקי און מאַלקע זײַנען ניט צוגעשטאַנען, ניט געבעטן, זיי זאָלן נאָך זיצן. זיי האָבן געוואָלט בלײַבן מיט אַלעקסאַנדערן. טאַנסקי האָט אַפֿילו אַ טראַכט געטאָן, אַז ווען אַלעקסאַנדער וואָלט ניט געדאַרפֿט פֿאַרן אין דער צווייטער, פֿאַרקערטער ריכטונג, וואָלט ער עפּשער געקאָנט אַהיים פֿירן די גאָלדמאַנס אין זײַן מאַשין. אָבער פֿאַלג מיך אַ גאַנג — עס וואָלט געדויערט גוטע עטלעכע שעה...

אַלעקסאַנדער, פֿון זײַן זײַט, האָט אויך פּלאַנירט צו בלײַבן אַליין מיט די עלטערן און ריידן מיט זיי וועגן אַן איניען, וועגן וועלכן עס האָט זיך אים ניט געגלוסט צו ריידן אין טעלעפֿאָן. ניט געוואָלט אָפּטערן דעם וויכטיקן געשפּרעך אין אַ פּאָר מינוט בלויז — איבערהויפּט צוליב דער מוטער, וואָס וואָלט ניט אָפּגעלאָזט, ביז זי וואָלט ניט געוווּסט אַלע אײַנצלהייטן.

די גאָלדמאַנס האָבן זיך געזעגנט און זײַנען אַוועקגעגאַנגען.

זיי זײַנען אַ ווײַלע געבליבן זיצן שווײַגנדיקע, ווי וועלנדיק אַרויסרײַסן זיך פֿון די פֿריערדיקע צופֿעליקע און אומוויכטיקע געשפּרעכן באַם טיש. ס'האָט ניט געדויערט לאַנג, און מאַלקע האָט ווידער דערמאָנט העדען און קאַרלען — ווי גוט און שיין עס וואָלט געווען, ווען זיי וואָלטן אויך געקומען מיט אים צום טאַטנס געבורטסטאָג.

— טאַקע וועגן דעם וויל איך איצט ריידן מיט אײַך, — האָט אַלעקסאַנדער געזאָגט. — עס וואָלט זיך מיר ניט געוואָלט פֿאַטערן די שטימונג פֿון דײַן געבורטסטאָג, פּאַ... אָבער איצט איז די פּאַסיקע און מעגלעכע פּאַר מיר געלעגנהייט צו ריידן וועגן דעם.

— וועגן מײַן געבורטסטאָג מאַך איך קיינמאָל ניט קיין צימעס, — האָט טאַנסקי באַמערקט. — דאָס האָט דײַן מאַמע אַראַנזשירט דעם „יובילײ“.

— זאָג, וואָס עס קוועטשט דיך, זון, — האָט מאַלקע געזאָגט.

— העדאַ פֿאַרלאָזט מיך, — האָט אַלעקסאַנדער אָן שום צוגרייטונגען אַ זאָג געטאָן.

— וואָס?! — האָט מאַלקע אויסגעשריגן.

— זײַ ניט איבעראַשט, מאַ... און נעם זיך ניט שטאַרק צום האַרצן.

— פֿאַרוואָס? — האָט זי געפֿרעגט. — ווידער צוליב דײַן האַנדלען מיט שוואַרצע און... קאָמוניסטן?

— ניין. ניט דאָס איז די סיבה. זי ווייסט, אַז דאָס לעצטע יאָר איז באַ מיר אַ יאָר פֿון געווינלעכע אַמעריקאַנישע יוריסטישע ביזנעסן אין „ריעל־עסטייט“, און עס ברענגט אַרײַן גרויסע פּראָפֿיטן. ס'איז עפּעס אַנדערש, זי טײַנעט, אַז מיר האָבן ניט מער קיין שום אינטערעס און צוגעבונדנקייט איינער צום צווייטן. מיר זײַנען ניט אײַנגעשלאָסן איינער אין צווייטנס לעבן. איך האָב מיר, זאָגט זי, מײַנע אינטערעסן, און זי האָט אירע אינטערעסן. און אַפֿילו קאַרל וויל ניט וויסן און ווייסט ניט קיין סך וועגן אונדז. און עס גייט אים ניט אָן. יעדער איינער פֿון אונדז, זאָגט זי, איז פֿאַרטאָן אין זײַן אייגן וועלטל און עפּשער דערפֿאַר, ווײַל מיר האָבן אַלדאָס גוטס אַרום זיך... — ער האָט אָפּגעעטעמט אַ ווײַלע. — מע זאָגט, אַז אײַזן, שטאָל אַפֿילו ווערן אויך מיט דער צײַט מיד און הייבן אָן זיך צו ברעכן — באַ מענטשן טרעפֿט דאָס אוואַדע און אוואַדע. מע ווערט פֿון עפּעס מיד אין לעבן. א.ז.... זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס קאָנען זיך ניט העלפֿן, קאָנען זיך ניט קעגנשטעלן דעם דראַנג צו ווערן... צו זײַן פֿאַר זיך אַליין אַן אינדיווידועל וועלטל און געפֿינען דעם אינטערעס בלויז אין אייגענער אַרבעט, אין אייגענער שאַפֿונג, צי אייגענע פֿאַרגעניגנס, און זיי גייען אַן דאָס

גאַנצע לעבן זייערס מיט דעם, וואָס זיי פאַרבינדן געזעצלעך, אַזוי צו זאָגן. זי איז אָבער אַנדערש. זי האָט אַ שטאַרקן דעטערמינירנדיקן, פילאָסאָפישן אַפּילו כאַראַקטער. און זי וויל באַזיגן איר אומצופרידנקייט און איר צושטאַנד ניט מיט נאָכגעבן נאָר מיט אָפּרײַסן זיך פון דעם. דאָס אייניציקע, וואָס זי — איך שטרײַך אונטער — זי — קאָן טאָן צוליב דעם, איז ניט מאַכן קיין קאָמפּראָמיסן, נאָר זיך צעשיידן. זי קאָן ניט געפינען דעם מאָדוס וויווענדי פאַר אונדזער צוזאַמענלעבן.

— עפּשער... ווײַל דו ביסט אַ ייִד? — האָט טאָנסקי אַ פרעג געטאָן.

— ניין. כ'ווייס ניט. עפּשער אין איר אונטערבאַוווּסטזײַן... אין דער אַלגעמיינער אַטמאָספער... אין דער ספער אַרום איר פאַרנעמט דאָס עפּשער אויך אַן אָרט און איר צוזאַמענלעבן מיט מיר. ניין... איך האָב דאָס, אייגנטלעך, קיינמאָל ניט באַמערקט.

— וועט עס זײַן, ווי זי האָט עס געטאָן פאַראַיאָרן, ווען זי איז אַוועק צו איר מוטער, — האָט טאָנסקי געזאָגט. — אָבער זי איז צוריקגעקומען.

— איצט וועט זי ניט צוריקקומען, — האָט אַלעקסאַנדער געזאָגט. — זי איז אַוועק אויף שטענדיק.

— און וואָס זאָגסטו? — האָט מאַלקע מיט אַ ציטערדיקער שטים געפרעגט.

— איך זאָג גאָרניט, זי וויל אַזוי, זאָל זײַן אַזוי. איך פאַרשטיי זי. ס'איז עפּשער בעסער, אַז מיר זאָלן זיך צעשיידן. זי איז אַ קלוגע. ניט קיין לײַכטזיניקע און אַן ערלעכע. איך פאַרשטיי זי.

— איך האַלט זיך בײַ מײַנעם, — האָט טאָנסקי געזאָגט. — זי וועט ווידער אַוועקפליִען צו דער מוטער און ווידער צוריקקומען.

— ניין, דאָס מאָל פליט זי ניט אַוועק.

— ניין? — האָט מאַלקע געפרעגט. — איז וווּ זשע וועט זי וווינען?

— זי האָט גענומען פאַר זיך אַ סטודיע-אַפּאַרטאַמענט. זי וויל ניט פירן קיין באַלעבאַטישקייט. זי וויל זיך פאַרנעמען מיט איר וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אין אַן ענגער קאָלאַבאָראַציע מיטן פּראָפעסאָר סאַנדבורג.

— אוי, איצט פאַרשטיי איך... — האָט מאַלקע געזאָגט.

— ניין, מאַ... דו פאַרשטייסט ניט. זי האָט מיך ניט פאַראַטן. זי האָט מיר דערציילט וועגן זיך און וועגן אים. זי וואָלט זיך געפילט גאָר שטאַרק פאַרבונדן מיט אים אין זייער אַלגעמיינער פאָרשונג, ווען זיי וואָלטן געווען ווי... פּיער און מאַרי קיורי, די דערפינדער פון ראַדיום. ער איז אַ ניט-פאַרהייראַטער, אָבער עס האַלט ניט דערבײַ. עס איז אַ גאַנץ אָנשטענדיקע סיטואַציע. זיי אַרבעטן איבער אַ בוך צוזאַמען.

— דו ביסט נאַיִוו, אַלעקסאַנדער, — האָט מאַלקע געזאָגט.

— אַ שיינער, באַרימטער יוריסט וואָלט איך געווען, מאַ, ווען איך וואָלט געווען נאַיִוו.

— איז ווען וועט דאָס געשען? — האָט מאַלקע געפרעגט.

— עס איז שוין געשען. מיט אַ וואָך צוריק. זי האָט גענומען אַ סטודיע-אַפּאַרטאַמענט ניט ווײַט פון דער לאַבאָראַטאָריע.

— און קאַרל? — האָט מאַלקע קוים אַרויסגערעדט.

— ער איז נאָך אַ פּאָר טעג מיט איר. ער נעמט פאַר זיך אויך אַ סטודיע-אַפּאַרטאַמענט אין דעם זעלבן קאָמפּלעקס. ער איז פאַרליבט, דאַכט זיך, אין אַ שפּאַנישער סטודענטן. ער האָט מיר שוין געוויזן אַ פּאָר צענדליק פאָטאָגראַפישע בילדער פון איר. עס וועט מיסטאַמע געדויערן, ביז ער וועט זיך באַגעגענען מיט אַ צווייטער. עס גייט אים גאָרניט אָן, וואָס עס פּאַסירט צווישן מיר און העדען. ער איז שוין, ווי עס זעט אויס, אַ מענטש פאַר זיך, מיט זײַנע אייגענע פּלענער. איצט, זאָגט ער, וויל ער זײַן אַ פילאָלאָג. איך וועל, פאַרשטייט זיך, האַלטן אַן אויג אויף אים און זען, אַז ער זאָל זיך דערשלאָגן צו דער קאַריערע, וואָס ער וויל פאַר זיך. איך האָב אים ליב.

— איך פאַרשטיי עס ניט, — האָט מאַלקע גערעדט, ווי צו זיך אַליין.

— איך ווייס, מאַ... דו פאַרשטייסט עס ניט. אָבער אַזוי ריידן אַלע מאַמעס, ווען זייערע קינדער ווערן אַנטוישט אין עפּעס... ווען עס געשעט עפּעס, וואָס איז אויסער זייערע אײַנגעפירטע, אײַנגעשטעלטע מאָראַלישע צי טראַדיציאָנעלע וועגן פון זייערע לעבנס. איך האָב איר, העדען, געוואָלט געבן דעם קאָטעדזש, זי זאָל ניט דאַרפן וווינען אין אַ געדונגענעם אַפּאַרטאַמענט; זי האָט עס אָבער ניט געוואָלט, ווײַל זי גייט דאָך אַוועק. איך, פון מײַן זײַט, וועל זען האַלטן אַן אויג אויף ביידע — אויף איר און אויף קאַרלען.

— און דו... ווי...

— אײַ, זאָרג ניט, מאַ... איך בין ניט פון די מענטשן, וואָס פאַרלירן זיך, וואָס ווערן

דערשלאָגן. איך האָב ניט קיין צײַט אפילו פאַר זיך, וואָס דאָס האָט, דעם עמעס זאָגנדיק, געפירט צו אונדזער שיידונג. דאָס לעבן און מענטשן קאָנען ניט ווערן צעמענטירט, ניט צו רירן זיך פון אָרט פיזיש צי גײַסטיק. נו, גענוג וועגן דעם. מיר וועלן נאָך זיכער שמועסן וועגן דעם. אַף הײַנט איז גענוג. מאָרגן האָב איך א וויכטיקן און שווערן טאָג אין געריכט. — ער האָט זיך אופגעהויבן און זיך צעקושט מיט מאַלקען. — מאַ, א דאנק פאַר די קנישעס. עס האָט מיר דערמאָנט די צײַט, ווען איך בין געווען א ייִנגל.

ער איז צוגעגאנגען צום פאָטער, אים ארומגענומען:

— א גאנצן סנאָפּ יאָרן דיר, פּאַ... געבראַכט דיר א פּאָר שטעקשיך און פאַר אײַך ביידע מײַן ערשט דערשינענעם בוך. א גוטע נאַכט.

— א גוטע נאַכט, — האָבן זיי ביידע געזאָגט. און ווען ער איז ארויסגעגאנגען, זײַנען זיי געבליבן שטיין, קוקנדיק איינער אַף דעם צווייטן ווי פאַרלוירענע.

עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט, ווען אַלעקסאַנדער איז געקומען אהיים. ווען ער האָט געעפנט די טיר, האָט אים איבעראַשט, וואָס עס ציט זיך א פּאַס ליכט פון דעם שלאָפצימער. פאַרגעסן מיסטאָמע אויסצולעשן, — האָט ער א טראַכט געטאָן. דאָך איז ער צוגעגאנגען צו דער טיר און אַרײַנגעקוקט.

אַף דער בעט, א האַלב-אנטבלויזטע, א ניט פאַרדעקטע איז געלעגן העדאַ. געלייענט א בוך.

אינדערפרי האָט אַלעקסאַנדער זי אוועקגעזעצט קעגן זיך און געזאָגט:

— צי דענקסטו ניט, אַז אויך איך בין א טייל פון דער שפּיל צי פון דײַנע שטימונגען און באַשלוסן, וואָס פאַלן דיר אײַן? אַט פאַרלאָזסטו מיך, אַט קומסטו פּלוצעם צוריק. איך בין דאָך ניט בלויז א שוועל, וואָס אַז דו ווילסט, טרעטסטו זי אריבער, און אַז דו ווילסט, פאַרלאָזסטו זי און קומסט ווידער צוריק. מײַן טייל פון דעם לעבן מיט דיר האָט גאָרניט צו טאָן מיט דעם? דענקסטו ניט, אַז עפּעס אין מיר, אַז דער מאַן אין מיר רעאַגירט... צי עפּשער דאַכט זיך דיר, אַז איך עקזיסטיר גאָר ניט? פאַרגעס ניט, העדאַ, איך בין אַן אַדוואָקאַט, און איך ווייס ווי אופצונעמען אַזעלכע סיטואַציעס.

— דו ביסט גערעכט, — האָט זי געקוקט א רויִקע אין זײַנע אויגן. — איך פאַרלאָז זיך אָבער אַף דײַן פאַרשטענדעניש, איך ווייס, אַז דו ביסט א גוטער פּסיכאָלאָג. עפּשער ווען דו וואָלסט געווען א פּסיכיאַטאָר און איך וואָלט געדאַרפט א פּסיכיאַטאָר, וואָלט איך דיר געזאָגט: לאָמיר ריידן און הער מיך אויס. אָבער איך האָב דיר שוין געזאָגט: איך, זע, אַז דו פאַרשטייסט, וואָס עס טרעפט, וואָס עס גייט אָן אין א מענטשנס מויעך צי נעשאָמע... און איבעריקע רייד זײַנען אָפּטמאָל שעדלעך... פאַר ביידע, ווען דו זאָגסט מיר גאָרניט, גלײַך ווי עס איז גאָרניט געשען, ווייס איך, אַז דו פאַרשטייסט מיך...

— גוט, — האָט ער געזאָגט. — איך מיין אויך, אַז א פאַרשטענדעניש מוז ניט קומען בלויז דורך דיסקוסיעס. זי קאָן אויך קומען דורך שווײַגעניש. אויב ביידע צדאָדים זײַנען פון די פאַרשטייענדיקע. נו, איז גוט. מיר פאַרשטייען זיך. איצט, — האָט ער א שמייכל געטאָן, — וואָס זשע וועסטו טאָן מיטן אַפּאַרטאַמענט, וועלכן דו האָסט געדונגען פאַר זיך? דו וועסט אים אָפּגעבן, צי וועסט אים האַלטן פאַר... זיך?

— איך וועל אים איבערגעבן קאַרלען. ער איז איצט א סטודענט. אַן ארויסגעוואַקסע-נער פון זײַנע יאָרן. און ער איז פאַרליבט אין קאַרמען. עס וועט אים... עס וועט זיי ביידע העלפן אין געוויסע פאַלן פון זייערע באַגעגענישן, וואָס זײַנען אומפאַרמײַדלעך.

— גוט. דו ביסט, דאַכט זיך, א בעסערער פּסיכאָלאָג פון מיר.

— ער וועט זײַן שטאַרק צופרידן. איך וועל נאָך הײַנט מיט אים ריידן וועגן דעם. אים זאָגן, אַז איך בין אהיים געקומען. הײַנט גיי איך ניט צו דער אַרבעט.

— וועלן מיר הײַנט עסן אין רעסטאָראַן. איך וועל דיר אָנקלינגען פון אָפּיס.

— גוט, פאַרגעס ניט אָנצוקלינגען דײַן מאַ. זי וועט זיכער זײַן איבעראַשט.

אָנגענומען איבעראַשט.

ער האָט זי ארומגענומען און געקושט אירע ליפּן:

— טו א טראַכט, וווהין מיר וואָלטן געקענט א פלי טאָן אַף א פּאָר וואָכן — בלויז מיר ביידע.

— שטאָקהאָלם?

— שטאָקהאָלם? אויסגעצייכנט. איך בין דאָרט קיינמאָל ניט געווען.

אויף דער זוניקער ערד

מיר בענקען נאָך קינדהײַט און שאָלעם

א בעסאראבישע זון-בלום אינמיטן דעם וועלטאל — מײַן קינדהײַט,
און דאָס פּאַפּשוי-פּעלד מיט ווילדע ליאַנעס — מײַן אפריקאַנישער וואַלד,
און דער שטאָט-פּלאַן, וואָס כאַלעמט זיך מיר, די שוואַרץ-רויטע כוואַרעס-פּראָספּעקטן,
איז מײַן קעשענעוו, וואָס איך דערקען ניט באַטאָג, בא דער שײַן.

שאָלעם — דו ביסט אונדזער קינדהײַט, אונדזער גליק, אונדזער הימלאַנד.

אין אפריקאַנישע דזשונגליעס און אין פּאַריזש איז ער פּונקט אַזוי מיעס — דער טויט.
גיט אָבער א קוק אויפן „סקײַלאַב", אויפן פּרעכטיקן גוף פון ראַקעטעס,
אויף באַמבעס — אַזױנס ווי אַזעלכס, א טרויס, אַן עסטעטישער סאַך,
וואָס די גאַל קערט זיך איבער פון אים, ווײַל שיין איז דאָס לעבן —
א פּרוי מיט א זוניקן שויס, א סוועטלאַנע מיט גאָלדענע האָר.

מיר בענקען נאָך שאָלעם.

איר זעט מיך? — א יאַט מיט א קראַנקן פּאַרשטאַנד, א מאַן מיט א שווערער נעשאָמע,
א פּאַטער פון פרײַלעכע קינדער, וואָס לעבט מיט א ווייטעק אין האַרץ,
מיט א מין נאָסטאַלגיע נאָך א פּאַרסאַרפּעטער שטאָט,
נאָך אָנגעבויגענע ווענט,
נאָך א קרומען, וואָס שטאַרצט ווי א סטייפּ און פון וועלכן סע זעט זיך נאָך אַן
אַן אפריקע הינטער דעם בלויזקן שטראַנד אויפן ראַנד פון דער שטאָט...

מיר בענקען נאָך קינדהײַט.

מיר בענקען נאָך קינדהײַט און שאָלעם.

אינעם גראָז, אין גאַנײדן, אויף דר'ערד

א גלאָבאַלער, א נוקלעאַר-שטילער אופּרייס
האָט צעשטערט אין דער הייד אַלע וואָלקנס.

אַן אַבסאָליוט בלויער הימל שטייט אומבאַוועגלעך
איבער דער לאַנקע מיט בלומען און גראָזן, וווּ מיר זיצן, סוועטלאַנע,
אויף טערקיש, ווי צוויי איסטוקאַנעס, און פלעכטן די קרענץ
און קוקן אין הימל אַרויף.

גאָט, אַדער אַנדערע קיוכעס, פּאַרינטערעסירטע,
אַז אַלץ זאָל דאָ אויסערלעך בלײַבן ווי'אַזוי ס'איז געווען,
הייבן אויף אין דער לופט און לאָזן זיי לאַנגזאַם פליִען אין שוימען —
הונדערטער הילצערנע פּרוכט-קעסטלעך, ליידיקע און דעפּאַרמירטע,
וואָס צעפאַלן זיך, ציִען זיך אויס אויף דער בלעכענער טאַשמע,
פּאַרטשעפּען זיך איינס אין דעם אַנדערן פּאַר א זוניקן טשוואַק.

וואַט, אָדער אַנדערע קויכעס, פֿאַרינטערעסירטע,
פֿאַרלאָזן זיך אָבער בלויז אַפֿן אַטמאָספֿער־עפֿעקט
און אויף די מעגנטשלעכע ווויזיע־קרעפֿטן,
און טאַקע — !
די קעסטלעך פֿליִען און קלאַפּן מיט שײַן אונדז גלײַך אין די אויגן
פֿונעם הימל — פֿייגל צי פֿערד, צי אַקולעס, אַטלאַנטישע פֿיש.
נאָר איבער דו וועסט אויסדרייען עטוואָס דעם קאָפּ און דערזען זיי פֿון הינטן,
דאַן פּלוצעם אַנטדעקן דעם געטלעכן עמעס דו וועסט, דעם הימלשן קוועטש —
די הילצערנע ליוקן און לעכער מיט פֿאַרשימלטע רעשטלעך פֿון עפּל
און פֿון קלעפּיקע ווײַנטרויבן, אַגעוו: אַ ווײַנשלעע פֿאַלט אונדז אַראָפּ.

דו נעמסט עס אין מויל, און איך שרײַ, ווי מעשוגע: שאַדיי!
וואָס איז דאָס? אַ מין קאָמפּענסאַציע? איבער שוין אַזוי —
שיט אויס אויף דער ערד אַ מין צען טויזנט מאַנגרויפּן־כמאַרעס
פֿאַר די קינדער און פֿאַר די קריפּלען, פֿאַר אַלע קאַרבאַנעס...

און איך פֿיל, ווי סוועטלאַנע ציט מיך באַם אַרבל:
— Садись, дурачок!
און הייבט מיר אָן צו דערקלערן, אַז הייסט עס, קיין גרויפּן
טראַנספּאָרטירט מען ביכלאַל ניט אין יאַשטשיקעס — סײַדן אין זעק.

די ראַקעטיזאַציע און דער צאָרן פֿון דער שטילער נאַטור

טויזנטער יאָר פֿלעג זיך זעצן אַ בין אויף דער בלום,
און די בלום פֿלעג זיך שאָקלען אונטערן ווינט און זי וויגן...

הײַנט פֿאַרפּולקומען בינען זייער אַעראָדינאַמיק:
דער גוף ווערט באַ זיי אויסגעצויגן און שאַרפֿער דאָס מויל,
און די שטעכלקע פֿון הינטן רוקט זיך אַרויס — אַ האַרמאַט,
אָנגעלאָדן מיט נוקלעאַר־טראָפּנס...
ראַקעטיזאַציע!

די בלומען האָבן אויך געפֿונען אַ מיטל — מוטאַציע:
טיולפּאַנען, צום בײַשפּיל, פֿאַרהייבן אַזוי זייער שאָל,
אַז זי ווערט 6־7 מאָל העכער, און דאָס פּעסטל, די שטויב־פֿעדעם, שטעקן
אין דנאָ — אַ ראַקעטע מיט אַ קעפּל, וואָס גרינג טיילט זיך אָפּ,
אַ נײַנקער „פֿערשינג", אַן עכטער שעדעוווער פֿון USAF.[1]

ווען איך זע אין דער נאָענט אַ בלום, כאַפּט מיך אָן אַ געפֿיל,
אַז איך שטיי אין ביירוט, ערגעץ לעבן דעם אַעראָפּאָרט...

גאָט זאָל אײַך היטן אַרויסצוגיין אָנהייב יול
אויף דער טוייקער לאָנקע מיט פֿלאַטערלער, גראָז, ראָמאַשקעס!

שטעלט זיך ניט אָפּ, סע זאָל אײַך ניט פֿאַרפּלאָנטערן די בין
מיט אַ נעקטאַרפּולער זון־בלום... שפּעט שוין: זי פֿליט...
שווערינקע טראָפּנס... דאָס טריפֿט אײַער בלוט... אָדער האָניק.

---

[1] USAF (United States Air Force)—מיליטערישע לופֿט־קרעפֿטן פֿון פּשא.

פ ו ן ה י ץ

אין דער הייסער, ווי דאַרשט, בעסאראבישער נאכט מיט פּאפּויעס און גרילן
איך בין מיט דײַן בילד אין די אויגן געשלאָפן, האגאר,
און קלעפּיקער איידער די בלוטיקע מענטשהײַט-געשיכטע,
ווי האָניק און סלינע, געצויגן האָט זיך אונדזער קוש,
און ווען כ׳האָב זיך דערוואכט אין דער נאכט, האָב איך דיך אַף דער וועלט ניט געטראָפן,
א יאשטשערקע איז געלעגן אַף די ליפּן בא מיר,
א פארסאפּעטע, וואָס מיסטאם פונעם אורסטעפּ אהער איז דערקראָכן,
פון אלעקסאנדער מוקדנס געצעלט,
וווּ דער איינזאמער, מידער (יאָך, זיי זינגען שוין ווידער, די סאָלדאטן, בארבארישע לידער!)
דער פארטראכטער פעלקער-באפרײַער
האָט איר געגעבן (ווי מע זאָגט וועגן בלימלעך-ראָמאשקעס) א רײַס אָפּ דעם עק —
נאָר ביזוואנען
זי איז לאנגזאם געקראָכן אהער דורך יאָרטויזנטער, שלאכטן און גראָזן,
האָט דאָס ווײַדעלע רעגענערירט,
און פאר מיר האָט זי שוין מיט אים זיך באַרימט און באַרירט מיר די נאָז און די ברעמען.

כ׳האָב געקוקט אפן כײַעלע ווי אַף א מיידל, מיט וועלכן
איך האָב מער ניט געהאַט שוין צו טאָן.

אַף א בלעטל פּאפּיר (לידער שרײַבט מען מיט שטראלן פון שטערן!)
האָב איך אָנגעקריצט מיט א שטיינדל
דעם אימפּעראטאָר א שרעקלעכן אולטימאטום:
“Cogito ego es!”[1]

און ארופגעלייגט אים אַף דער יאשטשערקע, ווי א קאָלנער,
און געגעבן א פּאטש איר אין הינטן — און זי איז אוועק.

ס׳האָט גענומען שוין טאָגן
און איך האָב מיך געגרייט, מיט האגאר אינעם קאָפּ, שוין אהיים —
ווען כ׳האָב פּלוצעם דערהערט
פון הינטן דעם האָריזאָנט א געטומל, א רויש, א מאַרשירן
און א לאנגן טרומייטן-סיגנאל.

ער האָט באקומען מײַן בריוו!

צי עפּשער געווען איז דאָס פּאָשעט א „מו-ו-ו" פונעם שלאָף — פון א דאָרשטיקער קו?

א נעכטיקער כאָלעם

אין א סאָד אָן אן עק, אָן א סאָף, ווי א וואלד, ווו אַף יאָדלעס און סאָסנעס
לויפן וועווערקעס ארויף און אראָפּ, און פון זייער שטיפערײַ
שיטן זיך פארשימלטע שישקעס און נעסטן פון זשומיקע בינען, —
שטייט א טיש, איבער וועלכן סע גיסט זיך אָן אופהער א טײַך,
א זיסער און קלעפּיקער פון אראָמאטישע ווײַנען
און אויכעט פון האָניק, און מיר זײַנען שוין גוט בעגילופן —
אימפּעראטאָר טראיאן און דער גראַף קאליאָסטראָ, און איך
אין דער ליידיקער שטול — מײַן אוועקגעפאָרענער כאַווער.

ס׳שײַנען גאָלדענע בערג פון מאראנצן, ווײַנטרויבן, כורמא,
און מיר עסן, מיר נאשן, סע רינט אין די ארבל, מיר פרעסן זיך איבער —

---

[1] איך דענק, הייסט עס, דו עקזיסטירסט (לאט.) — א פאראפראז פונעם באוווסטן אויסדרוק.

אימפּעראַטאָר טראַיאַן און דער גראַף קאַליִאָסטראָ, און איך,
און דער לײדיקער שטול, וואָס דערמאָנט אין א נעכטיקן כאַלעם.

מענגעס פּעטינקע מוראשקעס, גלי-ווערעם, גנאָמען און פליִ-
קריכן איבער די וואזעס, נישטערן, פליִען אין פאַנעם
אימפּעראַטאָר טראַיאַנען, דעם גראַף קאַליִאָסטראָ און מיר,
און דעם לײדיקן שטול — וואָס ער שטײט ווי א ניט דערלעבט לעבן.

כ׳גײ אַרײַן אינעם גלעזערנעם פּאַלאַץ, נעם אַרויס פונעם בוזעם
א שרויפנציִער — און ברעך אויף דעם מירמלנעם דיל,
און צעשטעל ווי מאַציִיוועס, ווי דעכלעך, די מאָזאַישע רויטע קוואַדראַטן,
און שטעל אויס אונטער זײ די האַלב-רונדיקע שאָלעכץ, די פּוסטע ניס-העלפטלעך,
וועלכע וויגן זיך אונטער דעם ווינט —
אונטער דער לופט פונעם רוימישן יאָר, וואָס ציט זיך דורך דער אַנפילאַדע.

פּראָיעקט פון א דענקמאָל מײַן טאַטן
בײַס זײַן אײַביקן לעבן

פון די דרײַ זײַנע קינדער און זעקס זײַנע אײניקלעך — בלומען.
פון די קינדערס אײניקלעך, הײסט עס, די אײניקלעכס קינדער — בלומען.
פון די אײניקלעכס אײניקלעך אויף דער באַשטראַלטער פּלאַנעטע —
בלומען.

און ווען דער בלומען-באַרג, אין 2080-טן, סענטיאַבער, וועט נעמען פּאַרוועלקן,
און די לופט — פאַרגעדיכטעוועט ווערן פון דעם אַראָמאַט,
זאָל אין דער ראַזעווער פּאַרע באַצײכענען זיך א פיגור,
א דורכזיכטיקער קאָנטור,
וואָס פּלוצעם וועט געבן א ניס —
און דער אויבעם אַרום, אויף דער זוניקער ערד, וועט זיך גליקלעך צעלאַכן:
— צו געזונט, שמיל בערינסקי!
— א-אַפּטשכי!..

אויפן גרינעם בולוואַר

ער אַליין, נאָר ער, קלימענט טימיריאַזעוו מיט זײַן פּאַטאַסינטעזע איז שולדיק
אין דעם, וואָס שיקער און געל איז געוואָרן די ערד
אין מאָסקווע און אַרום איר,
אויף די נאַענטע לאָנקעס און פעלדער, בא די טײַכן און אין די וועלדער,
ווו סע רײַסן דעם באָדן אַרויס, ווי אַן אויפברויז,
די Taraxacum officinale — די בלעזעלעך, זוניקע לופט.

גאַנץ רוסלאַנד, מיסטאָם, האָט באַדעקט די עקספּאַנסיע פון בלומען.

די גאָלדענע אײַזנבאַן-ליניעס זײַנען גליטשיק און נאַס,
און די גרינע אַזאַנעווע זאַנגע אַרום אונדזער הויפּטשטאָט
איז א רויט-געלע זאַנגע געוואָרן,
און הינטער די קײַלעכדיקע עסטראַדעס און מעטראָסטאַנציעס
שטײען, שאָקלען זיך, זיצן און נאַזנדיק ליגן
מענטשן מיט נעזער, פאַרשמירטע אין געלן בלום-שטויב.

גאַנץ רוסלאַנד איז שיקער פֿון בלומען און פֿאַרשמעקט, ווי ס'ע פּירט זיך, מיט בלומען.

— אַזאַ יאָר אַף זיי,— זאָגט מײַן טאַטע. ער וויל דערמיט זאָגן:
אַזאַ יאָר אַף זיי איז געקומען, אַף זיי Taraxacum officinale
מיט זייער וועגעטאַטיוון אופֿרײַס...

און ער, טימיריאַזעוו,
דער פֿאַרטראַכטער, מאָנומענטאַלער,
שטייט זיך שטיל מיט אַ טויב אַפֿן קאָפּ — אַפֿן גרינעם בולוואַר.

דער מאמעס מאַזל

מאַרינע איז אַרײַנגעלאָפֿן אין צימער און איז שטיין, ווי פֿאַרשטיינערט, געבליבן:
ס'איז דאָרט קיינער געווען.
נאָר אינמיטן
איז געשטאַנען אַף צוויי צערוקטע, אַף ראַקעטעדיקע צוויי פּיסלעך,
דער אײַזערנער לייטער פֿון דעם ביכער־סטעלאַזש.
מאַרינע האָט טייקעף פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז געווען, און האָט ניט פֿאַרלאָרן קיין צײַט
אַף צו זוכן דאָס ייִנגל אין שאַפֿע, אין בעטל, אין ווינקל —
געגעבן אַ רוף אַ טאַקסיסט דורכן פֿענצטער
און צוגעגליטשט גלײַך
צום צווישנפּלקערלעכן אַראָפּאַרט און אינגיכן אַראָפּגעלאָזט זיך
אַפֿן הייסן עקוואַטאָר, און געפֿרעגט, און געפֿונען אין דזשונגל
אַ שטעג.
און באַלד שוין אונטן געשטאַנען — אונטער דער קאָקאָסאָווער פּאַלמע,
וועלכע האָט זיך געצויגן אין הימל — אַ ראַקעטע, אַ לייטער, אַ טרוים...

און דאָס ייִנגעלע האָט שוין אַראָפּגעוואָרפֿן אין דער מאמעס הויך אויפֿגעהויבענעם קלייד
דעם ערשטן, דעם גליקלעכן נוס מיט עקזאָטישער זיסקייט און טאַם.

מאַנקע־קוילער

וווּהין, מיינט איר, גייט אונדזער מאַנקע אַף נאָווי גאַד?

אָט זיצט ער אין סוויבלאָווע, אין דעם לעצטן שטיבל, בײַ ניורען,
און זיי לאַכן און גרייטן צום טיש און באַמערקן ניט גאָר,
ווי ס'ע לאָזן זיך גלאַטיק אין דרויסן אַראָפּ, אינעם הייפֿל,
צוויי א. ד. („אַנאָמאַלע דערשײַנונגען"), צוויי קאָסמישע טעלער,
און ס'ע גייען אַרויס צוויי מאַלאָכים — און הייבן אָן שפּרינגען
אַף די ווײַסע שפּיץ פֿינגער (ס'איז קאַלט!), און זיי הייבן אָן פּאַכען
מיט די פֿליגל און גליטשן זיך צו צו די פֿענצטערלעך: ליכט!
זיי פּלעטשן די נעז אינעם גאָלדענעם גאַר דינעם גלאָז,
ווו ס'ע זיצט אונדזער מאַנקע, אַ פּוס שוין איבער אַ פּוס,
מיט אַ „קענט" אינעם פּיסק און מיט אַן עלעקטראָנישן זייגער
אַף דער האַנט, וואָס ער האַלט אַפֿן אַקסל בײַ ניורען, בעשאַס
ניורע גלעט אים די האָר, און ס'ע קומט נאָווי גאָד, און די גלעזער
מיט שאַמפּאַניער גיבן אַ צאַק, און דערנאָך, ווי אין טרוים,
שפּילט אַ שטילע מוזיק, און צוויי מענטשן, אַ מיידל מיט אַ באָכער,
רירן איינער דעם אַנדערן אָן מיט די קני, מיט די ליפּן,
און זיי שלעפֿן שוין גליקלעך אַראָפּ אַלע הויטן פֿון זיך...

אינדערפרי, ווען סע ווערט אונדזער מאַנקען קאַלט אין דער פּלייצע,
עפנט מאַנקע די אויגן און דערזעט אַף די פענצטערלעך פליגלען —
אַלץ, וואָס איבערגעבליבן איז פון די צעגליטע מלאָכים.

און זיי מאכן זיך טיי און באַמערקן ניט גאָר, ווי אין הויף
הענגען, ווארטן און דרייען זיך שטיל אין דער לופטן צוויי שנייִקע ווירבלען...

א הימן פאַר מײַן ערשטער געליבטער

בעסער וואָלסטו געשטאָרבן.

בעסער וואָלסטו געשטאָרבן, פּאָלינע, מײַן ערשטע געליבטע,
מײַן ליאַליע, וואָס ערגעץ אַף יענער זײַט וועלט
כאָטש געבליבן אַן אײדעס,
א שותּף
פון מײַן גליק, פון מײַן לעבן, און עפּשער אינגיכן
וואָלטן מיר שוין אײנײנעם געזעסן אַף עפּעס א ברעג
און אראָפּגעקוקט בײדע אַף דר׳ערד, און דערמאָנט זיך צוביסלעך
די לאַנדשאַפט,
דעם פּייזאַזש, וואָס געקלאַפּט האָט מיט שײַן אין די אויגן אמאָל:
דעם הויף אונטער פּערסישן בעז; דעם רויטלעכן טעריקאָן-באַרג;
דאָס לאַנד, ווו מיר פלעגן זיך וואַלגערן נאַקעט אין שטויב צי אין זון, צי אין פרי,
דעם טײַך, ווו מיר פלעגן זיך באָדן באַנאַכט, ווי צוויי פערדלעך...

אוואַדע קאָן זײַן, אַז קיין שום יענע-וועלט איז ניטאָ,
נאָר דאָס איז נאָך אָבער א פראַגע, א האָפענונג, הייסט עס...
און אַזוי
ביסטו פּאַשעט פאַרפאַלן פאַר אונדז, האָסט זיך אויסגעלעבט זינלאָז
דײַן לאַכן, די קושן, ווי פײַער, דײַן זיפץ פון א קינד,
וואָס מע נעמט בא אים ענדלעך דאָס נאַשעכץ אוועק, בא דעם נאַשער...

בעסער וואָלסטו געשטאָרבן.

דו עפנסט די טיר מיר און כ׳זע: בעסער וואָלסטו געשטאָרבן.

דו עפנסט די טיר: בעסער וואָלט איך געשטאָרבן
מיט דרײַ צענדליק פרילינגס צוריק — פון ליבע און גליק.

אײביקער פּייזאַזש

א פייגעלע זינגט אין דער לופט, אין זײַן קײַלעכדיק-בלאָוון פענצטער,
און ווערט אויסגענאָגט פון דער ליד, און דאָס פענצטערל רוקט זיך צונויף.

ארום שטייען לופטיקע ווענט, און דער ווינט אַף זיי שאָרכעט
מיט טשערעטענע פאָרהענגלעך.

„טשיוו-טשיוויק", „קירי-קיר!"

שפּעטער פוילן די פאָרהענגלעך אָפּ, און פון הינטן
טרעט א ציגל-מויער ארויס מיט שטובּיקע נעסטן,
פאַר די מענטשן, וואָס וווינען אין זיי.

און ס׳איז שטיל, און עס הערט זיך אין לופט ווי סע דרייט זיך די מיל.

הערשל פּאָליאַנקער

הערשעלע אַסטראָפּאָליער, דער באַלשעם און דער באַלעגאָלע

ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אויפֿן זאַסטעפּ, אַ באַשײַנטער פֿון דעם זון־פֿאַרגאַנג, און געקוקט אויף מיר דורך זײַנע אַלטמאָדישע ברילן מיט עטוואָס פֿאַרוווּנדערטע אויגן, גלײַך ווי ער זאָל זיך וועלן דערמאָנען, ווּ האָט ער מיך שוין אַמאָל געזען.

לויטן שטאַרק געקאַרבטן, לאַנג ניט געגאָלטן פּאָנעם און דעם פֿאַרשוויצטן האַלדז, ווי אויך לויט די עטלעכע אָקאָרשט אויסגעגראָבענע קאַרטאָפֿליעס, וואָס זײַנען געלעגן אַרום אים אויף דער פֿרישער שוואַרצערד, איז געווען צו זען, אַז דער מענטש האָט זיך שוין הײַנט גוט אָנגעהאָרעוועט אויף זײַן שטיקל גאָרטן, און דאָס, וואָס אַן אומבאַקאַנטער איז צו אים צוגעגאַנגען און זיך אַזוי העפֿלעך געגריסט, האָט אים אַ ביסל דערפֿרייט.

וואָס זשע, אַ סאַך מענטשן זעסטו אין אָט דער צײַט אין דעם פֿאַרוואָרפֿענעם ווינקל, וואָס האָט זיך צוגעשפּאַרט צום הויכן באַרג, ווּ עס האָט זיך אַמאָל אָנגעהויבן דעם „באַלשעמס געסל"?

ער איז געשטאַנען און געקוקט אויף מיר, דער באַיאָרטער פֿאַרברוינטער פֿון דער זון און ווינטן מענטש, וועלכער געהערט, דאַכט זיך, צו יענעם מין עלטערע גוטמוטיקע און אַ ביסל כיטרעוואַטע שטעטלדיקע לײַט, וואָס דאַרפֿן ניט קריכן אין קעשענע נאָך אַ וואָרט — מיט ברויט זאָלסטו זיי ניט האָדעווען, שטעל זיך אָפּ און הער אויס, וואָס זיי וועלן דיר דערציילן...

— עפּעס זײַט איר מיר קענטלעך, — האָט ער פֿאַרזיכטיק געזאָגט, ניט אַראָפּנעמענדיק פֿון מיר דעם דורכדרינגענדיקן בליק, — איר זײַט ניט קיין מעדזשיבאָזשער? ניין? נאָר וואָס פֿאַר אַ נאַפּקעמינע! מיך רופֿט מען לייזער ראַכליס... עפּשער האָט איר געהערט? און אויב איר האָט ניט געהערט, איז ניט שרעקלעך, וועלן מיר זיך מיט אײַך באַקאַנען. — און ער האָט מיר דערלאַנגט זײַן שטאַרקע, אָנגעהאָרעוועטע האַנט פֿון אַ פּאַטאָמסטווענעם האָרעפּאַשניק. — לייזער ראַכליס... אַ סטאָליער, אַ טעסלער, אַ בלעכער און וואָס אין דער קאָרט... איך אַרבעט אין היגן אַרטעל און אין אַ פֿרײַער שאָ — באַ זיך אויפֿן גאָרטן... יאָ, איר זײַט עפּשער געקומען אויף קייוועראָוועס, צי עפּשער גאָר זײַט איר געקומען צו אונדזער באַלשעם, צו ייִסראָעל באַלשעמטאָוו אויסבעטן אַ גוט יאָר, אַ רעפֿוע, אַרײַנוואַרפֿן אַ קוויטל?..

אויסהערנדיק זײַנע ווערטער, האָב איך זיך גראָד דערמאָנט, אַז וועגן אים, וועגן לייזער ראַכליסן, האָב איך טאַקע אַ ביסל געהערט. דאָס האָט ער זיך, איינער פֿון די געציילטע מעדזשיבאָזשער, אומגעקערט פֿון דער מילכאָמע אַהיים און אויף שטענדיק געבליבן אַ היגער, כאָטש ער האָט געטראָפֿן אָנשטאָט זײַן שטוב אַ בערגל ליים און שטיינער, אַ שוואַרצן קוימען, וואָס איז דאָ געשטאַנען אויף דער רויִנע, ווי אַ מאַציייווע...

אַנדערע, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פֿון דער מילכאָמע צי פֿון דער עוואַקואַציע, האָבן זיך גוט אָנגעווײַנט אויף די כאָרעווע געסלעך, באַטראַכט, אַז אויף קיין בעסוילעם, אויף רויִנעס און נאָך בישכיינעס מיט די עטלעכע טיפֿע גריבער, דאָרטן באַם בוזשאָק און בוג, ווּ די פֿאַשיסטישע טאַליאָנים האָבן צעשאָסן אַכזאָריעסדיק דרײַ טויזנט אומשולדיקע פֿרויען, זקיינים, קינדער, וועלכע האָבן זיך ניט באַוויזן ראַטעווען, אַרויספֿאָרן, קאָן מען ניט לעבן, בויען אַ נײַע נעסט. האָט מען פֿאַרלאָזט דעם קאַנט אויף שטענדיק. ליי-

זער ראכליס האָט אָבער געטראכט אנדערש. כאָטש געקומען פון דער מילכאָמע א קאַליקע, א פארווונדעטער און צעבראָכענער, נאָר ער האָט באשטימט ווידער זיך מאכן אף דעם „באלשעמס געסל", ווו זײַן גאנצע מישפּאָכע האָט אמאָל געלעבט, א נעסט. פּונקט אזא, ווי זײַן טאטע און זײַן זיידע, וועלכע זײַנען געווען מענטשן מיט א סאך מעלאָכעס און ווינציק בראָכעס — סײַ סטאָליערס, סײַ טעסלערס, סײַ בלעכערס און דערצו נאָך ליב געהאט זיך פּאָרען בא דער ערד, האָט ער לאנג ניט געטראכט, זיך אוועקגעשטעלט, פארקאטשעט די ארבל. א קוימען איז געבליבן א גאנצער, האָט ער זיך מאטריעך געווען און צונויפגעשטוקעווט ארום דעם קוימען פיר ווענט, זיך געמאכט א שטיקל ווינונג, אָנגעהויבן ארבעטן אינעם קאָלווירט, וואָס איז געווען פון יענער זײַט מעדזשיבאָזש — געבויט, רעמאָנטירט די באלעבאטישקײַט, זיך ניט אָפּגעזאָגט פון פארשיידענע ארבעטן און זיך דאָ צוגעוווינט.

מוירעדיק שווער איז געווען די ערשטע צײַט — ניט קיין עלטערן, ניט קיין ווײַב, ניט קיין קינדער, קיין קרויווים, נאָר גוטע מענטשן זײַנען געווען דאָ גענוג, און דאָס לעבן איז אוועק ווײַטער.

ניט אומזיסט זאָגט מען דאָך, אז מיט צאָרעס דארף מען נאָר איבערנעכטיקן...

די גאנצע וועלט ווייסט גאנץ גוט, אז א מענטש שטארבט איין מאָל, נאָר ער, לייזער ראכליס, וועט, אלע סאָנים אפּצולאָכעס, דערווײַזן, אז מע קאָן שטארבן צוויי מאָל... ווײַל איין מאָל איז ער שוין געשטאָרבן, און זײַן נאָמען איז פארקריצט געוואָרן אף א שטיין.

און אויב איר גלייבט ניט, האָט איר א מעגלעכקײַט זיך דורכגיין ארוף-בארג, צו דער בריק, ווו עס פלעגן אמאָל ארומשפּאַצירן די מעדזשיבאָזשער באָכערים און מיידלעך אין די פארמילכאָמע-צײַטן, און דאָרטן, ניט ווײַט פונעם אוראלטן שלאָס, פון דער פעסטונג, וואָס שטייט אפן הויכן בארג, ניט ווײַט פונעם ווינקל, ווו עס גיסן זיך צונויף דער בוג מיטן בוזשאָק, און קוקט בייז און אָנגעדראָלן אף דער גאנצער וועלט מיט אירע גראָבע הויכע ווענט און די שמאָלע אמבראזורעס, איז געמאכט געוואָרן א בולוואר און אין סאמע מיט שטייט א דענקמאָל, איבער וועלכן עס האָבן אראָפּגעלאָזט זייערע פּאטלאטע, לאנגע צווײַגן עטלעכע ווערבעס, וואָס באוויינען די געפאלענע העלדן. לעבן דער מאציווע שטייען צוויי גרויסע פּליטעס, אף וועלכע עס זײַנען מיט גאָלדענע אויסיעס אָנגעשריבן אלע מעדזשיבאָזשער כעוורע — סאָלדאטן און אָפיצערן, וועלכע זײַנען געפאלן בייס דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, און צווישן די נעמען פון העכער הונדערט מעדזשיבאָזשער העלדן, געפאלענע אף די פראָנטן, איז אויסגעקריצט אויך זײַן נאָמען: לייזער ראכליס, דער גווארדיע-סערזשאנט, דער ארטילעריסט...

וועט איר דאָך פרעגן, ווי קומט ער אין דעם צעטל צווישן די געפאלענע? איז די מײַסע אזא. זי וואָלט אפילע געווען א קאָמישע, פאר הערשעלע אָסטראָפּאָליערן, קאָן מען זאָגן, ווען זי, די געשיכטע, איז ניט אזא טרויעריקע און ניט פארבונדן מיטן טויט...

לייזער ראכליס איז געווען אף דער מילכאָמע ווי פארקישעפט, אָפּגעשפּראָכן פונעם טויט, בלויז א פּאָר מאָל געווען פארווונדעט. ער איז דורכגעגאנגען מיט זײַן ארטילערישן פּאָלק סײַ סטאלינגראד, סײַ דעם קורסקער בויגן, סײַ ווארשע... די גאנצע צײַט געווען אפן פראָנט, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט דער בארימטער מארשאל ראָקאָסאָווסקי, און איינמאָל, בא דער ווײַסל, האָט ראָקאָסאָווסקי געדריקט לייזער ראכליסן די האנט: זיך דערוווּסט, אז ער דינט בא אים פון די ערשטע טעג מילכאָמע, נאָך הינטער מאָסקווע אָפּגעשלאָגן די אטאקעס פון די דײַטשישע טאנקען...

און ווען ראָקאָסאָווסקי האָט אין שפּאס געזאָגט ראכליסן, אז, זעט אויס, ער איז אָפּגעשפּראָכן פונעם טויט, האָט לייזער אויך אין שפּאס אָפּגעענטפערט, אז וויאזוי זשע קאָן עס זײַן אנדערש: ווען ער איז אוועקגעגאנגען אין דעם ערשטן טאָג פון מילכאָמע אפן פראָנט, האָט זײַן, לייזערס, מאמע ארײַנגעוואָרפן אפן באלשעמס קייווער א קוויטל און געבעטן דעם צאדיק אָפּהיטן אים, לייזערן, פונעם טויט און, אפּאָנעם, דאָס האָט געהאָלפן...

דער מארשאל האָט א פרעג געטאָן, וואָס איז דאָס פאר א באלשעם און מיט וואָס איז ער בארימט. און ווען ראכליס האָט אים דערציילט, האָט דער מארשאל געזאָגט, אז אויב דאָס העלפט, טאָ זאָל יענער צאדיק בעטן אויך פאר אלע זײַנע סאָלדאטן, זיי זאָלן בלײַבן לעבן... א פריילעכער, א הארציקער מענטש איז געווען דער מארשאל און געהאלטן פון א שפּאס, פון א וויץ.

אלץ איז געגאנגען גוט, נאָר ווען מע איז צוגעקומען צו דער ווײַסל, — מיט דער האנט צו דערלאנגען ביז ווארשע, — איז אין פּאָלק געשען אזוינס, וואָס האָט א סאך סאָלדאטן קאליע געמאכט די שטימונג. מע האָט אוועקגעזעצט אין שטאב עפּעס א פארשלעפּטע קרענק, א צעטראָגענע בריע, א יעפריי-

טאָר, וועלכער האָט געפירט די קאַנצעליאַריע... נאָך איינער א שלאַכט האָט דער יעפרייטאָר אוועקגעשיקט „פּאָכאָראָנקעס", דאָס הייסט, בריוולעך אַהיים אַף די אומגעקומענע סאָלדאַטן און אָפיצערן, און אלפּי-טאָעס אַרײַנגעשריבן אין צעטל פון די געפאַלענע אויך לייזער ראַכליסן און די „פּאָכאָראָנקע" אוועקגעשיקט קיין מעדזשיבאָזש. אַזוי ווי קיינער פון זײַנע עלטערן און קרויווים זײַנען ניט געבליבן לעבעדיקע, אַלע זײַנען צעשאָסן געוואָרן פון די פאַשיסטישע טאַליאַנים, — האָט מען דאָס קוויטל אַרײַנגעשיקט אין יישעוו-ראַט.

נאָך דער מילכאָמע האָט מען אוועקגעשטעלט אין שטעטל, אינעם נײַעם בולוואַר, א דענקמאָל די געפאַלענע העלדן פון שטעטל, אויסגעהאַקט אַפן שטיין אַלע נעמען פון די לאַנדסלײַט, און, פאַרשטייט זיך, אין אָט דעם טרויעריק-בעקאַוועדיקן צעטל איז אויך געשטאַנען ראַכליסעס נאָמען...

ווען לייזער האָט זיך נאָכן שפּיטאָל אומגעקערט אַהיים, זיך דורכגעגאַנגען איבערן שטעטל, זיך אָפּגעשטעלט לעבן דענקמאָל און געפונען אַפן שטיין זײַן נאָמען, איז ער געבליבן אַן לאָשן. דערנאָך האָט ער געוואָלט אוועקגיין צו די היגע באַלעבאַטים און זיי מאַכן א פּסאַק, געוואָלט פאַרמעקן זײַן נאָמען, נאָר זיך גלײַך געכאַפּט, א טראַכט געטאָן, אַז זאָל עס אַזוי בלײַבן. פון זײַנע קרויווים איז קיינער ניט געבליבן, און אין הונדערט יאָר אַרום, ווען ער וועט שטאַרבן, וועט ניט זײַן, ווער עס זאָל אים שטעלן א דענקמאָל, טאָ זאָל דער נאָמען כאָטש בלײַבן אַפן שטיין. אייביק לעבט מען דאָך ניט. איי֞ עס וועט הייסן, אַז באַם לעבן האָט מען אים געשטעלט א דענקמאָל, איז אויך ניט קיין קרומע זאַך, ווײַל עפּשער דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אַף דער מילכאָמע און זיך אַהיים אומגעקערט מיט עטלעכע אָרדענס און מעדאַלן, פאַרדינט ער טאַקע א דענקמאָל באַם לעבן...

ער איז געבליבן איינער פון א גרויסער מישפּאָכע, איינער אַליין, ווי איין אויג אין קאָפּ...

לאָזט זיך אָבער אויס, אַז ער איז ניט געבליבן איינער אַליין. ער האָט נאָך געהאַט א שטיקל מאַזל. עס וועט גראָד זײַן, ווער עס זאָל אים שטעלן אין הונדערט יאָר אַרום, ווען ער וועט שטאַרבן, א מאַצייווע...

ווער, וועט איר פרעגן?

איז די געשיכטע אַזאַ...

אָט דאָ, ווען ער איז אומגעגאַנגען איבערן שטעטל און זיך געשלאָגן מיט דער דייע, צי זאָל אַפן שטיין בלײַבן זײַן נאָמען, צי זאָל ער גיין בעטן, מע זאָל אים אַראָפּנעמען, איז אים ווידער געקומען א געדאַנק, אַז זאָל אַזוי בלײַבן. מע ווייסט דאָך, אַז א מענטש שטאַרבט נאָר איין מאָל, און אויב דאָרטן, אין די הויכע הימלען, איז פאַראַן א שטיקל קאַנצעליאַריע, ווייסט מען שוין, אַז ער איז אַפן פראָנט אומגעקומען, און ווײַבאַלד אַזוי, האָט מען אים אויסגעמעקט פונעם צעטל פון די לעבעדיקע, אַראָפּגענומען פונעם אוטשאָט, וועט ער לאַנג-לאַנג לעבן, ווײַל צוויי מאָל שטאַרבט מען ניט... טרעפט א געשיכטע: ס'קומט אַראָפּ אין שטעטל א פרוי — זי איז אויך געבליבן איינע אַליין. זי איז געקומען פון דער עוואַקואַציע אַף קיוועַר-אָוועס, און דאָס איז געווען, ווער מיינט איר? לייקע שיפמאַן! לייזער האָט זי גלײַך דערקענט. און ווי קאָן עס זײַן אַנדערש? פאַר דער מילכאָמע האָבן זיי געלערנט אין איין שול, געשפּילט אין דעם באַרימטן מעדזשיבאָזשער דראַמקרײַז, געשפּילט ניט אַזוי טעאַטער, ווי א שטיקל ליבע. עס האָט שוין אַפילע געהאַלטן בא כאַסענע האָבן, העלפט גאָט, און די לייקע שיפמאַן, וואָס איז געווען שיין ווי די וועלט, כעוורע האָבן זיך געקלאַפּט אין איר טיר, — האָט זיך פאַרליבט אין א צווייטן באָכער און כאַסענע געהאַט פאַר אים. און — אויס ליבע!

די ערשטע טעג מילכאָמע האָט לייקע מיט איר מאַן מיט זייערע צוויי קינדערלעך זיך אַרויסגעריסן פונעם שטעטל און זיך דערשלעפּט מיט גרויסע צאָרעס קיין סאַמאַרקאַנד, זיך אָנגעמוטשעט אין וועג, ווי אַפן טויט. דעם מאַן האָט מען גענומען אין אַרמיי, און ביידע קינדערלעך זײַנען אין וועג, בעשאַס מע האָט באָמבירט דעם עשעלאָן מיט עוואַקויִרטע, פאַר אירע אויגן אומגעקומען. לייקע איז געבליבן, ווי אַפן וואַסער, איינע אַליין, אָן א מאַן, אָן קינדער, אָן קרויווים.

איצט, אַז מע האָט זיך באַגעגנט נאָך אַזויפיל יאָרן, האָט מען באַשטימט, אַז מע דאַרף פאַרגעסן, וואָס אַמאָל איז געווען. און אַזויווי לייזער האָט זיך שוין אוועקגעשטעלט א שטיבל און האָט ניט קיין באַלעבאָסטע, זאָל ער פאַרגעסן אינעם שפּיצל, וואָס לייקע האָט אים אַמאָל אָפּגעטאָן, און זאָלן זיי זיך צונויפגיין...

די ביטערע צײַט האָט אָפּגעמעקט אַלע באַליידיקונגען און כעזשבוינעס, דאָס לעבן גייט, און קיין לעבעדיקער דאַרף ניט נאָכגיין די טויטע.

— מיר זײַנען מיט דיר, ווי אַפן וואַסער, — האָט ער איר געזאָגט, — מיר זײַנען מיט דיר, ווי צוויי שפּעלעך, וועלכע דער ווינט האָט צעיאָגט אין פאַרשיידענע זײַטן,

צוויי שפּעלער, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשלאָגן פון דער אַטאַרע, און אַז גאָט האָט אַזוי געמאַכט, אַז ער האָט אונדז ווידער צונויפגעפירט, איז דאָס עפּשער אונדזער גורל...

לייקע שיפמאַן האָט זיך אויפן צווייטן טאָג געשטעלט מאַכן פונעם שטיבל אַ שטיקל לײַט. און דאָס שטיבל שטייט זיך ניט ווײַט פונעם ברעג, דאָרטן, ווו עס האָט זיך אַמאָל אָנגעהויבן דעם „באַלשעמס געסל". עס שטייט באַם סאַמע וועג, אויפן גרינעם בערגל, און ווער פון די מעדזשיבאָזשער עס קומט איצט ניט אַהער, אויף קיִוּוער-אָווּעס, מײַדט מען עס ניט אויס, דאָס באַשיידענע, נאָר גאַסט-פרײַנטלעכע שטיבל אין שטעטל, וואָס איז שוין מער ענלעך אויף אַ דאָרף, איידער אויף דעם אַמאָליקן לעבעדיקן און פריילעכן וועלט-באַרימטן מעדזשיבאָזש...

— זײַט איר, הייסט עס, ניט קיין היגער?.. — האָט ער זיך צו מיר ווידער אָנגערופן. — מע פאָרט איצט צו אונדז פון פאַרשיידענע קאַנטן, ווי אין אַ מוזיי... די פעסטונג, דער שלאָס, ווי מיר רופן אָן אָט יענע געבײַדע, איז איינע אויף גאַנץ אוקראַיִנע. ס'הייסט, אַזעלכע זײַנען נאָך פאַראַן, נאָר יענע זײַנען צעבראָכן, בלויז רעשטלעך זײַנען פון זיי געבליבן, און בײַ אונדז איז נאָך די פעסטונג ענלעך אויף אַן עמעסער... מער ווי אַכט הונדערט יאָר איז זי שוין אַלט, נאָר זי שטייט נאָך שטאָל און אײַזן און וועט, דאַכט זיך, נאָך טויזנט יאָר שטיין... אַמאָל האָבן די קריפּאַקעס געקאָנט בויען... איר זײַט דען אַ מיוון אויף די שטיינער, אויף די ווענט? ריזן!

ער האָט זיך אויף אַ רעגע פאַרטראַכט און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— נאָר פאָרט איז דאָס טויטע שטיינער. אַן אַלטע געשיכטע. איר האָט געוועזן געדאַרפט אַהער אַראָפּקומען פאַר דער מילכאָמע. איר שטעלט זיך דען פאָר, וואָס פאַר אַ לעבעדיק און פריילעך שטעטל דאָס איז געוועזן? דאַכט זיך, איינס אין דער וועלט. וועגן דעם שטעטל האָט מען געקאָנט אָנשרײַבן אַ גאַנצע היסטאָריע...

— קומט איר, הייסט עס, פון ווײַט? עפּשער זײַט איר מיד, טאָ קומט אַרײַן אין מײַן כאַטע און רוט זיך אָפּ אַ ביסל. עפּשער וועט איר עפּעס איבערכאַפּן? ס'איז, דאַנקען גאָט, פאַראַן וואָס. איר זעט דאָך מײַן גאָרטן. ער איז ווי אַ גוטע מאַמע. ער גיט אונדז אַלץ, וואָס מע דאַרף צום טיש...

— וואָס זאָגט איר? איר האָט קיין צײַט ניט און ווילט נאָר כאַפּן אַ קוק אויף מעדזשיבאָזש? וועל איך אויך צוגיין מיט אײַך. שפּײַער צו רײדן... נאָר וואָס איז שוין פון דעם געבליבן... איר וואָלט עס געדאַרפט געווען זען מיט יאָרן צוריק. וואָס דאָ האָט זיך געטאָן! און וואָס פאַר אַ מענטשן זײַנען דאָ געוועזן! אײַן הערשעלע אָסטראָפּאָליער וואָס איז ווערט. הײַנט נעמט דעם באַלשעם... ייִסראָעל באַלשעמטאָוו... ביידע זײַנען זיי אונדזעריקע, טאַקע היגע. אײַך אָנהייבן דערציילן וועגן דעם פּאָרל, וואָלט אונדז דער טאָג מיט דער נאַכט ניט געסטײַעט...

ער האָט אָפּגעשלײַדערט דעם זאַסטעפּ אין דער זײַט, אויסגעווישט די הענט אינעם צעכראַסטעטן העמדל, אַרופגערוקט די קעפּקע אויפן שפּיץ קאָפּ, אויסגעווישט מיט דער האַנט דעם פאַרשוויצטן שטערן, און זײַן פּאָנעם האָט זיך נאָך שטאַרקער צעשײַנט פון אַ גוטמוטיקן שמייכל.

ס'איז געווען צו זען, אַז דער געוועזענער גוואַרדיע-סערזשאַנט געהערט ניט צו יענע מעדזשיבאָזשער טוישווים, וועלכע האָבן שטאַרק ליב דערציילן וועגן די שרעקלעכע צײַטן, וואָס האָבן כאָרעוו געמאַכט דאָס שטעטל און אומגעבראַכט זײַנע אײַנוווינער, ער האָט ניט ליב מאַכן זיך און יענעם שווער אויפן האַרצן. צוליב וואָס? ער האָט פּאַמעלעך גענומען שפּאַנען אַרוף-באַרג באַנאַנד מיט מיר. און איך האָב גלײַך דערזען, אַז ווי נאָר ער האָט דערמאָנט די צוויי באַרימטע לאַנדסלײַט זײַנע — הערשעלע אָסטראָפּאָליער און דעם באַלשעם, — האָט זיך זײַן פּאָנעם אינגאַנצן געענדערט.

— איר שפּילט זיך מיט מעדזשיבאָזש! איר שטעלט זיך דען פאָר, סאַראַ געלעכטער האָט געוועלטיקט אין יעדן שטיבל. אָרעמע און פריילעכע באַלמעלאָכעס האָבן דאָ געוווינט, און אָפט מיט אַ וויץ, מיט אַ כאָכמע, מיט געלעכטער אָפּגענאַרט דעם הונגער, די נויט. הערשעלע און דער באַלשעם האָבן געהייצט וואָס מער לאַכן, ניט אַראָפּפאַלן בײַ זיך... דער געלעכטער גיט צו אַ שטיק געזונט... ער היילט בעסער פון די גרעסטע דאָקטוירים, פון די שענסטע רעפּועס... דער טרויער, — האָבן זיי געזאָגט, — פּאַטערט אָוועק דעם מענטשן, מאַכט פון אים טילטל, און אַ גוטע כאָכמע, אַ וויץ, אַ געלעכטער ראַטעוועט פון אַלע צאָרעס... ווען איר ווייסט, וויפל די סאָלדאַטן אונדזערע האָבן געשפּאַסט, געלאַכט אויף דער מילכאָמע! אין די ערגסטע, שווערסטע מינוטן אין די אָקאָפּעס, ווען דער טויט איז געהאַנגען איבערן קאָפּ און מע האָט געמיינט, אַז ס'איז געקומען דײַן סאָף, איז גענוג געווען, אַז עמע-

צער פֿון די סאָלדאטן זאָל זאָגן א כאָכמע, האָבן זיך אַלע געקאטשעט פֿון געלעכטער, אופֿגעלעבט געוואָרן און גלײַך פֿארגעסן אינעם טויט. און אונדזער הערשעלע אָסטראָפּאָליער האָט מיט זײַנע שטיקלעך געראטעוועט מעדזשיבאָזש פֿונעם טויט. עמעס, פֿון די דײַטשישע קאטן האָט ער עס ניט געקאָנט ראטעווען...

ראכלים האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. אַף איין ווײַלע איז זײַן פּאָנעם פֿארנעפּלט געוואָרן. ער האָט פֿארייכערט א ציגאר, זיך טיף פֿארצויגן מיטן טערפּקן רויך און פֿאָרגעזעצט:

— אויב איר האָט כיישעק, וועל איך אײַך באלד באווײַזן הערשעלעס שטוב. איך קאָן אײַך ניט אָרעוו זײַן, אז דאָס איז גאָר א גרויסארטיקע וווינונג, נאָר דאָס האָט אים ווייניק געקימערט.

הערשעלע האָט אמאָל דערציילט א געשיכטע, וואָס הייבט זיך אָן אזוי: ווען גאָט האָט באשאפֿן די וועלט, איז ער געווען אפֿן זיבעטן הימל. די ערשטע טעג, קוקנדיק אַף זײַן שטיקל ארבעט, איז ער, דער אייבערשטער, שיר ניט צעשמאָלצן געוואָרן פֿון פֿארגעניגן. סארא שיין, פֿײַן וועלטעלע האָט ער אוועקגעשטעלט! נאָר וואָס זשע, דער אלטיטשקער האָט ניט געהאט פֿאר וועמען זיך צו בארימען, זיך גרויסן. ניט געהאט, הייסט עס, מיט וועמען א וואָרט אויסצורײדן... מיט די וועלדער וועסטו דאָך ניט שמועסן, מיט די יאמען און טײַכן אוואדע ניט! סקיטשנע אַף דער וועלט, כאָטש נעם און וואַרף זיך ארײַן אין וואסער.

האָט ער זיך לאנג געבראָכן דעם מויעך, דער אייבערשטער, — וואָס טוט מען, עס זאָל ווערן פֿריילעכער, ער זאָל האָבן מיט וועמען א וואָרט אויסצורײדן? האָט ער באשאפֿן א מענטשן. אָדאָמען. זיך אָנגערעדט און אָנגעלאכט מיט דעם אָדאָמען, ווי א פּויק אַף א פֿריילעכער כאסענע, האָט דער אייבערשטער דערזען, אז אָדאָם איז עפּעס געפֿאלן בא זיך, געוואָרן טרויעריק. וואָס איז די מײַסע? דער אייבערשטער האָט זיך לאנג געבראָכן דעם קאָפּ און איז געקומען צום געדאנק, אז אָדאָם דארף האָבן א בעקיווע... נאָר אזוי ווי דער אייבערשטער האָט שוין קיין מאטעריאל ניט געהאט, — די לימיטן האָבן זיך בא אים אויסגעלאָזט, — האָט ער גענומען בא אָדאָמען א ריפּ און פֿון איר געמאכט כאוועז...

איז זיי די וואַך געפֿעלן געוואָרן, און מע האָט אָנגעהויבן קינדלען. איז ווידער געוואָרן פֿריילעך אַף דער וועלט. עס האָבן זיך געיאָוועט אזויפֿיל מענטשן אַף דער ערד, אז דאָס וועלטל האָט זיך שיר ניט איבערגעקערט. האָט דער אייבערשטער גענומען קלערן, אז ער האָט דאָ עפּעס ניט דערטראכט, דערלאָזט א גרויסן פֿעלער. וואָס זשע פֿאר א פֿעלער האָט ער דערלאָזט? האָט ער אָנגעהויבן איבערקוקן דעם פּראָיעקט און געפֿונען דעם פֿעלער! אין וואָס איז ער באשטאנען? אין דעם, וואָס די מענטשן האָבן געלעבט טויזנט יאָר, נײַן הונדערט יאָר, אכט הונדערט יאָר... און ווײַבאלד מע לעבט אזוי לאנג, קינדלט מען א סאך, און עס קאָן אזוי געשען, אז דאָס וועלטל וועט אומקומען... האָט דער אייבערשטער אײַנגעשטעלט א נאָרמע — לעבן ניט מער, ווי הונדערט צוואנציק יאָר, און מער קיין איבעריקן טאָג ניט. איז געוואָרן א שטיקל פּאָריאדעק אַף דער ערד. אָבער ניט קיין גרויסער פּאָריאדעק. די פּערענאסעלעניע האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, און דער וועלט האָט ווידער געדראָעט א גרויסע סאקאָנע. עס האָבן זיך געיאָוועט א סאך לײַדאקעס, פּוסטעפּאסניקעס, טויגעניכצן און ניט געוואָלט ארבעטן, מע האָט געלעבט אַף דער שוויגערס כעזשבן, געשפּיגן אַף דער וועלט און געפּאָרן אַף דער קאַנקע. וואָס טוט מען? האָט דער אייבערשטער זיך ווידער אוועקגעזעצט טראכטן, נאָר ער איז שוין אלט און קאלט געוואָרן, און אים איז שווער געווען צו טראכטן. האָט ער באשאפֿן די דאָקטוירים מיט פֿארשיידענערליי רעפּועס, פּראָשקעס, קרײַטעכצער. און זיי האָבן גענומען פֿארקירצן דעם מענטשן די יאָרן... אזוי־ארום האלט זיך קוים דער מענטש אַף זײַנע פֿיס. די דאָקטוירים טוען אלץ, קעדיי צו פֿארקירצן אנדערע די יאָרן. אנדערע, נאָר ניט זיך...

מיר האָבן זיך אופֿגעהויבן אפֿן בארג, און פֿאר די אויגן איז אופֿגעשטאנען די מעכטיקע פֿעסטונג, וואָס האָט אויסגעזען, ווי א גרויסע שיף, וואָס איז פֿארגליווערט געבליבן שטיין אַף אייביק אָט דאָ, איבערן זייבערן בוג, און נאָך ביז איצט אָנגעוואָרפֿן א גרויל מיט אירע הויכע, דיקע ווענט און מיט די אומצאָליקע אמבראזורעס, וואָס האָבן ארויסגעקוקט אַף אלע פֿיר זײַטן וועלט. די ווענט, אויסגעשמיסענע פֿון ווינטן און רעגנס, די שטיינער, באוואקסענע מיט מאָך, האָבן דערמאָנט אין די גרויזאמע שלאכטן, וואָס זײַנען דאָ גאנצע דורעס געגאנגען. די ווענט זײַנען געשטאנען, ווי פֿארשעמטע, גלײַך ווי זיי וואָלטן געפֿרעגט בא דער וועלט: ווער האָט דאָס געדארפֿט און פֿארוואָס איז דאָ פֿארגאָסן געוואָרן אזויפֿיל בלוט?

לייזער ראכלים האָט געשפּאנט איבער די

אַלטע שטיינער אָן קיין שום אינטערעס. ווער־ווער, נאָר ער האָט גוט געוווּסט די ווערט פון אַזעלכע פעסטונגען, פון טײַכן, וועלכע סאָל־דאַטן זײַנען אַריבערגעגאַנגען, געשטורעמט — גאָרנישט האָט ניט געקאָנט פאַרצוימען דעם וועג...

מײַן באַגלייטער האָט געשוויגן. וועגן די ווענט האָט ער ניט געהאַט וואָס צו דער־ציילן. שטיינער בלײַבן שטיינער. קיין פרייד, קיין גליק האָבן זיי מענטשן ניט פאַרשאַפט. אַרויסגעוואָרפענע האָרעוואַניע...

מיר האָבן פאַרקערעוועט צו אַ שמאָל שלעכט ברוקירט געסעלע, וואָס האָט גע־פירט אַרוף־באַרג צו אַ שטיינערנעם אַלטן פלויט, אַ באַוואַקסענעם פון אויבן ביז אַראָפּ מיט שטעכלדיקע קוסטעס און ווילד־גראָזן. דער אָפּגעריבענער אָנשריפט אויף דעם פאַרזשאַווערטן אײַזערנעם טויער, די ייִדישע אויסיעס, וואָס די צײַט האָט אַ ביסל אָפּגע־מעקט, האָבן איידעס געזאָגט, אַז אויף יענער זײַט פלויט ציט זיך דער אַלטער ייִדישער בעסוילעם.

— אָט דאָרטן האָבן זיי געפונען זייער אייביקע רו, — האָט לייזער שטיל געזאָגט, גלײַך ווי ער האָט מורע געהאַט צעשטערן די רו פון דעם הייליקן אָרט. — אָט דאָרטן האָבן אונדזערע באַרימטע לאַנדסלײַט — הערשעלע אָסטראָפּאָליער און דער באַל־שעם — געפונען זייער מאָקעם־מענוכע, זיך צערעכנט מיט דער וועלט נאָך זייער גרויסער האָרעוואַניע און אַוועק אין דער אייביקײַט. אָט זיי דערמאָנט מען די גאַנצע צײַט צו גוטן, ניט ווי יענע שטיינער, וואָס זײַנען אויסגע־ווייקט אין בלוט און טרערן...

ער איז צוגעגאַנגען צום טויער און גע־בליבן שטיין אין פאַרלעגנהײַט. אָפן טויער איז געהאַנגען אַ גרויסער, שווערער שלאָס, און עס איז ניט געווען, ווער עס זאָל עפענען, אופשליסן. מיט אַ פּאָר כאַדאָשים צוריק איז געשטאָרבן דער אַלטער וועכטער פונעם היי־ליקן אָרט און קיין נײַער האָט זיך נאָך ניט געיאַוועט. נאָר אויב מע פוילט זיך ניט, איז ניט געפערלעך, קאָן מען ווי־ניט־איז איבערקריכן דעם פלויט... עס איז קעדײַ אַ קוק טאָן אַף זייערע מאַצייוועס. זיי האָבן דאָ אין שטעטל אַמאָל געוווינט בײַשכיינעס, אַ טיר לעבן אַ טיר, און אַוועק אין דער אייביקײַט, ווי גוטע שכיינים...

אין אַ פּאָר מינוט אַרום זײַנען מיר שוין געווען אַף יענער זײַט. איך האָב דערזען די רעשטלעך פונעם אוראַלטן ייִדישן בעסוילעם. אַראָפּ־באַרג, צום געדרייטן שליאַך, האָט ער זיך געצויגן. אָן אַ שיר בערגלעך, געדיכט באַוואַקסענע מיט גראָזן. פון אונטער דער ערד האָבן דאָ און דאָרט אַרויסגעקוקט רעשטלעך פון מאַצייוועס, אַף וועלכע די אופשריפטן זײַנען שוין פון לאַנג דורך די ווינטן און רעגנס אָפּגעווישט געוואָרן. און רעכטס, הינ־טער געדיכטע קוסטעס, זײַנען געשטאַנען איינע לעבן דעם אַנדערן צוויי שטיינער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי באַשיידענע סקלעפּן. אַף איינעם האָט מען געקאָנט איבערליינען „ייִסראָעל באַלשעמטאָוו" און עטוואָס אָפּגע־זונדערט, אָפן צווייטן — „הערשעלע אָסטראָ־פּאָליער".

ער איז געשטאַנען פאַר זיי, דער גוואַר־דיע־סערזשאַנט, מיט אַ פאַרנייגטן קאָפּ און קיין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט אַ לאַנגע ווײַלע. ער איז געשטאַנען, ווי אין ערן־קאַ־ראַול.

— דאָס זײַנען געווען גרויסע קעפּ... — האָט ער זיך אָנגערופן, אָפּגייענדיק אין אַ זײַט. — שוין אַ כעזשבן פון העכער צוויי הונדערט יאָר, ווי מע האָט זיי געבראַכט צו קוווּרע, און פון דער גאַנצער וועלט האַלט מען אין איין גיין צו זיי. טוט נאָר אַ קוק, איך בעט אײַך, וויפל קוויטלעך עס ליגן לעבן דעם באַלשעוווס קייווער! ביז הײַנטיקן טאָג זײַנען נאָך פאַראַן אַזעלכע מענטשן, וואָס גלייבן, אַז דער באַלשעמטאָוו קאָן זיי העלפן... מע לאָזט דאָ איבער קוויטלעך... איינער בעט אַ רעפוע פון אַ קרענק, אַ צווייטער — דער באַלשעם זאָל שיקן אַ גוט, מאַזלדיק יאָר, אַ יעשוע. מע רעדט זיך קלאָר אויס פאַר אים דאָס ביטער האַרץ. אַ געוווינהײַט אַזאַ, און דאָס גייט שוין פון דאָר־דוירעס...

ראַכליס האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אַף אַ בערגל און, קוקנדיק אַף די צוויי מאַצײ־וועס, שטילערהייט, ווי ער זאָל מורע האָבן צעשטערן די רו פון דעם הייליקן אָרט, פאַר־געזעצט:

— איר זעט, קיין איין מאַצייווע איז דאָ ניט פאַרבליבן. ווען די דײַטשן האָבן זיך אַהער אַרײַנגעריסן, האָבן זיי פאַרברענט, צעקלאַפּט אַלע ייִדישע שטיבלעך, עס זאָל קיין סימען דאָ ניט בלײַבן פון מעדזשיבאָזש, נאָר ווי איר ווייסט, איז קיין סימען, קיין זייכער, דאַכט זיך, ניט געבליבן פון היטלערס קוילער... זיי האָבן, די טאַליאַנים, צעוואָרפן, צעשלײַדערט אַלע מאַצייוועס, אַרויסגעפירט די שטיינער רעמאָנ־טירן דעם שאָסיי, פאַרפעסטיקן זייער אַבאָראָ־נע, נאָר אָט די צוויי שטיינער האָבן זיי ניט געוואָגט אַראָפּוואַרפן — די הענט האָט עס באַ זיי אָפּגעדאַרט.

יאָ, מע דערציילט, אַז ווען אַ כאַפּטע קוי־לער איז אַהער געקומען און גענומען שלײַ־דערן די מאַצייוועס, איז אַרויסגעלאָפן פון זײַן שטיבל, וואָס איז דאָ געשטאַנען אונטערן באַרג,

ניט ווײַט פונעם בעסוילעם, דער אלטער וועכטער סטעפאן קראוטשוק און אָנגעהויבן שעלטן מיט די שווערסטע קללָעס: „פארשאָלטן זאָל ווערן אײַער געביין! איר האָט כאָטש גאָט אין הארצן? איר לאָזט ניט רוען ניט קיין לעבעדיקע, ניט קיין טויטע...” נאָר די טאליאָנים האָבן אים אופגעהויבן אף א געלעכטער, געכויזעקט איבער אים, דערנאָך, ווען זיי האָבן גענומען צעשלײַדערן באלשעמס און הערשעלעס מאציידועס, האָט דער אלטער סטעפאן געכאפט א דרוק און זיך געוואָרפן אף די קאטן: „היי, פארשאָלטענע, איר ווייסט דען, ווער עס ליגט אונטער אָט די צוויי שטיינער? זיי וועלן אײַך פארשעלטן די ביינער, אײַך, אײַערע טאטעס, אײַערע מאמעס, אײַערע קינדער און קינדס קינדער! א טויט זאָל אף אײַך קומען און אף אײַער פארפליוכטן פיורער!”

די טאליאָנים האָבן זיך אף דעם אלטן געוואָרפן מיט די אווטאָמאטן און אים מיט די קאָלבעס אפן אָרט דערהארגעט.

ווער ווייסט, וואָס דאָ איז געשען און פארוואָס די קוילער האָבן איבערגעלאָזט אפן אָרט בײדע מאציײוועס... אזוי שטייען זיי שוין ווער ווייסט וויפל יאָר...

ראכלים האָט א קרעכץ געטאָן:

— אוי, איך, זע, אז איך האָב אײַך אָנגעהויבן דערציילן טרויעריקע זאכן, בעט איך אײַך מיר מוחל זײַן. סײַ הערשעלע, סײַ דער באלשעם האָבן ניט ליב געהאט קיין טרויעריקע געשיכטעס... זיי האָבן שטענדיק געהייסן, ווי עס זאָל ניט זײַן שווער און ביטער, ניט אראָפלאָזן די קעפּ, זיך ניט אופעסן דאָס הארץ, ווײַל גאָט האָט נאָך קיינעם ניט געגעבן קיין צוויי קעפּ און קיין צוויי הערצער. זיי האָבן געייצעט זיך ניט צעשיידן מיט דער פרייד, מיטן געלעכטער, מיטן טענצל, מיט א שפּאס, מיט א וויץ, מיט א כאָכמע. דעריקער, האָבן זיי געלערנט, איז האָפענונג, ביטאָכן.

פון לייזערס פּאָנעם איז מיטאמאָל פארשוונדן דער טרויער, און ער האָט געזאָגט מיט א שמייכל:

— אָ, איז דאָס געווען שוין איינמאָל א הערשעלע! ער האָט געמאכט פריילעך א גאנצע וועלט. די ראבאָנים מיט די גווירים, די באלעבאטים, האָבן פון אים געהאט גרויסע צאָרעס. ער האָט פון די טעמפּע קעפּ און מיִעסע בריִעס געמאכט אויסצודרייען...

ראכלים דערציילט מײַסעס וועגן הערשעלע אָסטראָפּאָליער מיט אזא פארגעניגן, גלײַך ווי אלץ איז ערשט נעכטן פאָרגעקומען און ער איז געווען דער לעבעדיקער איידעס פון יענעמס שפּיצלעך און וויצן.

לייזער האָט געהאלטן אין איין פאריכטן אף דער נאָז די ברילן, וועלכע האָבן זיך, ווי אפּצולאָכעס, אלעמאָל אראָפּגערוקט אף דער שפּיץ נאָז. געזען, ווי איך הער אים אזוי אופמערקזאם, איז ער געווען אפן זיבעטן הימל. געמיינט, אז מיט הערשעלע אָסטראָפּאָליערן בין איך ווייניק באקאנט און הער עס דאָס ערשטע מאָל, האָט ער באשטימט, אז וועגן דעם באלשעם ווייס איך אינגאנצן ניט — וועט ער מיר באלד אויך וועגן אים דערציילן.

ער האָט זיך שווער אופגעהויבן פונעם בערגל, איז צוגעגאנגען צום באלשעמס מאציײווע, אופגעהויבן עטלעכע קוויטלעך, אײַנגעקאָרטשעטע פון רעגן און פון דער זון, ווי אויך פרישע, ערשט ניט לאנג אוועקגעלייגטע, זיי דורכגעקוקט און א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— נו, ווי געפעלט עס אײַך? איר זעט, וואָס מענטשן זײַנען?! עפּעס א געוווינהײַט, צי דער רועך ווייסט וואָס? עס זײַנען נאָך, לאָזט זיך אויס, פאראן אזעלכע, וואָס גלייבן, אז דער באלשעם קאָן טאָן ניסים אויך אין צוויי הונדערט יאָר ארום נאָכן טויט. אָט לייענט נאָר, זײַט אזוי גוט. עפּעס א ווײַבל שרײַבט, דער באלשעם זאָל בעטן פאר איר גאָט, זי זאָל קענען געבוירן קינדער, אנדערש וועט דער מאן זי אָפּגעטן... אן אנדערע בעט, דער באלשעם זאָל צושיקן איר קראנקן זון א רעפוע צו א שווערער קרענק... עפּעס א מאנצבל בעט, דער באלשעם זאָל מאכן אזוי, מע זאָל פּאָטער ווערן פון מילכאָמעס, פון אטאָמעס, עס זאָל זײַן שאָלעם אף דער גאנצער וועלט... מאָדנע, מע גלייבט נאָך אלץ אין זײַן אלמעכטיקײַט. מע מיינט, אז ער איז מיט גאָט, ווי לייבעש מיטן פּריסטאוו... א קישעפמאכער, א מענטש, וואָס קאָן מאכן וואָס ער וויל... איר ווייסט געוויס ניט, ווער עס איז בא אונדז געווען דער באלשעם, וועל איך אײַך אינקורצן דערקלערן. ער איז בא אונדז געווען גאָר אן אנדערער, איידער הערשעלע אָסטראָפּאָליער, כאָטש אויך א פריילעכער מענטש, א קלוגער, א דורכגעטריבענער, נאָר א מער סעריאָזנער, איידער הערשעלע... ער פלעגט דערגיין די יאָרן די ראבאָנים, די גאָטס-סטריאפּטשעס אף גאָר אן אנדער אויפן. ער האָט זיי ניט געקאָנט פארלײַדן, געמאכט מיט דער בלאָטע גלײַך. און זיי, די ראבאָנים, האָבן אים אויך ניט געקאָנט פארלײַדן, געווען גרייט אים דערשטיקן לעבעדיקערהייט...

דער אוילעם האָט פון אים שטארק געהאלטן, אים מאמעש געטראָגן אף די הענט. מע האָט אין אים געגלייבט, ווי אין גאָט. און מענטשן, ווי איר ווייסט, דארפן אין עפּעס

גלייבן, אנדערש וועט זײַן סקיטשנע צו לעבן אַף דער וועלט...

ראכליס האָט איבערגעכאפּט דעם אָטעם, פאריכט אַף דער נאָז די ברילן. דערזען, ווי עס ווערט טונקל דער הימל, האָט ער זיך געלאָזט מיט מיר צום פלויט. אריבערגעקראָכן אַף דער זײַט, האָבן מיר זיך פּאמעלעך געלאָזט מיטן שמאָלן, געדרייטן ברוקירטן געסל צו זײַן היים.

אים איז גראָד געפעלן געווען דאָס, וואָס איך שלאָג אים ניט איבער און הער אים אופמערקזאם אויס.

— איר דארפט אליין פארשטיין, אז דאָס איז געווען פון לאנג. קיין ביכלעך וועגן אים האָט מען ניט געשריבן, אין ראדיאָ ניט דערציילט און אין טעלעוויזאָר ניט באוויזן, נאָר זײַנע געשיכטעס פלעגט מען איבערגעבן פון דאָר צו דאָר. אָט, לעמאָשל, די מײַסע מיט איינעם א מעדזשיבאָזשער באלעגאָלע... נאָר איידער מיר וועלן מיט אײַך צוגיין צום באלעגאָלע, וועל איך אײַך פריִער דערציילן וועגן א ייִנגעלע א ברען. ייִסראָליק האָט ער געהייסן, און זײַן פאמיליע ווייסט קיינער ניט ביז איצט. פינף יאָר איז דאָס קורנאָסע ייִנגעלע אלט געווען, ווען עס איז בא אים געשטאָרבן דער טאטע, א פּאָשעטער באלמעלאָכע, א קאפּצן אין זיבן פּאָלעס. אינגיכן איז די מאמע אויך געשטאָרבן, און דאָס ייִנגל איז געוואָרן א קײַלעכדיקער יאָסעם. ער האָט זיך ארומגעשלעפּט איבער די הײַזער, ווו געטאָגט, דאָרט ניט גענעכטיקט. מע האָט דאָס ייִנגל אָפּגעגעבן אין כיידער, און עס האָט זיך גיך אויסגעלערנט לייענען, שרײַבן, זיך ארײַנגעצויגן אין די ביכלעך. ער האָט זייער ליב געהאט אויך די נאטור ארום אים. גאנצע טעג און נעכט פלעגט עס פארפאלן ווערן אין די וועלדער און פעלדער, זיך צוקוקן צו די ביימער, גראָזן, צו די פייגל און כײַעס.

אין וואלד האָט דאָס ייִנגל זיך געמאכט א ביידל און פלעגט דאָרטן זיצן מעסלעסנווײַז. האקלאל, עס איז געוואקסן, ווי ווילדגראָז. און אזוי האָט עס זיך געעלטערט, און קיינער האָט ניט באמערקט, ווען עס איז אויסגעוואקסן.

אזויווי ייִסראָליק איז געוואקסן א שטארק, פעסט ייִנגל, א קלוגס, א דורכגעטריבנס און די גאנצע צײַט געווען פארטאָן אין ביכער, האָבן אייניקע געהאלטן, אז דאָס איז א כאָכעם, אנדערע האָבן געקוקט אַף דעם ווי אַף א צעדרייטן...

וואָס טוט אָפּ מיטן ייִנגל דער אייבערשטער? עס פארליבט זיך אין אים א שיין באלעבאטיש מיידל, ווערט צוגעזאָגט צו אים און הייבט אים אָן נאָכגיין ווי א שאָטן — ער אין וואלד, און זי אין וואלד. ער אין פעלד, און זי אין פעלד. ער אין דאָרף, און זי אין דאָרף...

דעם מיידלס עלטערן האָבן זיך שיר ניט גענומען דאָס לעבן: א באלעבאטיש מיידל זאָל זיך גאָר פארליבן אין א ווילדן באָכער, אין אָפּגעריסענעם און אָפּגעשליסענעם, וואָס האָט צו טאָן בלויז מיט ביכלעך און מיט וועלדער!..

טאטע-מאמע האָט געמיינט, אז די טאָכטער איז אראָפּ פון די געדאנקען. די שענסטע כאסאנים האָט מען איר גערעדט, אָבער זי האָט הערן ניט געוואָלט. מענטשן האָבן שוין אָנגעהויבן ברײַען, אז דער באָכער איז א קישעפמאכער און האָט פארקישעפט דאָס מיידל. וואָס מע האָט ניט געטאָן, קעדיי דאָס פּאָרל צעשיידן — ס'האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן.

האָבן מענטשן זיך באטראכט, מע זאָל סײַ זי, סײַ אים פארטרײַבן פונעם שטעטל, עס זאָל ניט אָנקומען קיין גזיירע אַף אלעמען. מע האָט זיי געקויפט א פערד-און-וועגעלע און באפוילן, אז זייער פוס זאָל דאָ ניט זײַן.

מע האָט געמיינט, אז דאָס וועט זיי אָפּשרעקן, נאָר א נעכטיקער טאָג! אין א טונקעלער נאכט, ווען דאָס שטעטל איז אײַנגעשלאָפן, האָבן זיי זיך אוועקגעזעצט אַפן וועגעלע און זיך געלאָזט בלאָנקען איבער פּאָדאָליע.

זיי האָבן זיך פארקליבן אין די קארפּאטן-בערג, זיך פארדונגען אַף ארבעט. דאָ פארדינט א לעבל ברויט, דאָרט — א זעקעלע קארטאָפליעס, געוווינט אין די קוריניעס, אין כאלופּעס, פּאָשעט אונטערן פרײַען הימל, און מ'איז געווען גליקלעך, זיך געפילט גוט, וואָס בעסער קאָן ניט זײַן.

ייִסראָליק האָט זיך ניט צעשיידט מיט די ביכלעך. געלייענט אלץ, וואָס עס האָט זיך געמאכט אונטער דער האנט. ער האָט גאָרנישט ניט געדארפט — א שטיקל ברויט מיט קארטאָפליעס, א קוואָרט קאלטע קוואל-וואסער און די ביכער.

ערגעץ אין א טאָל האָט דאָס יונגע פּאָרפאָלק זיך צונויפגעקלאפּט א שטיקל שטיבל, זיך דאָרט באזעצט, און ייִסראָליק, א שטארקער פלייציקער באָכער, האָט זיך אופגעהויבן אין די בערג, געארבעט מיט די האָלצהעקער, געוואלגערט ביימער און ווי-ניט-איז זיך פארדינט אַף וואסער און קאשע. דאָ, אין די בערג, צווישן די הוצולן, האָט ער זיך אויסגעלערנט, וויאזוי צו היילן מיט גראָזן, קרײַטעכצער פארשיידענע קרענק. און קראנקע זײַנען צו אים געגאנגען פון די ארומיקע דערפער און שטעטלעך. ער האָט מאמעש באוויזן וווּנדער.

און מענטשן האָבן אים אָנגעהויבן פארגעטערן. איר שטעלט זיך פאָר? עס קומט אראָפּ אין א פארוואָרפן דערפל א פארשוין, וואָס היילט אויס פון א סאך צאָרעס און כאלאסן — וואָס קאָן זײַן הייליקער?

אין די בערג האָט ער געהאַט אַ בײַדל, און נאָך דער אַרבעט מיט די װאָלדהעקער פלעגט ער זיך אַהין פאַרקלײַבן און לײענען זײַנע ביכער, געװאָלט זיך דערװיסן דעם סאָד פון דער װעלט. אָפּטלעך פלעגט צו אים אַראָפּפאָרן אַף איר פערד-און-װעגעלע דאָס װײַבל, צוגע-קוקט, װי ער לערנט, װי ער לײענט, נאָר אים אָפּװענדן פון זײַן אַװוידע האָט זי ניט געװאַגט.

עטלעכע יאָר האָט מען אַזױ אָפּגעשטופּט אין די בערג, דערנאָך האָט מען זיך אױפגע-הױבן און זיך אַװעקגעלאָזט צוריק קײן פּאָדאָ-ליע.

לאַנגע שװערע כאַדאָשים האָט מען זיך געשלעפּט מיט דער קליאַטשע איבער שטעט-לעך און דערפער, און אומעטום האָט ייִסראָ-ליק געהײלט כאָלאָים. זײַן שעם פון אַ רופע אַ קישעפמאַכער האָט זיך געצױגן נאָך דעם װעגעלע: ער האָט מאַמעש געטאָן ניסים, אױס-געהײלט מיט זײַנע גראָזן און קרײַטעכצער, מיט זײַנע שטילע שעפּטשענדיקע רײד אַפילע אַזעלכע קראַנקע, װעלכע זײַנען שױן געװען מיט אײן פוס אין קײװער...

דאָרט, אין די בערג, צװישן פּאַשעטע מענטשן, האָט ער זיך אָנגענומען מיט כאָכמע, און איצטער האָט ער געפירט כקירעס, גע-שפּרעכן מיט די קליגסטע און געלערנטסטע לײַט, װאָס האָבן זיך אים געטראָפן אַפן װעג...

מײַן באַגלײטער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אַף מיר דורך זײַנע ברילן:

— איך האָב אײַך נאָך ניט פאַרמאַטערט? איר װילט װײַטער װיסן, װאָס עס איז מיט דעם סראָליקן געװאָרן?

אַװאַדע װיל איך װיסן!.. און איך האָב גע-בעטן לײזערן דערצײלן נאָך.

— יאָ, איז באַ װאָס האָבן מיר זיך אָפּגע-שטעלט? אַהאַ! זיך דערמאַנט. מע דערצײלט, אַז דאָס איז געװען אַ גאָלדענע נעשאָמע. ער האָט ניט געקוקט, צי ס'איז אַ ייִד, אַן אוקראַי-נער, אַ רוס, אַ מאַדיאַר, אַ פּאָליאַק, אַ ציגײַ-נער — אַלע זײַנען באַ אים געװען גלײַך. אַלעמען איז ער געקומען צוהילף, אױב נאָר מע האָט זיך אין זײַן הילף גענײטיקט. טאָמער האָט ער געזען אַ קרומע זאַך, אַן אומגערעכ-טיקײַט, אַ פאַלשקײַט, האָט ער געבונטעװעט. און װער פלעגט טאָן קרומע זאַכן? אַװאַדע ראַבאָנים און גאַטס-סטריאַפּטשעס. האָבן זײ, פאַרשטײט זיך, אױפגעהױבן אַ גװאַלד, גע-מאָלדן, אַז ער איז אַ מעשוגענער, אַ קישעפ-מאַכער, מע זאָל זיך צו אים ניט צוהערן. ער איז פול מיט זינד, גײט קעגן דעם אײבערשטן...

נאָר װאָס האָבן זײ מיט דעם אָקשן גע-קאָנט מאַכן, אַז מענטשן האָבן אים ליב באַ-קומען אומעטום? און מע האָט אים גענומען רופן „ייִסראָעל באַלשעמטאָװ“. ער האָט ניט געזוכט קײן רײַכקײַט, קײן שײן אָנטאָן, קײן גוט לעבן. מיט דעם, װאָס ער און זײַן װײַב האָבן געהאַט, האָט ער זיך באַנוגנט. מע האָט זיך ניט צעשײדט מיט דער קליאַטשע און װעגעלע, געװאַנדערט, געזוכט דעם דריטן טאָג אַ שטיקל ברױט. װוּ געטאָגט, דאָרט ניט גע-נעכטיקט, און מ'איז באַ זיך ניט אַראָפּגעפאַלן, מ'איז קײנמאָל ניט אַרומגעגאַנגען מיט קײן אַראָפּגעלאָזטער נאָז. פאַרקערט, געזונגען, גע-לאַכט, זיך געפרײט מיטן לעבן, מיט דער אַרוי-מיקער שײנער װעלט, מיט די װעלדער, טײַכן, מיט די טאָלן און בערג, מיט די פײגל און כײַעס. אָנגעטאָן איז ער געװען שטענדיק װי אַ פּאַשעטער פּױער, אין אַן אָפּגעריבענער סװיטקע אַף די שטאַרקע אַקסלען, און קײנ-מאָל זיך ניט צעשײדט מיט זײַנע ספאָרים, מיט די גראָזן, מיט די רעפועס, װעלכע ער האָט אומזיסט געטײלט די מענטשן.

ער האָט זיך געשלעפּט איבער די קאַר-פּאַטן, איבער פּאָדאָליע, איבער פאַרװאָרפענע װעגן און שטעגן, און דער שעם פון אַן ער-לעכן מענטשן, אַ גאָלדענעם רופע איז אים נאָכגעגאַנגען פוסטריט. אומעטום האָט מען אים באַגעגנט בעקאָװעד גאָדל. מאַמעש אַף די הענט געטראָגן...

װעט איר דאָך פרעגן, פאַרװאָס איז דער באַלשעם גראָד פאַרפאָרן אַהער און געבליבן אַף שטענדיק װױנען באַ אונדז אין מעדזשי-באָזש? קאָן איצט קײנער פּינקטלעך ניט װיסן. מעגלעך, אַז ער האָט זיך אין װעג אָנגעהערט, אַז באַ אונדז אין מעדזשיבאָזש װױנען אַ סאָך לעבעדיקע און פרײלעכע מענטשן, מע קאָן באַ זײ עפּעס שעפּן כאָכמע, און געװיס האָט ער געהערט װעגן אונדזער הערשעלע אָסטראָ-פּאָליער, װאָס האָט מיט זײַנע שטיקלעך, כאָכ-מעס און װיצן געקערט װעלטן, און באַשטימט זיך מיט אים באַקאָנען, זיך דורכשמועסן...

אַזױ צי אַזױ, נאָר אין אַ שײנעם זומער-פרימאָרגן האָט ער זיך מיט זײַן קליאַטשע, אַ באַשטױבטער און אױסגעמאַטערטער, אױפגע-הױבן אָט אַף יענעם הױכן באַרג, װאָס לעבן דער פעסטונג, לעבן דעם שלאָס, און דאָרטן זײַנען גראָד געשטאַנען עטלעכע מעדזשיבאָ-זשער באַלעגאָלעס און געװאַרט אַף פאַרשױנען, באַלעגאָלעס — גראָבע-יונגען, באַסיאַקעס, שי-קורים. זײ זײַנען געשטאַנען אין אַ רעדל און געלאַכט, געשאָטן מיט װערטלעך, זיך גע-כאָכמעט. אונדזערע באַלעגאָלעס, דאַרף מען זאָגן, האָבן געשעמט אַף גאַנץ פּאָדאָליע.

און דאָ האָבן זײ דערזען די אױסגעמאַטער-טע קליאַטשע און דעם אָנטרײַבער, האָט מען אים אַרומגערינגלט און אױפגעהױבן אַף גע-לעכטער, גענומען שפּעטן און לאַכן, אָפּכױ-

זעקן פון דעם אַנטרײַבער און זײַן ארויספאַר...

דער באַלשעם איז געשטאַנען, באַטראַכט די לייצים, געשוויגן. באַזונדערס האָט געלאַכט און געכויזעקט שיקע טאַראַטוטע, א לאַנגער, געזונטער, שוואַרצער, ווי א ציגײַנער, באַלעגאָלע מיט א לאַנג צאַפּיש בערדל און לאַנגע שפּיציקע וואָנצעס. שיקע טאַראַטוטע האָט דאָ געשעמט ווי א פּאַסקודניאַק, דערגאַנגען אַלע באַלעגאָלעס די יאָר, זיך געפירט מײַסע עלטסטער, און אַלע האָבן געציטערט פאַר זײַן געדעך.

האַקיצער, דער שיינער פּאַרשוין שטייט זיך אינמיטן וועג מיט צעשפּרייטע פיס, שמײַסט אין דער לופטן מיט זײַן בײַטש און לאַכט פון דעם געקומענעם, ווערט שיִר ניט צעשמאָלצן, איזדיעקעוועט זיך איבער אים און איבער זײַן פערדל.

דער באַלשעם איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין זײַן וועגעלע און מיט די קלוגע אויגן באַטראַכט דעם פּאַרשוין. „נישקאַשע, זאָל דער טײַוול לאַכן, — האָט זיך געטראַכט דער באַלשעם, — באַלד וועט ער בא מיר לאַכן מיט יאַשטשערקעס. באַלד וועל איך אים אָנלערנען, אז עס וועט אים פינצטער ווערן אין די אויגן. מיט מיר וועט ער זיך שוין א שפּיל טאָן...”

דער באַלשעם האָט ארײַנגערוקט די האַנט אין דער טאָרבע, וואָס איז געהאַנגען אָף זײַן אַקסל, אָנגעטאַפּט עטלעכע גרעזלעך און אָנגעריבן מיט זיי די פינגער, צוגעגאַנגען נעענטער צו טאַראַטוטען, א קניִפּ געטאָן אין באַק, גענומען די ווישקעס און א טרײַב געטאָן דאָס פערדל. שיקע טאַראַטוטע איז געבליבן שטיין געפּלעפט, כאָטש מעלק אים אויס. אַלע באַלעגאָלעס האָבן אויסגעסטאַרטשעט די אויגן אָף זײַן באַק און דערזעט, ווי זי איז מיטאַמאָל רויט געוואָרן, ווי א בוריק, זיך אָנגעהויבן בלאָזן, געשוואָלן ווערן.

דער ארומיקער אוילעם איז געבליבן אָן לאָשן, געקוקט, ווי די באַק ווערט אַלץ מער געשוואָלן. אָט איז שוין קימאַט פאַרמאַכט געוואָרן איין אויג, און ער זעט שוין גאָרניט. „מאַמע געטרײַע? וואָס האָט יענער אָנטרײַבער געטאָן מיט דעם שיקע טאַראַטוטע? עפּשער איז ער גאָר א קישעפמאַכער?” — האָבן זיך איבערגעוווּנקען די באַלעגאָלעס.

שיקע האָט זיך שיִר ניט גערירט פון די געדאַנקען. אין קיין יאַזדע איז ער שוין, פאַרשטייט זיך, ניט געפאָרן, געקומען צו לויפן אַהיים מיט א געשוואָלן פּאָנעם, און ביז אינדערפרי איז ער שוין געווען אויס מענטש און גאָרנישט ניט געזען. וואָס טוט מען? וואָס הייבט מען אָן צו טאָן? גאַנץ מעדזשיבאָזש איז זיך צונויפגעלאָפן צום באַלעגאָלע א קוק טאָן, וואָס פאַר א קראַסאַווען עס איז פון אים געוואָרן. עס איז אין שטעטל געוואָרן א בעהאָלע, א שרעק, א פּאַכעד.

די באַלעגאָלעס זײַנען אַוועקגעלאָפן אין עק שטעטל, צו יענטע דער אַלמאָנעס שטיבל, ווו עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דער אומבאַקאַנטער. מע איז געפאַלן צו זײַנע פיס, געבעטן, ער זאָל צוגיין א קוק טאָן, וואָס ער האָט געמאַכט פון א באַלעגאָלע. מיילע, שיקע טאַראַטוטע איז טאַקע א גרויסער פּאַסקודניאַק און אַלע האָבן זיך איבער אים דערלעבט נעקאָמע, ער האָט עס ערלעך פאַרדינט, נאָר ער איז דאָך א טאַטע פון קינדער און א מאַן פון א ווײַב, דאַרף מען אים ראַטעווען, העלפן, שטעלן אָף די פיס...

יענער האָט אויסגעהערט די מענטשן מיט א גוט שמייכעלע אָף זײַן באַבערדלט פּאָנעם, גענומען אָף די אַקסלען זײַן סוויטקע, אָנגעטאָן דעם קאַרטוז, געכאַפּט זײַן טאָרבע מיט די גראָזן, זי אָנגעטאָן אָפן אַקסל און אין דער באַגלייטונג פון א מאַכנע מענטשן — קליין און גרויס, זיך אַוועקגעלאָזט צום באַלעגאָלע אַהיים.

אַריבערגעטראָטן די שוועל, האָט ער געזאָגט „א גוט-מאָרגן”, געוואָרפן א קוק אָף דעם באַלעגאָלע, וואָס איז געלעגן אָף דער קאַנאַפּע מיט א געשוואָלן פּאָנעם און מוירעדיק געקרעכצט. דער געקומענער האָט אָף אים געקוקט מיט א קלוג שמייכעלע, ווי עס וואָלט גאָרניט געשען, זיך צוגעזעצט לעבן כוילע אָף א טאַבורעטקע און זיך אָנגערופן:

— או-וואַ, וואָס איז מיט דיר געשען, שיינער מענטש? נעכטן, ווען דו האָסט מיך געמאַכט צום נאַר, געכויזעקט און זיך איזדיעקעוועט, האָסטו געהאַט א שענער פּאָנעם, און הײַנט דערקען איך דיך ניט...

— אוי, האָט ראַכמאָנעס! ראַטעוועט מיך! וואָס האָט איר פון מיר געמאַכט, איך בין געוואָרן אויס מענטש, איך שטאַרב אַוועק...

יענער האָט אויסגעהערט, אונטערגעשמייכלט אין די וואָנצעס און געפרעגט:

— זאָג מיר נאָר, פּעטערל, שטענדיק כויזעקסטו אָפּ פון מענטשן, אזוי ווי דו האָסט פון מיר נעכטן אָפּגעכויזעקט? שטענדיק ראַבעוועסטו די פּאַרשוינען, ווען דו פירסט זיי אין א יאַזדע? טאָמיד, זאָגט מען, פאַרפירסטו זיי אין א בלאָטע און צווינגסט זיי צאָלן טײַערער. איז ענטפער מיר: דו וועסט אויך אָף ווײַטער זיך איזדיעקעווען איבער מענטשן, זיי באַליידיקן, בלאָזן פון זיך און טאָן מיִע-

5—241

סע זאַכן? אָט דאָס, וואָס דו ביסט געשוואָלן געוואָרן, זאָלסטו וויסן זײַן, איז א שטראָף פון גאָט פאַר דײַנע קרומע שטיק. און אויב דו וועסט זאָגן פאַרן גאַנצן אוילעם, אז די וועסט זיך שוין פירן ווי א מענטש, וועל איך זיך באַמיִען דיך אָפּראַטעווען...

ער האָט אַרײַנגערוקט די האַנט אין זײַן טאָרבע, אַרויסגענומען א קליין קעסטעלע מיט עפּעס א שמירעכץ, און אין איין אויגנבליק א שמיר געטאָן איבער דער באַק און זיך אַראָפּגעלאָזט אף דער טאַבורעטקע.

אַלע זײַנען געשטאַנען דערשראָקענע, געקוקט אף דעם מענטשן און אף דעם באַלעגאָלע. עס איז איבערגעגאַנגען א האַלבע שאָ, א שאָ און דאָס געשווילעכץ פונעם באַלעגאָלעס פּנים האָט אָנגעהויבן אָפּגיין, ווערן בלאַסער. אין א פאָר שאָ אַרום האָט זיך געעפנט איין אויג, דערנאָך דאָס צווייטע אויג. מענטשן האָבן געשעפּטשעט אין די ווינקלען:

„זעט נאָר, ייִדן, א נעס... א נעס... געזונט זאָלט איר זײַן. זאָל אײַך דער אייבערשטער שענקען לאַנגע יאָרן... א נעס פון גאָט...“

מע האָט געקוקט אף דעם מענטשן מיט אינערלעכן פּאַכעד, מיט אָפּשײַ, מיט דאַנקבאַרקײַט און ניט געקאָנט באַגרײַפן, וואָס פאַר א קויעך עס זיצט אין אים, וואָס ער האָט אין איין רעגע געמאַכט דעם באַלעגאָלע צונישט, אויסצודרייען און פאַר עטלעכע מינוט אים ווידער געשטעלט אף די פיס, אָפּגעראַטעוועט? איז דער מענטש ניט קיין קישעפמאַכער, קיין הייליקער?..

דערווײַל האָט יענער געהייסן דעם באַלעגאָלע זיך אופהייבן פון דער קאַנאַפּע און אָנהייבן גיין, פאַר גאָרניט מוירע האָבן.

שיקע טאַראַטוטע האָט זיך אופגעהויבן פון זײַן געלעגער א שײַנענדיקער. ער האָט זיך געכאַפּט צום בײַטעלע, געוואָלט דעם מענטשן באַצאָלן, נאָר יענער האָט אים אָפּגעשטעלט: ניין, דאָס ניט! ער נעמט ניט קיין געצאָלטס פאַר היילן מענטשן... דאָס ניט... אויב מע איז אַליין א מענטש, האָט ער געזאָגט, דאַרף מען קומען צוהילף מענטשן אָן געצאָלטס, אומזיסט... גאַנץ מעדזשיבאָזש איז געגאַנגען כאָדאָראָם מיט דער געשעעניש.

אויפן צווייטן טאָג האָבן זיך פון אַלע עקן א לאָז געטאָן צו אים קראַנקע, געבעטן זיי היילן, העלפן, ראַטעווען. און ער האָט פאַר יעדן געפונען א רעפוע, אויסגעהיילט אַזעלכע, וואָס זײַנען שוין געווען לאַנג קראַנק און זיך ניט געקאָנט רירן פונעם בעט. מיט יעדן טאָג איז זײַן שעם געשטיגן און זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט איבער גאַנץ פּאָדאָליע, און עס האָבן זיך קיין מעדזשיבאָזש א ציִ געטאָן גאַנצע האַמוינים, מע האָט געאײַלט צום אומגעוויינלעכן רויפע נאָך הילף. דאָרט, ווו עס האָבן ניט געהאָלפן זײַנע גראָזן, האָט ער געהיילט מיט א גוט וואָרט, מיט א וויץ, מיט א כאָכמע...

דער היגער אוילעם האָט אים מאַמעש פאַרגעטערט, געבענטשט, שיִר ניט געטראָגן אף די הענט:

— דער באַלשעם גייט...

— אונדזער גוטער רויפע, אונדזער רעטער...

— לאָזט א וועג — דער באַלשעמטאָוו, רעב ייִסראָעל גייט, א געזונט אין זײַנע ביינער!..

אָט דאָ ניט ווײַט פון דער פעסטונג, אפן גרינעם באַרג, האָט מען דעם באַלשעם אוועקגעשטעלט א שטיבל, אָפּגעצוימט א גרויסן הויף, און שטענדיק האָבן דאָרטן אף אים געוואַרט מענטשן. קראַנקע, געקומענע נאָך א רעפוע, געזונטע — הערן זײַנע קלוגע ווערטער.

ער האָט קיין צײַט ניט געהאַט ווען זיך אַרומקוקן, אָבער דאָך האָט ער שטענדיק אָפּגעשפּאָרט א פאָר שאָ, קעדיי זיך דורכגיין אין וואַלד, ווו ער האָט געקאָנט בלײַבן מיט זיך אַליין, מיט זײַנע געדאַנקען און ראַיוינעס, מיט זײַנע ספאָרים, אין וועלכע ער איז געווען פאַרליבט. דאָרט, אין טיפן וואַלד, האָט ער זיך אוועקגעשטעלט א געראַם בײַדל, פלעגט זיך פאַרקלײַבן אַהין, געלייענט, געלערנט, און מענטשן האָבן געמיינט, אז דאָס רעדט ער דאָרט מיט גאָט און פירט מיט אים כקירעס...

נאָר דאָס האָט ער זיך פּאָשעט אָפּגערוט פון זײַן שווערער האָרעוואַניע, געבלאָנקעט איבערן וואַלד און באַטראַכט די אַרומיקע וועלט. אָפטלעך האָט ער אַהין מיטגענומען מיט זיך הערשעלע אָסטראָפּאָליערן, געהערט זײַנע וויצן און כאָכמעס, געקײַכט פון געלעכטער. מע האָט אַמאָל אויך געמאַכט א שיינע קויסע. וואָס זשע, זייער נעשאָמע איז געווען פון קלאָטשע? זיי זײַנען געווען מענטשן, ווי מיר אַלע. אײַ מע האָט דעם באַלשעם פאַרגעטערט, אויסגעטראַכט, אז ער איז געווען אַן אופּאָלנאָמאָטשענע פונעם אייבערשטן אף דער ערד? זאָל מען זאָגן! מענטשן האָבן ליב אויסצוטראַכטן. מע האָט פון אים געוואָלט מאַכן א שטיקל גאָט, א צאַדיק... נאָר איר פאַרשטייט אַליין, אז ער איז נישט געווען ניט קיין גאָט און ניט קיין צאַדיק. קלאָל א קלוגער, האַרציקער מענטש, און ווי נאָר ער האָט געקאָנט, האָט

ער געטאָן טויוועס מענטשן, ליב געהאַט די וועלט, ניט געגלייבט אין יענער-וועלט און פאַרשטאַנען דעם פּאָסעק, אַז איין מאָל לעבט אַ מענטש אויף דער ערד און טרעט אָפּ דאָס אָרט אַ צווייטן, ווײַל מע דאַרף האָבן סאָוועסט...

מענטשן, ווי איר ווייסט, געדענקען גוטסקײַט, הײַנט אַז דער באַלשעם האָט אויסגעהיילט און אונטערגעהאַלטן באַם לעבן אַזויפיל מענטשן פון גאַנץ פּאָדאָליע, איז דאָס געגאַנגען פון דאָר צו דאָר... איין זאַך האָט ער ניט דערטראַכט — ניט אויסגעזאָגט דעם סאָד פון די גראָזן, מיט וועלכע ער האָט געהיילט, און ס'זײַנען אַ סאַך פון זיי פאַרגעסן געוואָרן, און דאָס איז בעפּירעש אַ שאָד. נאָר זײַן נאָמען איז פאַרבליבן. שוין העכער צוויי הונדערט יאָר, ווי ער איז אַוועק אין זײַן אייביקער רו, אָבער ביז איצט דערמאָנען אים מענטשן צום גוטן.

די נאַכט האָט גענומען צופאַלן. אינעם לויטערן וואַסער פונעם טײַך האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די אוראַלטע מעדזשיבאָזשער פעסטונג מיט אירע מוירעדיק-שווערע, טעמפּע הענט און בלינדע באַיניצעס, די געזעצטע טורעמס, וואָס קוקן אין אַלע פיר עקן וועלט. מיר האָבן זיך דערנעענטערט צו לייזער ראַכליסעס שטיבל, וווּ מע האָט שוין אָנגעצונדן פײַער. דערהערט, ווי עס דערנעענטערן זיך טריט, איז פונעם שטיבל אַרויסגעגאַנגען און געבליבן שטיין אַ שמייכלענדיקע שטאַלטנע פרוי, אונדז אָפּגעמאָסטן מיט אַ קלוגן בליק און אים אָפּגעשטעלט אויף לייזערן:

— זע נאָר, און איך וואַרט שוין אויף דיר צוויי שאָ! ביסט, מײַן טײַערער, ווידער געווען בײַ הערשעלען און דעם באַלשעם? נו, אַוודע, איך האָב זיך גלײַך אָנגעשטויסן, אַז דו האָסט עמעצן באַגעגנט, אַוועקגעגאַנגען אַהין און פאַרגעסן, וווּ דו האַלטסט אין דער וועלט... איך זע אין דיר, אַז דו האָסט זיך שוין גוט אָנגערעדט, אָנגעמוטשעט דעם יונגנמאַן. איז עפּשער שוין געקומען די צײַט, מע זאָל זיך אַרומוואַשן און אַרײַן אין שטוב עפּעס איבערכאַפּן? דער סאַמאָוואַר וואַרט שוין...

די פרוי האָט עס אַרויסגעזאָגט גוטווייליק, מיט אַ שמייכל, מיט כיין. און איך האָב גלײַך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז לייזערס פרוי.

— קומט, קומט אַרײַן אין שטוב, — האָט זיך אָנגערופן דער גאַסטפרײַנטלעכער באַלעבאָס, און די פרוי האָט אונטערגעהאַלטן, גערופן צו זיך אין שטיבל. — קומט אַרײַן אין אונדזער פּאַלאַץ. שוין צײַט עסן וועטשערע. מײַן לייקע וועט אונדז באַלד דערלאַנגען צום טיש ניט נאָר אַ סאַמאָוואַר, נאָר אויך אַ ביסל מאַשקע...

אַן אַנדער ברייַרע האָב איך געהאַט? מע טאָר דאָך ניט באַליידיקן קיין מענטשן...

• • •

שמואל גאָרדאָן

צוויי גאַסן

(נאָוועלע)

פונעם אוטאָר

ס׳איז שוין קימאַט זעכציק יאָר, ווי אפן קרימער סטעפּ זײַנען אופגעקומען די ערשטע ייִדישע איבערוואַנדערישע ייִשווים.

וועגן איינעם אַזאַ ייִשעוו פון יענער ווײַטער צײַט דערציילט זיך אין דער נאָוועלע „צוויי גאַסן“, וועלכע כ׳האָב אָנגעשריבן מיט העכער פופציק יאָר צוריק, און ווי מיר שײַנט, שטעלט זי מיט זיך פאָר א באַשטימטע דערקענטעניש-ווערט פאַר אונדזער הײַנטיקן לייענער.

אין פאַרגלײַך מיט דער ערשטער פובליקאַציע, האָב איך די נאָוועלע איבערגעאַרבעט, זי צוגעגרייט פאַר „סאָוועטיש היימלאַנד“ אין א נײַער רעדאַקציע, וועלכע גיט א מער ברייטערע פאָרשטעלונג וועגן א ייִדישן ייִשעוו אפן קרימער סטעפּ אין די ערשטע יאָרן פון דער איבערוואַנדערונג.

די גאַס באַם אַרײַנפאָר אין דעם איבערוואַנדערישן דאָרף „מערעזשין“ האָט געהייסן „קיטײַ“. אַזוי האָט זי עמעצער פון די אײַנוווינער פון דער דאָזיקער גאַס געהאַט א נאָמען געגעבן. דאָס איז געווען פונקט אין יענער צײַט, ווען יאַפּאָניע איז אָנגעפאַלן אף כינע. ס׳קאָן זייער זײַן, אַז ווען איטאַליע זאָל צו יענער צײַט, און ניט מיט א פּאָר יאָר שפּעטער, געווען אָנפאַלן אף אַביסיניע, וואָלט די זעלבע גאַס זיך אָנגערופן „אַביסיניע“, ווײַל לויט דעם, ווי מע האָט זיך פאָרגעשטעלט אין „מערעזשין“, זײַנען די געליטענע אַביסיניע און כינע שיר ניט באַשטאַנען דורכויס פון האָרעפּאַשניקעס, בייס בא די אָנפאַלער יאַפּאָניע און איטאַליע זײַנען שיר ניט אַלע גווירים-אַדירים.

אַזוי צי אַנדערש, נאָר די גאַס באַם אַרײַנפאָר אין דעם איבערוואַנדערישן דאָרף „מערעזשין“ האָט זיך גערופן „קיטײַ“.

זי האָט זיך, אייגנטלעך, מיט גאָרניט אונטערשיידט פון דער אַנדערער גאַס, וועלכע האָט געהייסן „יאַפּאָניע“. זי איז פּונקט אַזאַ לאַנגע און ברייטע, ווי יענע, די הײַזער ליכטיקע. יעדע שטוב איז מיט א שטאָל פאַר דער קו, מיט א שטעלכל פאַר די אויפעס און מיט א שטעלכל הינטער דער שטוב, פאַרן כאַזער.

די ערשטע שטוב אף אָט דער גאַס איז הירשקע פּרופערס, א שטוב, די גרויס קימאַט ווי ער אַליין. אַפילע דער טשערעפּיצענער דאַך איז אָנגערוקט ביז די פענצטער, ווי בא הירשקען דאָס געקעסטלטע היטל איבער די אויגן. ווײַטער גייען פּיַוויש דעם בלאָזזאַקס, באָרעך דעם באַקאַלייניקס און נאָך בא א דרײַ צענדליק הײַזער. אויסער דעם פעטער מיכלען, האָבן דאָ אַלע צונעמענישן. ווער עס האָט מיטגעבראַכט דאָס אַלטע צונעמעניש פון שטעטל און ווער ס׳האָט עס געיאַרשנט שוין דאָ, אין דער נײַער היים...

קימאַט א האַלבע גאַס איז באַזעצט דורכויס מיט די פּרופערס. אַלע ביז איינעם זײַנען, ווי דער פעטער מיכל, הויכע, מעגושעמדיקע, קוים וואָס זיי גייען דורך אין דער טיר. האָט מען זיי דערפאַר טאַקע געקרוינט מיט נאָך איינעם א צונעמעניש: „מעלעך-האַבאַשנס“. אָט האָט הירשקע, באַם עפענען די טיר פון דער אייגענער שטוב,

פאַרגעסן אַנומלטן זיך אײַנבויגן, איז ער נאָכדעם אַ גאַנצע וואָך, דערציילט מען, אַרומגעגאַנגען מיט אַ גוליע אפן שטערן, די גרויס פון אַ פויסט.

מיט זייער מעגושעמדיקײַט און גוורע זײַנען די פרופערס ענלעך צו קאַצאָווים און פורמאַנעס, כאָטש אין דער אַלטער היים, אין רעטשיצע, האָט קיינער פון זיי ניט געהאַט צו טאָן מיטן „נעפּ", מיט יאַטקעס און וועגענער. פון רעטשיצע האָט מען מיטגעבראַכט מיט זיך אַהער אויסגעריבענע שוסטער־בענקלעך און אָפּגעבליאַקעוועטע ניי־מאַשינען פון דער פירמע „זינגער".

אַראָפּגעקומען זײַנען די פרופערס אַהער מיט אַ יאָר פיר צוריק. פאַר די דורכגעגאַנגענע יאָר האָט מען אויסגעבויט אָט די לאַנגע ברייטע גאַס, און פונקט ווי אין דער אַלטער היים, לעבט מען צווישן זיך אויך דאָ אין שאָלעם און שאַלוועס, ווי פינגער אַף אַ האַנט. און וואָס האָט מען געהאַט זיך צו קריגן, אויב מע איז ניט געווען קיין קאָנקורענטן צווישן זיך, ניט אָפּגעשלאָגן איינער באַם צווייטן קיין קונדן? און דאָ איז דאָך סטאַם ניטאָ וואָס צו ריידן וועגן דעם, באַזונדערס נאָך אַזאַ געבענטשט געראָטעניש ווי הײַנטיקן זומער. ביז מע האָט ניט אַראָפּגענומען דעם לעצטן זאַנג פון פעלד האָבן די פרופערס ניט פאַרלאָזן דעם טאַבאָר, געטאָגט און גענעכטיקט דאָרט. אויסער פײַווישן, האָט קיינער פון זיי ניט פאַרדינט פאַרן זומער ווייניקער פון צוויי־דריטהאַלבן אַרבעטסטעג. איין הירשקע קאָן, לויט פײַווישעס כעזשבן, זיך אויסגלײַכן מיט אַ דרײַ „נאַרווילער" פון דער „יאַפּאַנסקער" גאַס. מיט די נאַרווילער הויזן ניט די רעטשיצער פון דער היים נאָך. מע איז צווישן זיך, כאָלילע, ניט קיין סאָנים, אָבער אויך ניט קיין פרײַנט. אַ רעטשיצער איז ניט געקומען אַהער, ווײַל ער דאַרף זיך פראָלעטאַריזירן, ווי די נאַרווילער. רעטשיצער האָבן זיך אַלע יאָרן געהאַלטן פאַר פראָלעטאַריער, כאָטש געווען איז מען קוסטאַרן.

באַזונדערס הויזט ניט מיט די נאַרווילער מיכלס ייִנגערער ברודער פײַוויש בלאָזשאַק. קוים עפּעס, גיט ער זיך אַ בייג אָן, באַווײַזט, ווי די נאַרווילער האָבן בייסן נעפּ געריטן אַף אים. אויס! ער וועט זיי מער ניט טראָגן אַף זיך, ווי אין די פריִערדיקע יאָרן, די זעק מעל און צוקער צו זיי אין די קראָמען. באַלד פיר יאָר, אַז מע איז הי, מע לעבט אין איין דאָרף, מע אַרבעט אַף איין פעלד, נאָר פײַווישן ווערט אַלץ ניט נימעס איבערדערציילן, וויִאַזוי ער האָט געהאָרעוועט באַ די נאַרווילער נעפּ־לײַט אין דער מיל, אַפן אייל־זאַוואָד און ווו נאָר ניט. ענדיקן ענדיקט פײַוויש דערמיט, אַז ער וויל זיי ניט קענען און וויסן אָט די „טראָגמיכעס", ווי ער רופט זיי, פונקט ער זאָל זיי אַפּאַנעמעסן טאַקע געווען טראָגן אַף זיך.

דעריקער דערציילט ער עס אַלץ דעם יונגוואַרג. די עלטערע געדענקען עס נאָך גאַנץ גוט אַליין. זײַן דערציילן וועגן יענער צײַט ענדיקט פײַוויש דערמיט, אַז וויבאַלד ער האָט פריִער געהאָרעוועט אַף זיי, איז זאָלן זיי איצטער האָרעווען פאַר אים, זיך אויסגלײַכן אין כעזשבן, הייסט עס. צי האָט ער ווירקלעך אַזוי געמיינט, צי האָט ער עס גלאַט אַזוי געזאָגט, נאָר פײַווישן האָט מען ווייניק געהאַט געזען באַ דער אַרבעט.

צווישן די „נאַרווילער" זײַנען אויסער די, וועלכע זײַנען געקומען אַהער זיך פראָדוקטיוויזירן, ווערן, ווי הירשקע זאָגט, נוצלעכע מענטשן. פאַראַן אויך ניט ווייניק געוועזענע שנײַדערס, שוסטערס, שמידן. און אַפילע אַזעלכע, וואָס פלעגן קומען קיין רעטשיצע נאָך אַ נעדאָווע. אָבער אַלצייַנס הויזט מען ניט מיט זיי, ווײַל זיי ווינען צוזאַמען מיט „יענע", וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיטן נעפּ.

קומט פרילינג, צעטיילן זיך ביידע גאַסן אין צוויי באַזונדערע בריגאַדעס. קיין נאַרווילער צו זיך אין בריגאַדע נעמען ניט די רעטשיצער פאַר קיין שום פאַל. סײַדן דער פעטער מיכל פרופער וועט הייסן. דער פעטער מיכל איז בלויז אַ בריגאַדיר, אָבער באַ די פרופערס איז ער מער, ווי לייזער דער פאָרזיצער.

לייזער האָט צו די ביידע שטעטלעך קיין שום שײַכעס ניט. ער שטאַמט גאָר פון אַן אַנדער קאַנט, פון פּאָדאָליע, און איז אַ רייִנער פראָלעטאַריער. נאָר דערפאַר ווײַל ער וויל מאַכן שאָלעם צווישן די ביידע גאַסן, האָבן די רעטשיצער אים געקרוינט מיטן צונאָמען "סעטלמענט". אָפּגעזוכט דאָס דאָזיקע וואָרט אין די צײַטונגען, ווו ס'האָט זיך דערציילט וועגן דער אַגרעסיע פון יאַפּאָניע אַף קיטײַ, האָט פײַוויש בלאָזשאַק.

הײַנטיקן זומער אָבער זײַנען ביידע גאַסן געוואָרן צווישן זיך, קאָן מען זאָגן, לאַכלוטן שאָלעם. „וויבאַלד די נאַרווילער האָבן זיך געמיט אַפן פעלד באַגלײַך מיט אונדז, הײַנט וואָס איז פאַראַן צו בלאָזן זיך איינער אַפן אַנדערן? — האָט אײַנגעטײַנעט דער פעטער מיכל. — אײַ, אַמאָליקע יאָרן... וויפל קאָן מען וועגן דעם ריידן און דערמאָנען..."

דאַרף אינעם זעלבן אויסגעשפילטן זומער טרעפן מיטן פעטער מיכלען אַן אומגליק. טאַקע גאָר אַ גרויסער אומגליק. פלו־

צעם, פון דער העלער הויט, איז בא אים געשטאָרבן דאָס ווײַב. פון דעם טאָג אָן איז דער פּעטער מיכל געוואָרן ווי ניט צו דער־קענען: די אקסלען אײַנגעפאלן, די קײַלעכי־קע טונקעלע באָרד היפּש גראָוו, די אויגן אָן א פײַערל...

דער מיזיניק פון די פּרופּערס, דער עטלער־און־צוואנציקיאָריקער הירשקע, האָט געהאט גרויסע טײַנעס צו דעם פּעטער מיכ־לען. ער האָט ליב געהאט די מומע, אז ס'איז ניט איבערצוגעבן.

— ניט געדארפט געווען שיקן די מומע אפן בוימוואָל־פעלד. א קו, לעהאוודל, איידער־מע שפּאנט זי, געוווינט מען זי פריִער צו גיין מיט ליידיקן אין כאָמוט. געדארפט גע־ווען שיקן די מומע אף א גרינגערער ארבעט. אפן באשטאַן, צום בײַשפּיל.

אף דעם פּלימעניקס טײַנעס האָט דער פּעטער מיכל ניט געענטפערט קיין איינציק וואָרט. ער האָט געוווּסט, אז ניט פון דער ארבעט באם בוימוואָל איז זי געשטאָרבן. בא איר איז פּאָשעט געווען א שוואַך הארץ, ווי בא דעם טאַטן אירן, אָלעווהאשאָלעם. צווישן די פּרופּערס אָבער האָט מען גע־שמועסט, אז גערעכט, אפּאָנעם, איז טאקע הירשקע, און אז דער פּעטער מיכל האָט איצטער שטארק כאראָטע, האלעמײַ האָט ער זי געשיקט אפן בוימוואָל־פעלד און ניט אפן באשטאַן.

נאָר אלץ פארגייט. ס'איז פארגאנגען דער זומער, פארגאנגען דער הארבסט, פארגאנגען אויך צוביסלעכווײַז דער ווייטעק, און מיכל פּרופּער האָט אָנגעהויבן ארײַנקומען צו גרוניען דער אלמאָנע פון „יענער" גאס. ער האָט אפילע געהאט איינמאָל ארויסגעכאפּט פאר די קרוֹי־ווים, אז אָן א ווײַב איז מען געגליכן צו דעם סטעפּ אָן א רעגן. ס'ווערט פון אלץ א טעל. דערהערט עס, האָבן די פּרופּערס אוועקגעשיקט בעסאָד־סוידעס א בריוול צו זיך אין דער אל־טער היים, קיין רעטשיצע, אז דעם פּעטער מיכ־לען האָט געטראָפן א גרויסער אומגליק, ער איז נעבעך געבליבן עלנט, און האָבן פאר־גליכן זײַן עלנטקייט צו א שטיין אינעם מידבער.

דעם געדאנק אוועקשיקן אזא בריוול האָט אויפגעגעבן פּיִוויש, ווי נאָר ער האָט דערשפּירט, אז מיכל האָט אויסזיכטן אף גרוניען. ער קאָן ניט דערלאָזן, אז „זייער" גאס זאָל זיך מעשאדער זײַן מיט „יענער". ס'האָט ניט געדויערט קיין סאך, און אין דאָרף האָט אין איינעם א ווינטערדיקן אָוונט זיך באוויזן א ייִד מיט א צעוואקסענער נאָז אפן קליין פּענעמל און מיט אויגן, וואָס זעען אלץ און באמערקן אלץ. געקומען איז ער שפּעטלעך אין אָוונט און גלײַך פארפאָרן צו מיכלען.

דער פּעטער מיכל, אז ער האָט דערזען דעם אומגעריכטן גאסט, האָט ער פארשעמט אראָפּגעלאָזט פון די קני דאָס אָנגעפּויעטע כאזערל, אויסגעווישט די הענט, צורעכט גע־מאכט די באָרד, די יארמעלקע אפן קאָפּ, און ערשט דערנאָך א ביסל צעטומלט ארויסגע־בראכט:

— רעב איטשע?

— מע קאָן מיך נאָך דערקענען, רעב מיכל?

איטשע האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שווערן מאנטל, פארדעקט מיטן ארבל דעם צעקראָכענעם אונטערשלאק און זיך צוגע־זעצט צו דער אויסגעהייצטער הרובע. בא־טראכט דעם געראמען צימער, דאָס מעבל, אָפּגעטריבן מיטן פוס דאָס ראָזעווע כאזערל, וואָס האָט געלעקט פון די שיך דעם צע־גאנגענעם שניי, האָט איטשע א פרעג געטאָן, עלעהיי ער אליין געדענקט עס שוין ניט:

— וויפל איז שוין, אז מיר האָבן זיך ניט געזען? א מאטמען מיט יאָרן דארף שוין זײַן... נו, און ווי לעבט זיך אײַך דאָ?

פון יענער זײַט פענצטער איז געשטא־נען א פראָסט, ס'האָט געבלאָזן א ווינט, די נאָז פון שטוב ניט ארויסצושטעקן, נאָר אל־צײַנס האָט עס די פּרופּערס ניט אָפּגעהאלטן זיך צונויפקומען צום פּעטער מיכלען שפּילן א פּארטיע אין ביינדלעך, אָנשטעלן דעם פּאטעפאָן, דעם איינציקן פּאטעפאָן אין דאָרף, און ארײַנכאפּן א שטיקל נעגינע. דערזען דעם גאסט, האָט מען אלץ אָפּגעלייגט אין א זײַט און גענומען רעב איטשען אפן פארהער, ער זאָל זיי אויסדערציילן איטלעך קלייניקייט וועגן זייער אלטער היים.

בעסער פון אלעמען קאָן איטשען באָרעך באקאליניק. ער האָט אמאָל געהאלטן מיט איטשען בעשוטפעס א זאליאזנע קלייט. דער־פאר טאקע האָבן די פּרופּערס געהאלטן באָרעכן קימאט פאר א פרעמדן. און כאָטש ער וווינט אויך אף דער זעלבער גאס, ווי אלע רעטשיצער, און איז אויך א הויכער, א מעגושעמדיקער, אין טיר ניט ארײַנצוגיין, דאָך האָט מען די אלע יאָרן געקוקט אף אים, ווי אף א מענטשן פון „יענער" גאס. כוץ דעם, האָט מען אים ניט איבעריקס ליב פאר זײַן דערציילן גוזמאָעס, אָפּבראָקן א ליגן, פאר דער טעווע צוקלאפּן באם ריידן הילכיק מיט דער צונג. א יערושע, וואָס איז אים, אפּאָנעם, פארבליבן פון די נעפּ־מאנישע יאָרן.

אויסגעהערט אַלעמען, האָט איטשע אָפּגעזיפּצט:

— ווי לעבט זיך אונדז דאָרטן, אויף סעווער, פֿרעגט איר? שײַער. גוט, ווי אײַך, איז אונדז דאָרט אַוואַדע ניט. נאָר שטאַרבן, ראַכמאַנע־ליצלאָן, הערט איר, שטאַרבט מען אומעטום.

ווי נאָר איטשע האָט עס אַ זאָג געטאָן, איז גלײַך געוואָרן קלאָר, נאָך וואָס ער איז אַראָפּגעקומען פֿון רעטשיצע אַהער, פֿאַרוואָס לאָזט דער פֿעטער מיכל פֿאַרשעמט אַראָפּ די אויגן. און מע האָט זיך אײַנציקווײַז גענומען אַרויסרוקן פֿון שטוב.

ביז טיף אין דער נאַכט, ביזן ערשטן קרײַ פֿון די הענער האָט איטשע אײַנגעטײַנעט מיט מיכלען וועגן שיפֿרע יווינעס דער אַגונע.

— ווי נאָר מיר האָבן זיך דערוווּסט, הערט איר, וועגן אײַער גרויסן אומגליק, ראַכמאָנע־ליצלאָן, איז צו מיר געקומען שיפֿרע אַליין, ניט געלאָזט מיך רוען, איך זאָל טאַקע שוין, הערט איר, מאַמענטאַל פֿאָרן צו אײַך. ס'איז נעם, הערט איר, און פֿלי. איר זענט איר, זאָגט זי, אַדהײַעם סימפּאַטיש, ביז גאָר געפֿעלן. — איטשע האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ער זאָל דאַרפֿן אַן איבעריקס מאָל זיך דערקונדיקן, אַז אויסער זיי צווייען איז דאָ מער קיינער ניטאָ, און פֿאָרגעזעצט שוין עטוואָס שטילער, אַ ביסל געהיט. — זי קאָן געבן אַ פֿײַנעם נאַדן. דער טאַטע אירער, רעב יווינע, אָלעווהאַשאָלעם, ווי איר ווייסט, איז ניט געווען קיין קאַפּצן אין זיבן פֿאָלעס. עפּעס איז אים פֿאַרבליבן פֿונעם נעפּ...

מיכל איז אין דער יוגנט געווען אַ שטיקל צײַט פֿאַרליבט אין אָט דער שיפֿרען. ער איז אָבער ניט אָנגעשטאַנען דעם טאַטן אירן, יווינע דעם מילנער, פֿאַר אַן איידעם. ער האָט אָפּגעזוכט פֿאַר איר אַ יונגנמאַנטשיק פֿון דער פֿרעמד און אים געמאַכט פֿאַר זײַנעם אַ שותּף פֿון דער מיל. ס'האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט, און שיפֿרע איז פֿאַרבליבן אַן אַגונע. מיכל איז צו יענער צײַט שוין געווען אַ באַווײַבטער און געהאַט אַריבערגעפֿאָרן פֿון רעטשיצע אַהערצו קיין „מערעזשין".

מיכל האָט שוין ניט איין מאָל באַוויזן דעם גאַסט, אַז ער כאַלעשט שלאָפֿן, געגעענעצט, צוגעמאַכט די אויגן. ס'האָט אים אָבער ניט געהאָלפֿן. איטשע איז פֿון אים ניט אָפּגעשטאַנען, ער זאָל געבן די האַסקאָמע צו פֿאָרן קיין רעטשיצע זיך דורכריידן מיט שיפֿרען.

— צו וואָס טויג מיר, רעב איטשע, איר נעפּמאַנסקער נאַדן? — מיכל האָט אים סאָפּקאָלסאָף אַרויסגעזאָגט דעם ריינעם עמעס. — נאָר כ'ווייס, — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום פֿאַרשעמט צוגעגעבן. — ווען סע מאַכט זיך מיר, אַשטייגער, אַ ווײַבל, וואָס קאָן אַרומגיין אַרום אַ ווירטשאַפֿט, אויסמעלקן אַ בעהיימע, מאַכן אַ מעשקע פֿאַרן כאַזער, פֿאַרקנעטן אַ דייזשע טייג, אַרבעטן אין פֿעלד און דעסגלײַכן, וואָלט איך נאָך עפּשער אַ קלער געטאָן. שיפֿרע איז אָבער ניט פֿון די. ס'איז ניט קיין שידעך פֿאַר מיר, רעב איטשע.

וויפֿל איטשע האָט נאָכדעם ניט אויסגערעכנט שיפֿרעס מײַלעס, האָט זיך דערפֿון גאָרניט באַקומען. אים האָט זיך אָבער דערפֿאַר אײַנגעגעבן דערטאַפּן, אַז בײַ מיכלען שנײַדט זיך אַ שידעך מיט גרוניען דער אַלמאָנע פֿון דער אַנדערער גאַס.

דריטהאַלבן וואָכן איז איטשע אָפּגעזעסן אין דאָרף. ס'איז שוין ניט איין מאָל צעגאַנגען דער שניי, ווידעראַמאָל אויסגעפֿאַלן, פֿונסנײַ צעגאַנגען, נאָר איטשע איז נאָך אַלץ ניט אַוועקגעפֿאָרן. ס'איז ניט געווען דער טאָג, ער זאָל ניט זײַן בײַ גרוניען און ניט אָפּזיצן דאָרטן אַ פֿײַנע פֿאָר שאָ.

— איר זעט אויס, הערט איר, קיין אײַנהאָרע, נאָך גאַנץ יונג, — האָט ער יעדן טאָג איר איבערגעכאַזערט. — און רעב מיכל זעט אויך אויס נאָך גאַנץ נישקאָשעדיק. און אַזאַ לײַטישער מענטש, ווי ער, איז הײַנטיקע צײַטן, הערט איר, ביכלאַל אַ יעקאַרהאַמציעס.

דריטהאַלבן וואָכן איז איטשע אָפּגעזעסן אין דאָרף. און ווען ער האָט אויסגעפֿירט דעם שידעך, זײַנען באַלד געקומען צו גיין די פּרופֿערס אָפּגעבן דעם פֿעטער מיכלען מיט דער נײַער מומען, גרוניען, מאַזלטאָוו.

בלויז פֿײַוויש בלאָזזאַק איז ניט געקומען. ער האָט ניט געקאָנט מויכל זײַן דעם ברודער, האַלעמײַ פֿירט ער אַרײַן אין זייער מישפּאָכע אַ מענטשן פֿון „יענער" גאַס, ניט געקאָנט מויכל זײַן, האַלעמײַ פֿאַרגעסט ער אין דעם, וואָס איז געווען ביז מע איז איבערגעפֿאָרן אַהער. איטשעס גליק, וואָס פֿײַוויש ווייסט, אַז צווישן מיכלען מיט גרוניען איז עס געווען אַ פֿריִער אָפּגערעדטע זאַך, נאָך פֿאַר איטשעס אַראָפּקומען אַהער. ווען ניט, וואָלט איטשע בײַ אים שלעכט אָפּגעשניטן פֿאַר אַזאַ שאַדכאָנעס. ס'האָט אים בעפּיירעש אָפּגעגליקט, רעב איטשען.

— אין טאָג פֿון דער כאַסענע האָט פֿון סאַמע אינדערפֿרי זיך שוין געהאַט געטומלט אין דאָרף.

געגרייט האָט מען די כאַסענע, ווי אַלע יאָמטויווים, אין קלוב, און אָנגעפֿירט מיט

דער צוגרייטונג האָט ניט קיין רעטשיצער
און ניט קיין נאַרווילער, נאָר אַליין דער פּאַר־
זיצער פון קאַלווירט, לייזער „סעטלמענט״.
דעם דאָזיקן צונאָמען זײַנעם האָט ער היינט
געוויס פאַרדינט. דעם גאַנצענעם טאָג איז
ער געווען פאַרנומען דערמיט, וויאַזוי שליסן
אַן ענדגילטיקן שאַלעם צווישן די בײדע גאַסן.
לייזער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז ניט אַלע
פּרופערס זײַנען פון אָנפאַנג אײַנגעגאַנגען
אױפן דאָזיקן שידער, און ניט װײַל זיי האָבן
עפּעס צו גרוניען. זי איז בעפיירעש אַ ווייל
ווײַבל. זי איז אָבער פון „יענער״ גאַס. דערי־
קער האָט געקערט ווילטן פּיווייש. זיך אַפּי־
לע אָפּגעזאָגט קומען אַף דער כאַסענע. די
נאַרווילער איז דער שידער גלײַך געווען גע־
פעלן. מיכל איז זיי געוואָרן נעענטער פון
אַן אייגענעם פעטער.

אויסער לייזערן איז געווען אין דאָרף
נאָך אײנער אַ מענטש, וואָס איז געווען ביז
גאָר צופרידן פונעם שאַלעם פון די בײדע
גאַסן. דאָס איז געווען באָרעך באַקאַלייניק,
רעב איטשעס געוועזענער שוטעף פון דער
זאַליאַזנער קלייט בא זײַ אין שטעטל בייסן
נעפּ. באָרעך האָט זײַן צופרידנקײַט ניט
אויסבאַהאַלטן אַפילע פון פּיווּישן, ער האָט
עס גאַנץ אָפן אַרויסגעוויזן. דעם גאַנצן טאָג
איז ער געווען אַף די פיס, געהאָרעוועט פּאַר
צען! געהאָלפן אויספּוצן דעם קלוב, אַראָפּ־
געבראַכט פון דעם ווײַטלעכן ראַיאָנעם צענ־
טער אַן אָרקעסטער, אומגעגאַנגען פון שטוב
צו שטוב און אָלעמען דערמאָנט, מע זאָל
ניט פאַרגעסן פאַרכאַפּן מיט זיך שטולן און
טאַבורעטקעס, ס׳זאָל זײַן אַף וואָס צו זיצן,
און נאָך פאַרשיידענע אַנדערע אַרבעטן און
שליכעס.

דער מיזיניק פון די פּרופערס, הירשקע,
איז אויך ניט געזעסן מיט צונויפגעלייגטע
הענט. זײַן זאָך איז געווען באַזאָרגן די כאַ־
סענע־וועטשערע מיט ווײַן. ער האָט אויס־
געליידיקט די דאָרפישע קלייט, ניט איבער־
געלאָזט דאָרט קיין פלעשל ווײַן אַפילע אַף
אַ רעפּוע. און כאָטש הירשקע איז ניט גע־
ווען שטאַרק צופרידן פון דעם שידער, דאָך
האָט ער זיך ניט אָפּגעזאָגט מאַכן היינט אַ
פּאָר מאָל אַ שנעפּסל מיט די נאַרווילער.

ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן טונקלען, האָט
דער אוילעם זיך אַ צי געטאָן אין קלוב.
אַרום די יאָמטעוודיק געדעקטע טישן האָבן
זיך אויסגעזעצט די קאַלווירטניקעס מיט
זייערע מישפּאָכעס ניט ווי ביז אַהער —
רעטשיצער מיט רעטשיצער, נאַרווילער מיט
נאַרווילער, נאָר אַלע צוזאַמען, אָן אונטער־
שייד. די אופגעהאַנגענע בליצלאָמפּן האָבן
געגאָסן אַ העלע שײַן אַף די מילך־ווײַסע
טישטעכער און זייערע שטראַלן האָבן דורך
די פענצטער דורכגעשלאָגן אַ וועג צום
שנייִיקן דרויסן. אַף דער אויסגעפּוצטער בי־
נע האָבן די קלעזמאָרים געגרייט זייער קליי־
זײַען.

ווען אַלע זײַנען שוין געזעסן בא די טישן,
איז אַרײַנגעפלויגן באָרעך באַקאַלייניק מיט
דער בסורע, אַז עס גייען כאַסן־קאַלע.

מיכל איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן
גאַרניטער און אין גלאַנציק אויסגעפּוצטע
כראָמאָווע שטיוול. וויאַזוי ער האָט זיך ניט
באַמיט אויסבאַהאַלטן דעם שמייכל, איז ער
אָבער בא אים אַרויסגעקראָכן ניט נאָר פון
די העלע אויגן און ברייטלעכע נאָזלעכער,
נאָר, דאַכט זיך, אויך פון יעדעס הערל פון
דער פיין צוגעקעמטער באָרד.

אַף דער מומען איז געווען אַ סאַמעטענע
קלייד און אַ גרויסער באַנט קאָרעלן אַף דער
הויכער ברוסט. פון אונטער דעם געקרײַזלטן
קאָפּ האָר האָבן אַרויסגעפינקלט אַ פּאָר קליי־
ניקע גאָלדענע אוירינגלעך.

צוזאַמען מיטן פעטער מיכלען און מיט
דער נײַער מומען זײַנען געקומען די פּרו־
פערס. אַלע ביז איינעם אָנגעטאָן, ווי מיכל,
אין שוואַרצע גאַרניטערס און הארט אָנגע־
קראָכמאַליעטע ווײַסע העמדער מיט בונטע
אויסבינדער. פון הינטן איז נאָכגעגאַנגען
איטשע. הירשקע האָט מײַסע מעכוטן אָנגע־
נומען אים אונטער דער האַנט און שטיל
געוואָרנט:

— רעב איטשע, איר זאָלט, כאָלילע,
ניט קלערן זיך אופירן דאָ ווי אַ שאַדכן,
וואָרעם איר וועט נאָכדעם האָבן צו טאָן מיט
מיר, — און ער האָט דערבײַ שטײַף, איטשע
זאָל דערפילן, אים אַ קוועטש געטאָן די האַנט.
איטשע האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז
ניט מער, ווי אַ שפּאַס. פונדעסטוועגן האָט
ער אַף יעדן פאַל אויסגעקליבן זיך אַן אָרט
באַם טיש וואָס ווײַטער פון הירשקען און
דעם גאַנצן אָוונט ניט אופגעהערט זיך פרעגן,
צי וועלן מיכל מיט גרוניען אים עפּעס בא־
צאָלן פאַרן שידער, צי ס׳איז ניטאָ וועגן דעם
וואָס צו טראַכטן.

די כאַסענע־וועטשערע איז געווען אין
פולן ברען. מע האָט געשניטן די קיילעטשן,
געקלאַפּט מיט די גאָפּל און מעסער, און
פון אַלע זײַטן טיש זיך געצויגן צו מיכלען
און גרוניען מיט אָנגעגאָסענע גלעזער
ווײַן.

— מיט מאַזל, רעב מיכל, מיט מאַזל
אײַך, גרוניע.

— ס׳זאָל זײַן אין אַ מאַזלדיקער שאָ.

— אָמיין, — האָט פון עק טיש זיך גע־
לאָזט הערן רעב איטשע.

נאָר הירשקע האָט אים גלײַך אָפּגעשטעלט:

— דאָ איז ניט קיין בעסמעדרעש, רעב איטשע, דאָ איז א קלוב.

פון א ווײַטן ווינקל האָט זיך דערטראָגן א דינע שטים:

— איך וויל אויסטרינקען פאר דעם, אז איבעראיאָר זאָל בא אונדז ווידער זײַן אזא זומער, ווי הײַנטיקס יאָר, ס'זאָלן צו דער צײַט גיין רעגנס און עס זאָלן ניט בלאָזן קיין סוכאָווייען.

— און די נאָרווילער, — איז הירשקע ארײַנגעפאלן יענעם אין די רייד, — זאָלן ארבעטן באגלײַך מיט אונדז, ניט ארופוואלגערן אלץ, ווי אין די פריערדיקע יאָרן, בלויז אף אונדז.

— ווען האָבן מיר געארבעט ווייניקער פון אײַך? — זײַנען אָנגעפאלן די נאָרווילער אף דעם שוין היפּש בעגילופנדיקן הירשקען.

— בופלאקס, ווען האָסטו געהאָרעוועט מער פון מיר?

הירשקע האָט אָנגעשטעלט אף דעם נאָרוילער, וועלכער האָט אים אָנגערופן בופלאקס, א פּאָר אויגן, אז דאָס בלוט האָט געקאָנט בא יענעם פארקילט ווערן. לײזער האָט געפילט, ווי די לופט נעמט ווערן אָנגעגליט. ס'האָבן זיך באגעגנט צוויי אָנגעלאָדענע וואָלקנס און ס'וועט באלד נעמען בליצן און דונערן. לײזער האָט זיך געריכט דערויף. קעדיי אויסמײַדן דעם שטורעם, האָט ער אָפּגערוקט פון הירשקען די אָנגעגאָסענע גלאָז ווײַן און הארב, אפן מיליטערישן אויפן, באפוילן:

— גענוג דיר טרינקען! ביסט דאָך שוין טויט-שיקער!

— ווער? איך? הירשקע איז נאָך קיינמאָל ניט געוואָרן שיקער פון ווײַן. שיקער ווערט מען פון פרייד און ניט פון ווײַן. איאָ, רעב איטשע? באָרעך, פארוואָס שווײַגט דײַן קאפעלע? זאָלן זיי מיר אויסשפּילן דאָס לידעלע „כאשקע". — הירשקע האָט פארגלאָצט די אויגן, אָנגעבלאָזןביידע באקן, ווי ער זאָל מיט עפּעס דורכשווענקען דעם האלדז, און פארצויגן מיט א געציקלטער כאזאָנישער שטים:

אונ ווען די לעוואָנע געוועזן איז א וויכאָדנאיא
און פינצטער איז געוועזן אף דער גאס...

און דער גאנצער עולם באם טיש האָט אונטערגעכאפּט דאָס פריילעכע האלב-יידיש, האלב-רוסיש לידל „כאשקע".

דאכט זיך, אז די וואָלקנס זײַנען זיך פאנאנדערגעגאנגען, האָט לײזער א קלער געטאָן, און ער קאָן אָנהייבן זײַן רעדע, צו וועלכער ער האָט באצײַטנס זיך צוגעגרייט:

— כאווײרים קאָלווירטניקעס און קאָלווירטניצעס. הײַנט איז בא אונדז, ווי איר ווייסט, ניט סטאם קיין געוויינלעכע כאסענע. הײַנט האָבן מיר ענדלעך געמאכט א סאָף מיטן פאנאנדערטיילן אונדזער דאָרף אף צוויי פײַנטלעכע גאסן. אומזיסט, הירשקע, ווארפסטו אויס די נאָרווילער זייער אמאָליקן ייִכעס. יאָ, כאווערטע גרוניע פון „יענער" גאס האָט אמאָליקע יאָרן געהאט בא זיך אין נאָרוויל א קלייטל, געהאנדלט דאָרט מיט כיילעוונע ליכטלעך. נו, איז וואָס? איצטער אָבער איז די כאווערטע גרוניע א קאָלווירטניצע און האָט פארדינט פארן זומער, ווי דער כאווער מיכל זאָגט, קאָן טרודאָדני נאָדן. און פאר קאָן טרודאָדני האָט זי געקראָגן הונדערט זעכציק פּוד ווייץ. און...

— גענוג!!

אלע האָבן זיך אומגעקוקט צו דער טיר, ווו ס'איז געשטאנען דער נאָרוואָס ארײַנגעקומענער פּײַוויש.

אויב פארן פעטער מיכלען האָבן די פּרופּערס גרויס דערעכערעץ, איז פאר דעם פעטער פּײַווישן האָט מען מוירע. קיינער פון די פּרופּערס האָט נאָך ניט געוואגט ריידן אים אנטקעגן.

לײזער האָט זיך א רעגע פארלוירן, ניט געווען זיכער, צי וועט אים דאָס מאָל געלינגען בײַקומען דעם שטורעם.

נאָר דאָ האָט זיך מיטאמאָל דערהערט באָרעכס אויסגעשריי:

— דער פעטער מיכל וויל ריידן.

לײזער האָט זיך אין דעם אָנגעכאפּט, ווי אין א רעטונג, און ער האָט וואָגיק, ווי ער פירט זיך אויף אף די קאָלווירטישע פארזאמלונגען, געמאָלדן:

— א וואָרט באקומט דער כאווער מיכל.

מיכל האָט זיך אופגעהויבן פון טיש און ניט אָפּגעפירט פון פּײַווישן דעם אָנגעשטרענגטן בליק.

אזוי זײַנען זיי געשטאנען איינער קעגן דעם אנדערן, ווי צוויי צאפּן, וואָס וועלן זיך באלד צעבוצקען מיט די הערנער, אזש פונקען וועלן פליִען.

דער ערשטער איז אָפּגעטראָטן פּײַוויש.

— מײַנע טײַערע פרײַנט, — האָט מיכל געלאָסן זיך אָנגערופן, ווען פּײַוויש בלאָזזאק האָט מיט א קלאַפּ פון דער דרויסן-טיר פארלאָזט דעם קלוב. — ערשטנס, וויל איך אײַך אלעמען אָפּדאנקען, וואָס איר זײַט געקומען הײַנט אהער. גאָלדענע ווערטער האָט געזאָגט אונדזער פאָרזיצער. מיר זײַנען דאָ איין מישפּאָכע. וואָס שײַך פּויליאקעס, ליי-

דיקגייער, פאסקודניאקעס און דעסגלײַכן, איז פון וועלכער גאס זיי זאָלן ניט זײַן, וויל איך מיט זיי ניט האָבן צו טאָן. זיי זײַנען פאר מיר א פרעמדער עלעמענט. און כאָטש פײַוויש איז מיר אן אייגענער ברודער... — מיכל האָט זיך א ווײַלע פארקלערט, צי זאָל ער ארויסגעבן דעם סאָד, דערציילן, אז פײַוויש האָט הײַנטיקן זומער קימאט ניט געארבעט, עס זאָל ניט זײַן קיין שאנד פאר די נאָרווילער, האָבן אלע פרופערס אראָפגעשריבן פון זייער פארדינסט לעטויוועס פײַווישן א פײַן ביסל טרודאָדני. — לאָמיר אופהערן אויסווארפן איינער דעם צווייטן דעם אמאָל, — מיכל האָט פאָרגעזעצט, ווי ער זאָל געווען פארגעסן, בא וואָס האָט ער זיך געהאט אָפגעשטעלט, — און אופהערן רופן אונדזערע צוויי גאסן מיט די צוגעטראכטע נעמען, וועלכע האָבן צו אונדז ניט דעם מינדסטן שײַכעס אפילע. פריטשאָם טוט קיטײַ און יאפּאָניע? בעקיצער, מײַנע טײַערע פרײַנט: לעכאַים.

— לעכאַים, פעטער מיכל.

— לעכאַים, מומע גרוניע.

מע האָט ווידער געהויבן טאָסטן, צוגעוווּנטשן מיכלען מיט גרוניען דערלעבן ביז דער אלוועלטלעכער רעוואָליוציע און אויסגעזונגען ביז הייזעריק ווערן אלע לידער און ניגונים, וואָס מע האָט געקענט.

צולעצט, אז ס'האָט זיך אײַנגעשטילט א ביסל דער טומל באם טיש און די קלעזמאָרים אף דער בינע האָבן א ווײַלע אָפּגערוט, האָט געבעטן א וואָרט די מומע גרוניע.

— איך טראָג ארײַן פון מײַן פארדינסט, — האָט זי שטיל און פארשעמט ארויסגעבראכט, — פיר צענטנער ווייץ צושטײַער אף דער באָד, וואָס מיר קלײַבן זיך בא אונדז דאָ בויען.

און כאָטש ס'האָט אויסגעבראָכן א געלעכטער, האָט עס ניט געשטערט, אז ס'זאָלן גלײַך נאָך גרוניען זיך אָפּרופן נאָך עטלעכע נאָרווילער און רעטשיצער:

— איך גיב פינף צענטנער.

— מיך, כאווער לייזער, פארשרײַבט. איך טראָג אויך ארײַן פינף צענטנער.

— איין רעגע נאָר, — לייזער האָט אָפּגעזוכט בא זיך אין די קעשענעס א צעקנייטשט בלעטל פאפיר און א בלײַער. — א קלוגע זאך האָט צוגעקלערט די כאווערטע גרוניע. מיר ווען פארקויפן דער קאָאָפעראציע דאָס ברויט, וואָס מיר טראָגן ארײַן, און זאָל זי אונדז באזאָרגן מיט געהילץ, מיט קראנען, שעפעלעך און מיט אלעם איבעריקן, וואָס עס דארף זײַן אין א באָד. דער כאווער באָרעך טראָגט ארײַן פינף צענטנער. ווער ווײַטער?

— אויב מיט א מיקווע, — האָט געגעבן א זינג אויס הירשקע, — טראָג איך ארײַן וויפל די מומע גרוניע. פיר צענטנער. אויב אָן א מיקווע איז פארשרײַבט מיר, כאווער לייזער, פיר מיט א האלבן.

— און מיך פארשרײַבט...

פון יענער זײַט פענצטער האָט געשאָטן א לײַכטער פוכיקער שניי, זיך אויסגעלייגט אין א שליטוועגס, ווי צו ווײַנאכט.

לידער פון אונדזערע לייענער

הערשל באראז
(ראַסטאָוו)

ווען עס בליט דער קאָרן

מיטן ערשטן שטראַל, באַגינען,
ווי אין יונגע יאָרן,
קום איך צו דעם פעלד דעם גרינעם,
ווען עס בליט דער קאָרן.

יונגער קאָרן — גרינער זייַד,
וויַיסער צוויט מיט רויטן!
אַך, ער שמעקט אין יענער ציַיט
מיט מייַן מאַמעס ברויטן.

ברויט פון קאָרן, קאָרנברויט —
קאָן מען דאָס פאַרגעסן?
גרויס עס איז געווען די נויט,
זאַט מע פלעגט ניט עסן.

„האַיאָר זיַין גענוג וועט ברויט" —
סוידען זיך די זאַנגען.
קינדער ווייסן ניט פון נויט —
קאָן מען מער פאַרלאַנגען?

דאַס גאָלדענע פישעלע

צום טיַיך דאָן-פאָטערל כ'בין געגאַנגען,
א גאָלדן פישעלע צו פאַנגען.
האָט זיך אַרויסגעוויזן:
מייַן נעץ איז א ביסעלע צעריסן.
בין איך געלאָפן צום וועלדל דעם נייַעם
בא דער שלאַנקער יאָדלע א שטעכלקע ליַיען,

בא די וואָלקנס געבעטן, זיי מאַמעש
פאַרשוווערט,
דורכלאָזן א שטראַלעכל שיַין צו דער ערד,
וועל איך מיט א גרינער נאָדל,
מיט א ריינעם גינגאָלדענעם פאָדעם
די נעץ מייַנע פאַריכטן א ביסל,
עפשער וועל איך כאַפּן דאָס גאָלדענע פישל...

געשוואָרן — ניט פאַרגעסן

מייַן פרוי ליזען, וועלכע איז
אומגעקומען אין אָשווענטשים

אַף יאָרציַיט קיין אָשוועטשים כ'פאָר,
צו די באַראַקן צווישן דראָטן.
ניט שווער פאַרשטיין — איך נאָר זיך אָפּ,
און דאָך — עס פלאָנטערט זיך אין קאָפּ:
עפשער פאָרט — א שפור, דיַין שאָטן...

ביסט אוועק,
איך זאָל דיך ניט פאַרגעסן.
כ'האָב געשווירן
אַלץ געדענקען,
האַלטן אינעם אויג די נייַע הענקער,
אָט די נייַע היטלערס און עסעסן!

א פאָלקס-מאָטיוו

בא א שוואַרץ-אויגיק מיידל,
אין א בלוי-צעקוויטעט קליידל,
בעקעלעך — רויטינקע מאַראַנצן,
בעט א באָכערל די האַנט,
ז׳ זאָל גייען מיט אים באַנאַנד
אינעם קרײַז אַרײַן טאַנצן.

שווערט דער באָכער זיך דעם מיידל
אינעם בלוי-צעקווייטעט קליידל,
בעקעלעך — רויטינקע מאַראַנצן:
„מיט אַלע מיידלעך קאָן מען טאַנצן.
נאָר ליבע — בלויז אין דײַן האַרץ פלאַנצן,
קום שוין מיידל, טאַנצן״.

ענטפערט ס׳גײַוועדיק מיידל
אינעם בלוי-צעקוויטעט קליידל,
בעקעלעך — רויטינקע מאַראַנצן:
„הײַנט, מײַן פרײַנט, האָסט ניט פאַרדינט,
מיט אַלע טאַנצן זיך באַמיט,
כ׳גיי מיט דיר ניט טאַנצן״.

און אַלץ פאַרגעסן האָט דאָס מיידל
אינעם בלוי-צעקווייטעט קליידל,
בעקעלעך — רויטינקע מאַראַנצן.
אליין אין ראָד גייען די פיס,
ווי צוקער ווערט דאָס לעבן זיס,
ז׳ איז אייביק גערן טאַנצן.

דעם זיידנס ניגן

נעם, אַלטער גריל, דײַן פידעלע
און שפּיל מיר אויס א לידעלע,
אויב דו קענסט — דעם זיידנס ניגן,
שטיל אין גראָז דאָ וועל איך ליגן.

שפּיל, ס׳זאָל נעמען פאַרן האַרצן,
זאָל עס וויינען, זאָל עס שמאַרצן,
אבי די ליד זאָל מיר דערמאָנען
די היים, דעם טאַטן מיט דער מאַמען.

רויט שטערנדל

(א קינדער-ליד)

אפן קאָפּ א רויטער פלעק
שײַנט ווי א לאַמטערנדל.
דערפאַר דאָס ציגעלע — דעם שנעק,
רופט מען אָן „רויט שטערנדל״.
נאָר איידער גייט אָף פּאַשע,
כ׳ברענג דעם ציגעלע אין שטאַל
א סעכערל מיט וואַסער.
אפדערנאַכט, ווען צו דעם שלאָף,
גייט פון פעלד די טשערעדע,
שפּאַנען זאַטע רינדער, שאָף,
און מיט זיי דאָס שטערנדל.
מעך! צום טויער צוגעשפּאַרט
האָט דעם קאָפּ דאָס ציגעלע:
מילך איך האָב פאַר דיר געבראַכט.
טראָג ארויס א קריגעלע!..

מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער

צו שאָלעם-אַלייכעמס 125־טן געבורטסטאָג

מאַטעריאַלן אין דער סאָוועטישער פּרעסע

מיר זעצן פאָר דעם איבערזיכט פון מאַטעריאַלן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין דער סאָוועטישער פּרעסע און זײַנען געווידמעט דעם יובילײ פונעם גרויסן ייִדישן קלאַסיקער (דעם אָנהייב זע אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 6 ד. י.).

א ריי מאַטעריאַלן, געווידמעט שאָלעם-אַלייכעמען אין צוזאַמענהאַנג מיטן יובילײ, האָט פאַרעפנטלעכט דער „ביראָבידזשאַנער שטערן". דעם 2 מאַרט 1984 האָט די צײַטונג אָפּגעדרוקט א גאַנצע זײַט לעקאָוועד שאָלעם-אַלייכעמס 125-טן געבורטסטאָג. עס ווערן געבראַכט מאַקסים גאָרקיס באַוווּסטער בריוו צו שאָלעם-אַלייכעמען אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערשײַנען אין דער רוסישער איבערזעצונג פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס", ווי אויך אַן אויסצוג פון אַלעקסאַנדער פאַדייעווס אַרויסטרעטונג אויפן פײַערלעכן אָוונט, געווידמעט דעם 80-טן געבורטסטאָג פון שאָלעם-אַלייכעמען, אין 1939, לידער פון דאָוויד האָפשטיין און איציק פעפער.

די צײַטונג האָט אָפּגעדרוקט אַרויסזאָגונגען פון ביראָבידזשאַנער טוישווים וועגן דעם געניאַלן ייִדישן שרײַבער.

די לערערין ב. לאַזשקינא שרײַבט:

„אין זײַן פּרעכטיק ווערק „פונעם יאַריד" ווענדט זיך שאָלעם־אַלייכעם צו די קינדער, זיי זאָלן לייענען דעם דאָזיקן בוך זײַנעם — דעמלט וועלן זיי זיך דערוויסן, וויאַזוי ליב האָבן דאָס פאָלק, די רײַכקײַט פון זײַן נעשאָמע, און דאָס וועט זײַן די בעסטע מאַטאָנע דעם אווטאָר פאַר העכער דרײַסיק יאָר טרײַער מי צוגונסטן אונדזער לײַבלעכער שפּראַך און ליטעראַטור. די דאָזיקע ווענדונג האָט א שײַכעס אויך צו די סאָוועטישע מענטשן, צום איצטיקן דאָר סאָוועטישע בירגער, וועלכע פאַרווירקלעכן אין לעבן שאָלעם־אַלייכעמס טרוימען".

ב. לאַזשקינא מערקט אָפּ, אז שאָלעם-אַלייכעם האָט אָפּגעשפּיגלט אין זײַנע ווערק די רעכטלאָזיקײַט און דעם דאַלעס פונעם ייִדישן פאָלק אין צאַרישן רוסלאַנד:

„די הויפּט־העלדן פון זײַנע ווערק זײַנען „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האַסאָגעס", וועמענס טאָגטעגלעכע געדאַנקען זײַנען וועגן אייננס און דעם זעלבן — וועגן דעם פּיסנע שטיקל ברויט. לייענענדיק שאָלעם־אַלייכעמען, פילסטו מיט א באַזונדערער קראַפט, ווי גרויס עס זײַנען די מעגלעכקײַטן, וואָס די סאָוועטנמאַכט האָט געגעבן אונדז, ייִדן. צי קאָן דען זײַן עפּעס טײַערערס פאַר א מענטשן, ווי דאָס געפיל, אז דו ביסט א מענטש מיט מענטשן גלײַך, א בירגער, א פּערזענלעכקײַט, וועלכע איז נייטיק און נוצלעך דער געזעלשאַפט".

די לערערין, וועלכע האָט אָפּגעגעבן פיל יאָרן דער דערציִונג פון דעם יונגן ביראָבידזשאַנער דאָר, פאַרבינדט שאָלעם-אַלייכעמס יובילײ מיטן יובילײ פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט:

„מיר זאָגן אַצינד מיט שטאָלץ: „אונדזער היימלאַנד", „אונדזער געגנט" — טאַקע האָבנדיק אין זינען די געגנט, וועלכע האָט דערגרייכט איר גאָלדענעם יובילײ. ביראָבידזשאַן איז אונדזער שטאָלץ, און ווען דו קוקסט זיך ־אום אויפן דורכגעמאַכטן וועג, גריסטו זיך מיט דעם, וואָס דאָס ייִדישע פאָלק האָט דעראָבערט פאַר די יאָרן פון דער סאָוועטנמאַכט. שאָלעם־אַלייכעם וואָלט אויך דערמיט שטאָלצירט".

די טוערין פון דער ביראָבידזשאַנער געגנטלעכער טראַנספּאָרט-אַגענטור ל. ריבינא האָט אָנגערופן איר נאָטיץ, וועלכע איז פאַרעפנטלעכט אין דעם זעלבן נומער פון „ביראָבידזשאַנער שטערן", מיט שאָלעם-אַלייכעמס ווערטער: „לאַכן איז געזונט". זי שרײַבט:

„איך בין א רוסישע פרוי, נאָר אויך מיר איז זייער טײַער דער גרויסער ייִדישער שרײַבער און הומאַניסט שאָלעם־אַלייכעם. ס׳איז ליב און טײַער זײַן וווּנדערלעכער טאַלאַנט, זײַן ליבע צום פּאָשעטן אַרבעטס־מענטשן, זײַן אינטערנאַציאָנאַליזם. נאָך אין דער יוגנט האָט ער, נאָכפאָלגנדיק די פּראָגרעסיווע טראַדיציעס פון דער ייִדישער און רוסישער רעאַליסטישער ליטעראַטור, באַשטימט זײַן אייגענעם וועג — א וועג פון א קינסטלער, וועלכער איז ענג פאַרבונדן מיטן לעבן. „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן", — האָט ער געשריבן, און אין די דאָזיקע ווערטער איז פאַראַן פונקט אַזאַ ביטערער זין, ווי אין די ווערטער פון מאָטל פּייסי דעם חזנס — „מיר איז גוט — איך בין א יאָסעם". עס האָט זיך

געפילט אין זיי שאָלעם־אַלייכעמס גרויסער אָפּטי־מיזם. זײַן געלעכטער איז געווען אַן אַרויסרוף דעם דאַלעס, דער אונטערדריקונג פונעם פאָלק מיצאַד דעם צאַריזם. דער דאָזיקער געלעכטער האָט גע־האָלפן דעם פאָלק איבערלעבן די שווועריקײַטן, אַנט־פלעקן אין זיך די פֿאַרבאָרגענע קויכעס, געהאָלפן זוכן א וועג צו א בעסער לעבן. אזא איז געווען דער טאָך פון שאָלעם־אַלייכעמס שאַפונג, און זי איז פאַרשטענדלעך ניט נאָר פאַר די ייִדישע לייענער. איך לייען שאָלעם־אַלייכעמען אין רוסיש, ווי דער אוקראַיִנישער לייענער — אין אוקראַיִניש, דער אוז־בעקישער — אויך אַף דער אייגענער שפּראַך, און אַלעמען איז דער גרויסער ייִדישער שרײַבער ליב און טײַער".

עס טיילט זיך מיט זײַנע געדאַנקען דער מעדיצין־טוער ב. טענצער:

„מיט שאָלעם־אַלייכעמס ווערק, מיט דער וועלט, וועלכע ער האָט באַשריבן, האָב איך זיך באַקאַנט נאָך אין די קינדער־יאָרן, און פון דעמלט אָן צע־שיידן מיר זיך ניט. זײַנע העלדן ריידן מיט אונדז

2 מאַרט 1984 יאָר. ◆ בירעבידזשאַנער שטערן ◆

אַפ דער שאָלעם־
אַלייכעם־גאַס

זינאַידע לוואָוונאַ בעלמאַן, דער פּעדאַגאָג פון ייִדי־שער שפּראַך פון דער בירעבידזשאַנער פּעדשול, איז אַ גרויסע ליבהאָבערין פונעם בוך. מיר האָבן זי באַגעגנט אין דער ביכער־קראָם אַפ דער שאָלעם־אַלייכעם־גאַס, וווּ זי האָט זיך אינטערעסירט מיט נײַע אויסגאַבעס פון דער ייִדישער ליטעראַטור. מיט וועלכע ביכער אינטערעסירט זיך איצט דער קאַוואַלער פון אַ לענינ־אָרדען, דער סאַקער פונעם זאַוואָד „דאַלסעלמאַש" ראַפאַיל גריגאָריעוויטש בערסאַנ־סקי.

מיר גייען אַרויס פון דער ביכער־קראָם אַף דער גאַס. האָט געטראָגן דעם נאָמען פונעם גרויסן ייִדישן שרײַבער, קוקן מיט פרייד אַף די קוואַרטאַלן נײַע הײַזער, קוקן זיך אײַן אין די גליקלעכע פּנימער פון די בירעבידזשאַנער אײַנוווינער און זאָגן זיך: „שאָלעם־אַלייכעם, מיר דערלאַנגטן!"

די שאָלעם־אַלייכעם־גאַס אין בירעבידזשאַן איז א פּרעכטיקע און גרעמע שטאָטישע מאַגיסטראַל. זי הייבט זיך אָן פון א פּילשטאָקיקן מויער, אין וועלכן עס געפינט זיך איינער פון די עלטסטע לערן־אַנשטאַלטן אינעם געגנטלעכן צענטער — די מיטלשול נומ. 1. אַף דער דאָזיקער גאַס געפינען זיך א ריי אינדוסטריִעלע אונטערנעמונגען, וועלכע זײַנען דאָ אופגעקומען נאָך אין די דרײַסיקער יאָרן, צווישן זיי איז די עלטסטע — די ניי־פאַבריק. אין סאַמע סאָף פון דער שאָלעם־אַלייכעם־גאַס הייבט זיך אָן דער „דאַלסעלמאַש" — דאָס שײַנדל פון דער בירעבידזשאַנער אינדוסטריע, א זאַוואָד, מיט וועלכן עס שטאָל־צירט דער גאַנצער ווײַטער מיזרעך. אַף דער שאָלעם־אַלייכעם־גאַס זײַנען אין די לעצטע יאָרן אויסגע־בויט געוואָרן עטלעכע פּילשטאָקיקע געבײַדעס, דערונטער א מאָדערנע ביכער־קראָם, וווינונגס־הײַזער אאַוו.

שיין איז די שאָלעם־אַלייכעם־גאַס אין אַלע צײַטן פון יאָר, נאָר באַזונדערס פּראַכטפול איז זי אין אָט די טעג, ווען בירעבידזשאַן פײַערט דעם 50־טן געבורטסטאָג פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

פון דער בינע. מיר איז אויסגעקומען צו זען אין מאָסקווער גאָסעט די ספּעקטאַקלען „טעוויע דער מילכיקער", „200.000", „דער פאַרקישעפטער שנײַדער" און אַנדערע שטעלונגען לויט שאָלעם-אַלייכעמס ווערק, אין וועלכע ס׳האָבן געשפּילט אַזעלכע באַוווּסטע קינסטלער, ווי שלוימע מיכאָעלס און בנימין זוסקין. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט מיר געבראַכט גרויס פאַרגעניגן. און ס׳איז זייער אָנגענעם, וואָס צו שאָלעם-אַלייכעמס ווערק ווענדן זיך אָפּט אויך דער ביראָבידזשאַנער פאָלקס-טעאַטער און דער ייִדישער מוזיקאַלער קאַמער-טעאַטער. דאָס באַווײַזט, אַז אָן שאָלעם-אַלייכעמען קאָן זיך ניט באַגיין קיין איין ייִדישער טעאַטער אויך אין אונדזער צײַט".

ב. טענצער דערציילט ווײַטער, ווי אײַנגעבאַקן בא אים אין האַרצן עס זײַנען שאָלעם-אַלייכעמס העלדן, וועלכע האָבן געטרוימט וועגן א בעסער לעבן. צו אַזאַ לעבן האָבן דערלעבט די אייניקלעך און אוריינקלעך פון טעוויען, פון פּערטשיקן, פון שימען-עליען, פון שימעלע סאַראַקער:

„און אָט די טרוימען זײַנען פאַרווירקלעכט געוואָרן בלויז נאָך דער גרויסער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע. די ייִדן זײַנען איצט גלײַכבאַרעכטיקט מיט אַלע פעלקער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, די מענאַכעם-מענדלס, די „לופט-מענטשן" זײַנען אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהײַט. די ייִדן פאַרנעמען זיך הײַנט מיט נוצלעכער מי, זיי אַרבעטן אַף זאַוואָדן און אין פאַבריקן, אין דער לאַנדווירטשאַפט און אין דער קולטור, אין דער מעדיצין און אין דער וויסנשאַפט. יאָ, מיר לעבן ווי אַלע בירגער פון פּסר, און זאָלן בא די ציִעניסטן, ווו זיי זאָלן זיך ניט געפינען, — אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע צי אין ייִסראָעל, — ניט ווײַ טאָן די קעפּ פאַר אונדז. מיר זײַנען אַליין די באַלעבאַטים פון אונדזער גליקלעכן גורל".

ר. זאַסלאַווסקי, טיילנדיק זיך מיט זײַנע אײַנדרוקן פונעם יובילײ-אָוונט, וועלכער איז פאָרגעקומען אינעם ביראָבידזשאַנער שטאָטישן קולטור-פּאַלאַץ, הייבט אָן זײַן נאָטיץ אינעם „ביראָבידזשאַנער שטערן" אַזוי:

„שאָלעם-אַלייכעם איז געווען א וווּנדערלעך גליקלעכער שרײַבער — רום און ליב זײַנען צו אים געקומען נאָך דעמלט, ווען ער איז געווען אין סאַמע בלי פון זײַן גרויסן צויבערדיקן טאַלאַנט. ער האָט זיך באַוויזן אין דער ליטעראַטור פּונקט דאַן, ווען דאָס ייִדישע פאָלק האָט זיך אין אים גענייטיקט. ער איז געקומען און איז אַוועק. נאָר אַוועקגעגאַנגען איז שאָלעם ראַבינאָוויטש. שאָלעם-אַלייכעם איז געבליבן — ער איז מיט אונדז, מיט זײַן פאָלק, מיט זײַנע לייענער, וועלכע זײַנען גליקלעך פון יעדער באַגעגעניש מיט אים, מיט זײַנע אומשטערבלעכע פּערסאָנאַזשן".

אין צוזאַמענהאַנג מיטן יובילײ האָבן א סאַך סאָוועטישע צײַטונגען, וואָס גייען אַרויס אין פאַרשיידענע שפּראַכן, פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן זײַן לעבן און שאַפן. ווי באַוווּסט, האָט שאָלעם-אַלייכעם א שטיק צײַט געלעבט אין אָדעס, און ס׳איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס די אָדעסער רוסישע און אוקראַיִנישע צײַטונגען האָבן אין די יובילײ-טעג אָפּגעדרוקט אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן וועגן דעם אָדעסער פּעריאָד אינעם שרײַבערס ביאָגראַפיע. אין אָט דעם פּראַט ווילט זיך גענויער זאָגן וועגן גריגאָרי זלענקאָס אַרטיקל „א לימעד אַפן גאַנצן לעבן" („וועטשערניאַיאַ אָדעסאַ" פון 1 מאַרט 1984). דער אווטאָר מאָלט צוערשט אָן א בילד פון שאָלעם-אַלייכעמס סוויווע אין יענער צײַט:

„זי האָט זיך אַפן גאַנצן לעבן אײַנגעקריצט אין זיקאָרן, יענע דאַטשע אַפן גרויסן פאָנטאַן אין אָדעס. אינעם שכיינעסדיקן סאָד בליִען די באַרנביימער, און שטילע בינען-כאָרן קלינגען איבער זיי. א בלאַסער אולטראַמאַרין פון די איריסן. פּרעכטיקע אומבאַגרײַפלעכע רייכעס פון יונגע גראָזן. א דורכזיכטיקער בלויער הימל, וואָס גיסט זיך צונויף מיטן בלויען יאַם.

דאָ האָט ער געאַרבעט, טאָג און נאַכט געזעסן אײַנגעבויגן איבער א ריין בלעטל פּאַפּיר. דאָ האָט ער אופגענומען געסט, וועלכע פלעגן זיך יאַווען אין א גאַנצער קאַפּעלע, בעראָש מיטן „זיידן" — מיט מענדעלע מויכער-ספאָרימען. דעם „זיידן" האָט ער זייער ליב געהאַט, און זיך אַליין האָט ער געהאַלטן פאַר מענדעלעס אייניקל. אויב די געסט זײַנען געקומען צו פאָרן אין אָוונט, פלעגט ער פאָרלייגן, מע זאָל גיין צום יאַם — באַגעגענען די לעוואָנע. שפּעטער וועט שאָלעם-אַלייכעם אָנשרײַבן:

„שיין איז דער יאַם, אַז ער צעשפּילט זיך מיט אַלע זײַנע כוואַליעס באַטאָג אַף דער שײַן פון דער גינגאָלדענער זון. שיין איז ער באַם אונטערגאַנג פון דעם רויט-פײַערדיקן קוגל, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ, פאַלט אַרײַן אין אָפּגרונט אַרײַן, און אַלץ ווערט מיט פײַער באַגאָסן. אין א פּורפּור-מאַנטל ווערט אײַנגעוויקלט דער עק הימל, און א קילע שטילקײַט לאָזט זיך אַראָפּ און געוועלטיקט און הערשט אַף דער ערד. טויזנט מאָל שענער איז אָבער דער יאַם באַנאַכט, ווען עס שנײַדט זיך אויס און באַווײַזט זיך אַפן הימל דאָס ווײַסע בלאַט פון דער זילבערנער לעוואָנע און באַווײַסט און באַזילבערט מיט ווײַסן כיין און מיט זילבערנעם נאַכטקישעף די שטילע וואַסערן פונעם באַרויִקטן יאַם, וואָס קוים-קוים ער ציטערט און שפּיגלט אָפּ אין זיך די מיריאַדן פינקלדיקע שטערן... אַך, ווי גוט! אַך, ווי גוט!"

ווײַטער דערציילט דער אווטאָר וועגן שאָלעם-אַלייכעמס געשפּרעכן מיט מענדעלען, מיט ראַווניצקין, וועגן שאָלעם-אַלייכעמס ווערק, וועלכע זײַנען אָנגעשריבן אין אָדעס.

„אין דער קורצער באַשרײַבונג פון שאָלעם-אַלייכעמס לעבן און שאַפן, וואָס ווערט געגעבן אינעם לעצטן באַנד פון דעם שרײַבערס ווערק, — מערקט אָפּ ג. זלענקאָ, — איז אָנגעוויזן, אַז אין 1891 האָט ער „...אָפּגעדרוקט א ריי פאַרצייכענונגען און נאָוועלן אַף רוסיש אין דער צײַטונג „אָדעסקי ליסטאָק" און אין אַנדערע אויסגאַבעס. צום באַדויערן, איז אַפילע אין דער סאַמע גענויער קריי-

טיש־ביִאָגראַפישער פאַרצייכענונג וועגן דעם לעבן און שאַפן פונעם שרײַבער, וואָס געהערט ה. רעמעניקן (1963), די מיטאַרבעט פון שאָלעם־אַלייכעמען אין דער אָדעסער פּעריִאָדישער פּרעסע, אין טאָך גערעדט, ניט אנטפּלעקט. דאָס וואָרט נאָך אָף דעם אופמערקזאַמען פאָרשער. די פאַרעפנטלעכטע אין די אַרטיקע אויסגאַבעס פאַרצייכענונגען („לידער אין פּראָזע", די פּאָעטישע שאַפונגען „שלאָף, מײַן קינד", דער פראַגמענט פון דער פּאָעמע „פּראָגרעס און ציוויליזאַציע"), די ליטעראַטור־קריטישע אַרטיקלען („קאָמענטאַרן צו דער דיכטונג", „וויִאַזוי דער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט צו מאַכן פון פּאַפּיר שמאַטעס"), די נאָטיצן (אונטער דער אונטערשריפט „דער ביכערפּרעסער") און די פעליעטאָנען — דאָס אַלץ איז א מערקווירדיק בלעטל אין דער ביִאָגראַפיע און אין דער שאַפונג פונעם שרײַבער, זײַן אומדערמידלעכער קאַמף פאַר א ליטעראַטור פון עכטן קינסטלערישן עמעס, וואָס איינער פון די באַשטענדיקסטע שעפער פון וועלכער עס איז אין יענער צײַט געווען דער אָדעסער טויִשעוו מענדעלע מויכער־ספאָרים — שאָלעם־אַלייכעמס לערער און וועגווײַזער".

ג. זלענקאָ שרײַבט וועגן די צווישנבאַציִונגען פון שאָלעם־אַלייכעמען און מענדעלע מויכער־ספאָרימען:

„נעמלעך, דאָ אין אָדעס האָט דער זיידע געזאָגט דעם אייניקל: „א שרײַבער, ווען ער זעצט זיך שרײַבן, דאַרף ער קוידעמקאָל פרעגן זיך אליין: „וואָס וויל איך זאָגן?". דאָ, אין אָדעס, האָט מענדעלע, פאַרזשמורענדיק מיט א שמייכעלע די אויגן, געפרעגט בא שאָלעם־אַלייכעמען, צי עס הייצט זיך בא אים אין קיך דער אויוון, און, באַקומענדיק אן ענטפער, אז געוויס הייצט זיך אין אויוון, האָט ער אים געייצעט: „אויב עס הייצט זיך, טאָ נעמט און וואַרפט ארײַן, זײַט מויכל, אָט דאָס גאַנצע העפט אין אויוון ארײַן און פאַרברענט דאָס אָפן פײַער, וואָרעם דאָס איז ניט אײַער זשאַנער". פיל שפּעטער וועט דאָס אייניקל פאַרענדיקן זײַנע זיכרוינעס וועגן דעם זיידן מיט אַזעלכע ווערטער: „אַך, וואָלט מען באַדאַרפט האָבן, עס זאָל זיך אָפט הייצן בא אונדז אין אויוון אין דער צײַט, ווען מיר האַלטן אין פאַרענדיקן א בוך, וואָס אונדז ווײַזט זיך אויס, אז ס'איז אזוי גוט, וואָס בעסער קאָן שוין גאָרניט זײַן...".

א ריי מאַטעריאַלן וועגן שאָלעם־אַלייכעמען האָט פאַרעפנטלעכט אין צוזאַמענהאַנג מיטן יובּילײ די צענטראַלע פּרעסע.

די צײַטונג „סאָוועטסקאַיאַ קולטורא" האָט אינעם נומער פאַרן 11 אַפּרעל 1984 דערציילט וועגן שאָלעם־אַלייכעמס היימשטאָט פּערעיאַסלאַוו, ווו מיט עטלעכע יאָר צוריק איז געשאַפן געוואָרן א מוזיי אָף זײַן נאָמען. עס ווערט אונטערגעשטראָכן דער גרויסער פאַרדינסט פון דעם דירעקטאָר פונעם מוזייקאָמפּלעקס אין אָט דער שטאָט — מיכאַיִל איוואַנאָוויטש סיקאָרסקי. דער מעמאָריִאַלער מוזיי פון שאָלעם־אַלייכעמען איז א באַשטאַנדטייל פון אָט דעם היסטאָרישן קולטור־קאָמפּלעקס. מ. אי. סיקאָרסקי און די מיטאַרבעטער פונעם מוזיי האָבן דורכגעפירט א גרויסע אויספאָרשונגס־אַרבעט אָף צו דערלערנען דאָס לעבן און די שאַפונג פונעם ייִדישן קלאַסיקער.

— דאָס הויז, ווו שאָלעם־אַלייכעם איז געבוירן געוואָרן און האָט פאַרבראַכט זײַנע קינדער־יאָרן, — דערציילט אין דער צײַטונג דער עלטערער אינספּעקטאָר פון דער קולטור־פאַרוואַלטונג פונעם קיִעווער געגנטלעכן אויספירקאָם וו. פ. גרישעטשקינאַ, — האָט זיך ניט פאַרהיט. די ענטוזיִאַסטן האָבן אָפּגעזוכט אן ענלעך הויז. מע האָט עס איבערגעפירט, אופגעשטעלט. לויט די באַשרײַבונגען פון גוויִעס־איידעס, לויט די זיכרוינעס פונעם שרײַבער גופע, לויט אַנדערע דאָקומענטן האָט מען אופגעשטעלט א פּינקטלעכן פּלאַן פון די צימערן און די אומגעבונג פון יענער צײַט: דער גאַסט־צימער פון זײַנע עלטערן, דעם קאַבינעט פון זײַן פאָטער, דאָס פירהויז, די קיך. איצטער געפינען זיך אין דער עקספּאָזיציע 1.236 דאָקומענטן און מאַטעריאַלן, א סאַך אָריגינעלע כפייצים, וועלכע האָבן געהערט שאָלעם־אַלייכעמס מישפּאָכע. מע האָט זיי אָפּגעזוכט בא די טוישווים פונעם ראַיאָן.

„צווישן די רעליקוויעס, — שרײַבט די צײַטונג, — געפינען זיך שאָלעם־אַלייכעמס ווערק, וועלכע זײַנען דערשינען אין ייִדיש, רוסיש, אוקראַיִניש, ענגליש, פּויליש, בולגאַריש און אין אַנדערע שפּראַכן, — „בלאָנדזנדע שטערן", „מענאַכעם־מענדל", „טעוויע דער מילכיקער", „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס". א גרויסן אינטערעס שטעלן מיט זיך פאָר 38 בילדער פון באַוווּסטע קינסטלער פון אונדזער לאַנד. דער מוזיי ווערט סיסטעמאַטיש דערגאַנצט מיט נײַע עקספּאָנאַטן. צו שאָלעם־אַלייכעמס 125־טן געבורטסטאָג האָט זיך דאָ געעפנט א גרויסע אויסשטעלונג".

מיט דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ רופט זיך איבער די נאָטיץ אין דער צײַטונג „ליטעראַטורנאַיאַ ראָסיִאַ" פאַרן 13 אַפּרעל 1984 אונטערן קעפּל „אין דער היימשטאָט פונעם שרײַבער".

„אין דער אוראַלטער אוקראַיִנישער שטאָט פּערעיאַסלאַוו־כמעלניצקי, הונדערט קילאָמעטער פון קיִעוו, ווו ס'איז געבוירן געוואָרן דער אָנגעזעענער ייִדישער שרײַבער שאָלעם־אַלייכעם, איז שוין אין מעשעך פון פינף יאָר אָפן פּאַר באַזוכער א מעמאָריִאַלער מוזיי אָף זײַן נאָמען. דער מוזיי געפינט זיך אין א שטוב, וואָס מ'האָט ספּעציִעל געבראַכט פון א שכיינעסדיק דאָרף, — א טיפּיש הויז פונעם סאָף פון 19־טן יאָרהונדערט: פּינקטלעך אזא שטוב, אין וועלכער ס'האָט געדאַרפט לעבן דעם שרײַבערס מישפּאָכע.

יעדער עקספּאָנאַט, יעדע דעטאַל פונעם אינטעריער פון דעם מוזיי, וועלכע ס'האָבן מיט גרויס ליבשאַפט צונויפגעזאַמלט זײַנע מיטאַרבעטער בעראָש מיטן דירעקטאָר מ. סיקאָרסקי, דערלויבן די

באַזוכער צו דערפילן די אַטמאָספער פון א פאַרוואָרפן שטעטל אין צאַרישן רוסלאַנד, מיט זײַן נויט און דאַלעס, מיט דער רעכטלאָזיקייט פון די אײַנוווינער. גייענדיק איבער די צימערן פונעם מוזיי, דערפילסטו זיך מאַמעש באַנאַנד מיט די העלדן פון שאָלעם-אַלייכעמס ווערק — מיט טעוויע דעם מילכיקן, מיט מאָטל פּייסי דעם כאַזנס, מיט די געשטאַלטן, וואָס זײַנען באַהויכט מיט ווייכן הומאָר, מיט הייסער ליבשאַפט צום פּראָסטן האָרעפּאַשניק".

דער אווטאָר פון דער נאָטיץ שטעלט זיך אָפּ אויף אייניקע מערקווירדיקע דאָקומענטן, וועלכע זײַנען עקספּאָנירט אינעם מוזיי. ער ווײַזט אָן, אַז א באַזונדערע אויפמערקזאַמקײַט רופט אַרויס די צײַגעניש, וואָס דער יונגער שאָלעם ראַבינאָוויטש האָט באַקומען נאָכן פאַרענדיקן די פּערעיאַסלאַווער אויעזדנע אוטשילישטשע אין 1876, זײַנע פּערזענלעכע זאַכן — א שטאָק, א שירעם, ווי אויך זײַן פּען, א טינטער, א פּעקל פאַרגעלט פּאַפּיר. דאָ קאָן מען זען אויך ביכער מיט שאָלעם-אַלייכעמס אָנמערקונגען אויף די ראַנדן, עסקיזן פון דעקאָראַציעס און אַפישן צו ספּעקטאַקלען, וועלכע זײַנען אויפגעפירט געוואָרן לויט זײַנע ווערק, שאָלעם-אַלייכעמס פּאָרטרעטן. די עקספּאָזיציע פונעם מוזיי באַשײַנען א ריי ווערטפולע עקספּאָנאַטן, וועלכע ס'האָט איבערגעגעבן דעם מוזיי שאָלעם-אַלייכעמס אייניקל בעל קאַופמאַן — א באַוווּסטער אַמעריקאַנער שרײַבער, ווי אויך אַן אוניקאַלע זאַמלונג פון זײַנע ווערק, א פאַרצײַטיקע וואַזע מיטן שרײַבערס פּאָרטרעט, וועלכע ס'האָבן פּראָדוצירט די אַרבעטער פונעם פּאָלאָנער פאַרפאָר-זאַוואָד.

אין די יובילײ-טעג זײַנען אין פאַרשיידענע שטעט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד פאָרגעקומען פײַערלעכע אָוונטן.

אויפן ליטעראַרישן אָוונט, וועלכער איז פאָרגעקומען אין גרויסן זאַל פון דער קיִעווער קאָנסערוואַטאָריע, אויפן קרעשטשאַטיק, זײַנען בײַגעווען אָנגעזעענע פּאַרטיי'שע און געזעלשאַפטלעכע טוער: דער פאָרטרעטער פונעם פאַרוואַלטער פון קולטור-אָפּטייל פונעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון אוקראַיִנע וו. פּ. סקאָמאַראָווסקי, דער סעקרעטאַר פון דעם קיִעווער שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי ד. ב. גאָלאָווקאָ, דער ערשטער שטעלפאָרטרעטער פונעם קולטור-מיניסטער פון אוקראַיִנע ס. א. קאָווטאָניוק און אַנדערע.

מיט אַן אַרײַנפיר-רעדע, געווידמעט שאָלעם-אַלייכעמען, איז אַרויסגעטראָטן דער באַוווּסטער אוקראַיִנישער דיכטער, לאַורעאַט פון דער מעלוכישער שעווטשענקאָ-פּרעמיע דמיטראָ פּאַוולישקאָ. א פּאָרטראָג, געווידמעט דעם לעבן און שאַפן פון שאָלעם-אַלייכעמען, האָט געהאַלטן דער מיטגליד פון פּרעזידיום פונעם שרײַבער-פאַריין פון אוקראַיִנע, מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" הערשל פּאָליאַנקער. מיט רעדעס זײַנען אַרויסגעטראָטן די געסט פון מאָסקווע, מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג פונעם אַלפאַרבאַנדישן שרײַבער-פאַרבאַנד — דער הויפּט-רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" אַרן ווערגעליס און דער רוסישער שרײַבער-הומאָריסט לעאָניד לענטש. ווי אַן איבערוף פון טיפער אַכטונג צום גרויסן שרײַבער און ווי אַן אויסדרוק פון דער ברידערלעכער פרײַנטשאַפט מיט דער ייִדישער ליטעראַטור האָבן דורכגעקלונגען די רעדעס פון די פאָרשטייער פון דער אוקראַיִנישער ליטעראַטור — פונעם סאַטיריקער אָלעג טשערנאָהוז און פון דעם לאַורעאַט פון דער מעלוכע-פּרעמיע אויף שעווטשענקאָס נאָמען וואָלאָדימיר יאַוואָרסקי. די פּאָעטישע שאַפונגען, געווידמעט שאָלעם-אַלייכעמען, האָבן געקלונגען אין דרײַ שפּראַכן — אוקראַיִניש, ייִדיש, רוסיש. עס האָבן געלייענט זייערע לידער די קיִעווער דיכטער לעאָניד ווישעסלאַווסקי, סטאַניסלאַוו זינטשוק, פּעטראָ אָסאַדטשוק, מישע מאָגילעוויטש.

דער יובילײ-אָוונט האָט זיך פאַרענדיקט מיט א גרויסן קאָנצערט.

אין א טאָג אַרום זײַנען די שאָלעם-אַלייכעם-פײַערונגען פאַרגעזעצט געוואָרן אין שאָלעם-אַלייכעמס געבורטשטאָט פּערעיאַסלאַוו, וווּהין עס איז אַרויסגעפאָרן א גרויסע גרופּע שרײַבער פון קיִעוו צוזאַמען מיט די געסט פון מאָסקווע און פון אַנדערע שטעט. דאָ זײַנען די פאַרזאַמלטע בײַגעווען אויף דער אַנטהילונג פון אַן אָנדענק-צייכן דעם גרויסן שריפטשטעלער — א ביוסט פון ווײַסן מירמלשטיין, וועלכן עס האָט געשאַפן דער מאָסקווער סקולפּטאָר, סעקרעטאַר פונעם פאַרבאַנד פון די קינסטלער פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע מיכאַיִל אַלטשולער.

דער אווטאָר פונעם דענקמאָל, אַליין א געבוירענער אין פּערעיאַסלאַוו, האָט געשענקט דאָס ווערק זײַנע לאַנדסלײַט אַלס א מאַטאָנע. דער דענקמאָל איז אײַנגעשטעלט אויף א ראַכוועסדיק אָרט באַם אַרײַנגאַנג אינעם מוזיי. די אָנטיילנעמער פון דער יובילײ-פײַערונג האָבן פאַרפלאַנצט אַרום שאָלעם-אַלייכעמס סקולפּטור א וועלדל פון 125 יונגע דעמבעס.

אין דעם זעלבן טאָג איז אין פּערעיאַסלאַווער קולטור-הויז פאָרגעקומען א גרויסער שאָלעם-אַלייכעם-אָוונט, אויף וועלכן ס'זײַנען

געקומען די אײַנוווינער פון דער שטאָט. געעפנט די פײַערונג האָט דער פאָרזיצער פונעם פערעיאסלאַוו-כמעלניצקער שטאָטסאָוועט אָ. אי. יעפימענקאָ. דערנאָך זײַנען ארויסגעטראָטן די שרײַבער דמיטראָ פּאַווליטשקאָ, ארן ווערגעליס, הערשל פּאָליאנקער, נאָטע לוריע, סטאַניסלאַוו זינטשוק, פּעטראָ אָסאַדטשוק, פּיניע קיריטשאַנסקי, מישע מאָגילעוויטש.

אפן אָוונט זײַנען בײַגעווען די סעקרעטאַרן פונעם שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי געאָרגי דאָמניטש, טאַטיאַנאַ ביליאָבראָדסקאַ, דער פאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פון דעם קיִעווער געגנט-אויספירקאָם ליודמילאַ כאַראַזאָוואַ, דער דירעקטאָר פון די פערעיאסלאַווער מוזייען און גרינדער פונעם שאָלעם-אַלייכעם-מעמאָריאַל מיכאַיִל סיקאָרסקי.

ספּעציעל צו דער פײַערונג איז אין פאָיע פונעם קולטור-הויז געווען עקספּאָנירט אַן אויסשטעלונג פון גראַפיק און אַקוואַרעלן פון די קינסטלער טאַנכום קאַפּלאַן, מענדל גאָרשמאַן, מייער אַקסעלראָד אַף סוזשעטן פון שאָלעם-אַלייכעמס ווערק.

מיטיילונגען וועגן די יובילֵיי-פײַערונגען האָבן פאַרעפנטלעכט די קיִעווער צײַטונגען און זשורנאַלן, ס'האָבן דערציילט וועגן זיי די רעפּובליקאַנישע ראַדיאָ און טעלעוויזיע.

אין מאָסקווע איז פאָרגעקומען אַ גרויסער שאָלעם-אַלייכעם-אָוונט אינעם צענטראַלן ליטעראַטן-הויז אַף אַלעקסאַנדער פאַדייעווס נאָמען.

דער פאָרזיצנדער אפן אָוונט, דער סעקרעטאַר פון דער פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער-פאַרבאַנד פון פססר סערגיי באַרוזדין האָט אין זײַן ארײַנפיר-וואָרט אָפּגעמערקט די באַדײַטונג פון שאָלעם-אַלייכעמס שאַפונג, זײַן ראָליע אין דער אַנטוויקלונג פונעם אַלוועלטלעכן ליטעראַרישן פּראָצעס באַנאַנד מיט אַזעלכע קלאַסיקער פון דער ליטעראַטור פון פאַרשיידענע פעלקער, ווי טשעכאָוו, לו סין, דיקענס, מאַרק טווען.

וועגן שאָלעם-אַלייכעמס ווערק, וועלכע זײַנען דורכגעדרונגען מיטן גײַסט פון אינטערנאַציאָנאַליזם און הומאַניזם און זײַנען אַקטועל אויך אין אונדזערע טעג, האָבן גערעדט דער סעקרעטאַר פון דער פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער-פאַרבאַנד פון פססר יורי ווערטשענקאָ, דער הויפּט-רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ ארן ווערגעליס, דער פאָרזיצער פונעם אַנטיציִוניסטישן קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקײַט, צווייַ מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד דאַוויד דראַגונסקי, די שרײַבער לעאָניד לענטש

מ. אלטשולער. שאָלעם-אַלייכעם

(מאָסקווע), אַנאַטאָלי מאָראָז (אוקראַיִנע), לעאָניד דיינעקאָ (ווײַסרוסלאַנד). אין פּרעזידיום פונעם אָוונט זײַנען אײַנגעלאַדן געוואָרן דער פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער-פאַרבאַנד פון רספסר סערגיי מיכאַלקאָוו, די שרײַבער אַנאַטאָלי ריבאַקאָוו, אַלעקסאַנדער באָרשטשאַגאָווסקי און אַנדערע.

אין פאָיע פונעם צענטראַלן ליטעראַטן-הויז איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אויסשטעלונג פון שאָלעם-אַלייכעמס ווערק אין פאַרשיידענע שפּראַכן.

דער אָוונט האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ גרויסן קאָנצערט.

יובילֵיי-אָוונטן, געווידמעט שאָלעם-אַלייכעמס 125-טן געבורטסטאָג, זײַנען פאָרגעקומען אין טשערנאָוויץ, מינסק און אין אַנדערע שטעט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

קינסטלער הערש אינגער.

מאָסקווע

אילוסטראַציעס צו די ווערק
פון די ייִדישע קלאַסיקער

מענדעלע מויכער־ספאָרים.
„פישקע דער קרומער״

מענדעלע מויכער־ספאָרים.
„דער לייב״



שאָלעם-אַלייכעם. „דער יאָמטעוודיקער צימעס"

שאָלעם-אַלייכעם. האָצמאַך („בלאָנדזנדע שטערן")

שאָלעם־אַלייכעם. „קאסרילעווקער סרייפעס"



שאָלעם־אַלייכעם.
„דער פארקישעפטער שניידער"

יִיצחאַק־לייבוש פּערעץ.
„מעקובאַלים״



יִיצחאַק־לייבוש פּערעץ.
„אין פּאַליש אַף דער קייט״

מיר זעצן פאָר די אינטערוויוען מיט טוער פון דער ייִדישער טעאַטער־ און עסטראַדע־קונסט, וואָקאַלער און פאָרלייענער־קונסט אױף ייִדישע מאָטיוון אין סאָוועטנפאַרבאַנד

אינטערוויו מיטן רעזשיסער פונעם ביראָבידזשאַנער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער

בערטע שילמאַן

„סאָוועטיש היימלאַנד": צוערשט — אײנקורצן וועגן דער געשיכטע פון אײַער קאָלעקטיוו.

ב. שילמאַן: **דער טעאַטער איז געשאַפן געוואָרן אין 1968. זײַן ערשטער רעזשיסער איז געווען מוישע בענגעלסדאָרף, א פּראָפּעסיאָנעלער טוער פון דער ייִדישער בינע. דער דעמלטיקער רעפּערטואַר איז באַשטאַנען פון שאָלעם־אַלייכעמס פּיעסן „מאַזלטאָוו", „א דאָקטער" און „200.000". און פון מוישע גערשענזאָנס „הערשעלע אָסטראָפּאָליער". פאַר די דאָזיקע ספּעקטאַקלען האָט דער קאָלעקטיוו באַקומען דעם טיטל לאַורעאַט פונעם קאָנטישן פעסטיוואַל פון זעלבסטטעטיקער קינסטלערישער שאַפונג. איך בין געוואָרן דער רעזשיסער פונעם פאָלקס־טעאַטער אין 1971, נאָך בענגעלסדאָרפס טויט.**

בערטע שילמאַן און מיכאַיל שיין אין אַ סצענע פון ספּעקטאַקל „טעוויע דער מילכיקער"

ס. ה.: מיט וועלכע ספּעקטאַקלען האָט איר אין משך פון די דאָזיקע יאָרן פאַרברייטערט דעם רעפּערטואַר פונעם קאָלעקטיוו?

ב. שילמאַן: **מיר האָבן געשטעלט שאָלעם־אַלייכעמס „סטעמפּעניו" און „טעוויע דער מילכיקער", אַווראָם גאָלדפאַדענס „די קישעפמאַכערן", לעאָניד לעאָנאָווס „אינוואַזיע", סערגיי מיכאַלקאָווס „דער רויטער האַלדזטוך", בוזי מילערס „פונעם הימל פאַלט גאָרניט אַראָפּ" און „33 גיבוירים". פאַר די ספּעקטאַקלען „סטעמפּעניו" און „די קישעפמאַכערן" האָט דער טעאַטער אין 1977 באַקומען אױפן זאָנאַלן קאָנקורס אין וולאַדיוואָסטאָק דעם טיטל לאַורעאַט פונעם אַלפאַרבאַנדישן און אַלרוסלענדישן פעסטיוואַלן פון זעלבסטטעטיקער קינסטלערישער שאַפונג פון די אַרבעטנדיקע.**

ס. ה.: אײַער פאָלקס־טעאַטער איז בלויז א דראַמאַטישער?

ב. שילמאַן: **יאָ. די ביראָבידזשאַנער שוישפּילער פון אַנדערע זשאַנרען נעמען אָנטייל אין אַנדערע שעפערישע קאָלעקטיוון.**

ס. ה.: און ווער זײַנען די הײַנטיקע אָנטיילנעמער פון אײַער קאָלעקטיוו?

ב. שילמאַן: **זייער צאָל איז ניט צו גרויס. אונדזערע וועטעראַנען זײַנען מאַקס און כײַע עפּשטיין, מיכאַיל שיין, יאַקאָוו ציפּערמאַן, שנייער קאָניק, באָריס כאָלין, אָלגע פּימענאָווע, נינע פּאָליאַק, גאַלינע אַדאַמאָווע, בעטיע גערשקאָווע. אין די לעצטע יאָרן זײַנען צו אונדז געקומען אויך יונגע ליבהאָבער פונעם ייִדישן טעאַטער: סאָפיע אַרדינע, סוועטלאַנע**

אַגאַנינע, מיכאל באַרונאָוו, אַליק יאַרמאַקאָוו, אַניע יאַסנאָגאָראָדסקאַיאַ, אָלעג ריס. אונדזערע אַקטיאָרן זײַנען אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון פאַרשיידענע אונטערנעמונגען און אַנשטאַלטן פון דער שטאָט ביראָבידזשאַן. צוויי אָנטיילנעמער פונעם קאָלעקטיוו — ש. קאַניק און ב. גערשקאָוויץ זײַנען פּראָפעסיאָנעל פאַרבונדן מיט דער ייִדישער קולטור — זיי אַרבעטן אין דער רעדאַקציע פון דער געגנטלעכער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן".

ס. ה.: ווו טרעט אַרויס דער פאָלקס־טעאַטער?

ב. שילמאַן: אין די שטעט, יישובים און דערפער פון אונדזער געגנט און אין די גרעסטע צענטערס פונעם סאָוועטישן ווײַטן מיזרעך — כאַבאַראָווסק און וולאַדיוואָסטאָק. אונדזערע ספּעקטאַקלען טראַנסלירט אויך די געגנטלעכע ייִדישע ראַדיאָ.

ס. ה.: וואָס שטעלט איר אַצינד?

ב. שילמאַן: צום 125־טן געבורטסטאָג פון שאָלעם־עליכעמען האָבן מיר צוגעגרייט אַ פּראָגראַם, וועלכע איז צונויפגעשטעלט פון פראַגמענטן פון זײַנע פּיעסן. אין די טעג פונעם 50־יאָריקן יוביליי פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט וועלן מיר באַווײַזן אַ ספּעקטאַקל לויט צ. סאָלאָדאַרס פּיעסע „פאַרבלענדעניש", ווי אויך אַ קאָנצערט־פּראָגראַם פון אונדזערע אַלטע ספּעקטאַקלען.

ס. ה.: ווי באַציט איר זיך צו דער ייִדישער טעאַטראַלער קלאַסיק?

ב. שילמאַן: מיר פירן אונדזערע טראַדיציעס פון מיכאָעלסעס גאָסעט. איך אַליין האָב פאַרענדיקט אין 1933 די מאָסקווער ייִדישע טעאַטראַלע שול און בין געווען אַ שילער פון שלוימע מיכאָעלסן. די שטעלונגען פונעם גאָסעט זײַנען פאַר אונדז אַ מוסטער.

ס. ה.: וואָס קאָנט איר זאָגן וועגן דער הײַנטצײַטיקער טעמאַטיק אין אײַער טעאַטער?

ב. שילמאַן: מיר פילן שטאַרק דעם מאַנגל אין אַזאַ רעפּערטואַר. אכוץ די צוויי דערמאָנטע פּיעסן פון אונדזער בען־איר בוזי מילער, האָבן מיר ניט קיין אָריגינעלן ייִדישן דראַמאַטישן מאַטעריאַל אויף דער הײַנטצײַטיקער טעמאַטיק.

ס. ה.: וועלכע שפּראַכן דאַרפן, לויט אײַער מיינונג, ווערן באַנוצט אין דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער בינע?

ב. שילמאַן: ייִדיש, בלויז ייִדיש.

אינטערוויו מיטן אַקטיאָר פונעם מאָסקווער רוסישן טעאַטער פון מיניאַטיורן ראָמאַן קאַרצעוו

ס. ה.: אײַער מאָנאָספּעקטאַקל „אָפּריכטיק אײַערער...", אין וועלכן עס גייען אַרײַן פראַגמענטן פון די ווערק פון א. טשעכאָוו, שאָלעם־עליכעמען, מ. זאָשטשענקאָ און מ. זשוואַנעצקין, באַווײַזט איר שוין ווײַט ניט דאָס ערשטע מאָל. אָבער אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פײַערונג פונעם 125־טן געבורטסטאָג פון שאָלעם־עליכעמען ווילן מיר שטעלן אײַן עטלעכע פראַגן.

דערציילט, ביטע, וועגן דעם, וויאַזוי עס איז אַנטשטאַנען אָט די פּראָגראַם.

ר. קאַרצעוו: אויב זאָגן דעם עמעס, איז די פּראָגראַם געבוירן געוואָרן צופעליק. מײַן פּאַרטניאָר איליאַ אילטשענקאָ איז אומדערוואַרט קראַנק געוואָרן. שפּילן אָן אים אונדזער אַלטע פּראָגראַם איז געווען אוממעגלעך. דעמלט איז מיר אײַנגעקומען אַ געדאַנק צו שאַפן אַ מאָנאָספּעקטאַקל. דער ספּעקטאַקל איז, זעט איר, אַנטשטאַנען צופעליק. אָבער דער אָפּקלײַב פון די אויטאָרן איז אַ געזעצמעסיקער. כ'האָב אײַנגעשלאָסן אין דער פּראָגראַם מײַנע באַליבטע הומאָריסטן. לעכאַטשילע האָט דער מאָנאָספּעקטאַקל אַנטהאַלטן פראַגמענטן פון טשעכאָוון, שאָלעם־עליכעמען און זאָשטשענקאָן, שפּעטער האָב איך אײַנגעשלאָסן אויך מיכאל זשוואַנעצקין. מיט זשוואַנעצקין בין איך שעפעריש פאַרבונדן און שעץ אים זייער הויך.

ס. ה.: לויט וועלכן פּרינציפּ האָט איר אָפּגעקליבן די ווערק פון שאָלעם־עליכעמען פאַר אײַער ספּעקטאַקל?

ר. קאַרצעוו: איך האָב געהאַט אין זינען די אַלגעמיינע סטרוקטור פון דער פּראָגראַם. דאָס איז אַ ספּעקטאַקל און ניט סתּם אַן אָוונט פון הומאָר. שאָלעם־עליכעמס פראַגמענטן פון דער פּראָגראַם רופן זיך איבער מיט טשעכאָווס און זשוואַנעצקיס, האַגאַם דאָס איז ניט פאַר אַלעמען באַמערקבאַר, ווײַל דער מאַטעריאַל איז אַ גאַנץ פאַרשיידענער.

ס. ה.: אָפטמאָל פאַרגלײַכט מען דעם הומאָר פון שאָלעם־אַלייכעמען מיט טשעכאָווס הומאָר. וואָס מיינט איר וועגן דעם?

ר. קאַרצעוו: איך מיין, אַז סײַ שאָלעם־אַלייכעם, סײַ טשעכאָוו האָבן גלענצנדיק באַהערשט די גרויסע קונסט פון טראַגיקאָמיזם. טשעכאָוו איז דערבײַ פרייליכער פון שאָלעם־אַלייכעמען. שאָלעם־אַלייכעמס טרויער איז „טראַגישער“, אויסוועגלאָזער און האָט אין זיך ייִדישע נאַציאָנאַלע שטריכן. טשעכאָוו איז לאַקאָניש — אין דעם איז זײַן קויעך. שאָלעם־אַלייכעם איז באַריידעוודיקער, און אין דעם איז אויך זײַן קויעך. עפשער שאַפט זיך בא מיר אַזאַ אײַנדרוק, ווײַל איך פיל די שפּראַך פונעם אָריגינאַל, נאָר מיר דוכט זיך, אַז שאָלעם־אַלייכעם פאַרלירט אַ סאַך אין דער איבערזעצונג. צום באַדויערן, קען איך ניט אָפּ אַזויפיל די ייִדישע שפּראַך, קעדײַ זײַן אינגאַנצן אָביעקטיוו.

ס. ה.: צי איז „אופריכטיק אײַערער...“ דער ערשטער טראָט פאַר אײַך צו די ווערק פון די ייִדישע שרײַבער אַלס סצענישן מאַטעריאַל?

ר. קאַרצעוו: יאָ. איך דאַרף אָבער זאָגן, אַז די ייִדישע טעמאַטיק פאַרנעמט שוין פון לאַנג אַ געוויס אָרט אין מײַן אַרבעט. לעמאָשל, אונדזער ספּעקטאַקל „אָדעסער כאַסענע“ באַווײַזט די אָדעסער ייִדישע סוויווע, אין וועלכער איך בין אויסגעוואַקסן, מיט אירע ספּעציפישע זשעסטן, אינטאָנאַציעס. מיכאַיִל זשוואַנעצקיס מאָנאָלאָג „דער לערער דרוקער“, וואָס גייט אַרײַן אינעם מאָנאָספּעקטאַקל „אופריכטיק אײַערער...“, באַרירט אויך די ייִדישע טעמע. איצט טראַכט איך וועגן אַ ספּעקטאַקל לויט איוואַן קופּרינס „גאַמברינוס“, וווּ איך ווײַל באַווײַזן דאָס געשטאַלט פונעם ייִדישן מוזיקאַנט סאַשקע...

ס. ה.: צי ווייסט איר, אַז אין אײַער היימשטאָט אָדעס שטעלט מען אינעם אוקראַיִנישן טעאַטער, צום יוביל פון שאָלעם־אַלייכעמען, די פּיעסע „טעוויע דער מילכיקער“?

ר. קאַרצעוו: נו, דאָס איז פאַר אָדעס ניט קיין נאָווינע. דער אָדעסער אוקראַיִנישער טעאַטער האָט שטענדיק געשפּילט „טעוויע דער מילכיקער“, און איך האָב די שטעלונג געזען. אונדזערע אָדעסער ייִדן פלעגן זי זייער וואַרעם אויפנעמען. געפינען אַ געהעריקן אויספילער אויף דער ראָל פון טעוויען איז ניט פּראָסט. און אויף וויפל מיר ריידן שוין וועגן „טעוויע דער מילכיקער“, וויל איך זאָגן, אַז ס'וואָלט געווען קעדײַ צו שטעלן די דאָזיקע פּיעסע אין מאָסקווער רוסישן טעאַטער, אַשטייגער, אינעם טעאַטער אויף מאַלאַיאַ בראָנאַיאַ, בא אַנאַטאָלי עפראָסן.

ס. ה.: און ווער וואָלט געקאָנט, לויט אײַער מיינונג, שפּילן דאָרט די ראָל פון טעוויען?

ר. קאַרצעוו: איך מיין, אַז ס'וואָלט עס געקאָנט געהעריק טאָן דער פאָלקס־אַרטיסט לעאָניד בראָנעוואָי.

ס. ה.: צי קאָנטאַקטירט איר זיך מיט ייִדישע טעאַטראַלע קאָלעקטיוון?

ר. קאַרצעוו: יאָ. זייער גוטע באַציִונגען האָב איך מיטן ייִדישן מוזיקאַלן קאַמער־טעאַטער.

ס. ה.: איר פּלאַנירט עפשער שאַפן אַ מאָנאָספּעקטאַקל אויסשליסלעך אויפן סמאַך פון דער ייִדישער קלאַסיק?

ר. קאַרצעוו: פאַר מיר וואָלט עס געווען זייער אינטערעסאַנט. דערווײַל אָבער איז נאָך פרי צו ריידן וועגן דעם.

אינטערוויו מיטן פאָרזיצער פונעם קונסט־ראַט פון דעם קאָוונער קאָלעקטיוו פון דער ייִדישער זעלבסטעטיקײַט

בענציִען שליאָם

ס. ה.: ווי־אַזוי איז אַנטשטאַנען אײַער קאָלעקטיוו?

ב. שליאָם: אונדזער קאָלעקטיוו איז געגרינדעט געוואָרן אין דעקאַבער 1960. בעראָש פון די קאָוונער ליבהאָבער פון ייִדישער דראַמאַטישער קונסט איז דעמלט געשטאַנען יאַנקעוו בעלצער. די ערשטע שטעלונג פונעם דראַמאַטישן קרײַז איז געווען יאַנקעוו גאָרדינס דראַמע „מירעלע עפראָס“. פונעם 1962 יאָר איז דער קרײַז געוואָרן איינער פון די זעלבסטעטיקע קאָלעקטיוון, וואָס פונקציאָנירן באַם קאָוונער קולטור־פּאַלאַץ פון די פּראָפאַריינען. שפּעטער איז געשאַפן געוואָרן דער וואָקאַל־קאָלעקטיוו און אויך דער טאַנץ־קאָלעקטיוו. פונעם 1970 ביזן 1972 איז אין דער אַרבעט פון דער קאָוונער ייִדישער זעלבסטע-

דער וואָקאַלער אַנסאַמבל

טיקייַט געווען אַן איבעררייַס, נאָר אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון יודל ראַנדער, יצחק יאַנעס און פון אַנדערע, איינגעשלאָסן מיך, האָט דער קאָלעקטיוו פונדאַסניַי אָנגעהויבן זייַן אַרבעט. הייַנט-צו-טאָג האָבן מיר 52 זעלבסטעטיקע אַרטיסטן — אַרבעטער, שול-קינדער, סטודענטן, לערער, אינזשעניערן.

ס. ה.: וועלכע שעפערישע גרופּעס שליסט אייַן דער קאָלעקטיוו אצינד?

ב. שליאַם: באַ הייַנטיקן טאָג זייַנען באַ אונדז פאַראַן דער וואָקאַלער אַנסאַמבל, מיט וועלכן עס פירט אָן ב. גאַמבערג, דאָס דראַמאַטישע קרייַזל אונטער דער אָנפירונג פון י. ראַנדער, דער טאַנץ-קאָלעקטיוו בעראָש מיט ב. לערמאַן און דער אָרקעסטער, וועלכער באַגלייט אַלע קאָלעקטיוון מיט מוזיק, זייַן אָנפירער איז כ. אַמדור.

די פּראָגראַם פונעם וואָקאַלן אַנסאַמבל באַשטייט פון הייַנטצייַטיקע יידישע לידער און פאָלקסלידער. זי ווערט פון מאָל צו מאָל באַנייַט.

דאָס דראַמאַטישע קרייַזל פירט אויף מיט דערפאָלג פראַגמענטן פון די קאָמעדיעס פון שאָלעם-אליינכעם און אַוורהאָם גאָלדפאַדן, קורצע אינטערמעדיעס. מיר האָבן אויך געשטעלט יאַנקעוו בעלצערס פּיעסן „קיינמאָל ניט פאַרגעסן" און „ווו ביסטו מאַמע?" — וועגן קאַמף קעגן דעם פאַשיזם און קעגן די אונטערצינדער פון אַ נייַעם וועלט-קריג.

דער טאַנץ-קאָלעקטיוו טרעט אַרויס מיט יידישע פאָלקס-טענץ. צווישן אונדזערע טענצער זייַנען דאָ סייַ דערוואַקסענע, סייַ קינדער. דער קאָלעקטיוו באַטייליקט זיך אין רעפּובליקאַנישע קאָנקורסן פון ליטע און איז געוואָרן אַ לאַורעאַט. אויפן קאָוונער שטאָט-קאָנקורס פון טאַנץ-קאָלעקטיוון פאַרנעמט ער דאָס צווייטע אָרט.

ס. ה.: ווו טרעט איר אַרויס מיט קאָנצערטן?

ב. שליאַם: אַחוץ קאָוונע, טרעטן מיר אַרויס אין די ליטווישע קורָאָרט-שטעט פּאַלאַנגע, דרוסקינינקייַ און בירשטאָנאַס, ווי אויך אין דער הויפּטשטאָט פון דער רעפּובליק — ווילנע. אַגעוו, איינעם מיטן ווילנער יידישן פאָלקס-טעאַטער האָבן מיר אָנטייל גענומען אין דער גרויסער קאָנצערט-פּראָגראַם, געווידמעט דעם 40-טן יאָרטאָג פונעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

ס. ה.: וועלכע אייַנדרוקן האָט איר פון אַנדערע יידישע טעאַטראַלע קאָלעקטיוון?

ב. שליאַם: מיט דער שאַפונג פון אונדזערע ווילנער קאָלעגן זייַנען מיר גוט באַקאַנט, און מיר שעצן זייער שעפערישע אַרבעט. נאַטירלעך, אַז גרויס פאַרגעניגן פאַרשאַפן אונדז די פּראָפעסיאָנעלע יידישע טעאַטער-קאָלעקטיוון, אין וועלכע מיר זעען אייַן די פּאָרזעצער פון די נאָבעלע טראַדיציעס פון דער יידישער סצענישער קונסט.

ס. ה.: וועלכע פּראָבלעמען שטייען הייַנט-צו-טאָג פאַרן קאָלעקטיוו?

ב. שליאַם: מיר האָבן געוויסע שוועריקייַטן. אונדזער הויפּט-רעזשיסער יאַנקעוו בעלצער איז געשטאָרבן. אין קאָוונע זייַנען מער ניטאָ קיין פּראָפעסיאָנעלע יידישע אַקטיאָרן, וועלכע וואָלטן געקאָנט אופירן אַ קאָמפּליצירטע שטעלונג. פיל אונדזערע יונגע טעאַטער- און עסטראַדע-ליבהאָבער קענען יידיש ניט גענוג גוט. איך מיין, אַז מע דאַרף טראַכטן וועגן שאַפן אַ צענטער אויף צוגרייטן שעפערישע קאַדרן פאַר דער סאָוועטישער יידישער קונסט.

אינטערוויו מיטן פֿאַרדינסטפֿולן אַרטיסט פֿון רספּסר, דעם פֿאַרלעזער אַלעקסאַנדער אַזאַרין

ס. ה.: אײַער פּראָגראַם „דאָקטוירים הייסן לאַכן" ווערט באַוויזן ווי אַ מאַטאָנע צום 125־טן יוביל פֿון שאָלעם־אַלייכעמען. דערציילט, ביטע, ווי־אַזוי עס איז אַנטשטאַנען דער קאָנצערט, וועלכן מיר האָבן הײַנט געזען.

א. אַזאַרין: אין מײַן רעפּערטואַר זײַנען פֿאַראַן עטלעכע הומאָריסטישע פּראָגראַמען לויט די ווערק פֿון טשעכאָוון, באַבעלן, אילף און פּעטראָוון, זאָשטשענקאָן. שוין פֿון לאַנג האָב איך געטרוימט צו שאַפֿן אַ שאָלעם־אַלייכעם־אָוונט פֿון קינסטלערישער פֿאָרלעזונג. כ'מוז זיך מודה זײַן, אַז דאָס איז מיר אָנגעקומען גאַנץ שווער. בלויז נאָכן לייענען שאָלעם־אַלייכעמס בריוו האָב איך אָנגעהויבן בעסער פֿאַרשטיין זײַן שאַפֿונג. אין דער אינטערפּרעטירונג פֿון שאָלעם־אַלייכעמען האָט מיר שטאַרק געהאָלפֿן דער פֿאָלקס־אַרטיסט פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד לעאָניד אוטיאָסאָוו, וועלכער האָט אַליין גלענצנדיק געלייענט שאָלעם־אַלייכעמס דערציילונגען. איך בין גליקלעך, וואָס אינעם יוביל־יאָר האָט זיך מיר סאָפּקאָלסאָף אײַנגעגעבן צו באַווײַזן די פּרעמיערע.

ס. ה.: צי איז דאָס אײַער ערשטער פּרוּוו אין דער ייִדישער טעמאַטיק?

א. אַזאַרין: ביכלאַל יאָ, האַגאַם איסאַק באַבעלס דערציילונגען, וועלכע איך האָב שטאַרק ליב און כ'האָב זיי אַ סך מאָל געלייענט, זײַנען דאָך אויך אין אַ געוויסער מאָס ייִדישע.

ס. ה.: „דאָקטוירים הייסן לאַכן" ווערט געפֿירט אויף רוסיש. צי פֿאַרלירט, לויט אײַער מיינונג, שאָלעם־אַלייכעם דערפֿון?

א. אַזאַרין: פֿאַרשטייט זיך, אָן צווייפֿל. איבערזעצן שאָלעם־אַלייכעמען פֿולשטענדיק אַדעקוואַט איז, מיין איך, אוממעגלעך. דאָס האָט געפֿילט שוין מאַקסים גאָרקי, וועלכער האָט וועגן דעם געשריבן. און דאָך, לויט מײַן מיינונג, מוז מען זייער אַ סך פֿאָרלייענען פֿון דער בינע שאָלעם־אַלייכעמען אויף רוסיש, קעדיי ער זאָל דערגיין צו די ברייטסטע קרײַזן צושויער. ס'איז קיין סאָד ניט, אַז די שפּראַך־אַסימיליאַציע איז פֿאַרגאַנגען גאַנץ ווײַט. מײַנע פֿאָרלעזונגען באַזוכן פֿיל ייִדן, נאָר אויך ניט ווייניק ניט־ייִדן. איר געדענקט מיסטאָמע, ווי־אַזוי עס ווערט אין שאָלעם־אַלייכעמס צוואָע געזאָגט: זײַנע ווערק דאַרף מען „פֿאָרלייענען... אין וואָסער שפּראַך ס'וועט... זײַן מער פֿאַרשטענדלעך...".

ס. ה.: וואָס קלערט איר וועגן שאָלעם־אַלייכעמס שאַפֿונג ניט אַלס אַ ייִד, נאָר אַלס אַ פֿאָרלעזער, וועלכער האָט אין מעשעך פֿון אַ סך יאָרן געהאַט צו טאָן מיט די בעסטע מוסטערן פֿון דער וועלט־ליטעראַטור?

א. אַזאַרין: איך מיין, אַז שאָלעם־אַלייכעמס שאַפֿונג איז איינער פֿון די הויכפּונקטן אין דער וועלט־ליטעראַטור, ביפֿראַט אין דער סאַטירע. מיר וועלן אים נאָך אַנטדעקן און אַנטדעקן. ס'איז ניט צופֿעליק, וואָס אין דער לעצטער צײַט האָבן פֿאַרשיידענע אַקטיאָרן פֿון דער רוסישער בינע זיך פּראָפֿעסיאָנעל פֿאַראינטערעסירט מיט זײַנע ווערק. מיך, אַלס פֿאָרלעזער, האָט באַזונדערס צוגעצויגן די פּראָגראַם, וועלכע ס'האָט צוגעגרייט דער אַרטיסט פֿונעם מאָסקווער אַקאַדעמישן טעאַטער אויף וו. מאַיאַקאָווסקיס נאָמען באָריס לעווינסאָן. אין זײַן פּראָגראַם גייען אַרײַן דערציילונגען פֿון שאָלעם־אַלייכעמען און פֿון מאָפּסאַנען.

ס. ה.: און וואָס טראַכט איר וועגן באַנוצן די רוסישע שפּראַך אויף די בינעס פֿון ייִדישע טעאַטערן?

א. אַזאַרין: מע דאַרף זי באַנוצן. איך בין געווען אויפֿן דורכקוק פֿונעם ספּעקטאַקל „קאָמעדיאַנטן" אין דעם מאָסקווער דראַמאַטישן אַנסאַמבל אונטער דער אָנפֿירונג פֿון יאַקאָוו גובענקאָ. ווי איר ווייסט, ליגט אינעם גרונט פֿונעם ספּעקטאַקל שאָלעם־אַלייכעמס ראָמאַן „בלאָנדזשנדע שטערן", דערבײַ ווערט די רוסישע שפּראַך באַנוצט אויף דער בינע אַזוי, אַז זי זאָל „אונטערהעלפֿן" דער ייִדישער. איך מיין, אַז אין דער הײַנטיקער צײַט קאָן מען אין ייִדישן טעאַטער שפּילן אויך אויף רוסיש, נאַטירלעך — ניט פֿאַרלירנדיק דאָס געפֿיל פֿון מאָס. דאָס האָב איך געזאָגט פֿריִער, און כ'בין גרייט דאָס איבערכאַזערן.

ס. ה.: צי זײַט איר באַקאַנט מיט דער ייִדישער טעאַטראַלער קולטור אין די פֿאַרמילכאָמעדיקע יאָרן און גלײַך נאָכן קריג?

א. אזארין: איך האָב געזען קימאַט אַלע ספּעקטאַקלען פון ש. מיכאָעלסעס טעאַטער, געווען נאָענט באַקאַנט מיטן באַוווּסטן ייִדישן אַקטיאָר און פּאָרלעזער יויסעף קאָלין. די ייִדישע קונסט האָט מיך שטענדיק אינטערעסירט.

ס. ה.: ווו האָט איר שוין באַוויזן די פּראָגראַם „דאָקטוירים הייסן לאכן"?

א. אזארין: היינט איז געווען דער זעקסטער קאָנצערט. איך בין אַרויסגעטראָטן אין פאַרשיידענע קאָנצערט-זאַלן פון מאָסקווע. דער זאַל איז אַלעמאָל פול. אָבער איך האָב באַזונדערס פאַרגעדענקט מיין אַרויסטרעטונג אינעם מאָסקווער הויז פון געלערנטע.

ס. ה. צי וועט איר גרייטן א נייע פּראָגראַם לויט די ווערק פון ייִדישע שרייבער.

א. אזארין: איך מיין, אַז איך דאַרף נאָך אַרבעטן דערווייל מיט שאָלעם-אַלייכעמס ווערק.

אינטערוויו מיטן אַקטיאָר פונעם מאָסקווער אַקאַדעמישן דראַמאַטישן טעאַטער אף וו. וו. מאַיאַקאָווסקיס נאָמען, דעם פאַרדינסטפולן אַרטיסט פון רספסר באָריס לעווינסאָן

ס. ה.: איר זייט באַקאַנט אין דער טעאַטראַלער מאָסקווע אלס א דראַמאַטישער אַקטיאָר. די צושויער קענען אייך סיי לויט טעאַטער־שטעלונגען, סיי לויט טעלעוויזיע־ספּעקטאַקלען. אין די לעצטע יאָרן טרעט איר אויך אַרויס אלס א פּאָרלעזער. באַזונדערס האָט זיך פאַרגעדענקט אייער פּראָגראַם, וועלכע איז צונויפגעשטעלט פון די ווערק פון מיכאַיִל בולגאַקאָוון. היינט האָבן מיר געזען אייער נייע פּרעמיערע, געווידמעט דעם 125־טן געבורטסטאָג פון שאָלעם־אַלייכעמען. וויאַזוי איז אַנטשטאַנען די שאָלעם־אַלייכעם־פּראָגראַם?

ב. לעווינסאָן: צוריק מיט א יאָר האָב איך צוגעגרייט דעם קאָנצערט „דאָס אַלץ וואָלט געווען לעכערלעך...", וועלכע שליסט אין זיך איין דערציילונגען פון שאָלעם-אַלייכעמען און פון גי דע מאָפּאַסאַנען. צום יוביל פונעם קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור האָב איך אַפן סמאַך פון אַט דער פּראָגראַם אויסגעבויט די היינטיקע באַגעגעניש מיטן מאָסקווער צושויער. איך לייען שאָלעם-אַלייכעמס פיר דערציילונגען — „גימנאַזיע", „ווען איך בין ראָטשילד", „עס פידלט ניט" און „א וואָרט פאַר א וואָרט".

ס. ה.: פאַרוואָס האָט איר פאַרבונדן אין איין פּראָגראַם גראָד שאָלעם־אַלייכעמען מיט מאָפּאַסאַנען?

ב. לעווינסאָן: לויט מיין מיינונג, זיינען שאָלעם-אַלייכעם און מאָפּאַסאַן אין פיל פּראָטים נאָענט צווישן זיך — זיי ביידע זיינען טיפּישע, און אין דער זעלבער צייט, בוילעטע פאָרשטייער פון זייערע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, מאָפּאַסאַן איז אף אַזויפיל פראַנצויזיש, ווי שאָלעם-אַלייכעם איז ייִדיש. נאָך דעריקער — דער הומאָר פון די ביידע שרייבער איז א טרויעריקער, דערפאַר בינדן זיי זיך צונויף אין איין פּראָגראַם. די ווערק פאַר מיין פאָרלעזונג האָב איך אָפּגעקליבן לויטן פּרינציפּ — זאָל זיין סיי פרייליכער, סיי טרויעריקער. אָט דעם פּרינציפּ האָב איך געוואָלט אויסדריקן אויך מיטן נאָמען פונעם קאָנצערט-אָוונט — „דאָס אַלץ וואָלט געווען לעכערלעך...".

ס. ה.: צי איז עס דאָס ערשטע מאָל, ווען עס האָט אייך באַווירקט די ייִדישע ליטעראַטור?

ב. לעווינסאָן: ווי אַן אַרבעט-מאַטעריאַל — יאָ. איך דאַרף אָבער באַמערקן, אַז שאָלעם-אַלייכעם איז בא מיר פון קינדווייז אָן דער באַליבטער שרייבער. איך האָב אָנגעהויבן לייענען זיינע ווערק גלייך נאָך די מייסעלעך פאַר קינדער.

ס. ה.: צי האָט איר געהערט אַנדערע פּאָרלעזער פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק?

ב. לעווינסאָן: איך האָב בלויז דערינערונגען פון דער קינדהייט וועגן עמאַנויִל קאַמינקאַס פּאָרלעזונגען.

ס. ה.: איר טרעט אַרויס אף רוסיש. וואָס מיינט איר וועגן דער רוסישער איבערזעצונג פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק?

ב. לעווינסאָן: איך בין אַן אַסימילירטער ייִד. איך קאָן ניט ריידן און לייענען אף ייִדיש. מיינע עלטערן אָבער האָבן גערעדט אף אָט דער שפּראַך, און איך פאַרשטיי די ייִדישע

רייד. דעריבער ווייס איך, אז איבערזעצן פון ייִדיש בּיכלאַל און שאָלעם-אַלייכעמס ווערק בּיפראַט איז שווער. כ'מיין, אַז מע דאַרף זיך פאַרנייגן פאַרן אָנדענק פון ל. שאַמבּאַדאַלן, וועלכער האָט דערפאָלגרייך געליזט די דאָזיקע אויפגאַבּע.

ס. ה.: צי זייט איר אַמאָל אַרויסגעטראָטן מיט איסאַק באַבעלס ווערק?

ב. לעווינסאָן: ניין. איצט אָבער גרייט מען זיך אין אונדזער טעאַטער שטעלן אי. באַבעלס פּיעסע „אונטערגאַנג". איך האָף, אַז איך וועל באַקומען אין אים קינפטיקן ספּעקטאַקל אַ ראָל.

אינטערוויו מיטן מאָסקווער פּיאַניסט דאַוויד אַשקענאַזי

ס. ה.: אייער אַקאָמפּאַניאַטאָרישע קונסט איז באַוווּסט די ליבהאָבער פון מוזיק אין גאַנצן לאַנד. איר זייט אַרויסגעטראָטן און טרעט אַרויס אויך איצט אַף די עסטראַדע-ברעטער צוזאַמען מיט די סאַמע אָנגעזעענע רוסישע זינגער. אין די לעצטע יאָרן באַטייליקט איר זיך אויך אין וואָקאַלע קאָנצערטן אַף ייִדיש. מיט אייער אָנטייל זייַנען פאַרשריבן געוואָרן עטלעכע פּלאַטעס מיט זינג-לידער אַף דער ייִדישער שפּראַך, דאָסראָוו — איבערגעזעצט פון רוסיש. וואָס טוט איר איצט אין דאָזיקן געביט?

ד. אַשקענאַזי: אינײנעם מיט דער סטודענטקע פונעם מוזיקאַלן אינסטיטוט אַף גנעסינס נאָמען טאַטיאַנאַ אָרלאָווסקאַיאַ אַרבּעט איך איבער דער פּראָגראַם פון אַ קאָנצערט פון רוסישע ראָמאַנסן, איבערגעזעצטע אין ייִדיש.

ס. ה.: פּראַקטיש קענען אַלע סאָוועטישע ייִדן גוט רוסיש, און זיי האָבן די מעגלעכקייט צו הערן די רוסישע לידער אַף דער שפּראַך פונעם אָריגינאַל. פאַרוואָס גיט איר אָפּ אַזויפיל קויכעס דער אויספילונג פון רוסישע זינג-לידער אין דער ייִדישער איבערזעצונג?

ד. אַשקענאַזי: די ייִדישע שפּראַך איז זייער מוזיקאַליש און ליריש. אָפּטמאָל קלינגען רוסישע זינג-לידער אין דער ייִדישער איבערזעצונג נאָך שענער, מיט עמעסן כיין. דאָס איז שייך באַזונדערס די לירישע, עמאָציאָנעל-שטימונגספולע לידער, אַשטייגער, אַזעלכע ווי „רעד וועגן עפּעס מיט מיר, מאַמע", „בּושלען", „גראָזן, גראָזן" אאַ. איך דאַרף אויך זאָגן, אַז דאָס אויספילן די רוסישע סאָוועטישע לידער אין ייִדיש קאָן ווערן איינער פון די עלעמענטן פון פּאַטריאָטישער דערציִונג פון דער סאָוועטישער ייִדישער יוגנט.

ס. ה.: צי אינטערעסירט אייך פּראָפעסיאָנעל די עצעם ייִדישע ליד?

ד. אַשקענאַזי: יאָ, איך פּלאַניר אינגיכן אָנהייבן אַרבּעטן מיט דער זינגערן מאַרינע בּוכינאַ איבער אַ פּראָגראַם פון ייִדישע פאָלקסלידער.

ס. ה.: וועלכע „טייַנעס" האָט איר צו די היינטצייטיקע אויספילער פון ייִדישע פאָלקסלידער?

ד. אַשקענאַזי: נו, קיין באַזונדערע טייַנעס האָב איך ניט. אָבער לויט מיין מיינונג, זייַנען מיר שוין צוגעוווינט צום זינגען די פאָלקסלידער און די ייִדישע לידער בּיכלאַל מיט לירישן סאָפּראַנאָ. כ'מיין, אַז צוליב אַנטפּלעקן דעם עמעסן ניגן דאַרף מען דאָ באַנוצן נידעריקערע שטימען. בּאַ דער אַרבּעט איבער ייִדישע פּראָגראַמען נעם איך דאָס אין אכט.

כאַים מעלאַמוד

סידי טאַל

1

ווי שטענדיק איז זי געקומען אין טעאַטער א פּאָר שאָ פאַרן אָנהייב פונעם ספּעקטאַקל. אַרײַנגעקומען צו זיך אין קיידערל, זיך אַוועקגעזעצט קעגן שפּיגל און אָנגעהויבן... ניין, ניט גרימירן זיך, ניט אָנלייגן אפן פּאָנעם די קאָסמעטיק און ניט איבערטאָן זיך אין די בגאָדים פון איר פּערסאָנאַזש. דאָס איז געווען פאַר איר ניט דאָס וויכטיקסטע און ניט דאָס שווערסטע. וויכטיקער פון אַלץ — זיך אויסשיילן פון דעם אַרומיקן, פון דער טאָגטעגלעכקייט און אַרײַנקומען אין דער וועלט פון די געשטאַלטן מיט זייערע מאַטערנישן און געראַנגלען, מיט זייער אַרט דענקען און רעדן. זי האָט געדאַרפט איבערשפּילן איר ראָל מיט אַלע פּישטשעווקעס, מיט אַלע טנועלעך, מיט יעדן מינדסטן קנייטש, געדאַנקלעך איבערכאַזערן יעדער שפּאַן, יעדן מאַך מיט דער האַנט, יעדן ווונק מיט די אויגן און יעדע מינדסטע ענדערונג אין דער אינטאָנאַציע. און פאַרגעדענקען ניט בלויז אירע אייגענע ווערטער, נאָר אויך די ווערטער פון איר פּאַרטניאָר, דערהערן און דערפילן, וויאַזוי זיי ווערן אַרויסגעזאָגט, קעדיי צו רעאַגירן און ענטפערן אַף זיי מיט דער העכסטער אויסגערעכנטקייט סײַ מיט דער שטים, סײַ מיט אירע כושים.

פאַר איר זײַנען דאָס געווען ניט בלויז מינוטן פון אַזויגערופענעם „אײַנלעבן זיך אין דער ראָל”. דאָס זײַנען געווען פיל שווערערע און אויסמאַטערנדיקע מינוטן פון גרינטלעכער אינערלעכער איבעראַנדערשונג, פון אַליין ווערן גאָר אַן אַנדערע, שוין ניט די אַקטריסע סידי טאַל, נאָר יענע, וועמ עס וועט אין א שאָ אַרום אַרויס אַף דער בינע. און ניט אַזאַ, ווי זי איז געוואָרן לויטן ווילן פונעם דראַמאַטורג און רעזשיסער, נאָר אַזאַ, ווי עס האָט זי אויסגעשמידט דאָס לעבן אַליין.

דאָס זײַנען געווען פאַר איר מינוטן פון אָנגעשטרענגטער, עכטער שאַפונג, ווען מיט איר גאַנצן וועזן איז זי שוין געווען דאָרטן, אין דער וועלט פון סצענישע וויזיעס, אין דער וועלט פון קונסט. און אינעם שפּיגל, וואָס קעגן איר, האָט זי געזען ניט זיך אַליין, נאָר גאָר

עפּעס אַנדערש. און געפּילט האָט זי אויך גאָר אַנדערש. און דאָס שווערסטע איז באַשטאַנען אין אײַנהיטן און אײַנהאַלטן אַלץ אין זיך אין מעשעך פון טעלעכע שאָ ביז סאָף פונעם ספּעקטאַקל, אַפּילע אין די מינוטן פון די אַנטראַקטן.

און אָט... ווען אַלץ איז שוין געווען דורכגעמאַכט, ווען ס'איז אָנגעקומען די זעלטענע מינוט פון אינערלעכער זיכערקײַט, אַז אַלץ איז קעשורע, אַז זי איז שוין אינגאַנצן יענע און אַלץ וועט זײַן אַפּן בעסטן אויפן, ווען צום אויפהייבן דעם פאָרהאַנג איז געבליבן אַ האַלבע שאָ, האָט דער בריוונטרעגער איר אַרײַנגעבראַכט אַ טעלעגראַם מיט עטלעכע שרעקלעכע ווערטער: „געשטאָרבן די מאַמע. די לעווײַע מאָרגן".

די טעלעגראַם איז אַרויסגעפאַלן פון איר האַנט. דאָס כאַלאַשעס איז געווען אַ טיפּס און אַ דויערנדיקס. און ווען זי איז געקומען צו־זיך, האָט דער רעזשיסער געפרעגט:

— אָפּלייגן דעם ספּעקטאַקל?

— ניין, ניין, — האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט מיט איבערגעטריקנטע ליפּן. — אָט באַלד... אַ פּאָר מינוט... לאָמיך נאָר...

אַ פּאָר מינוט... אַ פּאָר מינוט אַף ווידער אויפשטעלן, אויפלעבן דאָס פאַרלוירענע, דאָס, וואָס זי האָט אויסגעאַרבעט אין זיך אין מעשעך פון אַ פּאָר שאָ אויסמאַטערנדיקער מי. אַ פּאָר מינוט פון אומבאַגרײַפלעכער אָנשטרענגונג איבער זיך אַליין אַף בײַקומען די אייגענע שוואַכקײַטן, די אייגענע ווייטעקן, די אייגענע איבערלעבונגען און ווערן ווידער יענע, וואָס האָט געפלאַטערט און געפיבערט אין איר.

פונקט צו דער צײַט האָט זיך אויפגעהויבן דער פאָרהאַנג, און פאַר דעם איבעראַשטן עולעם האָט זיך באַוויזן די נאָך זייער יונגע, נאָר שוין באַרימטע אַקטריסע סידי טאַל מיטן גאַנצן כיין פון איר אייגענער שיינקײַט און אין פולן גלאַנץ פון איר צויבערפולן שוישפּילערישן טאַלאַנט.

יאָ, זי איז שוין געווען אַ באַרימטע אַקטריסע, כאָטש זי איז דאַן אַלט געווען ניט קיין פולע צוואַנציק יאָר. און פאַר די צושויער, פאַר וועמען איר יעדע אַרויסטרעטונג איז געווען אַ וווּנדער, איז געבליבן אַ סאָד: וואָס איז הײַנט געשען מיט דער אַקטריסע, וואָס האָט מיט איר הײַנטיקער שפּיל איבערגעשטיגן זיך אַליין.

ווי עס טרעפט אָפטמאָל, האָט אויך דאָס מאָל געטראָפן אומגעווייגלעכס. עס געדענקט זיך שוין ניט דער נאָמען פונעם ספּעקטאַקל, נאָר אין אים האָט זיך געהאַנדלט וועגן עפּעס זייער ענלעכס אַף דעם, וואָס סידי האָט אַליין איבערגעלעבט אין יענעם אָוונט. איר העלד ווערט צעריסן אַף שטיקלעך צווישן דעם טאָגטעגלעכן, וואָכעדיקן לעבן מיט אַלע זײַנע נויטן און דײַגעס און צווישן די הויכע פאָדערונגען פון קונסט, טאַקע פון טעאַטראַלער קונסט, וואָס וויל פון גאָרנישט ניט וויסן. פון פיל זאַכן מוז מען זיך אָפּזאָגן, מיט פיל זאַכן מאַקריוו זײַן: מיט אייגענער רו, מיט אייגענעם וווילשטאַנד, מיט אַלץ, מיט וואָס ס'איז פאַרבונדן דאָס גאַנצע לעבן. און אַפּילע מיטן געליבטן. די ווייטעקן זײַנען געווען צווייענדיקע, די טרערן עמעסדיקע און הייסע, און ס'האָט אָפט געטראָפן אַזוי, אַז די אַקטריסע אַליין האָט זיך אינגאַנצן פאַרגעסן און ניט געוווּסט, ווער איז זי הײַנט אַף דער בינע: צי איר העלדן, צי זי אַליין.

די צושויער זײַנען געזעסן פאַרטײַעט דעם אָטעם און איבעראַשט נאָכגעפאָלגט נאָך דער אומגעווייגלעכער שפּיל פון דער אַקטריסע. און קיינער האָט זיך ניט געקאָנט אָנשטויסן, וואָס פאַר אַ העכסטע אויספּרווון לעבט איצט איבער די אַקטריסע, דערשטיקנדיק אין זיך די אייגענע ווייטעקן, קעדיי צו ווײַזן און אויסשפּילן אַנדערע. און עפּשער נאָך מער — צוגיסן די אייגענע ווייטעקן פון איר העלד און אויסשמעלצן, אויסטאָקן פון זיי אַזאַ געשטאַלט, עס זאָל דערשיטערן, אויפטרייסלען און צווינגען מיטלײַדן די צושויער.

און דאָס איז געוואָרן דער גרונט־קלאַל פון איר שוישפּילערישער טעטיקײַט.

זי האָט איבעראַשט און פאַרקישעפט דעם עולעם, ווי נאָר זי האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אַף דער בינע פונעם צענטראַלן טעאַטער אין בוקאַרעשט. אין איר צאַרטער זינגענדיקער שטים האָט געקלונגען אַ פידל מיט אַ פלייט אינאיינעם. אירע רעפּליקעס זײַנען געווען פול מיט כיין, מיט עכטער פאָלקסטימלעכקײַט.

ווי צונויפגערעדט זיך, האָבן אַלע צושויער זיך אויפגעהויבן און שטייענדיק אַפּלאָדירט דעם נאָך אומבאַקאַנטן טאַלאַנט. דערנאָך, פאַרלאָזנדיק דעם זאַל, האָט מען נאָך לאַנג, דערשטוינטע און דערשיטערטע, באַהאַנדלט דעם אומבאַגרײַפלעכן וווּנדער.

אַף מאָרגן האָט זיך איבערגעכאַזערט דאָס זעלבע. און דערנאָך — דאָס זעלבע אַלע אָוונטן אין מעשעך פונעם גאַנצן טעאַטער־סעזאָן. אַלעמען האָט מער פון אַלץ איבעראַשט דאָס, וואָס זי כאַזערט זיך קיינמאָל ניט איבער. אין יעדן ספּעקטאַקל איז זי גאָר אַן אַנדערע, אינגאַנצן אַ נײַע. מיט איר שפּילן, מיט איר זינגען און מיט אירע אימפּראָוויזירטע טענץ.

אַזוי איז געווען אין בוקאַרעשט, און אַזוי אין אַלע שטעטלעך פון בעסאַראַביע און רומעניע, ווו סאַרעלע בירקענטאַל האָט זיך באַוויזן. ס'זײַנען ניט געווען אין די שטעטלעך קיין גרויסאַרטיקע צושויער-זאַלן, די דעקאָראַציעס אויך גאַנץ באַשיידענע, און ווינטער האָבן די צושויער אָפטמאָל געדאַרפט אָפּזיצן דעם ספּעקטאַקל אין זייערע פעלצעלעך: די „זאַלן" האָט מען פּאַשעט ניט געקאָנט באַהייצן. דערפאַר אָבער די צושויער... די פּאַשעטע באַלמע-לאָכעס, די שוסטערס און שנײַדערס, די קאַוואַליעס און סטעלמאַכס, און באַזונדערס די יונגע נייטערקעס... זיי האָבן גלײַך דערפילט אין דער יונגער אַקטריסע זייער אייגנס. אַזאַ, וואָס שטאַמט פון זיי און איז באַשאַפן געוואָרן פאַר זיי.

צוערשט האָבן אַפילע ניט געקלעקט קיין ווערטער אַף אָפּשאַצן אָט דעם שוישפּילע-רישן טאַלאַנט. אַ קישעפמאַכערן? צי אַ מעטעאָר האָט זיך אַרײַנגעריסן אַהער פון אומבאַ-גרײַפלעכע הייכן און פאַרבלענדט, פאַרטונקלט מיט זיך אַלע לאַנג אָנערקענטע און באַרימטע שוישפּילער?

אַפן הימל-ראַנד פונעם ייִדישן טעאַטער איז אופגעגאַנגען אַ העלער, אַ ליכטיקער שטערן.

און איצט, ווען דער שטערן איז אויסגעלאָשן געוואָרן...

דאָ מוז איך זיך מודיע זײַן: אַ געדאַנק אָנצושרײַבן וועגן סידי טאַל עפּעס מער פון אַ געוויינלעכער רעצענזיע האָט געוויירט אין מיר ניט איין יאָר, נאָר איך האָב אַלץ אָפּגעלייגט. סיבעס זײַנען געווען פאַרשיידענע, און איך האָב אַ ביסל מוירע געהאַט אויך. סידי טאַל איז דאָך פאַר אַלעמען געווען אַ לעבעדיקע לעגענדע! זי האָט בלויז געדאַרפט דורכגיין איבער דער גאַס, אַז דער טשערנאָוויצער אוילעם זאָל זיך דערפילן יאָמטעוודיק-דערהויבן און אַז אַף יעדנס פּאָנעם זאָל זיך באַווײַזן אַ שמייכעלע.

— איר האָט געזען? — האָט געזאָגט דאָס שמייכעלע. — אָט איז זי דאָך נאָרוואָס דורכגעגאַנגען, אונדזער סידי טאַל.

באַ אַלע טשערנאָוויצער איז זי געווען ווי יענץ באַליבט באַסיעכידקעלע. זי האָט גע-וווּסט וועגן דעם און זיך געסטאַרעט מיט גאָרנישט ניט אַנטוישן אירע פאַרערער. ניט מיט איר שפּיל, ניט מיט איר שפּאַנען איבער דער גאַס, ניט מיט איר אָנטאָן און ניט מיט איר גאַנג. אַלץ איז באַ איר געווען אָפּגעוווויגן און אָפּגעמאָסטן, אָפּגעטאָקט און אָפּגעשלײַפט, פונקט ווי זי וואָלט אַ גאַנצן מעסלעס, טאָג נאָך טאָג, געווען אַף דער בינע. אַף אַ גרויסער, אומענדלעכער בינע, וואָס איז באַשטאַנען פונעם לעבן אַליין.

אין אַ פרײַען טאָג, ווען מע איז געזעסן אין אַ סקווערל און זיך געוואַרעמט קעגן דער זון, דערמאָנט פאַרשיידענע געשעענישן, פריילעכע און טרויעריקע, און סידי טאַל, דערציילנ-דיק וועגן עמעצן, האָט ווי ניט אומיסטן אָפּגעשפּילט אַ שטיק, אין איין אויגנבליק שאַפנדיק דאָס געשטאַלט פון אַ באַוווּסטן אַקטיאָר, אַ באַוווּסטן שרײַבער, צי פּאַשעט אַ באַקאַנטן, זײַנען דאָס אַוואַדע געווען יענע זעלטענע מינוטן, ווען פאַר דיר האָט מיט איר פולן גלאַנץ אַ שײַן געטאָן איר פּרעכטיקער שוישפּילערישער טאַלאַנט.

און איר שטים... די שטים פון סידי טאַל וועט נאָך לאַנג, ווי אַ מעכטיקער ווידערקאָל, קלינגען אין די אויערן פון אירע צושויער, אין זייער ריינעם זיקאָרן און אַף די פּלאַטן, אַף וועלכע עס זײַנען פאַרשריבן אירע קאָנצערטן. געפירט מיט אָט דעם לעבעדיקן ווידערקאָל, לאָז איך זיך מיט די וועגן פון דער אומפאַרגעסלעכער אַקטריסע.

2

„דאָס בוקאָווינער זינג-פייגעלע", — אַזוי האָט דער בעסאַראַבער ייִדישער שרײַבער מאָרדכע גאָלדענבערג, וועלכער איז אומגעקומען אין פאַשיסטישן לאַגער, געקרוינט אין זײַן עסיי אין דער צײַטשריפט טשערנאָוויצער בלעטער" די יונגע זינגערן סאַרעלע בירקענטאַל. זי איז דאַן אַלט געווען אינגאַנצן פופצן יאָר. אין יענעם עסיי האָט ער געשריבן: „אַז סאַרעלע בירקענטאַל זינגט, פרייט זיך די שכינע". אָט די שכינע האָט צוערשט זיך צעזונגען אינעם ענגן קעלער פון אַ טשערנאָוויצער פאַרשטאָט, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען די בעקערײַ פון לייב בירקענטאַל, ווען די קינפטיקע זינגערן איז געווען נאָך גאָר אַ קינד. גראָד דאָרטן האָט זי עס אָפּגעפּראַוועט אירע ערשטע קאָנצערטן.

בייסן זומער-סעזאָן, ווען דער נאָכפרעג אויף פרישע בולקעלעך איז געוואַקסן, האָט לייב געמוזט צודינגען אַ פּאָר בעקער-יונגען. געאַרבעט האָט מען מערסטנטייל באַנאַכט, און מע האָט געדאַרפט צוטראַכטן אַזוינס, אַז די איבערגעהאָרעוועטע בעקער, לייב אַליין, זײַן פרוי און די צוויי עלטערע שוועסטער, ווי אויך די בעקער-יונגען, זאָלן ניט אַנשלאָפן ווערן. לייב האָט בלויז געקענט אַ ביסל אונטערבאָמקען, שטייענדיק איבער דער גרויסער מולטער, נאָר זײַן באָמקען האָט מער געקאָנט אײַנוויגן, אַפילו אים אַליין אויך. אָבער די מיזינקע סאָרעלע! ס'איז אַפילו שווער געווען צו זאָגן, פון וועמען האָט דאָס דאַרינק מיידעלע מיטן לאַנג פּענעמל און שפּיציק נעזעלע געיאַרשנט אַזאַ קלינגענדיק קעלעכל. און וואָס ליגט אין דער סאָרעלע אַזוינס, וואָס אַ גאַנצן מעסלעס וואָלט זי געהאַלטן אין איין זינגען. און ווי האָט עס אַזאַ פּיצל באַוויזן הערן און פאַרגעדענקען אַזויפיל יידישע לידלעך, וועלכע מע זינגט אין אַלע געזעלן. באַטאַמטע און האַרציקע, פריילעכע און טרויעריקע לידלעך וועגן אַרבעט און נויט, וועגן שוידערלעכן דאַלעס און אומגליקלעכע ליבעס, וועגן אַלץ, מיט וואָס עס איז פול געווען דאָס לעבן פון דער יידישער אָרעמשאַפט.

— זינג, זינג פאַר אונדז, סאָרעלע, — האָבן געבעטן די כעוורע. — זינג, וועט זיך ניט וועלן אַזוי שלאָפן.

און סאָרעלע האָט געזונגען. יענע בעקער-יונגען זײַנען עס געווען אירע ערשטע צושויער און פאַרערער.

סאָרעלע האָט געזונגען, און די פּענעמער פון אירע עטלעכע צושויער, באַלויכטענע מיטן פלאַם פונעם פלאַקערנדיקן אויוון און באַשפּרענקלטע מיט גראָבע טראָפּנס שווייס, האָבן געשײַנט פון טײַנעג. און די אויגן זייערע האָבן געגלאַנצט: אַמאָל פול מיט פרייד, און אַמאָל פול מיט טרערן. סאָרעלעס אויגן האָבן געגלאַנצט, און איר פּענעמל איז אויך געווען באַלויכטן מיטן פלאַם פונעם אויוון.

נאָך אַ קורצן שלאָף האָט די מיזינקע סאָרעלע אָנגענומען אַ פולן קויש מיט פרישע בולקעלעך, אײַנגעמאָסטעט אים אויפן קאָפּ אַזוי, ווי דאָס טוען די דאָרפישע פרויען, ווען זיי טראָגן אויפן מאַרק עפּעס פאַרקויפן, און, גרינג אונטערשפּרינגענדיק, זיך אַוועקגעלאָזט מיט איר סכוירע צום זומער-טעאַטער. זי האָט דאָס שטענדיק געטאָן מיט גרויס כיישעק, ווײַל אינעם זומער-טעאַטער האָט יעדן פאַרנאַכט זיך עפּעס אָפּגעשפּילט. אויסגעפאַרקויפט איר סכוירע, פלעגט זי בלײַבן שטיין פון יענער זײַט פלויט, נאָר מיטן גאַנצן וועזן איז זי געווען אינווייניק. אָפטמאָל פלעגט זיך איר אײַנגעבן זיך דורכשמוגלען, אויסבאַהאַלטן זיך אין אַ טונקל ווינקעלע, און אײַנגאַנצן אַ צאַפּלדיקע, אַ פאַרקישעפטע, האָט זי נאָכגעקוקט נאָך דעם, וואָס עס ווערט אָפּגעשפּילט אויף דער בינע. דערנאָך, אינדערהיים, אַמאָל פאַר זיך אַליין און אַמאָל אין קעלער פאַר די בעקער-יונגען, האָט זי אָפּגעשפּילט און אָפּגעזונגען אַ גאַנץ אָפּערעטקעלע פון אָנהייב ביזן סאָף, אָפּגעשפּילט מיט אַלע פּישטשעווקעס, מיט אַלע האַוויײַעס.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ נאָכקרימעניש, — האָט די מאַמע זיך געבייזערט. — אַ ביזעביזאָיען.

דער טאַטע אָבער האָט מיט אַ גרינג שמייכעלע נאָכגעגעבן דער מיזינקע:

— זאָל זי... וואָס שטערט עס דיר? האָבן מיר בײַ זיך אינדערהיים אַ שטיקל טעאַטער.

דאַן האָבן זיי נאָך ניט געקאָנט וויסן, אַז דאָס שטיקל טעאַטער וועט זיך פאַנאַנדערוואַקסן אין אַ גאַנצן, אין אַן עמעסדיק-גרויסן, און אַז די אויסגעדאַרטע מיזינקע זייערע מיטן לענגלעך פּענעמל און שפּיציק נעזל וועט אײַנעמען מיט איר וווּנדערבאַרער קונסט גאַנצע לענדער.

זי וואָלט עפּשער געבליבן בײַ אירע קעלער-קאָנצערטן, און עפּשער נאָך באַם קרײַזל פון קינדערשער זעלבסטעטיקײַט, נאָר — אַ באַשערטע זאַך. ס'איז געקומען צוגאַסט קיין טשערנאָוויץ זייערער אַ קאָרעוו, און, דערהערט, ווי סאָרעלע זינגט, האָט ער אויסגעשריגן:

— וואָס באַהאַלט איר זי אויס בײַ זיך אין קעלער? ס'איז דאָך אַן אוצער!

די מאַמע האָט ניט געוואָלט אָפּלאָזן דעם אוצער פון דער היים. וואָס וועט זײַן מיט איר אין דער פרעמד? אין אַזאַ צײַט...

נאָר ווידער דער טאַטע:

— זאָל זי... ווער ווייסט... עפּשער איז טאַקע באַשערט...

און יענע צײַט...

די יאָרנלאַנג-רויִקע, באַלעבעסלדיקע שטאָט טשערנאָוויץ, מיט איר ריין-עסטרײַכישער סטאַטעטשנעקײַט און האַלב-עסטרײַכישן גלאַנץ, האָט איבערגעלעבט עטלעכע שטורמישע יאָרן, וועלכע האָבן אַרײַנגעבראַכט אינעם לעבן פון אירע אײַנוווינער פיל נײַע פאַרבן. צום

סאָף פון דער ערשטער וועלט-מלחמה האָט טשערנאָוויץ אָנגעווירן דעם קייסער פראנץ-יאָסיף און גלײַך נאָך דעם דאָס גאנצע עסטרײַכישע. ס'האָט געהאלטן ניט ווײַט דערפון, אז טשערנאָוויץ און גאנץ בוקאָווינע זאָל נאָך דאן ווערן א טייל פון דער סאָוועטישער אוקראַינע, נאָר ס'האָבן זיך אַרײַנגעמישט די רומענער. זיי האָבן פארכאפט בוקאָווינע, וואָס האָט פריִער געהערט צו עסטרײַך, און בעסאראביע, וואָס איז געווען א טייל פון רוסלאנד. גאָר אינגיכן האָבן פון די ייִדישע שטעטלעך פון בעסאראביע זיך א לאָז געטאָן קיין טשערנאָוויץ פיל ייִנגלעך און מיידלעך, זוכנדיק פאר זיך עפּעס א טאכלעס, און אין דעם געדיכט-דורכגעזיפּטן עסטרײַכישן ייִדיש, וואָס האָט געקלונגען א ביסל דײַטשמעריש, האָט זיך אַרײַנגעגאָסן, ריכטיקער אַרײַנגעריסן, דאָס זאפטיקע און גראָבלעכע ייִדיש פונעם בעסאראבער האַמוין, א ייִדיש, וואָס האָט געשמעקט מיט רייכעס פון קאָרן ברויט, פון ראבע פאסאָליעס און געלבלעכער מאמעליגע.

וועט שוין בלײַבן א סאָד, פונוואנען האָט בא סאָרעלע בירקענטאל זיך גענומען אזא שיינער, אזא זאפטיקער, פילפארביקער ייִדיש, וואָס האָט געשמעקט מיט די סאמע בעסטע בסאָמים, און האָט אזוי אויסגענומען סײַ בא די בעסאראבער, סײַ בא די רומענער ייִדן.

דאן האָט זי שוין געהייסן ניט סאָרעלע, נאָר סידי. איר פאמיליע איז אויך געוואָרן שטארק פארקירצט — טאל. אזוי האָט זי ארויסגעשײַנט פון אלע אפישן מיט איר קלינגענדיקן און רעגעוודיקן נאָמען — סידי טאל.

סידי טאל! דער דאָזיקער נאָמען האָט בליצשנעל דערגרייכט רום און פארערונג פון טויזנטער צושויער, גיך אַריבערגעטראָטן די נאַציאָנאלע ראמען, באקומען אנערקענונג און הויכע אָפּשאצונג פון די באוווּסטע רומענישע קונסטקענער און טעאטראלע קריטיקער.

און זי אליין, זי, וואָס איז געוואָרן סידי טאל? דעם עמעס געזאָגט, האָט זי ניט גלײַך באנומען זיך אליין, קעדיי ווי געהעריק אָפּשאצן די גרויסע מעגלעכקײַטן פון איר שוישפּילערישן טאלאנט. זי האָט געלעבט מיט א ראשיק לעבן, באגלייט מיט דורכויסיקן דערפאָלג, און ס'איז איר געווען גוט. באזונדערס עפשער אויך דערפון, וואָס זי האָט גאנץ אָפט געקאָנט איבערשיקן דעם גרעסטן כיילעק פון איר האָנאָראר די עלטערן. זי איז געווען א גוטע, געטרײַע טאָכטער און האָט זייער געוואָלט, אז דער טאטע זאָל ניט אזוי האָרעווען באם פלאקערנדיקן אויוון. זאָל ער כאָטש אף דער עלטער האָבן עטלעכע רויִקע יאָרן. נאָר ווי האָט דער טאטע געקאָנט ווערן אויס בעקער און די מאמע אויס בעקערן?

און אוודאי קאָן מען ניט באשולדיקן דעם קליינשטעטלדיקן צושויער, וואָס איז געווען ניט איבעריק איבערקלײַבעריש, זײַן געשמאק — ווײַט ניט קיין הויכער, און אים האָט פולקום באפרידיקט די נידעריקע ליטערארישע קוואליטעט פון די שטעלונגען פון פיל וואנדערטרופּעס מיט זייערע האָפּקעלעך און העצקעלעך, מיט זייערע מאמזערישע איבערוונקען און צווייפלהאפטע רעפּליקעס, מיט זייער פארײַסן די פיסלעך אזוי, אז דער אוילעם זאָל אונטערטאנצן פון טײַנעג, מיט אלץ דעם איבעריקן, וואָס איז געווען אייגנטימלעך פאר יענע אָפּערעטקעלעך „מיט געזאנגען און טענצע", מיט שיסערײַען און כאלאָשעסן.

ס'האָט געמוזט פאָרקומען עפּעס זייער וויכטיקס, עס זאָל געהעכערט ווערן דער קולטורעלער ניוואָ און די עסטעטישע פאָדערונגען פונעם מאסן-צושויער, און אז דאָס זאָלן מאמאָשעסדיק דערפילן די אקטיאָרן. איבער סידי טאל האָבן געליוערט ניט ווייניק געפארן. זי האָט געקאָנט געשטרויכלט ווערן מיט אירע איבערראשנדיקע דערפאָלגן באם צושויער, וואָס קומט אין טעאטער בלויז זיך פארווײַלן. נאָר אין איר אליין האָט אָנגעהויבן יוירן אזוינס, וואָס האָט געמוזט ברענגען צו אן ערנסטן איבערבראָך. אלץ אין איר האָט אָנגעהויבן דערווידערן קעגן דעם נידעריקן ניוואָ פונעם רעפּערטואר, און זי האָט ניט אויפגעהערט טרוימען וועגן עפּעס העכערס. געטרוימט, געזוכט און געטריבן פון זיך דאָס אָפּסאמענדיקע געפיל פון זעלבסטצופרידנקײַט.

אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן איז זי געקומען מיט איר טרופּע אף גאסטראָלן צו זיך אהיים, קיין טשערנאָוויץ, און זיך באקאנט מיט דעם שווארצכיינעוודיקן באָכער פּינכאס פאליק, וועלכער האָט דאן פארוואלטעט מיט די שטעלונגען אין טשערנאָוויצער ייִדישן טעאטער. ער איז נישט געווען ניט קיין אקטיאָר, ניט קיין רעזשיסער און ניט קיין טעאטראלער קריטיקער. נאָר אין טעאטער איז ער געווען פארליבט מיט לײַב און לעבן און איז געווען איינער פון די פּעִקסטע אָרגאניזאטאָרס פון טעאטראלן וועזן, איינער פון יענע, אָן וועמען קיין אײן טעאטער קאָן ביכלאל ניט עקזיסטירן.

דאן האָבן זיי ביידע ניט געקאָנט וויסן, אז זייער באקאנטשאפט איז, ווי עס זאָגט זיך, א זיווּעג פון גאָט, און אז דאָס וועט זיי צונויפירן אפן גאנצן לעבן. בײַס איינעם א שפּאציר האָט פּינכאס א זאָג געטאָן:

— עפשער וואָלט געווען א פּלאַן, איר זאָלט בלײַבן אַף שטענדיק אין טשערנאָוויצער טעאַטער? ס'איז דאָך אײַער היים.

— בלײַבן אין טשערנאָוויץ? — האָט זי דערווידערט. — און מײַן טרופּע?

— טוט, פונדעסטוועגן, א טראַכט.

— גוט, איך וועל א טראַכט טאָן. — נאָר זיך א כאַפּ געטאָן: — און עפשער וואָלט געווען א פּלאַן, איר זאָלט אריבערפאָרן קיין בוקאַרעשט?

— איך קיין בוקאַרעשט? ווי קאָן איך איבערלאָזן...

און זיך פאַרהאַקט. ווײַל ס'האָט זיך געוואָלט זאָגן ניט אזוי וועגן דעם טעאַטער, ווי וועגן דער פוטבאָל-קאָמאַנדע „ספּאַרטאַק", אין וועלכער ער, פּינכאַס פאַליק, איז געווען ביז גאָר אַקטיוו.

אין טשערנאָוויץ זײַנען דאַן געווען עטלעכע באַזונדערע נאַציאָנאַלע קלובן מיט בוי-לעטער נאַציאָנאַליסטישער באַפאַרבונג. א פּוילישער מיטן נאָמען „זוויאַזדאַ", אַן אוקראַי-נישער — „דאָוובוש", א ייִדישער — „מאַקאַבי", א דײַטשישער — „יאַן" און א רומעני-שער — „דראַגאָש וואָדאַ". יעדער קלוב האָט זיך געהאַט זײַן פוטבאָל-קאָמאַנדע מיט די זעלבע פּאָליטישע אַמביציעס. די טוער פון רעוואָלוציאָנערן אונטערערד האָבן, פאַרשטייט זיך, קיין קלוב ניט געהאַט. נאָר די אָנפירער האָבן באַשטימט שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַ-לע פוטבאָל-קאָמאַנדע, און איר א נאָמען געגעבן „ספּאַרטאַק". די מאַטשן פון „ספּאַרטאַק" מיט אַנדערע טשערנאָוויצער קאָמאַנדעס האָבן אָפטמאָל באַקומען א פּאָליטישן בײַטאַם און זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בלוטיקע געשלעגן, באַזונדערס ווען ס'האָט זיך געפילט, אַז „ספּאַרטאַק" זיגט. ניט זעלטן פלעגט מען אייניקע ספּאַרטאַקאָווצעס אַוועקפירן פונעם סטאַדיאָן גלײַך אין טורמע. ווי זשע האָט עס פּינכאַס פאַליק געקאָנט דערציילן סידי טאַל א מײַסע וועגן פוטבאָל?

איז אַוועק א יאָר, דערנאָך נאָך א יאָר, און בײדע האָבן, אַפּאָנעם, פאַרשטאַנען, אַז ס'איז טאַקע א באַשערטע זאַך. פאַליק איז אריבערגעפאָרן קיין בוקאַרעשט און איז געוואָרן אין סידי טאַלס טעאַטער דאָס, וואָס ער איז ביז דאַן געווען אין טשערנאָוויצער — דער פאַר-וואַלטער און אָרגאַניזאַטאָר פון אַלע אירע שטעלונגען. געווען איז דאָס א שטעלע פון פיל פאַרשיידענע פליכטן, אָנהייבנדיק פון צוקלײַבן דעם נייטיקן רעפּערטואַר, אײַנלאַדן די נייטיקע אַרטיסטן צום אָרדנטלעכן סעזאָן, באַזאָרגן די שטעלונג מיט די נייטיקע דעקאָראַ-ציעס און רעקוויזיט, צוגרייטן אַפישן און אַנדערע רעקלאַמע-מיטלען, און, פאַרשטייט זיך, לייזן דאָס סאַמע קאָמפּליצירטע — די פינאַנץ-פּראָבלעמען. מיט איין וואָרט, דאָס איז געווען א שטעלע פון עטלעכע שטעלעס אינאיינעם, און פאַרנעמען זי האָט געקאָנט בלויז איין מענטש, וואָס איז איבערגעגעבן דער טעאַטראַלער קונסט מיט לײַב און לעבן. אַזאַ איז געווען דער שוואַרצכיינעוודיקער יונגערמאַן פּינכאַס פאַליק, און אַזאַ איז ער פאַרבליבן ביז זײַן גראָוער עלטער.

איך געדענק שוין ניט, אין וואָס פאַר אַן אַרטיקל האָב איך געלייענט וועגן דעם, אַז סידי טאַל מיט איר אַנסאַמבל האָבן אויפגעשײַנט דאַן, ווען אין דער ייִדישער טעאַטראַלער וועלט אין רומעניע איז געווען אומהיימלעך, ווי אין א פוסטער קרעטשמע. סידי טאַלס אַנ-סאַמבל האָט אַפּסנײַ אויפגעלעבט די פאַרוואָרלאָזטע ייִדישע בינע, זי באַהויכט מיט איר יונגן טאַלאַנט, מיט אירע קינסטלערישע אָנשטרענגונגען און געעפנט א נײַ קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דעם ייִדישן טעאַטער אין רומעניע. א קאַפּיטל, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען — סידי טאַל.

דאָס אַלץ האָט זי דערגרייכט מיט איר אײַנגעבוירענער סצענישקײַט, מיט איר זעל-טענער אויפפאַסונג, מיט איר עלאַסטישקײַט, טעמפּעראַמענט, מיט איר סייכל און פענאָמע-נאַלן זיקאָרן, מיט איר קאָנען שנעל זיך אײַנלעבן אין פאַרשיידענע בינע-סיטואַציעס.

און דאָך... דאָס אַלץ איז געווען ווייניק. זי האָט דאָס אַליין געפילט וואָס א מאָל שטאַרקער. זי מוז דערגרייכן פיל מערער. און מיט דער פולער שאַרפקײַט זײַנען פאַר איר אויפגעשוווּמען די אַלע פּראָבלעמען, ווען אין רומעניע האָט גאַסטראָלירט די ווילנער טרופּע.

די ווילנער טרופּע האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין די אײַנגעוואָרצלטע פאָר-שטעלונגען וועגן טעאַטער ביכלאַל און וועגן ייִדישן ביפראַט. סײַ בא דעם מאַסן-צושויער, סײַ בא די אַקטיאָרן און טעאַטראַלע קריטיקער. זי האָט געשאַפן נײַע קריטעריִען וועגן טעאַטער און טעאַטראַלער קונסט. אַלע האָבן ווי אָנגעהויבן זיך ארומקוקן, און עפשער צום ערשטן מאָל פאַרשטאַנען, אַז עס איז פאַראַן גאָר עפּעס אַנדערש, העכערס, שענערס און פיל וויכטיקערס, ווי בלויז „געזאַנגע און טענצע". עמעס, הויכע קונסט. נאָך דער ווילנער טרופּע האָט מען שוין ניט געקאָנט שפּילן, ווי פריִער. מע האָט געמוזט זיך אויפהייבן כאָטש

א ביסעלע העכער. א טרעפּל נאָך א טרעפּל. צווישן די ערשטע האָט דאָס פאַרשטאַנען סידי טאַל און איינינעם מיט איר פּינכאַס פאַליק.

— איך וועל זיך דורכשמועסן מיט שטערנבערגן, — האָט פאַליק געזאָגט.

יאַנקעוו שטערנבערג... דאָס איז געווען די צווייטע גליקלעכע באַגעגעניש פון דער שוין באַרימטער אַקטריסע. א באַגעגעניש, וואָס האָט געמאַכט אַן עמעסע איבערקערעניש אין איר שוישפּילערישער טעטיקייט.

יאַנקעוו שטערנבערג איז דאַן שוין געווען באַוווּסט אַלס טאַלאַנטפולער דיכטער און קונסטקענער, אַלס אומדערמידלעכער עקספּערימענטאַטאָר און רעזשיסער, מיט א שטאַרקער נייגונג צוגעבן זײַנע שטעלונגען א שאַרפע סאָציאַלע און אידייִשע אָנלאָדונג. אויסגעהערט פאַליקס פאָרשלאָג, האָט שטערנבערג געענטפערט:

— גוט, מיר וועלן א פּרוּוו טאָן.

דאָס איז פאַר ביידן געווען א גליקלעכע באַגעגעניש. יאַנקעוו שטערנבערג האָט געעפנט פאַר זיך א שוישפּילערישן טאַלאַנט מיט אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן, און סידי טאַל האָט געפונען פאַר זיך א לערער פון הויכער קולטור.

שטערנבערג איז געווען א שטרענגער לערער. ער האָט נישט געזשאַלעוועט ניט זיך און ניט זײַן שילערן. ביידע האָבן געהאָרעוועט ביזן זיבעטן שווייס פון גאַנצפרי ביז פאַרנאַכט. און אַלעמאָל, ווען ביידע זײַנען שוין געווען איבערגעמאַטערט, קימאַט אינגאַנצן אויסגעשעפּט, האָט שטערנבערג מיט מיטגעפיל און ראַכמאָנעס געפרעגט:

— איר זײַט שוין מיד? עפּשער וועלן מיר אָפּרוען?

סידי האָט אָפּגעענטפערט:

— ניין, ניין, איך בעט אײַך, מוטשעט מיך נאָך א ביסעלע.

אַזוי איז אויפגעקומען זייער ערשטע שטעלונג „דער געלער שאָטן". ניט קיין גרויסן איינאַקטער האָט שטערנבערג פאַנאַנדערגעוויקלט אין א פולן דרײַאַקטיקן דראַמאַטישן ספּעקטאַקל, כדי צו געבן סידי טאַל א מעגלעכקייט א גלאַנץ טאָן מיט אַלע אירע פאַרבן, אַנטפּלעקן פאַרן צושויער אַלע פאַרבאָרגענע שטריכן פון איר צויבערדיקן טאַלאַנט. און עפּשער דאָס סאַמע וויכטיקסטע — אַרויסטרעטן פאַר אירע צושויער אין גאָר א נײַער פאָרם, אין א ווערק מיט א טיפן סאָציאַלן און פילאָסאָפישן אונטערגרונט.

דער סוזשעט פון דער פּיעסע „דער געלער שאָטן" איז אין פיל אויפאַנים ענלעך אַף שאָלעם אַשס „דער גאָט פון נעקאָמע", נאָר איר סאָציאַלער דיאַפּאַזאָן איז פיל ברייטערער. דאָס פאַרשטויסענע גאַסן-מיידל פונעם „הײַזקעלע" הייבט אָן באַנעמען איר פאַרשקלאַפונג, איר מענטשלעכע מינדערווערטיקייט, פילט, ווי יעדן טאָג טרעט מען פאָשעט מיט די פיס איר מענטשלעכע ווירדע, און איר באַוווּסטזײַן וואַקסט אויס ביזן טיפן באַנעמען איר צושטאַנד, ווי א בריע, וואָס איז אַרויסגעשלײַדערט געוואָרן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. און דאָס ברענגט זי צו זעלבסטמאָרד.

דאָס איז שוין געווען גאָר עפּעס אַנדערש. שוין ניט פון יענע אָפּערעטקעלעך אַף צו פאַרווײַלן דאָס פּובליקום. דאָס איז געווען א פּראָטעסט קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, קעגן דער אומגערעכטיקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. און דערנײַקער — דאָס איז געווען א ספּעקטאַקל פון א נײַער, העכערער קוואַליטעט, פון עמעסדיקער טעאַטראַלער קונסט.

דער עקספּערימענט האָט זיך באַקומען. דער ספּעקטאַקל האָט איבעראַשט און אויפגעטרייסלט אַלעמען. און, ווי די רעצענזענטן האָבן ניט איין מאָל אונטערגעשטראָכן, האָט דער ספּעקטאַקל פאָרגעשטעלט מיט זיך א שפּרונג צו העכסטער קונסט אינעם ייִדישן טעאַטער פון רומעניע. און אויך דאָס סאַמע וויכטיקסטע — אַז דאָס איז געווען א נײַער גילגל פון סידי טאַל.

דרײַ הונדערט מאָל איז געשטעלט געוואָרן „דער געלער שאָטן" אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון רומעניע. און אומעטום מיט דעם זעלבן איבעראַשנדיקן דערפאָלג. די פּרעסע האָט געשריבן:

„סידי האָט באַשײַמפּערלעך באַוויזן, אַז איר איז געלונגען דער אַריבערגאַנג פון אָפּערעטע-זשאַנער צו ערנסטער קונסט".

„סידי טאַל האָט בעליסאָפּעק א סאַך טעאַטראַלע קוואַליטעטן און פעיִקײַטן. גרויסע לײַדנשאַפט צו דער בינע, טעמפּעראַמענט און פיל אַנדערע גוטע אייגנשאַפטן. יענער סצעניִשער וווּנדער, וואָס סידי טאַל שאַפט מיט איר יעדן אַרויסטריט, מיט איר האַרציקער פאַשטעס און פאָלקסטימלעכקייט, איז איר שטאַרקסטע אייגנאַרטיקייט. זי היט שטאַרק אָפּ די ריינקייט און פאַרשטענדלעכקייט פון יעדן אַרויסגעזאָגטן וואָרט, זי היט זיך אָפּ פון אַן

איבעריקן ווונק, קעדיי ניט אריבערשפאנען די גרענעץ פון טעאטער אין שונד. זי באמיט זיך ווי וויט מעגלעך ארבעטן מער מיט מימיק און זשעסט, קעדיי באפליסיקן דאס ארויס-געזאגטע זאפטיק יידיש וואָרט".

„מיט גרויסער קונסט און דראמאטיזם אינטערפרעטירט סידי טאל אירע העלדן, אריינ-דרינגענדיק אין זייער פסיכאָלאָגיע, אין זייערע ליידן און טרוימען".

„וויסנדיק, וויאזוי אופצולעבן און באגייסטערן אירע פערסאָנאַזשן, שפילט זיי סידי טאל ניט אויס, נאָר זי לעבט אין זיי, אינטענסיוו, ביז העכסטער אויסמאטערונג".

„סידי טאל איז בעפיירעש דער ליבלינג פונעם פובליקום, וועמען זי פארקישעפט מיט איר מעכטיקן טאלאנט און כיינעוודיקייט. זי ווייסט, ווען פארטרייבן דעם שמייכל און פארבייטן אים אף א וווּנדערבארער טרער".

און נאָך און נאָך... שוואכים, פארדינטע און דעראָבערטע מיט אומגעהייערער האָרע-וואניע, מיט א הייסן דראנג אנטפלעקן זיך פאר זיך אליין, באשטימען די אייגענע מעגלעכ-קייטן.

דערנאָך איז געקומען שאָלעם-אליכעמס „אויצער" אין שטערנבערגס באארבעטונג, הייסט — „באסיע פון קאראטשעקראק" (שטערנבערגס א וואריאנט פון „באסיע די יעסוי-מע"). אין יעדער נייער באארבעטונג האָט שטערנבערג אויך געזוכט זיך אליין, געזוכט מיטלען אף אויסדריקן זיין אייגענעם וועלט-באנעם און קעדיי וואָס ברייטער און טיפער אנטפלעקן און רעאליזירן סידי טאלס טאלאנט. דערנאָך זיינען געווען פארשיידענע סקיצן, וועלכע עס האָבן געשאפן פאר סידי טאל יאנקעוו שטערנבערג בעשוטפעס מיט מוישע אלטמאנען. און ווידער מיט אלץ וואקסנדיקן דערפאלג.

אין פיל יאָרן ארום, שוין אין 1975, וועט יזראעל בערקאָוויטש שרייבן אין זיין בוך „הונדערט יאָר יידישער טעאטער אין רומעניע", אז אין יענער צייט איז סידי טאל געווען די פאָפולערסטע און באליבטסטע שוישפילערן ניט בלויז באם יידישן צושויער. דאָס קאָן מען באשטעטיקן מיט אויסצוגן פון פיל רעצענזיעס אין די רומענישע צייטונגען פון יענער צייט. אָט איז איינער אזא אויסצוג:

„אויב די שפראך איז א שאפונגס-קראפט אין דער טעאטראלער קונסט, קאָן מען זיכער זאָגן, אז סידי טאל און איר אנסאמבל האָט זיך איינגעגעבן צווינגען אונדז דערפילן אָט די קונסט אפילע אין דער שפראך, וועלכע מיר פארשטייען ניט".

דער נייער גילגל פון סידי טאל איז אויך באשטאנען אין דעם, וואָס אומבאמערקט פאר זיך אליין האָט זי מיט איר קונסט, מיט איר נייעם רעפערטואר זיך אריינגעריסן אין פאָליטישן און געזעלשאפטלעכן לעבן פון דער באָארישער רומעניע, אין די הייסע גראנג-לען צווישן פארשיידענע פאָליטישע שאטירונגען, צווישן די פראָגרעסיווע און רעאקציאָ-נערע קויכעס פונעם לאנד. אין דעם גראנגל זיינען אירע פאָזיציעס געווען גאנץ באשטימ-טע. זי האָט פראָטעסטירט קעגן פאשיזם און רעאקציע, געקעמפט קעגן ריין-סאָכרישן שונד-טעאטער.

און אין רומעניע איז געוואָרן אלץ אומרויקער. עס האָבן זיך געריסן און דערנאָך גע-קומען צו דער מאכט די סאמע רעאקציאָנערע קויכעס פונעם לאנד, וועלכע האָבן זיך גע-פונען אונטער דער האשפאָע פונעם היטלערישן דייטשלאנד. סידי טאל איז געשטאנען אנטאָגאָנעסקון מיט זיין „אייזערנער גווארדיע" ווי א ביין אין האלדז.

שרעקנדיק דעם רומענישן קליינבירגער מיט דעם, וויאזוי עס וועט אויסזען רומעניע בא דער קאָמוניסטישער הערשאפט, האָט איינע א צייטונג אָפגעדרוקט א העסלעכע קאַרי-קאטור מיט אזא אופשריפט: „קוקט, זעט און באטראכט זיך. אָט ווער עס וועט געוועלטיקן איבער אייך". אין דער קאריקאטור זיינען געווען אָנגעמאָלט עטלעכע געביידעס פון פאר-שיידענע מעלוכישע אנשטאלטן מיט מאָגנדאָווידלעך אין דער שפיץ. און אָפן ערשטן פלאן — די געביידע פונעם טעאטער מיט אן אופשריפט: „סידי טאל איז דאָ די באלעבאָסטע".

דאָס איז געווען, אזוי צו זאָגן, א וואָרענונג. און אין א יאָר ארום... מעגלעך, אז די גאָרגלשניידער פון דער „אייזערנער גווארדיע" האָט באזונדערס אופגעבראכט שטערנבערגס רעוויו „טעאטער אין פלאמען" — א מין יידישע וואריאציע פון „קארמען", אין וועלכער סידי טאל איז ארויסגעטראָטן מיט א באזונדערן גלאנץ. סידי טאל — קארמען האָט זיך אריינגעריסן אף דער בינע ווי א ווירער. זי האָט אופגעטרייסלט אלעמען מיט איר פאָעטי-שער דערהויבנקייט, מיט אירע לײדנשאפטלעכע מאָנאָלאָגן, פול מיט אנטיפאשיסטישע רע-מאָזים. און דאָס האָט מען איר אוודע ניט געקאָנט מויכל זיין.

געשען איז דאָס אין זומער פון 1938 אין דער שטאָט טימישאָר, אין זאל פונעם נא-ציאָנאלן טעאטער. דער פאָרהאנג האָט זיך אופגעהויבן, און אין דער טיף פון דער בינע

סידי טאל אינעם מאָנאָלאָג „דער מוטערס האַרץ"

פון דער שטעלונג „אָן פּראָטעקציע"

די מאַמע פון דער שטעלונג „א האַרץ, וואָס בענקט"

די אופראַמערן פון דער שטעלונג „לאכן איז געזונט"

די בריוונטרעגערן פון דער שטעלונג „לאכן איז געזונט"

די סצענע „די גאָלדענע כאַסענע" פון דער שטעלונג „די סאָנים אפצולאָכעס". סידי טאַל און יאַ. גאָלמאַן

האָט זיך באוויזן סידי טאַל אין דער ראָל פון אַן אָרעמער נייטערן, וואָס זיצט בא דער ניימאַשין. עס האָט דערבײַ געדאַרפט קומען א שיין ייִדיש לידל, נאָר...

די באָמבע איז געווים געווען געצילט אין דער בינע און געמיינט אין דער ערשטער ריי סידי טאַל, נאָר אראָפּגעפאַלן האַרט לעבן דער בינע, האָט די באָמבע זיך א קײַקל געטאָן אף צוריק ביז דער פּינפּטער, צי דער זעקסטער ריי און דאָרטן זיך אופגעריסן. עס האָבן א פּלי געטאָן אין דער לופט בענקלעך מיט מענטשלעכע קערפּערס, און דער גאַנצער ארום איז פאַרפולט געוואָרן מיט רויך און מיט בלוט. דער סאַכאַקל פונעם אופרײַס — פערציק מענטשלעכע קאָרבאָנעס.

דאָס איז שוין געווען ניט בלויז א וואָרענונג. די פאַשיסטן האָבן געוויזן, אף וואָס זיי זײַנען פעיִק און צו וואָס זיי זײַנען גרייט.

א וואָך צײַט האָט סידי טאַל ניט געקאָנט ארויסריידן קיין וואָרט. די גאַסטראָלן אין טימישאָר זײַנען אראָפּגעריסן געוואָרן. און די אַלע צוויי יאָר ביז יון 1940 האָבן זיי געלעבט אין שרעק. מיט יעדן טאָג האָבן די פאַשיסטישע באַנדעס געבושעוועט אַלץ שטאַרקער, און מע האָט געקאָנט וואַרטן אף אַלץ.

און אין יון 1940... לויטן אָפּמאַך מיט דער רומענישער רעגירונג האָבן אַלע אָפּשטאָמיקע פון בוקאָווינע און בעסאַראַביע געהאַט דאָס רעכט זיך אומקערן אין זייערע געבורטערטער. טויזנטער ייִדן, וועמען דער גורל האָט פאַר די צוואַנציק יאָר פאַריאָגט אין פאַרשיידענע ערטער פון רומעניע, האָבן זיך א לאָז געטאָן אהיים.

דער וועג אהיים איז געווען ווײַט ניט קיין פּראָסטער און ניט קיין גרינגער. דאָס איז געווען אַן איבערגאַנג פון איין וועלט אין א צווייטער. פאַר יעדן האָט אין דער ערשטער ריי מיט דער פולער הארבקײַט זיך געשטעלט די פראַגע פון אויסוואַל. און ס'האָבן נישט געקאָנט ניט אופקומען פיל אַנדערע פראַגן: ווי זעט אויס די נײַע וועלט, וואָס וואַרט דאָרט אף אים? דערצו איז דער וועג אהיים געווען פול מיט געפאַרן. די רומענישע פאַשיסטן האָבן געטאָן אַלץ, אז בא די ייִדן זאָל אָפּפאַלן דער כיישעק זיך אומקערן.

ס'איז געווען אײַנגעשטעלט אזא אָרדענונג. פון בוקאַרעשט קיין גאַלאַץ איז מען געפאָרן מיטן צוג. דאָרט האָט א געמישטע סאָוועטיש-רומענישע קאָמיסיע דורכקאָנטראָלירט די דאָקומענטן פון די אָנגעקומענע און מיט באַרזשעס זיי אוועקגעפירט צו דער סאָוועטישער גרענעץ.

וועגן די געשעענישן אפן וועג פון בוקאַרעשט קיין גאַלאַץ האָט מען באוויזן זיך אָנהערן ניט ווייניק שרעקלעכס. די רומענישע פאַשיסטן רײַסן זיך אַלעמאָל ארײַן אין אַנדער וואַגאָן, מע טוט א כאַפּ עטלעכע טשעמאָדאַנעס און מע וואַרפט זיי ארויס דורך די פענצטער. אָפטמאָל וואַרפט מען ארויס דורך די פענצטער אויך א פּאָר ייִדן. אין גאַלאַץ אַליין, ביז עפּעס-וואָס, פאַרטרײַבט מען די ייִדן אין זאַהאָנעס, מע שלאָגט זיי, מע מיימעסט זיי. מיט איין וואָרט, ס'איז געווען וואָס צו באַטראַכטן, וואָס צו באַהאַנדלען, פאַר וואָס מוירע האָבן און איבער וואָס זיך וואַקלען.

סידי טאַלס טרופּע איז באַשטאַנען טיילווײַז פון בעסאַראַבער און טיילווײַז פון רומענישע ייִדן. די בעסאַראַבער האָבן זיך געריסן אהיים, און די רומענער האָבן זיי אָפּגערעדט. צי לוינט ריזיקירן? זיי האָבן אוודע ניט געוואָלט אָנווערן סידי טאַל. מע האָט זיך א ביסל געשפּאַרט און אַלץ געטראַכט, וויאַזוי אויסמײַדן דעם ווילקיר פון די פאַשיסטישע גאַזלאָנים. און מע האָט צוגעטראַכט: קיין גאַלאַץ פאָרט די גאַנצע טרופּע אף גאַסטראָלן, און דאָרטן וועט מען זען.

אין גאַלאַץ האָבן זיך באוויזן אפישן, און די בילעטן אף די געמאָלדענע דרײַ ספּעקטאַקלען זײַנען טייקעף אויספאַרקויפט געוואָרן. די דעקאָראַציעס זײַנען אויך עפנטלעך אריבערגעפעקלט געוואָרן אהין. דער אויבעם ארטיסטן האָט גאַנץ פײַן פאַרנומען די ערטער אין וואַגאָן, ניט ארויסרופנדיק קיין שום כשאַד בא די לײַט פון דער סיגוראַנץ. ווען אין וועג האָט עמעצער געפּרוווט זיך צוטשעפּען צו זיי, האָבן זיי גלײַך געמאָלדן:

— מיר פאָרן אף גאַסטראָלן.

דעם ערשטן ספּעקטאַקל האָבן זיי אָפּגעשפּילט מיט גרויס פּאָמפּע און מיט גרויס דערפאָלג. און טאַקע אין דער זעלבער נאַכט האָבן די בעסאַראַבער זיך אָפּגעזעגנט מיט זייערע קאָלעגן און ניט געסטײַעט. זיי האָבן זיך אריבערגעקליבן אף די באַרזשעס, וואָס זײַנען באַגינען אָפּגעשווומען צו דער סאָוועטישער גרענעץ.

דעם צווייטן טאָג האָט אין גאַלאַץ זיך אָנגעהויבן אַן עמעסדיקע בעהאָלע. די סיגוראַנץ-לײַט האָבן געקריצט מיט די ציין פון פאַרדראָס: ווי האָבן זיי עס געקאָנט ארויסלאָזן סידי טאַל? און ניט איין מאָל האָבן זיי דראָענדיק געפאָכעט מיט די פויסטן:

— נישקאַשע, מיר וועלן זיך נאָך אומקערן אַהין, מיר וועלן זי אָפּזוכן. אונטער דער ערד וועלן מיר זי געפינען.

3

אוואַדע האָט זי געטרוימט בלײַבן אין טשערנאָוויץ, ווו עס וווינען אירע צוויי שוועסטער, ווו עס האָבן געפונען זייער רו אירע עלטערן, ווו יעדעס ווינקעלע, יעדעס שטיינדעלע איז פול מיט אומפאַרגעסלעכן, באַזונדערס דער קעלער, ווו זי איז אַרויסגעטראָטן מיט אירע ערשטע קאָנצערטן פאַר די בעקער-יונגען, דער זומער-טעאַטער, ווו זי האָט פאַרקויפט פרישע בולקעלעך און דורך די שפּאַרונעס אַרײַנגעקוקט אויף דער בינע. נאָר אין טשערנאָוויץ איז שוין געווען טעטיק אַ יידישער טעאַטער, אין קעשענעוו האָט מען אָנגעהויבן אויך גרינדן אַזאַ. און מע האָט זי שטאַרק אײַנגעלאַדן אַהין, זי זאָל ווערן דער פונדאַטאָר פונעם מעלוכישן יידישן טעאַטער אין מאָלדאַוויע. איז זי אין טשערנאָוויץ געווען בלויז אַ גאַסט אויף אַ קורצער צײַט.

יול 1940. טשערנאָוויץ, קעשענעוו זײַנען, ווי פיל אַנדערע באַפרײַטע שטעט, פול געווען מיט פרייד און היספּײַלעס, מיט נײַע אָנשטאַלטן און מיט נײַע שילדן. יעדן טאָג — מיטינגען און פאַרזאַמלונגען, מיט רויטע פאָנען, רויטאַרמייִשע קאָלאָנעס און מיליצייִשע פּאַטרולן. די נײַע וועלט האָט געלאָזט הערן וועגן זיך אין אַלע געביטן און, פאַרשטייט זיך, אויך אינעם טעאַטער-וועזן.

די ערשטע שטעלונג פונעם מאָלדאַווישן יידישן מעלוכע-טעאַטער „זיאַמקע קאָפּאַטש" איז געווען פאַר סידי טאַל ווי אָנגעמאָסטן, זי זאָל וואָס גיכער אַרײַנקומען אין דער וועלט פון נײַע געשטאַלטן און נײַע פּראָבלעמען. זיאַמקע קאָפּאַטש, דאָס אָרעמע ייִנגעלע, וואָס איז געוואָרן אַ סאָלדאַט פון דער רעוואָליוציע, איז געווען מיט עפּעס ענלעך אויף איר אייגענעם גורל. זיאַמקע איז איר געווען נאָענט און אייגן, פּונקט ווי מאָטל פּייסי דעם כאַזנס, און זי האָט זיך געפּילט אין אָט דער ראָל גרינג און פרײַ. אומזיסט האָט זי זיך געשראָקן פאַר די שוועריקײַטן פונעם אומפאַרמײַדלעכן איבערגאַנג. לאָזט זיך אויס, זי האָט גאָרנישט ניט געדאַרפט אַריבערגיין. ס'איז געווען דאָס, וואָס ס'האָט געוווירט אין איר אַלע יאָרן. איז בא איר אויסגעקומען, אַז זיאַמקע האָט די גאַנצע צײַט געוואַרט אויף איר, אויף סידין.

דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן רעפּעטירן „רויטע פּאָמעראַנצן". ס'איז געווען אַ רעוויו וועגן זיי אַליין, וועגן די בעסאַראַבער יידן, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט אין זייער אַלטער היים, וואָס איז געווען אינגאַנצן אַ נײַע.

אין רעפּעטיציעס און שטעלונגען איז דורכגעלאָפן דאָס שיינע און אומפאַרגעסלעכע יאָר. אָבער ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע... מע האָט געהאָפט, אַז זי וועט זײַן אַ קורצווײַליקע, אַז אינגיכן וועט די רויטע אַרמיי צעשמעטערן די היטלערישע כאַיאָלעס. די טרופּע איז רוייִק אַרויסגעפאָרן אויף רעפּעטיציעס אין שטעטל קאַלאַראַש, אַ קילאָמעטער צען פון דער רומענישער גרענעץ. אין איינער אַ נאַכט האָט אַ גרופּע רומענישע סאָלדאַטן, געווויס אויסשפּירער, זיך אַרײַנגעריסן אין שטעטל. האָט מען שוין געמוזט זיך אויסבאַהאַלטן אויף די בוידעמער און אין די קעלערס. אָפּגעראַשט עטלעכע שאָ אין שטעטל, זײַנען די רומענער צוריק אַוועק. ווי ס'האָבן דערנאָך דערציילט די היגע אײַנוווינער, האָבן זיי אומעטום זיך נאָכגעפרעגט, ווו באַהאַלט זיך אויס די אַקטריסע סידי טאַל. זיי האָבן די גאַנצע צײַט געהאַט אויף איר אַן אויג און געזוכט, ווי זיך אָפּנויקעמען.

אינגיכן האָבן זיך אָנגעהויבן די שווערע לאַנגדויערנדיקע וועגן פון דער עוואַקואַציע.

וועגן און אומוועגן. די ערשטע באָמבעס האָבן זיך אופגעריסן אַרום זיי הינטער טיראַספּאָל. די סאַמע שוידערלעכע באָמבאַרדירונג, ווען עס זײַנען געפלויגן אינדערלופטן וואַגאָנען מיט געווער און אַמוניציע, האָבן זיי איבערגעלעבט אויף דער קנופּ-סטאַנציע לאָזאָוואַיאַ. דערנאָך איז געווען אַ לאַנגער אויסמאַטערנדיקער וועג קיין טאַשקענט. ענגע און דושנע וואַגאָנען, פילצאָליקע סטאַנציעס און עוואַקאָפּונקטן, הונדערטער אַרומבלאָנדזשענדיקע מענטשן אויף די כאָרעוו געוואָרענע וועגן. קינדער, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע מאַמעס, און מאַמעס, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע קינדער. ערשט איצט, אויף אָט דעם ווײַטן און פּײַנפולן וועג, האָט זי זיך דערפילט ווי אַ טיילכל פונעם גרויסן לאַנד, פון זײַן שווערן גורל, פונעם אומגעהייערן פאָלקס-אומגליק.

דער אויסגעטערוימטער ברעג איז געווען טאשקענט, די הויפּטשטאָט פון אוזבעקיסטאַן, וואָס איז געווען איבערגעפּולט מיט פּליטים פון אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד, פון פּוילן און מאָלדאַוויע, פון ליטע און לעטלאַנד. דאָ האָט אויך געפונען זײַן מאָקעם-מיקלעט דער מאָ-סקווער מעלוכישער יִדישער טעאַטער בעראָש מיט מיכאָעלסן. אהער האָט זיך וועאַקוִירט דער מאָסקווער רוסישער טעאַטער אָפן נאָמען פון דער רעוואָליוציע. אהער האָבן זיך אַריבערגעקליבן פיל אָנגעזעענע אַקטיאָרן, שרײַבער און קאָמפּאָזיטאָרן פון מאָסקווע און לענינגראַד, פון קיִעוו און אַדעס און פון אַנדערע שטעט. טאַשקענט איז געוואָרן אַ שטאַרק צונויפגעפּרעסטער קולטור-צענטער, אין וועלכן עס האָבן געאַרבעט און געשאַפן פיל גרויסע טוער פון ליטעראַטור און קונסט. און צווישן זיי, אויך זי, סידי טאַל, מיט איר ניט גרויסער טרופּע, וועלכע האָט אַלפי-נעס זיך אַרויסגעריסן פונעם פײַער.

ס'איז אַפילע ניט געווען ווען צו טראַכטן, וואָס גייט איר מער אונטער און אין וועלכן זשאַנער קאָן זי בעסער רעאַליזירן איר טאַלאַנט. שאַפן אַ רעוויו-טעאַטער באַ דער טאַשקענטער פילהאַרמאָניע? זי איז גרייט. שפּילן אין אַן אַנטיפאַשיסטישן פילם, וואָס ווערט געשאַפן אָף דער טאַשקענטער קינאָסטודיע? ביטע. אויסשפּילן די ראָל פון אַן אויסלענדערן אין רוסישן טעאַטער, וואָס שטעלט די פּיעסע פון אַלעקסיי טאָלסטאָי? פאַרוואָס ניט? ווער נאָך טויגט זיך אויס פאַר אַזאַ ראָל מיט איר געבראָכענעם רוסיש און מיט איר נאָך ניט אויסגעוועפּטער אויסלענדישקײַט? וויכטיק איז דאָך דאָס סאַמע איקערדיקע. אויך איצט, אין די גרויזאַמסטע טעג, דאַרפן אַלע איר קונסט — די אַרטיקע אוזבעקן, די רוסישע סאָלדאַטן און באַזונדערס די יִדישע פּליטים, אירע בוקאָווינער, אירע בעסאַראַבער, אירע אוקראַיִנער, וועלכע נייטיקן זיך שטאַרק אין איר יִדיש לידל, פּונקט ווי אין דעם ביסל רײַז, פּונקט ווי אין די אוזבעקישע פּלעצלעך.

איצט האָט זי זיך אַליין דערפילט שוין גאָר אין אַן אַנדער קוואַליטעט — זי איז ניט בלויז אַן אַקטריסע, נאָר אַן אַקטריסע — אַ שלאַכטמאַן. יעדער סאָוועטישער בירגער האָט געקעמפט קעגן די פאַשיסטישע מערדער מיט דעם געווער, וועלכן ער האָט אַמערסטן באַהערשט. איר געווער איז געווען דאָס וואָרט, די ליד. און קעדיי זײַן פאַרשטענדלעך דעם פילנאַציִאָנאַלן אוילעם, וועלכער האָט איבערגעפּולט די שטאָט טאַשקענט, האָט זי אָף אַ פאַרגיכערטן אויפן אויסגעכאַזערט עטלעכע לידער אָף רוסיש, אָף אוזבעקיש און אָף דײַטש. אָף יִדיש האָט זי ניט געדאַרפט אויסכאַזערן. יִדישע לידער האָט זי פאַרגעדענקט פון אירע ווײַטע קינדער-יאָרן. זי האָט נאָר געדאַרפט צוגעבן צו איר רײַכן רעפּערטואַר נײַע קאַמפּס-לידער. מיט אָט דעם פילשפּראַכיקן רעפּערטואַר איז זי אַרויסגעטראָטן אין די טיילן פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע האָבן זיך געגרייט אָפּפאָרן אָפן פראָנט, אין די שפּיטאָלן — פאַר די פאַרוווּנדעטע אין די בלוטיקע שלאַכטן, אָף די זאַוואָדן און פאַבריקן, ווו אוזבעקן און רוסן, אוקראַיִנער און יִדן האָבן האַנט באַ האַנט אויסגעאַרבעט געווער און אַמוניציע, קליידונג און שפּײַז פאַר דער רויטער אַרמיי.

דרײַ יאָר האָט איר יִדישער רעוויו-טעאַטער געאַרבעט אין אוזבעקיסטאַן. פיל פון די געוועזענע פּליטים געדענקען ביז איצט אירע שטעלונגען אין טאַשקענט: „מיס לילי", „מאַמעלע" און אַנדערע. גרויס פּאָפּולערקײַט האָבן געהאַט אירע פילשפּראַכיקע קאָנצערטן אויך אין קאַזאַכסטאַן, טורקמעניע, קירגיזיע, גרוזיע, טאַדזשיקיסטאַן, אין די שטעט פון סיביר און אוראַל. דאָס איז געווען אַ מין באַזונדער לײַכטע קאַוואַלעריע, וואָס האָט זיך שטענדיק באַוויזן דאָרט, ווו מע האָט געדאַרפט, דאָרט, ווו מע האָט באַזונדערס געוואַרט אָף איר.

אין באַשטאַנד פון איר קאָנצערט-בריגאַדע זײַנען געווען פיל פאָלקס-אַרטיסטן, און דער קאָנפעראַנסיע האָט שטענדיק אויסגערופן זייערע טיטלען. זי האָט ער געקרוינט מיט אַ באַזונדערן טיטל:

— סידי טאַל, אַ געוויינלעכע אַקטריסע, פון די וועאַקויִרטע.

און עפּשער גראָד דערפאַר, וואָס „אַ געוויינלעכע" און „פון די וועאַקויִרטע" דערצו, וואָס האָט אַזוי פּרעכטיק געזונגען אָף רוסיש און אוזבעקיש, אָף יִדיש און דײַטש, האָט אַרויסגערופן אַ ראַשיקע באַגײַסטערונג באַ אַלעמען, ווער ס'האָט איר געהערט.

העכער טויזנט שעף-קאָנצערטן אין די טיילן פון דער רויטער אַרמיי און אין די שפּיטאָלן, אָף די זאַוואָדן און פאַבריקן — אַזאַ איז געווען איר בײַטראָג אין יענע שווערע מילכאָמע-יאָרן. און די ערן-גראַמאָטע, מיט וועלכער ס'האָט זי באַלוינט דער קונסט-קאָמיטעט באַם ראַטפאָלקאָם פון פסםר און דער צק פונעם פּאַרטיי פון די קולטור-טוער, איז געווען אַ פולקום פאַרדינטע.

4

עס האָבן נאָך געקלונגען אין די אויערן די קורצע רעדעס און גוטע ווינטשעוואַניעס אַף איר געזעגענונגס-קאָנצערט אין טאַשקענט, און פאַר די אויגן זײַנען געשטאַנען אַלע אירע פרײַנט און קאָלעגן, מיט וועמען זי האָט דורכגעמאַכט די שווערע מילכאָמע-יאָרן אין מיטלאַזיע. דער ווונדערבאַרער קאַנט וועט פאַרבלײַבן אין איר האַרצן אַפן גאַנצן לעבן, און זי וועט ניט איין מאָל קומען אַהין מיט נײַע קאָנצערטן, קומען ווי אַ כאַשעווער באַליבטער גאַסט, קומען, ווי צו זיך אַהיים.

אין טשערנאָוויץ האָט מען ווידער געדאַרפט אָנהייבן אַלץ פונעם אָנהייב. פונקט ווי אין גאַנצן לאַנד, וואָס איז געלעגן אין רויִנען. דאָס זײַנען געווען יאָרן פון גרויסן ווידערגעבורט, פון נײַע אופגעקומענע האָפענונגען.

סידי טאַלס טעאַטראַלער אַנסאַמבל האָט אָנגעהויבן מיט אַ שטעלונג לויט אײַזיק הובערמאַנס לירישער קאָמעדיע „גליקלעכע באַגעגענישן". די דאָזיקע צוויי ווערטער האָבן אויך אויסגעדריקט דעם טאָך פון יענער צײַט און דעם גורל פון אַלע טויזנטער צושויער, ווי אויך דעם גורל פונעם אויטאָר און די אַקטיאָרן.

טשערנאָוויץ האָט אַרײַנגענומען אין זיך פיל ייִדישע מישפּאָכעס פון די כאָרעווו געוואָרענע שטעטלעך פון בעסאַראַביע, און יעדער ספּעקטאַקל איז, כוץ אַלעמען, געווען אַ גליקלעכע באַגעגעניש פון די צושויער מיט זייער ליבלינג פון די ווײַטע יונגע יאָרן.

דער סוזשעט פון דער פּיעסע איז געווען אַזאַ, וואָס יעדער צושויער האָט זי גלײַך געקאָנט צומעסטן צו זיך און איבערשפּילן אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס. אַ גרויסע וויניצער מישפּאָכע האָט די מילכאָמע פאַריאָגט אַף אוראַל. ניט אַלע האָבן זיך דערקליבן אַהין בעשאָלעם. טײלווײַז פאַרלוירן איינער דעם אַנדערן, און ניט אַלע האָבן דערלעבט צום טאָג פון זיג. נאָך אַלעמען הייבט זיך אָן דער וועג אַהיים, די זוכענישן און געפינסן. אַלץ איז איבערגעזעטיקט מיט פיל אויספּרוּוון, איבערלעבונגען, מאַטערנישן, טרוימען און האָפענונגען. זיידעס און באָבעס, מעכוטאָנים און מעכוטענעסטעס, אייניקלעך און פּלימעניקעס, און יעדערער מיט זײַן באַזונדערן גורל. עס טרעפן ניסים אויך. דאָס אייניקל, וואָס האָט זיך פאַרלוירן אין וועג און מע האָט געמיינט, אַז ס'איז אומגעקומען, האָט זיך אָפּגעזוכט אין אַ קינדערהיים. עס האָט זיך אויך אומגעקערט פון פראָנט דער טאַנקיסט באַרעך קאַפּלונסקי, וועמען מע האָט שוין אויך פון לאַנג באַוויינט. דויערן אַלץ נײַע גליקלעכע באַגעגענישן, און עס צעבליִען זיך נײַע ליבעס. דאָס דערצויגלינג פון קינדערהיים סאָרעלע (סידי טאַל) פאַרליבט זיך אין טאַנקיסט קאַפּלונסקי, וועמענס מישפּאָכע איז אומגעקומען. און עס האַלט שוין בײַ דער כאַסענע. וויפל זײַנען געווען אַזעלכע געשיכטעס, ווען אַלץ האָט זיך איבערגעמישט: פרייד און טרויער, ייִעש און האָפענונג. און גלויבן, פעסטער גלויבן אין זיג, אין לעבן.

סידי טאַלס טעאַטראַלער אַנסאַמבל איז געווען ניט קיין גרויסער: י. כאַליף, א. טעפּנער, צ. פּיכמאַן, מ. לייבאָוויטש, ג. זלאַטאַיאַ און א. בערקאָוויטש. שפּעטער זײַנען מיט גרויס דערפאָלג אַרויסגעטראָטן אין איר אַנסאַמבל יאַ. גאָלמאַן און ר. מאָסטאָסלאַווסקאַיאַ. דאָס איז געווען אַ טאַלאַנטירטער קאָלעקטיוו, וועלכער האָט געשאַפן פיל בונטע ספּעקטאַקלען און אומפאַרגעסלעכע סצענישע געשטאַלטן. אין איר ערשטן ספּעקטאַקל אין טשערנאָוויץ האָט סידי טאַל אָפּסנײַ אַ גלאַנץ געטאָן מיט איר צויבערדיקן טאַלאַנט, מיט איר ווונדערבאַרער אומיטלבאַרקײַט און האַרציקײַט.

און אַזוי, פון ספּעקטאַקל צו ספּעקטאַקל. יעדערער איז דאָך געקומען אַף אים מיט זײַן פּעקל צאָרעס, מיט זײַנע ווייטעקן, מיט זײַנע הייסע טרוימען און האָפענונגען. אייגנטלעך, יעדער מיט זײַן אייגענער פּיעסע. און סידי טאַל אויך מיט איר אייגן פּעקל. צוויי אירע שוועסטער האָט מען פאַרטריבן אין בערשאַדער געטאָ, אומגעקערט האָט זיך נאָר איינע.

איך האָב דאַן ערשט געהאַט זיך דעמאָביליזירט פון דער אַרמיי, געבליבן אַ טשערנאָוויצער, און אָנגעהויבן אַרײַנגיין, אײַנוואָרצלען זיך אינעם דאַן ניט גרינגן פרידלעכן לעבן. מיט מײַנע אייגענע פאַרלוסטן און האָפענונגען. דאַן האָב איך צום ערשטן מאָל געזען סידי טאַל אַף דער בינע. און דאָס איז פאַר מיר, ווי פאַר פיל אַנדערע, אויך געווען אַן אומפאַרגעסלעכע, גליקלעכע באַגעגעניש.

איך שרײַב וועגן דעם קימאַט אין פערציק יאָר אַרום, נאָר די שטעלונג שווימט אויף פאַר מיר אין איר פולער פרישקײַט, פונקט ווי איך וואָלט זי געזען ערשט נעכטן. דאָס איז

געוועזן אַ לירישע קאָמעדיע מיט אַלע שטריכן פון אַט דעם זשאַנער. עס ווילט זיך אָבער אויך באַטאָנען די פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכע אָנגעלאָדנקייט פון דער שטעלונג, איר אידייִשע ציל־געווענדטקייט. דער פאָלקס-הומאָר איז געגאַנגען באַנאַנד מיטן פאָלקס-אָפּטימיזם, און אין גאַנג פון ריין שטייגערישע בילדער זײַנען אַרויסגעזאָגט געוואָרן געדאַנקען, וועלכע האָבן זיך מיר פאַרגעדענקט ביז איצט און זײַנען אויך הײַנט ניט ווייניקער אַקטועל.

— פאַרוואָס האָבן מיר זיך געשלאָגן? — טיילט זיך מיט זײַנע געדאַנקען דער טאַנקיסט קאַפּלונסקי. — מיר האָבן זיך געשלאָגן פאַר אונדזער סאָציאַליסטישער אָרדענונג. מיר האָבן זיך געשלאָגן פאַר אונדזער אידעאָלאָגיע.

איך דערמאָן דאָס דערפאַר, ווײַל אייניקע אירע פאַרערער אין פאַרשיידענע אויסלאַנדס פּרוּוון איצט אָנמאָלן סידי טאַל אויסגעהוילט פון אידעאָלאָגישע פּאָסטולאַטן, אַן אַקטריסע פון „ריינער קונסט", וועלכע איז געשטאַנען ביז גאָר ווײַט פון אידעאָלאָגיע. איר שוישפּילערישע טעטיקייט און איר רעפּערטואַר אין רומעניע און אין ראַטנפאַרבאַנד לייקנט דאָס קאַטעגאָריש אָפּ.

און ווי קאָן מען פאַרשווײַגן דאָס העכסט-מענטשלעכע, הומאַניסטישע, מיט וואָס עס זײַנען געווען דורכגעדרונגען סידי טאַלס שטעלונגען, זייער אינטערנאַציאָנאַליזם און פעלקער-פרײַנטשאַפט, דער לײַדנשאַפטלעכער קאַמף קעגן פאַשיזם און רעאַקציע, דער קאַמף פאַר שאָלעם? אַזאַ איז סידי טאַל געווען אַף דער בינע, אַזאַ איז זי געווען אין לעבן. עס ווילט זיך דאָ ברענגען אַן אויסצוג פון אירן אַן אינטערוויו בײַס דער אַמעריקאַנער אינטערווענץ אין קאָרייע.

„פון פולן האַרצן פיל איך די שטרעבונג צו פרײַהײַט פון מײַן געוואַגטער שוועסטער, דער קאָרייִשער פרוי, אַף וועמענס קאָפּ די אַמעריקאַנישע מענטשנפרעסער וואַרפן באָמבעס בלויז דערפאַר, וואָס זי וויל זײַן פרײַ. אין מײַן לעצטער אַרבעט „די קאָרייער וויגליד" סטאַרע איך זיך איבערגעבן דאָס געשטאַלט פון דער אומבאַזיגבאַרער קאָרייער פרוי, וואָס פלאַנצט אײַן אין איר קינד דעם גלויבן אין זיג איבער די אינטערווענטן, די האָפענונג אַף דער ליכטיקער צוקונפט".

גליקלעכע באַגעגענישן... זיי זײַנען פאָרגעקומען אין קיִעוו און אין אָדעס, אין מאָסקווע און אין לענינגראַד, אין כמעלניצק און אין סווערדלאָווסק און אין פיל אַנדערע שטעט, ווו דער אַנסאַמבל האָט באַוויזן די דאָזיקע שטעלונג. אַלע רעצענזיעס, אין וועלכע ס'איז באַזונדערס אונטערגעשטראָכן געוואָרן סידי טאַלס גלענצנדיקער טאַלאַנט, האָבן געהאַט דאָס זעלבע קעפּל — „גליקלעכע באַגעגענישן".

אָט איז אַן אויסצוג פון לעאָניד אוטיאָסאָווס אַ רעצענזיע וועגן סידי טאַלס אַ קאָנצערט, אויך אונטער דעם זעלבן קעפּל.

„יאָ, זיי זײַנעןווירקלעך גליקלעכע און פריידיקע. ווען דו באַגעגנסט זיך מיט עמעסער קונסט און עכטער מײַסטערשאַפט, פילסטו זיך גליקלעך.

אָט זע איך „מאָטל פייסי דעם כאַזנס". ווי מײַסטערהאַפט דאָס איז געמאַכט! עטלעכע מאָל כאַזערט זי איבער דעם רעפרען „מיר איז גוט — איך בין אַ יאָסעם". נאָר ווי פאַרשיידן קלינגט ער! צוערשט הומאָריסטיש און באַם פינאַל, וואָלט איך געזאָגט, טראַגיש. ס'איז פּאָשעט אַ וווּנדער, וויאַזוי די אַקטריסע קאָן אין איין אויגנבליק אַריבערגיין פון הומאָר צו דראַמאַטיזם. און סאַראַ קאָנטראַסט! גלײַך נאָך מאָטלען די קלאַפּעטאַריכע מומע גיטל — אַ גאַנצער קאָנגלאָמעראַט פון געפילן און גענג פון דער אַלטער פּראָווינציעלער פרוי. און ווידער אַ נײַ געשטאַלט — די אופראַמערן. אַ דעמאָנסטראַציע פון עקסצענטרישער מאַניר פון שפּיל.

די ספערע פון סידי טאַלס שאַפונג איז ניט באַגרענעצט בלויז מיט ליריק און הומאָר. סידי טאַל שאַפט גלענצנדיק אויך טראַגישע געשטאַלטן, ווי, צום בײַשפּיל, אין דער דראַמאַטישער פּאָעמע. און זי טוט דאָס זייער לאַקאָניש, אָן איבעריקער סענטימענטאַלקייט.

און נאָך אַ זאַך. סידי טאַל זינגט און דערגרייכט דערבײַ דעם העכסטן דערפאָלג. סידי טאַל איז צויבערפול, מוזיקאַליש און העכסט אויסדרוקפול".

און ווי עס האָבן זיך דערנאָך ניט אָנגערופן אירע ווײַטערדיקע שטעלונגען — „אין אַ מאַזלדיקער שאָ", „די סאָנים אַפּצולאָכעס", „לאַכן איז געזונט", „שטענדיק מיט אײַך" און אַנדערע, זײַנען זיי שטענדיק פאַר אַלעמען געווען גליקלעכע באַגעגענישן. טאַקע, ווי עס האָט געשריבן לעאָניד אוטיאָסאָוו: „ווען דו באַגעגנסט זיך מיט עמעסדיקער קונסט, מיט עכטער מײַסטערשאַפט, פילסטו זיך גליקלעך".

איבערדערציילן דעם אינהאַלט פון די דערמאָנטע שטעלונגען, פון די פילצאָליקע סקיצן, מיניאַטורן, לידער און מאָנאָלאָגן, פון די פאַרשיידענע געשטאַלטן, וואָס סידי טאַל

האָט געשאַפן אין זיי, איז פּאַשעט אומעגלעך. זייער איבעראַשנדיקער דערפאָלג באַשטייט אין דעם, וואָס אין יעדער פּראָגראַם האָט סידי טאַל זיך אָפּגערופן אף דעם, מיט וואָס עס לעבן אירע צושויער, מיט דעם, וואָס זיי פרייט, און מיט דעם, וואָס זיי קימערט, מיט דעם, וואָס עס לעבט אין זייערע אומרויִקן זיקאָרן, און מיט דעם, פון וואָס עס באַשטייען זייערע הייסע טרוימען. אָט שמועסט זי געמיטלעך און לאַכט זיך אויס פון די, וואָס באַציִען זיך לײַכטזיניק צום לעבן, צו דער אַרבעט, אָט קלינגט איר שטים פול מיט טרויער, דערמאָנענדיק די קאָרבאָנעס פונעם היטלערישן פאַשיזם, און אָט קלינגט זי ווי א רוף צום קאַמף קעגן מילכאָמע, פאַר שאָלעם און פעלקער-פרײַנטשאַפט. און גאַנץ אָפט ווערט דער סאָף פון איר קאָנצערט פאַרוואַנדלט אין א פילפאַרביקער מאַניפעסטאַציע, ווען סידי הייבט אָן זינגען און אַלע צושויער כאַפּן גלײַך אונטער און זינגען אײַנינעם מיט איר.

— וויטעבסק און האָמעל, כאַרקאָוו און זאַפּאָראָזשיע, קיִשינעוו און אַלמא-אַטא, קעשענעוו און קיִעוו, ווילנע און מינסק, און ווידער מאָסקווע, און ווידער לענינגראַד. און אומעטום מיט דעם זעלבן גלאַנץ, מיט דעם זעלבן איבעראַשנדיקן דערפאָלג.

„מע דאַרף האָבן א זעלטענעם טאַלאַנט, קעדיי אין מעשעך פון איין ספּעקטאַקל אַרויסטרעטן אין עטלעכע ביז גאָר פאַרשיידענע געשטאַלטן. סידי טאַל — א מאַטראָס, סידי טאַל — א דאַמע פון צווייפלהאַפטער אויפירונג, סידי טאַל — א פּאַטריאַרכאַל ייִדיש מיידל, און סידי טאַל — אַן אַלטע, גרײַז-גראָווע פרוי, וואָס האָט איבערגעלעבט פיל גוטס און שלעכטס".

דאָס איז אַן אויסצוג פון א רעצענזיע אין דער קעשענעווער רעפּובליקאַנישער צײַטונג וועגן איר שטעלונג „אין א מאַזלדיקער שאָ".

און אָט וואָס עס האָט געשריבן פּערעץ מאַרקיש אין זײַן רעצענזיע וועגן דעם ספּעקטאַקל „די סאָנים אַפּצולאָכעס":

„זיבן קינסטלערישע איבערגעשטאַלטונגען פאַרווירקלעכט די הויך-טאַלאַנטירטע אַקטריסע סידי טאַל אינעם ספּעקטאַקל „די סאָנים אַפּצולאָכעס". זיבן וווּנדערבאַרע פאַרבן שפּילן אין איר. פון איין פאַרב אין דער אַנדערער גייט זי אַרײַן מיט אַזא פּרעכטיקער גרינגקײַט און אומבאַמערקט, ווי עס גייט איבער איין קלאַנג אין א צווייטן. צוריקגעהאַלטענער טראַגיזם גיסט זיך אַרײַן אין א כאַראַקטער-געשטאַלט, שטייגערישער הומאָר — אין שאַרפער פּאָליט-סאַטירע, א פאָלקסליד — אין גראָטעסק, הויכער בירגערלעכער פּאַטאָס — אין שטילן, אײַנגעהאַלטענעם דראַמאַטיזם. איר זײַנען אייגנטימלעך אַלע סצענישע זשאַנרען. יעדערער פון זיי עפנט פאַר איר ברייט אוף זײַנע טירן. נאָר זי באַווײַזט זיך אין זיי אף איר אייגענעם אויפן, וואָס זי אַליין שאַפט פאַר זיך".

דער קינאָרעזשיסער פ. ערמלער האָט געמאַכט בלויז א צושריפט אין איר אַלבאָם, ווען זי איז אַרויסגעטראָטן אין לענינגראַד:

„צו די אָפּיציִעלע ליב-אָפּרופן גיב איך צו מײַן פּערזענלעכן האַרציקן אָפּרוף. איך פאַרנייג דעם קאָפּ, הויכגעשעצטע סידי טאַל, פאַר אײַער גלענצנדיקן טאַלאַנט. א דאַנק אײַך און אײַער קאָלעקטיוו".

פאַר איר פיליאָריקער שוישפּילערישער טעטיקײַט האָט סידי טאַל געשאַפן א גאַנצע וועלט פון קאָלאָריטפולע געשטאַלטן — פּאָשעטע אַרבעטס-מענטשן מיט זייערע פריידן און ליידן, טרוימען און אָפּטוען. א פּאָשעט ייִדיש וואָרט האָט זי געקאָנט פאַרוואַנדלען אין א גלענצנדיקער צירונג, א פּאָשעטע ייִדישע פּראָזע — אין א העל געשטאַלט, א ניט גרויסן מאָנאָלאָג — אין א פילפאַרביקן ספּעקטאַקל.

די פּאַרטיי און די רעגירונג האָט הויך אָפּגעשאַצט דעם טאַלאַנט און די אומדערמידלעכע טעטיקײַט פון סידי טאַל. איר איז צוגעטיילט געוואָרן דער טיטל „פאַרדינסטפולע אַרטיסטקע פון אוססר". זי איז באַלוינט געוואָרן מיט א ריי מעדאַלן, און דער פילטויזנטיקער צושויער... ער האָט באַלוינט סידי טאַל מיט הייסער ליבע און טיפער פאַרערונג, וואָס האָט זי באַגלייט דאָס גאַנצע לעבן.

און ער וועט אַלץ פאַרגעדענקען, דער צושויער. ווי קאָן מען פאַרגעסן איר „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס"? ווי קאָן מען פאַרגעסן איר „גאַווראָש"? און ווי קאָן מען פאַרגעסן איר רעגעווודיקן מאָנאָלאָג „דער מוטערס האַרץ"? יעדעס מאָל האָט אַלץ א שפּיל געטאָן מיט נײַע פאַרבן, און יעדעס מאָל — מיט אַן איבעראַשנדיקער פרישקײַט. און ווייניק-וועט עס וויסט, וויפל מי האָט די אַקטריסע אַרײַנגעלייגט, גרייטנדיק זיך צו יעדער אַרויסטרעטונג מיטן געפיל פון העכסטער אַכרײַעס פאַר יעדן וואָרט, פאַר יעדן שטעל, מיט יענער אייפּערזיכטיקער אָפּשאַצונג פון זיך אַליין און הייסן דראַנג מיט עפּעס-וואָס ניט אַנטוישן דעם צושויער.

די סוידעס פֿון סידי טאַלס שעפֿערישער אָנגעשטרענגטקייט האָבן זיך באַזונדערס אַנטפּלעקט פֿאַר מיר בײַ אַ שמועס וועגן אירן אַ קאָנצערט צום אָוונט, געווידמעט דעם צוואַנציקיאָריקן יוביליי פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". פֿריִער איז געגאַנגען אַ רייד וועגן דעם זאַל פֿונעם קולטור־פּאַלאַץ פֿון דער טעקסטיל־פֿאַרייניקונג, דערנאָך וועגן דעם זאַל פֿון דער טשערנאָוויצער פֿילהאַרמאָניע.

— אַזוי קאָן איך ניט, — האָט זי זיך אָנגעברויגעזט. — איך דאַרף באַצײַטנס וויסן, אין וועלכן זאַל.

— וואָס איז דער כּילעק, — האָב איך דערווידערט. — עס גייט דאָך אַ רייד וועגן ניט קיין גרויסן קאָנצערט.

— פֿאַר מיר עקזיסטירן ניט קיין קליינע קאָנצערטן, — האָט זי מיר אָפּגעענטפֿערט. — יעדער אויפֿטריט, זאָל זײַן אַפֿילו מיט איין ליד, איז פֿאַר מיר אַ גרויסער קאָנצערט. ווו איז דער אַרײַנגאַנג, וויפֿל שפּאַן צום מיקראָפֿאָן, וויפֿל שפּאַן ביזן אָרקעסטער, איך דאַרף וויסן. איך דאַרף אַ סאַך זאַכן וויסן. איך דאַרף דאָך דורכפֿירן אַ פּאָר רעפּעטיציעס אויף דער סצענע.

— מיט וועמען?

— מיט זיך אַליין.

אַזאַ איז זי געווען, די וווּנדערבאַרע אַקטריסע. די בינע איז פֿאַר איר געווען איר קאָדשיי־קאָדאָשים, וווּהין זי איז אַרײַנגעקומען אָפּגעשיידט פֿון אַלע זײַטיקע זאָרגן, צונויפֿגעזאַמלט אַלע אירע קויכעס און איר גאַנצע קינסטלערישע ענערגיע פֿאַר איר צויבערפֿולער שפּיל און איבעראַשנדיקע פֿאַרוואַנדלונגען.

נאָך אין 1940, ווען סידי טאַל איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן אין מאָסקווע, האָט דער רוסישער שרײַבער יורי אָליעשאַ, וועלכער איז בכלל געווען זייער אַ קאַרגער אויף קאָמפּלימענטן, אַ זאָג געטאָן צו זײַנעם אַ פֿרײַנט, ווען זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון סידי טאַלס קאָנצערט:

— ווען איך בין אַן אַסטראָנאָם, וואָלט איך אָנגערופֿן מיט איר נאָמען דעם ערשטן שטערן, וועלכן איך וואָלט אַנטדעקט...

...עטלעכע מינוט פֿאַר דער לעצטער האָט אינעם זאַל פֿון דער פֿילהאַרמאָניע, וווּהין טויזנטער מענטשן זײַנען געקומען מיט איר זיך געזעגענען, פּלוצעם אַ קלונג געטאָן איר לעבעדיקע שטים, פֿאַרשריבן אויף אַ פּלאַט, און געצוווּנגען טויזנטער הערצער זיך צעפּלאַטערן.

„דער מוטערס האַרץ" — אַזוי האָט געהייסן און וועט שטענדיק הייסן דער מאָנאָלאָג, וואָס איז געוואָרן איינער פֿון די אומפֿאַרגעסלעכע און אײַנדרוקספֿולע מאָנאָלאָגן פֿון אירע קאָנצערט־פּראָגראַמען. עס קלינגט איר שטים, אַ ציטערנדיקע, פֿול מיט ווייטיק, מיט פֿאַרצווייפֿלונג:

„אוי, ווו זײַט איר, קינדער מײַנע, איך קאָן אײַך ניט געפֿינען. זעט, די מאַמע, ניט קיין טרערן, בלוט פֿון די אויגן רינען".

איך האָב ניט איין מאָל געהערט אָט דעם מאָנאָלאָג, און אַלעמאָל האָט ער אָנגענומען אין זיך נײַע פֿאַרבן, נײַע קלאַנגען. צוערשט איז דאָס געווען, ווי אַ האַרצרײַסנדיקער געיאָמער פֿון אַ מאַמען, וואָס באַוויינט אירע אומגעקומענע קינדער. דערנאָך איז צוגעקומען פֿיל מערערס. איר שטים האָט געקלונגען מיט צאָרן און האַס צו די פֿאַשיסטישע מערדער. אין איר איז געווען אַ רוף צו אַלע לעבעדיקע — ניט דערלאָזן קיין נײַע מילכאָמע־סרייפֿע, ניט דערלאָזן, די ראָצכים זאָלן געוועלטיקן אויף אונדזער ערד. איצט, ווען זי איז געלעגן אין טרויעריקן צווישן אַ וואַלד מיט קוויטן, האָט איר שטים געקלונגען ווי אַ צוואָע:

„שטייט אַ דענקמאָל אײַך אויף אייביק אין די מאַמעס הערצער".

דער גאַנצער פּלאַץ אַרום דער געבײַדע פֿון דער פֿילהאַרמאָניע איז געווען פֿאַרפֿולט מיט מענטשן. געדיכט, געדיכט... און אַלע האָבן צום לעצטן מאָל געהערט איר לעבעדיקע שטים.

נאָר... פֿאַרוואָס עפּעס צום לעצטן מאָל? אירע לידער און מאָנאָלאָגן זײַנען פֿאַרשריבן אויף פּלאַטן. עס גרייטן זיך איצט נײַע. און איר שטים וועט פֿיל יאָרן קלינגען אין טויזנטער הײַזער בײַ אונדז אין לאַנד און אומעטום, ווו עס לעבן אירע צושויער און פֿאַרערער.

ליטעראַטור-קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

מויני שולמאַן

גלייבט דעם פּאָעט

גאַנצפרי, געווינטלעך שאַבעס אָדער זונטיק, פּלעגט זיך צעקלינגען דער טעלעפאָן.

— ווע-עסט הייַנט גיין מיט מי-יר? — האָט עטוואָס צעצויגן זיך אַלעמאָל אָנגעפרעגט א קעגטלעכע ווייכע שטים.

דאָס האָט אווראָם גאָנטאַר — מיר האָבן לאַנגע יאָרן געאַרבעט האַנט בא האַנט — מיך גערופן גיין מיט אים אין וואַלד אַרייַן.

ניין, ניט קיין שוואָמען קלייַבן, יאַגדעס רייַסן, נאָר פּאָשעט אַזוי זיך דורכגיין. מיט פרישער לופט אָן עטעם טאָן, די ביימער געווירע ווערן, אין פייגל-געזאַנג זיך איינהערן. ער האָט זייער ליב געהאַט אַזעלכע שפּאַצירן. נו, און איך בין קעסיידער גערן געווען דעם דיכטערס רוף. ווער, זאָגט, איך בעט אייַך, איז קיין באַלן ניט אַרומבלאָנקען אין וואַלד מיט א מענטש, וואָס ווייסט, „פאַרוואָס עס סוידען זיך די טאַנען, פאַרוואָס עס ברויגעזט זיך דער קוסט"?

אָן אָט די שפּאַציר-געגנג האָט מיר דערמאָנט דאָס ביכעלע, וואָס ליגט איצט פאַר אייַערע אויגן.

גלייבט דעם פּאָעט, און ער וועט אויך אייַך אויסלערנען הערן די שטימען אין וואַלד און אין פעלד, פאַרשטיין דאָס לאָשן פונעם טייַכל, וואָס ריזלט שטיל, און פון די בלעטער, וואָס שושקען זיך אַפן ווינט. ווייַל, זאָגט דער דיכטער: אַלץ, וועגן וואָס עס רוישן שטראָמען, וואַלד, און פעלד, און סטעפּ, — אַלץ האָט א זין א טיפן...

אַלע גראָזן, אַלע בלומען
אַף דער גאַנצער גרויסער ערד
ניט אומזיסט זיי רײדן, זשומען —
הער זיך אייַנעט, הערסט, דו הערסט...

גלייבט דעם פּאָעט, און ער וועט אויך אייַך אויסלערנען „הערן, ווי עס קלינגען שטערן", זען, „ווי זאַפטן צאַפּלען", „ווי עס וואַקסט דאָס גראָז" און „ווי פלוימען טונקל-בלויע זייַנען אייַנגעהילט אין טויען". ווייַל, זאָגט דער דיכטער:

טוט א קוק אַליין,
ווי די וועלט איז שיין!

איך ווייס ניט, ווען און וויאַזוי מע ווערט א דיכטער. גאָר אָפט פאַרבלייַבט עס א סאָד פאַר אים גופא. נאָר אין גאָנטאַרס דערציילונג „דער נאַקעטער פּרינץ" (ער האָט, ווי פיל דיכטער, געשריבן ניט בלויז לידער) האָב איך געפונען שורעס, וואָס אַנטפּלעקן, דאַכט מיר, די קוועלן פון זייַן שאַפן:

דאָס אַרטיקל איז דערשינען אַלס פאָרוואָרט צו דער זאַמלונג «А. Гонтарь. Весна у ворот, стихи. Перевод с еврейского. Москва, «Детская литература», 1983.»

„און נאָך געדענקט ער דאָס קלאַפּן פֿון דער מאַמעס זאָקן-מאַשין. דער דאָזיקער ניגון הילכט נאָך ביז איצט אין זײַנע אויערן. זומער, ווען אַלע גייען אַוועק אויף דער אַרבעט, פֿלעגט די מאַמע זיך זעצן צו דער מאַשין, און ער לעבן איר אויף זײַן קליין בענקעלע. אַזוי האָבן זיי ביידע געקאָנט אָפּזיצן שאָעןווײַז — די מאַמע בײַ די זאָקן, און ער מיט אַ קנויל פֿאַרפּלאָנטערטע בײַוול. ווען די מאַמע פֿלעגט זיך פֿאַרטיפֿן אין דער אַרבעט, האָט זי אַליין ניט געפֿילט, ווי זי הייבט אָן זינגען. פֿון אָנפֿאַנג שטיל-שטיל, און דערנאָך אויף אַ קול. געזונגען האָט זי מערסטנס וועגן אַ קליין פֿייגעלע, וואָס איז ווײַט פֿאַרפֿלויגן.

פֿאַרפֿלויגן, פֿאַרפֿלויגן.
מיט פֿאַרבענקטע אויגן...

און בײַ הערשעלען האָט געציטערט דאָס האַרץ, ער האָט ניט געוואַגט קיין פּיפּס צו טאָן..."

הערשעלע — דאָס איז „דער נאַקעטער פּרינץ", אין וועלכן עס לאָזט זיך לײַכט דערקענען אַליין דער אויטאָר פֿון דער דערציילונג. גאָנטאַר פֿלעגט ניט זעלטן זיך אָנרופֿן אין זײַנע לידער וועגן דער אייגענער קינדהײַט „באָרוועסער פּרינץ".

אָט אין אַזעלכע שאָען, שטעלט זיך מיר פֿאָר, האָט זיך געעפֿנט די וועלט פֿון פּאָעזיע פֿאַרן יינגעלע מיטן נאָמען אַווראָמעלע.

אָרעם און אַלט איז געווען דאָס שטיבל אויף די בערדיטשעווער „פּיסקעס", וווּ עס איז אין מאַרט 1908 געבוירן געוואָרן דער קינפֿטיקער דיכטער. מיט שווערער האָרעוואַניע איז דאָ אָנגעקומען יעדער שטיקל ברויט. דער טאַטע איז געווען אַ מוליער. מוליאַרעס זײַנען אויך געווען די עלטערע ברידער. עס וועט קומען די צײַט, און אויך אַווראָם וועט נאָכן פֿאַרענדיקן די אַרבעט-שול נעמען אויפֿן אַקסל „ס'מוליאַרסקע געצײַג" — „אַ קאַסטן אַ שווערן. אין קאַסטן אַ קעלניע, אַ האַמער און זעגל". אָבער געלעבט האָט אין דעם יינגל אַ גוואַלדיקער דראַנג צו וויסן, צו שאַפֿן. ביז שפּעט אין דער נאַכט זיצט ער „מיט אַ בוך בײַ דער שײַן אָנגעבויגן". בײַ דער שײַן — בײַם עלנטן קאַנעץ — לייענט ער, לערנט זיך... און שרײַבט לידער.

גאָנטאַרן איז געגאַנגען דאָס זעכצעטע יאָר, ווען ער האָט זיך אַנטשלאָסן פֿאָלגן איינעם פֿון זײַנע שול-לערער און אַרײַנטראָגן אַ ליד אין דער רעדאַקציע פֿון דער בערדיטשעווער צײַטונג „די וואָך". די ליד איז געפֿעלן געוואָרן און אינגיכן זיך באַוויזן אויף די צײַטונגס-שפּאַלטן.

און דאָס האָט באַשטימט אַווראָם גאָנטאַרס גורל. אין 1933 איז דערשינען דאָס ערשטע ביכל פֿונעם יונגן דיכטער „אויף רישטעוואַניעס". אין דעם זעלבן יאָר פֿאַרענדיקט ער דעם אָדעסער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט און הייבט אָן אַרבעטן אַלס רעדאַקטאָר אין ליטעראַרישע זשורנאַלן און פֿאַרלאַגן: צוערשט אין קיִעוו אין שפּעטער — ביזן סאָף לעבן — אין מאָסקווע.

העכער אַ האַלב יאָרהונדערט קלינגט אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור אַווראָם גאָנטאַרס קאָל. ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט בײַ צוואַנציק לידער-זאַמלונגען, צוויי ראָמאַנען, פֿיל דערציילונגען, פֿאַרצייכענונגען, אַרטיקלען.

ער האָט געשריבן אויף זײַן מוטער-שפּראַך — אויף ייִדיש, נאָר קימאַט אַלע זײַנע לידער זײַנען אַדאַנק דער איבערזעצונג פֿון אַזעלכע גלענצנדיקע דיכטער, ווי וו. טושנאָוואַ, פּ. סעמינין, ל. אָזעראָוו, וו. לעוויק, י. ניימאַן, נ. גאָרסקאַיאַ, א. אַנד., דערשינען אין רוסיש. אַ סאַך לידער זײַנען אַרויס אויך אויף אַנדערע שפּראַכן פֿון די פֿעלקער פֿון אונדזער לאַנד.

לידער פֿאַר קינדער האָט גאָנטאַר אָנגעהויבן שרײַבן שוין זײַענדיק אַ באַוווּסטער פּאָעט. ס'איז אונטערגעוואַקסן אַן אייניק. ער האָט געפּאָדערט פֿונעם זיידן מײַסעלעך. האָבן זיך באַוויזן „מײַסעלעך פֿאַר סאָשענקען". דער אייניק איז אויסגעוואַקסן, און דער פּאָעט האָט סײַווי שוין ניט אויפֿגעהערט צו שרײַבן פֿאַר קליינינקע. אין ביכל «Весна у ворот» (אין ייִדיש הייסט די ליד, וואָס לויט איר איז אָנגערופֿן דאָס ביכל, „דער פֿרילינג וואַרט בײַם טויער") גייען אַרײַן דעם דיכטערס בעסטע קינדער-לידער. און כאָטש איר וועט דאָ זיך טרעפֿן מיט אַלע צײַטן פֿון יאָר, מיין איך, אַז דער נאָמען איז אַ געראָטענער. ס'איז אַ יאָמטעוודיק, אַ פֿריילעך ביכל, און בעמיילע שוין אַ פֿרילינגדיקס.

פֿאַראַן דאָ לידער אויף פֿאַרשיידענעם גוסט. פֿאַראַן אַ ליד וועגן אַ שיינעם וווּנדער-גאָרטן, וווּ עס „הענגט אַ באַר אויף אַ גאָלדן רינגעלע", און אַ ליד וועגן אַ הינטל, אַ קעצל און אַ כאַזערל, וואָס האָבן „באַשטימט צוזאַמען דעם לימעד אײַנצוכאַזערן", און אַ פֿריילעכע מײַסע וועגן אַ גאַדלען אַ האָן, און נאָך און נאָך לידלעך, מײַסעס און געשיכטעס. נאָר איך וואָלט געוואָלט דריקער, איר זאָלט זיך באַפֿרײַנדן, ווערן גוטע כאַווײרים מיט די יינגעלעך און מיידעלעך, וואָס לעבן אין אָט דעם ביכל. מיטן באָכערל — אַ ברען, מיטן מיידעלע מירעלע, מיטן יינגעלע, וואָס שאַפֿט וווּנ-

דער. זײַ זײַנען דאָ פֿאַראַן א סאַך — ווילע, גוטע בעוורעלײַט.

...מיר פֿלעגן געווײנטלעך גײן מיט גאַנ־טאַרן אין אײנעם פֿון די וועלדער הינטער מאָ־סקווע. אַף אַן עלעקטריטשקע אָדער אַן אווּ־טאָבוס זיך דערקלײַבן ביזן וואַלד־ראַנד און פֿון דאָרטן — צופֿוס שוין — זיך לאָזן אין דער טיף פֿון וואַלד. געגאַנגען זײַנען מיר ניט געאײַלט, שטיל געשמועסט צווישן זיך, און מע־רער נאָך געשוויגן. און אַצינד, ווען איך דער־מאָן זיך אין מײַן פֿרײַנט דעם דיכטער, קומט ער אוף פֿאַר מײַנע אויגן ווי דעמלט: א שיי־נער מענטש, מיט א געדיכטער קוטשמע גראָ־ווע האָר, מיט א דרייסטן, אָפֿענעם קוק פֿון די ליכטיק־בלויע אויגן גײט מיט געמאָסטענע טריט אַף א וואַלדשטעג...

א נײַער נומער פֿון „יודאיקא באָהעמיע"



די רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט ניט לאַנג צוריק באַקומען א נײַעם אָרדנטלעכן נו־מער (XVIII, 2—1983) פֿונעם פּע־ריאָדישן וויסנשאַפֿטלעכן זאַמלבוך פֿון דעם יידישן מעלוכע־מוזיי אין פּראָג „יודאיקא באָהעמיע". עס זײַנען דאָרט פֿאַרעפֿנטלעכט פֿיר אַרטיקלען.

יאַרמילאַ שקאָכאָוואַ דערציילט וועגן דער טעאַטראַלער טעטיקײַט פֿון די אסירים פֿונעם קאָנצלאַ־גער טערעזין. צווישן די שטעלונ־גען פֿון טערעזינער אַקטיאָרן זײַ־נען געווען „די כאַסענע" פֿון נ. גאָגאָלן, די פֿאָלקס־פּיעסע „עס־טער", די אָפּערע „די פֿאַרקויפֿטע קאַלע" פֿון ב. סמעטאַנאַ און די אָריגינעלע טערעזינער פּיעסן „זאָל לעבן דאָס לעבן" און „דער לעצטער וועלאָסיפּעדיסט" פֿון שווענקן, ווי אויך עטלעכע קינ־דער־ספּעקטאַקלען.

מיראָסלאַוו קאַרני אַנאַליזירט, אַפֿן גרונט פֿון נײַע, פֿריִער ניט פֿאַרעפֿנטלעכטע אַרכיוו־מאַטערי־אַלן, די דיפּלאָמאַטישע מאַנעווערס פֿון די דײַטשישע נאַציסטן אַרום דעם קאָנצלאַגער טערעזין מיטן צוועק צו פֿאַרקלענערן זייער שולד.

ס'איז פֿאַרעפֿנטלעכט דער ער־שטער טייל פֿון דער פֿאַרצײַכע־נונג פֿונעם קונסט־קענער אַרנאָ פּאַרזשיק „די טאָפּאָגראַפֿיק אין די בילדער־קאָלעקציעס פֿונעם יידישן מעלוכע־מוזיי. דער אַלטער יידי־שער בעסוילעם אין פּראָג אַף די בילדער פֿון די ראָמאַנטישע קינסטלער פֿונעם 19־טן יה."

דאָס אַרטיקל פֿון וולאַסטאַמי־לאַ האַמאַטשקאָוואַ איז געווידמעט דער פֿאָרשונג פֿון די יידישע בע־סאַלמענס אין דער געגנט פּאַדאָר־ליטשקאָ.

יאַרמילאַ שקאָכאָוואַ האָט אויך צוגעגרייט צוויי קורצע מיטיילונ־גען — וועגן דער אויסשטעלונג „די קונסט — קעגן פֿאַשיזם און קריג", וועלכע איז געווען עקס־פּאָנירט זומערצײַט 1982 אין דער טשעכאָסלאָוואַקישער הויפּט־שטאָט, און וועגן דעם בוך פֿונעם מײַרעוו־דײַטשישן אווטאָר גער־האַרט שאָענבערנער „דער געלער שטערן. יידן־פֿאַרפֿאָלגונג אין אייראָפּע, 1933—1945" (אַרויסגע־געבן אינעם „פֿישער טאַשענבוך פֿערלאַג" אין פֿראַנקפֿורט־אַפֿן־מײַן, אין 1982). דער נײַער נומער פֿון „יודאיקא באָהעמיע" אַנטהאַלט, ווי געווײנלעך, א ריי פֿאָטאָ־מאַ־טעריאַלן.

וו. אַ ר אָ נ אָ וו

פּאָלעמיק

מוישע וואָלף

צי איז דער קריטיקער גערעכט?

וועגן מ. מארגאָלינס ארטיקל „די געשיכטע פון א ליבע" — אַן אָנזאָג פון א ראָמאַנטישן שטראָם אין נאָטע לוריעס שאַפונג

יעדער בוך האָט זײַן אייגענעם גורל. אין א מאזלדיקער שאָ איז אין 1976 דערשינען נאָטע לוריעס ראָמאן „די געשיכטע פון א ליבע" („סאָוועטיש היימלאנד", נומ. 1 און 2 פארן 1976), ניט קיין גרויס ווערק — אינגאנצן 7 דרוק־בויגן, נאָר מיט זייער א צונויפגעפּרעסטן און רײַכן אינהאלט.

צוויי זיבעצניאָריקע יוגנטלעכע (סטודענטן) יויכעוועדן און סאָליאַן האָט צונויפגעפירט דער גורל. פונעם ערשטן אויגנבליק פארליבן זיי זיך. ביידע זײַנען זיי זייער פארשיידענע מענטשן. אלץ — דער סאָציאַלער אָפּשטאם זייערער, די טעמפּעראמענטן, אינטערעסן און נייגונגען — אלץ איז קאָנטראסטיש. אָבער ס'פאראייניקן זיי צוויי וויכטיקע כאראקטערשטריכן: ערלעכקײַט און טמימעסדיקײַט. ערלעך און ריין איז זייער גאנץ לעבן, אלץ, וואָס זיי פילן און טוען. לאָזט זיך אָבער אויס, אז גראָד די ערלעכקײַט און טמימעסדיקײַט דערלויבן זיי ניט אריבערצוטרעטן דעם מאָראלישן באריער, ברענגען מיט זיך פיל לײַדן, און צום סאָף — יויכעוועדן צום טראגישן טויט און סאָליאן צו אייביקער איינזאמקײַט, כאראָטע און פּײַן.

פאר די פארגאנגענע זיבן יאָר איז דער ראָמאן עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן, אַף אוקראַיִניש און רוסיש. פון דעם ערשטן טאָג און ביז הײַנט ווערט ניט אָפּגעשוואכט דער אינטערעס צו אים. די סאָוועטישע און אויך די אויסלענדישע פּרעסע האָט זיך ניט איין מאָל אָפּגערופן אפן ווערק מיט פּאָזיטיווע רעצענזיעס.

לעצטנס האָט זיך אַף דעם ראָמאן אויך אָפּגערופן דער ליטעראטור־פאָרשער מ. מארגאָלין, („סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 4, 1983).

מע האָט געקאָנט זיך ריכטן, אז דער באגאבטער קריטיקער וועט געבן א גענויעם אנאליז פון דער קינסטלערישער ווערט פון נאָטע לוריעס נײַ ווערק. ס'האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן, אז מ. מארגאָלינס ארטיקל, וואָס צייכנט זיך אויס מיט א פּאָלעמישן טאָן, איז געווידמעט בלויז, אין טעאָרעטישן אספּעקט, דער פראגע, צו וואָס פאר א שיטע, צו וועלכער ליטערארישער ריכטונג געהערט „די געשיכטע פון א ליבע" — צו רעאליזם אָדער צו ראָמאנטיזם. אין קעגנזאץ צו די מיינונגען פון אלע אנדערע, וועלכע האָבן זיך אָפּגערופן אפן ראָמאן, האלט מ. מארגאָלין, אז ער איז אָנגעשריבן אין נוסעך פונעם ראָמאנטיזם.

ס'איז זעלבסטפארשטענדלעך, אז אזא באטראכטונג האָט א באשטימטע ווערט. דער קריטיקער און ליטעראטור־פאָרשער זײַנען סווערען, אומאָפּהענגיק און זעלבשטענדיק אין זייער ארבעט. דערצו דארף מען צוגעבן, אז ליטערארישע פּאָלעמיק איז זייער נייטיק און נוצלעך. קעגנזעצלעכע מיינונגען, ווי ס'איז באוווסט, העלפן ניט בלויז דעם לייענער, נאָר אויך דעם פארפאסער זיך פאנאנדערקלײַבן בעסער אין די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען און קאָנפליקטן און אין זייער אָפּשפּיגלונג אין דער ליטעראטור. ס'טראכט זיך אָבער, אז אזעלכע דיסקוסיעס ברענגען נאָר דאן די דערוואַרטע נוץ, ווען דער קריטיקער היט אָפּ לעכאָלהאפּאָכעס צוויי באדינגען.

ערשטנס, אָפּשײַ צו קעגנזעצלעכע מיינונגען און, צווייטנס, גרינטלעכע ארגומענטירונג פון די אייגענע האנאָכעס און האשאָרעס.

עסווארפט זיך אין די אויגן, אז א גרויסער טייל פון מ. מארגאָלינס ארטיקל האָט ניט צו טאָן דירעקט מיט לוריעס ראָמאן. קימאט דרײַ זײַטן זײַנען געווידמעט דער טעאָרעטישער פּראָבלעם: וואָס איז אזוינס ראָמאנטיזם, אַף וועלכע גרונט־שטיינער בויט זיך אָט דער ליטעראטור־סטיל, מיט וואָס צייכנט ער זיך אויס אין קאָנטראסט צום רעאליזם אאוו. ניט געקוקט אַף דעם, וואָס אָט דער טייל פונעם ארטיקל איז נאָר א ליטעראטור־עקסקורס און אנטהאלט אין זיך קיין שום נײַס ניט, קאָן מען אָבער דערלאָזן, אז ס'איז ניט קיין פעלער (און עפּשער איז עס אויך געווונטשן) פון צײַט צו צײַט דערמאָנען דעם לייענער וועגן טעאָרעטישע פּראָבלעמען. דערפאר טאקע דארף דאפקע אָט דער טייל פון מ. מארגאָלינס רעצענזיע אָפּגעשאצט ווערן ווי א נוצלעכער.

אנדערש אָבער באקומט זיך מיט „ארגומענטירונג“ און מיט „אָפּשײַ צו אנדערע מיינונגען“. שוין אין די ערשטע שורעס פון זײַן ארטיקל, ניט באמיִענדיק זיך אפילע איבערצורעכענען די נעמען פון אנדערע קריטיקער, ווײַזט ארויס מ. מארגאָלין א ביטל־באַציִונג צו די שוין פארעפנטלעכטע אָפּרופן. ער שרײַבט:

„...די אָפּרופן אין דער פרעסע אָף נאָטע לוריעס נײַעם ראָמאַן „די געשיכטע פון א ליבע“ זײַנען ביז איצט געווען, אזוי צו זאָגן, פארבײַגייענדיקע — ווי געוויינלעך באם דערמאָנען א ווערק, וואָס שליסט זיך אָן אין דעם אלגעמיינעם בעלעטריסטישן שטראָם“.

די געשיכטע פון דער רוסישער, און אויך פון דער ייִדישער ליטעראטור, ווארפט אָפּ די מיינונג וועגן דער פארבײַגייענדיקײַט פון ערשטע קריטישע אָפּהאנדלונגען וועגן ליטעראַרישע ווערק. טשערנישעווסקי, לעמאָשל, האָט געגעבן פונדאמענטאלע איבערזיכטן אָפּן סמאַך פון ווערק גלײַך נאָך זייער פארעפנטלעכט ווערן. דאָס זעלבע זעען מיר אויך בא בעלינסקין. דאָוויד בערגעלסאָן האָט פארעפנטלעכט א קריטישע אָפּהאנדלונג וועגן נאָטע לוריעס שאפונג נאָכן דערשײַנען פון זײַן ערשטן ראָמאַן „דער סטעפּ רופט“. לויט די פרישע שפּורן פונעם ווערק האָט דער גרויסער מײַסטער פאָרויסגעזען דאָס אָרט פונעם יונגן שריפטשטעלער אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. און, ווי ס'איז באוווּסט, האָט זיך בערגעלסאָנס פּראָגנאָז באשטעטיקט אין דער פולער מאָס. דער ראָמאַן „הימל און ערד“ האָט דערהויבן נאָטע לוריעס טאלאנט אָף א נײַער שטופע, פארפעסטיקט זײַן אָרט אין דער ליטעראטור. לוריעס נײַע ווערק האָבן ארויסגערופן נײַע דערפאָלגן. צו זײַנע זיבעציק יאָר האָט ער דערפרייט דעם לייענער מיטן ראָמאַן „די געשיכטע פון א ליבע“.

דער ערשטער, וועלכער האָט זיך אָפּגערופן אָף נאָטע לוריעס נײַעם ראָמאַן, איז געווען בוזי מילער. אין דער צײַטונג „בירָאבידזשאנער שטערן“ (11 יאנוואר 1976) האָט ער פארעפנטלעכט דאָס ארטיקל „פרוכטבארע שעפערישקײַט“, אין וועלכן ער שרײַבט:

„...די יאָרן גייען, דער שרײַבער ווערט עלטער, און דער טאלאנט זײַנער — ניט. דאָס האָט געגעבן א מעגלעכקײַט נאָטע לוריען צו קומען צו זײַנע שיווים (...) מיט א נײַ ווערק, וואָס איז פול מיט דער זעלבער יונגקײַט און פרישקײַט פון געפיל, ווי זײַנע אמאָליקע ערשטע דערציילונגען“...

און ווײַטער:

„אויב מע האָט געקאָנט אמאָל האלטן נאָטע לוריען פאר א שרײַבער פון איין טעמע — דער דאָרפישער, האָט ער נאָכדעם באוויזן, אז מיט דער זעלבער ליבע, קענטשאפט און רעאליסטישער קראפט קאָן ער שילדערן דאָס שטעטל, די גרויסע שטאָט. וואָס זײַנען ווערט די פייזאזשן פון לענינגראד אין זײַן דערציילונגען!“...

דער דאָזיקער געדאנק ווערט נאָך מער פארברייטערט אין דעם אויספירלעכן ארטיקל פון דעם קריטיקער ה. רעמעניק („שטאפּלען. פּאָרטרעטן פון ייִדישע שרײַבער“. מ., 1982, זז. 233—243).

„איך האָב שוין פריִער געזאָגט, — שרײַבט רעמעניק, — לוריע איז ניט באגרענעצט מיט דער דאָרפישער טעמאטיק, מיטן פויערשן לעבן. „די געשיכטע פון א ליבע“ איז א ווערק, וואָס זאָגט איידעס וועגן שטענדיק אומדערמידלעכע שעפערישע זוכונגען פון אן עכטן קינסטלער. אין דעם נײַעם ראָמאַן טרעט לוריע ארויס ווי א שרײַבער, וועלכער פארטראכט זיך איבער מאָראלישע, זיטלעכע און עטישע פּראָבלעמען פונעם הײַנטצײַטיקן לעבן פון דעם סאָוועטישן מענטשן. און אויך דאָ זעען מיר דעם מײַסטער פון רעאליסטישער קונסט, פון שארפע דראמאטישע און טראגישע קאָליזיעס, קאָנטראסטן און צוזאמענשטויסן, פון טיפער פסיכאָלאָגישער און שטייגער־שילדערונג, וואָס צייכנט זיך אויס מיט קינסטלערישער זויבערקײַט און מיט דורכזיכטיקײַט פון שפּראך און בילד, מיט לויטערקײַט און קלאָרקײַט פון סטיל“.

ניט שוין זשע זײַנען אזעלכע געדאנקען און אָפּשאצונגען „פארבײַגייענדיקע“, ווי עס שרײַבט וועגן זיי מ. מארגאָלין?

אָט ליגט פאר מיר די פאריזשער צײַטונג „נײַע פרעסע“ (1—2, יאנוואר 1979). אָף פינף שפּאלטן איז אָפּגעדרוקט מ. איטקאָוויטשעס רעצענזיע „צוויי ביכער פונעם טאלאנטפולן שרײַבער נאָטע לוריע“. א העלפט פונעם ארטיקל איז געווידמעט דער „געשיכטע פון א ליבע“. צווישן אנדערס, ווײַזט אָן דער רעצענזענט, אז „דער ראָמאַן איז אָנגעשריבן אין רעאליסטישן נוסעך, ער איז אָנגעזעטיקט מיט טיפע געדאנקען וועגן קולטור, ליבע־באַציִונגען פון מענטש צו מענטש“. אין דער אָדעסער צײַטונג „וועטשערניאיא אָדעסא“ פארן 17 יול 1979 איז פארעפנטלעכט אן ארטיקל פון דעם דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן פּראָפעסאָר אנדריי ניעדזוועצקי „דער קויעך פון א ליבע“, אין וועלכן דער ליטעראטור־פאָרשער גיט א טיפן פילזײַטיקן אנאליז פון דער „געשיכטע“.

דעם 14 יאנוואר 1983 האָט די צײַטונג „טשאָרנאָמאָרסקאיא קאָמונא“ אָפּגעדרוקט א גרויס ארטיקל פון דעם שרײַבער וו. ליאסקאָווסקי „קיין איין טאָג אָן א שורע“, אין וועלכן עס ווערט אנאליזירט אין פארשיידענע הינזיכטן „די געשיכטע פון א ליבע“. דער רעצענזענט שטרײַכט אונטער, אז דאָס איז א ווערק וועגן די, „וועלכע עס איז אָנגענומען צו רופן קאָרטשאגינצעס“. „די גרעסטע מײַלע פון דעם בוך, — שרײַבט וו. ליאסקאָווסקי, — איז א פסיכאָלאָגישע פארשארפונג פון די כאראקטערס. דער בוך איז אָנגעזאפּט מיט לויטערע געפילן און מיט טיפן פאטריִאָטיזם“.

אין דער ווארשעווער „פאָלקס־שטימע“ האָט אין פינף נומערן, בעמעשעך פון דעקאבער 1979 און יאנוואר 1980, זיך געדרוקט י. סערעבריאניס פאָרשונג „מיר גייען איבער צו ליבע“. אין א ריי ערטער דיסקוטירט דער קריטיקער מיט דעם מעכאַבער, ווײַזט אָן אָף שוואכע ערטער, זאָגט ארויס אינטערעסאנטע געדאנקען וועגן פרויען־פסיכאָלאָגיע, גיט א פילזײַטיקן אנאליז פון די כאראקטערן בא די העלדן, רעדט ברייט ארום די סטרוקטור און דעם סטיל פון נאָטע לוריעס ראָמאַן.

איז דאָס אַלץ „פאַרבײַגײענדיק"? פאַרקערט! די אָנגערופֿענע אַרטיקלען באַווײַזן, מיט וואָס פֿאַר אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט, באַהאַוונטקײַט און פֿילזײַטיקײַט, רויִק, ערנסט און מיט אָפּשײַ ווערט באַהאַנדלט דער ראָמאַן אין דער פּרעסע.

מיר האָבן ספּעציעל ניט דערמאָנט וועגן כאַיִם מעלאַמודס הויך־קינסטלערישן עסיי „דער שרײַבער און זײַנע העלדן". מ. מאַרגאָלין אַליין טײַלט אים אויס פֿון דעם „אַלגעמיינעם שטראָם". ער ווײַזט אָן: „עמעס, כאַיִם מעלאַמוד האָט רעאַגירט אויף לוריעס נײַע דערגרײכונגען ענערגיש און עמאָציאָנעל" — מיילע, זאָל זײַן אַזוי. מיט דעם קאָן מען נאָך מאַסקים זײַן. אָבער שוין דאָ גיט דער קריטיקער צו: „מע קאָן אַפֿילע זאָגן סענטימענטאַל. נאָר צו קיין ברייטער באַהאַנדלונג איז עס אויך בײַ אים ניט דערגאַנגען".

מיט דעם קאָן מען ניט מאַסקים זײַן. צושרײַבן כ. מעלאַמודן סענטימענטאַלקײַט האָט קיין שום גרונט ניט. מ. מאַרגאָלין רעדט וועגן סענטימענטאַלקײַט צוליב איין שורע. כ. מעלאַמוד ווײַזט אָן אויף דער פֿרישקײַט פֿון נאָטע לוריעס „געשיכטע", אַז ניט געקוקט אויף דעם פֿילמאָליקן איבערלייענען דעם ראָמאַן, ווערט ניט געמינערט אין אים „דער זעלבער גלאַנץ, דער זעלבער פּלאַטער, און (ס'באַווײַזט זיך) אַ נײַטיקײַט אַלעמאָל אַ וויש טאָן די אויגן, און אַמאָל אויך אַ נעם טאָן זיך פֿאַרן האַרצן" („סאָוועטיש היימלאַנד", 1980, נומ. 8, זז. 118—126).

לויט מ. מאַרגאָלינען קומט אויס, אַז אויב ס'ווערט נייטיק „זיך אַ וויש טאָן די אויגן", איז דאָס אַ סימען פֿון „סענטימענטאַלקײַט". וויאַזוי זשע, אין אַזאַ פֿאַל, דאַרף מען אָפּשאַצן מאַקסים גאָרקיס ווערטער, אַז, לייענענדיק „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס", האָט ער „געלאַכט און געוויינט"?

מע קאָן אויך ניט מאַסקים זײַן מיט מ. מאַרגאָלינס באַהויפּטונג, אַז בײַ כ. מעלאַמודן אינעם אַרטיקל „איז אויך ניט געקומען צו קיין ברייטער באַהאַנדלונג"!

אויף ברייטקײַט, גרויסקײַט איז ניטאָ קיין שיר. וויכטיק איז דער טאָך פֿון מעלאַמודס אַרטיקל. כ. מעלאַמוד ענטפֿערט אויף אַ סאַך וויכטיקע פֿראַגעס, וועלכע עס דאַרף באַלויכטן דער קריטיקער, אויב ער וויל, ס'זאָל קומען צו אַ ברייטער באַהאַנדלונג. לעמאָשל: וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר דאָס נײַע ווערק? און וויאַזוי איז עס פֿאַרבונדן מיט די פֿריערדיקע שאַפֿונגען פֿון דעם אַווטאָר? וואָס פֿאַר אַן אָרט פֿאַרנעמט דער נײַער ראָמאַן צווישן זיי? וויאַזוי שפּיגלט ער אָפּ אונדזער לעבן? וואָס פֿאַר אַ ליטעראַרישע ווערט האָט אַרײַנגעטראָגן דער נײַער ראָמאַן אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור? אַאַוו. אָט די דאָזיקע אַספּעקטן, וועלכע מ. מאַרגאָלין פּרוווט ניט אַפֿילע דערמאָנען אין זײַן אַרטיקל, ווערן דאַפֿקע יאָ באַהאַנדלט מיצאַד כ. מעלאַמודן. ער באַשטעטיקט:

„דער ראָמאַן, מיט וועלכן נאָטע לוריע האָט באַגעגנט זײַנע זיבעציק יאָר, האָט פֿאַרהיט אין זיך די פֿרישקײַט פֿון דעם „סטעפּ רופֿט", די רײַפֿקײַט פֿון „הימל און ערד", די יונגע פֿאַרליבטקײַט אינעם לעבן. אַדאַנק דעם האָט דעם שרײַבער זיך אײַנגעגעבן צו שאַפֿן אַזאַ העל פֿרויען־געשטאַלט, אַנמאָלן אַזעלכע דערהויבענע און רעגעוודיקע בילדער פֿון ליבע און ליידן"... (דאָרט, ז. 124).

דער קריטיקער מערקט אָפּ די הויכע קינסטלערישע מאַדרייגע פֿון נאָטע לוריעס נײַעם ראָמאַן, זײַן שאַרפֿע אַקטועלקײַט. אין דעם זעט ער אײַן דעם קוואַל פֿון די באַגײַסטערטע אָפּרופֿן פֿון די לייענער. כ. מעלאַמוד ווײַזט אויך אָן אויף דער נײַקײַט פֿון די קינסטלערישע מיטלען און פֿון דער קאָמפּאָזיציאָנעלער סטרוקטור פֿונעם ווערק.

צום באַדויערן (און באַוווּנדערונג), האָט מ. מאַרגאָלין אָט דאָס אַלץ (אַכוץ „סענטימענטאַלקײַט") אין כ. מעלאַמודס אַרטיקל ניט דערזען.

דער קריטיקער איז גערעכט, ווען ער ווײַזט אָן אויף דער „אומגעוויינלעכער פֿאַבולע" פֿונעם ראָמאַן און אויך אויף דעם, אַז „אונדזערע קריטיק־מײַסטערס האָבן ניט אין דער פֿולער מאָס באַהאַנדלט די אייגנאַרטיקײַט פֿון זײַן אינהאַלט, געבוי און סטרוקטור". דאָס איז טאַקע אַזוי. אָבער אויך מ. מאַרגאָלין אַליין האָט זיך ניט פֿאַרנומען מיט אָט דעם איניען. אין זײַן אַרטיקל טרעפֿן מיר ניט דעם קאָנקרעטן אַנאַליז פֿונעם אינהאַלט, פֿון דער פֿאָרם, קאָמפּאָזיציע און אויך קיין אָפּשאַצונג פֿון די פּערסאָנאַזשן, וועלכע זײַנען אַרויסגעפֿירט אין דעם ראָמאַן. און דאָס איז טאַקע אַ גרויסער שאָד.

מיט וואָס זשע פֿאַרנעמט זיך יאָ מ. מאַרגאָלין אין דעם פּאָזיטיוון טייל פֿון זײַן אָפּרוף? אין וואָס באַשטייט דער לייטמאָטיוו פֿון מ. מאַרגאָלינס אַרויסטרעטונג?

אין זײַן ספּעציעלער קריטישער באַהאַנדלונג באַמיט ער זיך צו באַווײַזן, אַז דאָס וויכטיקסטע אין נאָטע לוריעס נײַער שאַפֿונג איז זײַן איבערגאַנג פֿונעם רעאַליסטישן נוסעך צו דעם ראָמאַנטישן — צום ראָמאַנטיזם. דערבײַ באַשרײַבט דער קריטיקער זייער ברייט דעם אונטערשייד צווישן אָט די צוויי קונסט־שיטעס אין דער ליטעראַטור.

ניט מיט אַלע דעפֿיניציעס, מיט וועלכע מ. מאַרגאָלין כאַראַקטעריזירט דעם רעאַליזם און ראָמאַנטיזם, קאָן מען מאַסקים זײַן. דאָ אָבער האָבן מיר ניט די מעגלעכקײַט זיך אָפּשטעלן אויף דעם. די גרונט־פֿראַגע, אויף וועלכער מע דאַרף געבן אַן ענטפֿער, האָט אַ שײַכעס צו דער האַנאָכע, וועלכע מ. מאַרגאָלין רוקט אַרויס, אַז אינעם ראָמאַן „די געשיכטע פֿון אַ ליבע" איז נאָטע לוריע איבערגעגאַנגען פֿון זײַן פֿריִערדיקן רעאַליסטישן קינסטלערישן נוסעך צום ראָמאַנטישן.

מ. מאַרגאָלין רעדט אין זײַן באַהאַנדלונג וועגן רעאַליזם און ראָמאַנטיזם ביכלאַל ווי וועגן צוויי פֿאַרשיידענע ריכטונגען אין דער ליטעראַטור. מיט קיין איין וואָרט דערמאָנט ער ניט, אַז דער סאָוועטישער ליטעראַטור איז אייגנטימלעך די עסטעטישע קאָנצעפּציע פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם. ווי באַוווּסט, שטעלט מיט זיך פֿאָר דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם אַ זעלבשטענדיקע עסטעטישע וועלט־אָנשויונג, אַ נײַעם טיפּ פֿון קינסטלערישן באַוווּסטזײַן, אַ נײַע סיסטעם פֿון קינסטלערישע פֿאָרמען. צו זײַנע וויכטיקסטע אידעאָלאָגישע יעסוידעס געהערן פֿאַרטייִשקײַט, הומאַניזם, אָביעקטיווע אופֿאַסונג פֿון דער ווירקלעכקײַט, און אייניצײַטיק שליסט ער אײַן אין זיך דעם פּאַטאָס פֿון דער שעפֿערישער אַקטיוו־

קײַט פון די מאסן און פון יעדער פּערזענלעכקײַט באזונדער. צוגעבנדיק אַן אַקטיווע ראָליע דעם סוביעקטיוון פאַקטאָר, שליסט דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם אין זיך אײַן אַ סאַך שטריכן פונעם ראָמאַנטיזם, וועלכער איז ניט קיין אַנטיפּאָד צום רעאַליזם. פאַרקערט, ער דערפולט אים, מאַכט אים רײַכער, זאַפטיקער.

טאַקע אָט די אײַגנאַרטיקע יעסוידעס פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם באַזירן זיך נאָטע לוריעס אַלע שאַפונגען. אַנשטאָט צו רעדן וועגן אַן „איבערגאַנג" צו אַנדערע ליטעראַטור־ריכטונגען, צום ראָמאַנטיזם, וואָלט, לויט אונדזער מיינונג, זײַן פיל יוישערדיקער און פּרוכטבאַרער צו אַנאַליזירן דעם נײַעם ראָמאַן אין דער שײַן פונעם אויבנדערמאָנטן נוסעך. און אויב עס וועט באַווײַזן ווערן, אַז דער ראָמאַן אַנטשפּרעכט ניט פולקום די קריטעריִען פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, דעמלט קאָן זײַן באַרעכטיקט אַרויסצוברענגען אַן אַנדער האַשאָרע, וועלכע דאַרף, פאַרשטייט זיך, אויך באַווײַזן ווערן מיט שטרענגע אַרגומענטן.

מ. מאַרגאָלין אָבער פּרוּווט באַווײַזן נאָטע לוריעס איבערגאַנג צום ראָמאַנטיזם אויף גאָר אַן אַנדער אופן. ערשטנס, באַשרײַבט ער דעם אונטערשייד צווישן אַ רעאַליסטיש און ראָמאַנטיש ווערק, און נאָכדעם, אָן קיין שום באַגרינדעטע באַווײַזן, פּאַסט ער צו אייניקע אויסצוגן פונעם ראָמאַן זײַנע האַנאָכעס. אין דעם אַרטיקל זעט עס אויס בוכשטעבלעך אַזוי:

„אָט דאָ געפינט זיך דער פּרינציפּיעלער כילעק צווישן רעאַליסטישער און ראָמאַנטישער שאַפונג. ריידנדיק וועגן אַ ראָמאַנטיש ווערק, האָב איך אין זינען דעם ראָמאַן, וואָס שטאַמט ניט פון דירעקטע לעבנס־אײַנדרוקן, פון אײַנגעזאַפּטער פאַראַלגעמיינערטער דערפאַרונג, נאָר איז געשאַפן מיטן קויעך פון דער שעפערישער פאַנטאַזיע, וועלכע האָט אופגעבליצט אין דעם מעכאַבערס מויעך. אַזוי איז אַנטשטאַנען נאָטע לוריעס ראָמאַנטישע געשיכטע פון „ליבע" (ז. 126).

„דער צווייטער פּרינציפּיעלער אונטערשייד צווישן די צוויי ליטעראַרישע מעטאָדן איז די לאָגיק אין רעאַליסטישן ווערק, וועלכע איז אַן אומבאַדינגטער עלעמענט פון יעדן קינסטלערישן געמעל און דריקט זיך אויס אין דער מאָטיווירטקײַט פון דער גאַנצער פאַבולע, און די אומלאָגישקײַט אין ראָמאַנטישן ווערק". „די ראָמאַנטיקער ווענדן זייער אויפמערקזאַמקײַט אויף אַלץ, וואָס איז ניט ענלעך אויף דער פּראָזאִישער סייכל־האַיאָשערדיקער אַלטעגלעכקײַט"... „דער אינטערעס צו שטאַרקע געפילן, צו גראַנדיעזע לײַדנשאַפטן און צו סוידעספולע באַוועגונגען פון גײַסט, דער דראַנג צום אינטויִטיוון און באַוווּסטלאָזן, — דאָס אַלץ זײַנען די וועזנטלעכע שטריכן פון דער ראָמאַנטישער קונסט" (דאָרט, ז. 127).

מיט עטלעכע שורעס ווײַטער באַשטעטיקט דער קריטיקער, אַז נאָטע לוריע האָט אין דער „געשיכטע פון אַ ליבע" „אָנגענומען די שילדערונגס־מיטלען פון דער אויבן פאָרמולירטער ראָמאַנטישער שול. די דאָזיקע שילדערונגס־מיטלען דרינגען אַרויס פון דער ניט מאָטיווירטער האַנדלונג פון דער הויפּט־העלדן יויכעוועד, וועלכע שטייט אין צענטער פון דער געשיכטע" (דאָרטן, ז. 127).

פון די נאָרוואָס ציטירטע אויסצוגן קומט אַרויס, אַז נאָטע לוריעס ראָמאַן איז אַן אויסגעטראַכטע מײַסע, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט אונדזער ווירקלעכקײַט, און אַז די הויפּט־העלדן פירן זיך ניט לאָגיש, באַוווּסטלאָז און קעגן דעם סייכל־האַיאָשער. איך בין אָבער איבערצײַגט, אַז מיט אַזעלכע פעסטשטעלונגען וועט קיינער ניט מאַסקים זײַן. נאָך מער — זיי רופן אַרויס באַם לייענער אַ באַגרינדעטן פּראָטעסט.

אויבן האָבן מיר שוין אָפּגעמערקט, אַז אַלע, ווער עס האָט זיך אָפּגערופן אויף „דער געשיכטע פון אַ ליבע", האָבן אָנגעוויזן, אַז דער ראָמאַן איז אויסגעהאַלטן אין די בעסטע רעאַליסטישע טראַדיציעס. ס'איז אויך קעדײַ צוגעבן, אַז אַ סאַך קריטיקער שטרײַכן אונטער דעם אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער פון דעם ווערק.

„...מע דאַרף ניט זײַן קיין מומכע, — שרײַבט די „פאָלקס־שטימע", — אַז „די געשיכטע פון אַ ליבע" איז פון אָנהייב ביזן סאָף אַן אויטאָביאָגראַפישער ראָמאַן. די הויפּט־העלדן יויכעוועד, איר מאַן געדאַלי, זייערע קינדער שולאַמיס און שאָלעם זײַנען ניט קיין אויסגעפאַנטאַזירטע פּערזאָנען. זיי זײַנען זייער נאָענט דעם אויטאָר, וועלכער איז אינעם ראָמאַן פּערזאָניפיצירט דורך דעם טאַלאַנטפולן וויאָלאָנטשעליסט — סאָליאַ זאָנענטאַל" („פאָלקס־שטימע", 1—2 יאַנוואַר 1979).

ענלעכע געדאַנקען זאָגט אַרויס י. סערעבריאַני. לויט זײַן מיינונג, איז „די געשיכטע פון אַ ליבע" „אין אַ היפּשער מאָס אַן אויטאָביאָגראַפישער ראָמאַן", אין וועלכן דער אויטאָר דערציילט „זײַן אייגענע געשיכטע", און, ווי עס דרינגט אַרויס פונעם אינהאַלט, האָט דער אויטאָר אַליין עפּעס אַ שײַכעס צום דאָזיקן איניען. דאָס איז אַ מין כעזשבן־האַנעפעש, אַ ווידוי, און גלײַכצײַטיק אַ פּרוּוו פון פילאָסאָפישער באַזיניקונג און פאָרשונג פון דער ליבע־רעטעניש ביכלאַל" („פאָלקס־שטימע", 12—24, 1977).

אין וואָס פאַר אַ מאָס עס זײַנען אינעם ראָמאַן אַרויסגעפירט אויטאָביאָגראַפישע מאָטיוון, דאַרף נאָך באַווײַזן ווערן. מיט דעם קאָן מען דערווײַל שטרײַטן. ס'איז אָבער קיין ספּאָפעק ניט, אַז די העלדן זײַנען רעאַלע טיפּן פון אונדזער דאָר, ניט קיין אויסגעטראַכטע, ניט קיין אויסגעפאַנטאַזירטע, ווי וועגן זיי שרײַבט מ. מאַרגאָלין. מיט פולער רעכט שטרײַכט אונטער ב. מילער (אין זײַן צווייטער רעצענזיע וועגן דעם ראָמאַן), אַז אין „דער געשיכטע פון אַ ליבע" באַשרײַבט נאָטע לוריע זײַנע העלדן, דאָס שטעטל באַ דער גרענעץ, די גרויסע שטאָט לענינגראַד „מיט דער זעלבער רעאַליסטישער גענויקײַט, ווי ס'איז פריִער באַשריבן געוואָרן דאָס דאָרף, דער סטעפּ" („ביראָבידזשאַנער שטערן", 18 יאַנוואַר 1981).

אין דער יובילײ־באַגריסונג, געווידמעט דעם 70־יאָריקן געבורטסטאָג פון נאָטע לוריע, האָט דער „ביראָבידזשאַנער שטערן" (פאַרן 21 מאַרט 1976) געשריבן: „דאָס איז ניט נאָר אַ געשיכטע וועגן אַ שיינער ליבע, נאָר אויך אַ ביאָגראַפיע פון אַ

דאָר סאָוועטישע מענטשן אין פאַרלויף פון א האַלבן יאָרהונדערט״.

דעם דאָזיקן טעזיס פאַרברייטערט י. סערעבריאַני, וועלכער האַלט, אַז אין דער „געשיכטע פון א ליבע״ האָט נ. לוריע „געגעבן אַן איבערזיכט איבער דער געשיכטע פונעם לעבן פון א גאַנצן דאָר, וואָס האָט שוין פון זײַנע ערשטע באַוווסטזיניקע טריט אָנטיילגענומען אינעם קאַמף, אין דער בויונג פונעם נײַעם לעבן״.

מ. מאַרגאָלין מערקט דערעכאַגעוו אָפ, אַז „פאַר דעם ראָמאַנטיזם איז אייגנשאַפטלעך צו אַרויספירן אומשטענדן, געשעענישן און איבערלעבונגען, וועלכע זײַנען אומאָפהענגיק פון צײַט און אָרט״. וויאַזוי זשע זעען אויס די געשעענישן און איבערלעבונגען אין נ. לוריעס ראָמאַן? צי זײַנען זיי אויך „אומאָפהענגיק פון צײַט און אָרט״? אַף אָט דער פראַגע באַקומען מיר ניט קיין ענטפער אין מ. מאַרגאָלינס אַרטיקל. ס׳איז אָבער גרינג זיך איבערצײַגן, אַז אין „דער געשיכטע פון א ליבע״ קומט אַלץ פאָר אין קאָנקרעטע געאָגראַפישע גרענעצן (לענינגראַד, טשיטאַ, קובאַ), אין דער קאָנקרעטער סאָציאַלער סוויווע און אין ניט ווייניקער קאָנקרעטע צײַט־אָפשניטן — אין אונדזער צײַט, וועלכע ווירקט אַקטיוו אַף דעם גורל פון די העלדן. אָט די דאָזיקע פאַקטאָרן פון צײַט און רוים, וועלכע זײַנען איינע פון די וויכטיקסטע שטריכן פון רעאַליסטישער קונסט, גיבן צו לוריעס שאַפונג די קראַפט פון דינאַמיק.

די אויבנדערמאָנטע פאַקטאָרן ווירקן אַף דער סטרוקטור פונעם ראָמאַן. די ליבע גייט אַרויס פון איר ענגן קרײַז. זי ווערט פאַראַלגעמיינערט אין דער ליבע־אופירונג פון די טיפן, וואָס שטעלן פאָר באַשטימטע סאָציאַלע שיכטן. די ליבע־האַנדלונגען ווערן געשילדערט ניט איזאָלירט, נאָר אין פאַרבינדונג מיט קאָנקרעטע לעבנס־באַציִונגען. לוריעס ראָמאַן ווערט א געשיכטע וועגן דעם, וויאַזוי אין גאַנג פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע, אין דער אַנטוויקלונג פונעם סאָציאַליסטישן לעבנסשטייגער ווערט באַרײַכערט די ליבע, ס׳קרעפטיקט זיך איר מענטשלעכער אינהאַלט און איר באַוווסטזיניקער אופנעם.

דער סעקרעטאַר פונעם קאָמיוג־קעמערל און פאָרזיצער פון שטעטלשן ראַט פיניע שוואַלב איז שוין פון לאַנג פאַרליבט אין יוכעוועדן, זי אָבער ענטפערט ניט אַף זײַנע געפילן און ווײַזט אַרויס סימפאַטיע צו זײַן כאַווער — סאָליאַן, וועלכער פאַרליבט זיך אין איר. דאָס פאַרשאַפט סאָליאַן געוויסנביסן. ער שרײַבט פיניען א בריוו, אין וועלכן ער איז זיך מודיע אין זײַנע געפילן. פיניע שטויסט זיך אָן, וועגן וואָס עס גייט א רייד. ער קערט אים אום זײַן כאַווער צוריק דעם בריוו מיט די ווערטער: „דאַרפסט זיך ניט פאַר מיר פאַרענטפערן. זע נאָר, באַליידיק זי ניט!״ — א הויך־ווירדיקער, עכט הומאַניסטישער ענטפער פון אַן איידעלן מענטש, פאַר וועלכן ליבע איז ניט בלויז אַן עגאָיִסטישער אינסטינקט — ליבע צו זיך אַליין, נאָר אַן עכט־מענטשלעך געפיל, וואָס האָט צו טאָן קודעמקאָל מיט אָפשײַ, איבערגעגעבנקײַט און טרײַשאַפט צום אָביעקט פון דער ליבע.

אַזאַ איז אויך די אופירונג פון יוכעוועדס מאַן גענאַדי בענעגייע צו סאָליאַן. גענאַדי ווייסט וועגן אַלץ, וואָס עס פאַרבינדט זײַן פרוי מיט איר פריִערדיקן יוגנט־כאַווער. ער ווייסט וועגן זייערע באַציִונגען אין דער צײַט, ווען סאָליאַ פאַרברענגט אין לענינגראַד, ער לײַדט אַפילע פון דעם. אָבער מיט וואָס פאַר א ליבע און אָפשײַ באַציט ער זיך צו זײַן פרוי און צו איר מיטאַמאָל אופגעפלאַקערטן ליבע־געפיל! אַזוי קאָן זיך אופירן בלויז אַן אינטעליגענט, וועלכער איז אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין גײַסט פון קאָמוניסטישער באַציִונג צו געפילן פון אַן אַנדער מענטש.

דערעכאַגעוו מוז אָפגעמערקט ווערן, אַז דאָס באַווײַזן, וויאַזוי דער סאָציאַליסטישער לעבנסשטייגער באַרײַכערט די ליבע, איז אין נאָטע לוריעס שאַפונג ניט קיין נײַס. דער לייענער געדענקט אוואַדע, וויאַזוי ס׳האָט זיך געענדערט דער געדאַנקענגאַנג און דער כאַראַקטער פון דער ליבע באַ די הויפט־העלדן פונעם „סטעפ רופט״. דער געוועזענער פאַראַקשנטער אינדיווידואַליסט שעפטל באַטראַכט פון אָנהייב די טראַקטאָריסטקע עלקע ווי „א פאָר הענט״, וואָס זאָלן אַף אים אַרבעטן, און אויך ווי אַף א ווײַב, וואָס דאַרף באַפרידיקן קודעמקאָל זײַנע אינסטינקטן. עס גייט אָבער אַריבער די צײַט, שעפטל גייט פרײַוויליק אַוועק אַף דער מילכאָמע, ווו עס פאַרגיסט זיך בלוט און ווו מענטשן גיבן אָפ זייער לעבן פאַר די קומענדיקע דורעס. שעפטל ווערט שפעטער איינער פון די פאָרגעשריטענע בריגאַדירן אין ראַיאָן. נאָך פיל יאָרן פון צעשיידונג טרעפט ער זיך ווידער מיט עלקען. איצט אָבער זײַנען זיי שוין ביידע אַנדערע — ניט נאָר עלטער געוואָרענע, נאָר אויך באַרײַכערטע מיט נײַע באַציִונגען צו אַלעס, וואָס רינגלט זיי אַרום, און אויך צו זיך זעלבסט. ס׳לעבט אוף ווידער זייער ליבע, נאָר אויך זי איז שוין אַן אַנדערע. זי האָט זיך פאַרענדערט צוזאַמען מיטן וועלט־באַנעם. ביידע האָבן זיך אויסגעלערנט צו צוימען זייערע געפילן. זיי ווערן באַהערשט מיט זיטלעכער ריינקײַט, וואָס דערלויבט זיי ניט אַריבערטרעטן דעם מאָראַלישן באַריער, און אויך מיט פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, וועלכע זיי טראָגן בענעגייע צו זייערע אייגענע — צו עלקעס מאַן און צו שעפטלס פרוי.

ווי עס איז צו זען, זײַנען ראָמאַנטישע קאָליזיעס ניט נײַ אין נאָטע לוריעס שאַפן, אין זײַן רעאַליסטישן נוסעך. „די געשיכטע פון א ליבע״ איז ניט קיין „דעביוט אין דער אומבאַקאַנטער פאַר נאָטע לוריען וועלט״, ווי עס שרײַבט וועגן דעם מ. מאַרגאָלין. לויט אונדזער מיינונג, איז דער נײַער ראָמאַן א העמשעך אין דעם שרײַבערס שאַפונג, א ווײַטערדיקע אַרײַנדרינגונג אין דער אוראַלטער און אייביק נײַער וועלט פון ליבע. אין דער „געשיכטע״ איז די צײַט אַן אַנדערע, אַן אַנדערע איז די סוויווע, און די שילדערונג פון די העלדן איז אויך געגעבן אַף א נײַעם אופן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם (און אויך מיט מ. מאַרגאָלינס פאָסטולאַט וועגן נ. לוריעס איבערגאַנג צום ראָמאַנטיזם) איז אינטערעסאַנט צו וויסן, וויאַזוי דער קריטיקער באַציט זיך צו די אַרויסגעפירטע אין דער „געשיכטע״ העלדן.

מ. מארגאָלינס אָפּשאצונג פונעם ראָמאַן באַזירט זיך אַף די שילדערונגס־מיטלען, וועלכע נ. לוריע האָט אויסגענוצט קלוימערשט באַם באַשרײַבן בלויז איינע פון די הויפּט־העלדן — יויכעוועדן. וועגן די אַנדערע פּערסאָנאַזשן פונעם ראָמאַן דערציילט אונדז דער קריטיקער לאַכלוטן גאָרניט. אָבער אין־נעם ראָמאַן זײַנען דאָך אַרויסגעפּירט אַ סאַך אַנדערע פּערסאָנאַזשן — אַ גאַנצע רײ הײַנטצײַטיקע רעאַלע — פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע — טיפּן. צו זיי געהערן דער הויפּט־העלד סאָליאַ, וועלכער פאַרנעמט אין דער „געשיכטע“ דאָס גרעסטע אָרט, יויכעוועדס מאַן — גענאַדי לוואָוויטש, דער אויבנדערמאָנטער פּיניע שוואַלב, יויכעוועדס מאַמע. דאָס זײַנען מענטשן פון הויכע מאָראַלישע נאָרמעס, שיינע אין זייער טאַט און וואָרט. עס לעבט אינעם ראָמאַן יויכעוועדס מאָרעשכוירעדיקער און פאַנאַטישער טאַטע, דער „לישעניעץ“, וועלכער האָט אָפּגעשפּילט אַזאַ גרויסע און טראַגישע ראָליע אין זײַן טאָכטערס לעבן. רעאַליסטיש שטרענג און פּינקטלעך, מיט גרויס מײַסטערשאַפט שילדערט לוריע דעם אויסוואָרף זוזיע סורקיסן. יעדער איינער פון די פּערסאָנאַזשן ווערט באַוויזן מיט פיל פּראָטים. וועגן זיי אָבער, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, האָט דער קריטיקער ניט געפונען פאַר נייטיק אַרויסזאָגן כאָטש איין וואָרט! די גאַנצע שאַרפקײַט פון זײַן „אַרגומענטירונג“ ריכטעט מ. מארגאָלין אַף די שילדערונגס־מיטלען, וועלכע דרינגען אַרויס פון דער „ניט מאָטיווירטער האַנדלונג“ פון דער הויפּט־העלדן יויכעוועד. דער קריטיקער שרײַבט וועגן דעם אַזוי:

„לוריע שילדערט אַן אויסערסט עקזאַלטירט געשטאַלט. עס וואַרפט זיך אין די אויגן די אומדערוואַרטקײַט פון אירע פּאָסטעמקעס, דער אומגעריכטער גאַנג פון אירע געדאַנקען, די אומקלאָרקײַט פון אירע שטימונגען. אין אייניקע מאָמענטן ווישט זיך אָפּ אין אירע האַנדלונגען דער כילעק צווישן „יאָ“ און „ניין“.

אַזאַ אָפּשאַצונג פון דער הויפּט־העלדן אַרגומענטירט מ. מארגאָלין מיט עטלעכע אַרויסגעריסענע פונעם קאָנטעקסט אויסצוגן, וועלכע האָבן אַ שײַכעס בלויז צו צוויי עקסטרעמע עפּיזאָדן אין יויכעוועדס לעבן: דער ערשטער — ווען זי איז אַלט 17 יאָר און די ערשטע פײַלן פון דער ליבע פאַרווונדן איר קינדערש האַרץ, און דער צווייטער — אין 15 יאָר אַרום, אין אַפּאָגיי פון דער ווידערופוואַכונג פון איר ערשטן געפיל.

יעדער אָביעקטיווער קריטיקער, וועלכער וועט כאָטש איין מאָל דורכשטודירן (ניט איבערבלעטערן, נאָר גענוי דורכלייענען) די „געשיכטע“ פון אָנהייב ביזן סאָף, קאָן זיך גרינג איבערצײַגן, אַז אין אָט דעם ראָמאַן האָט נ. לוריע אינעם געשטאַלט פון זײַן הויפּט־העלדן אַרויסגעפּירט איינע פון זײַנע שענסטע פרויען־טיפּן, וועלכע טיילן זיך אויס מיט מענטשלעכקײַט, איידעלע זיטן, הויכן באַוווסטזײַן. נאָטע לוריע באַגלייט יויכעוועדן בעמעשעך פון דרײַ און דרײַסיק יאָר. פאַר אָט דער צײַט איז זי פון „אַ שיין מיידל“ געוואָרן „אַ שיין ווײַבל“ און נאָך אַ שענערע באָבע, אַף וועלכער אַפילע אין די זעכציקער „רוט די שכינע“. אין אַלע צײַט־אָפּשניטן שילדערט דער קינסטלער יויכעוועדן ווי אַ פולע מיט כיין און אינערלעכער ענערגיע פרוי, אַן אָנגעצילטע אַף צו לערנען און אַף צו דערגרייכן הויכע שטופּעס אין דער לער.

פאַר די פאַרגאַנגענע 15 יאָר פאַרענדיקט סאָליאַ זײַן מוזיקאַלישע בילדונג, ווערט אַ באַרימטער וויאָלאָנטשעליסט און טרעט אַרויס מיט גרויס דערפאָלג. אַף איינעם פון זײַנע קאָנצערטן איז בײַגעווען יויכעוועד. נאָך דעם קאָנצערט טרעפן זיך אונדזערע העלדן, און דאָ אַנטפּלעקט זיך, אַז די ערשטע ליבע איז ניט אויסגעלאָשן געוואָרן. יויכעוועד קומט צו סאָליאַן, אין האָטעל. מיט טרערן אין די אויגן, אַ באַהערשטע פון דעם „ברענענדיקן פאַרלאַנג“, שעפּטשעט זי: „סאָליאַ, טײַערער, איך וויל דיך (...) איך בעט דיך, איך וויל האָבן פון דיר אַ קינד“.

אָט דעם עפּיזאָד פון קורצווײַליקן אָנמאַכט קאָן מ. מארגאָלין „ניט מויכל זײַן“ יויכעוועדן. דער איין־און־איינציקער „כעט“ איז גענוג פאַרן קריטיקער, קעדיי צו כאַראַקטעריזירן זי ווי אַן „אויסערסט עקזאַלטירט געשטאַלט“. מיט דעם, פאַרשטייט זיך, קאָן מען ניט מאַסקים זײַן.

אויך ניט באַגרינדעט און ניט אַרגומענטירט איז מ. מארגאָלינס פעסטשטעלונג, אַז יויכעוועדס פּלוצעמדיקער אײַנרײַס מיט סאָליאַן איז געווען אַן אומבאַוווּסטזיניקער, „אַ מין פּאַטאָלאָגישע אַטראָפּיע פון יעדן אינטערעס צו דער פּערזאָן, וועמען זי האָט ערשט נעכטן אונטערגעשטעלט די ליפּן“.

אַ „פּאַטאָלאָגישע אַטראָפּיע“ (!), „ערשט נעכטן אונטערגעשטעלט (?!) די ליפּן“! — פונוואַנען נעמט זיך אַזאַ סאַרקאַזם און בייזקײַט, מיט וועלכע עס שטעמפּלט אונדזער בעקאָוועדיקער קריטיקער דאָס זיבעצניאָריקע מיידל, וועלכע ווערט פון דעם ערשטן אויגנבליק פאַרליבט און וועלכע רײַסט אײַן איבער ניט אינגאַנצן אויסגעפּאָרשטע אומשטענדן אירע באַציִונגען מיטן געליבטן?

יעדער איינער ווייסט, אַז ניט אַלץ, וואָס עס קומט פאָר פּלוצעם און איז אויסערלעך אומפאַרשטענדלעך, באַטײַט אומבאַוווּסטזיניקײַט, ניט מאָטיווירטקײַט, „פון דער העלער הויט אַרויס“, ווי עס באַצייכנט דאָס מ. מארגאָלין.

יאָ, דער אײַנרײַס איז טאַקע פאָרגעקומען פּלוצעם, אָן קיין שום דערקלערונג פון יויכעוועדס זײַט. די קריטיק האָט שוין אַף דעם ניט איין מאָל אָנגעוויזן. אָבער אַלע, ווער עס באַהאַנדלט דעם ניט דערוואַרטעטן טאַט פון יויכעוועדן, פּרוּווט אים דערקלערן מיט דעם, וואָס יויכעוועדס פאָטער איז געווען קעגן זײַן טאָכטערס באַציִונגען צו סאָליאַן. יויכעוועד, וועלכע איז אויסגעוואַקסן אין אַ רעליגיעזער אָרטאָדאָקסאַלער פאַמיליע, האָט ניט געפונען אין זיך קיין קויעך אַף ווידערצושטעלן זיך קעגן איר טאַטנס ווילן. דערפאַר צערײַסט זי אַלע באַציִונגען מיט סאָליאַן און פאָרט אַוועק פונעם שטעטל. עס קאָן זײַן, אַז ס'איז געווען טאַקע אַזוי. אָבער קיין דײַטלעכע און איבערצײַגעוודיקע אָנווײַזונגען אַף אַזאַ ווערסיע איז פאָרט אין דעם ראָמאַן ניטאָ.

איך מיין אָבער, אַז ס'איז מעגלעך אויך אַן אַנדער ווערסיע, וועלכע קאָן אונדז ענטפערן אַף דער פראַגע — פאַרוואָס האָט אַזוי פּלוצעם איבערגעריסן

אלע באציִונגען מיט סאָליאן דאָס פאַרליבטע אין אים יונג מיידל?

ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אז שולדיק אין דעם איז געווען טאַקע סאָליא אליין.

אין אונטערשייד צו יויכעוועדן איז דער יונגער סאָליא א נאַטור מיט קאָמפּלעקסן, מיט ווידערשפּרעכלעכע געפילן, וועלכע ער קאָן ניט שטענדיק באַזיגן. ער איז זייער א שעמעוודיקער, ס'מוטשעט אים שטענדיק דער געדאַנק: וואָס וועט מען וועגן אים טראַכטן? אין זײַן עמפּינדלעכער נאַטור הערשן זעלבסטמינדערוועַרטיקײַט און זעלבסטבאַשולדיקונגס־געפילן. ער איז טאָמיד עמעצן שולדיק. אָפט קאָן ער ניט באַשליסן, וואָס ער זאָל טאָן אין דער אָדער יענער לאַגע. נאָר אָפטער וואַקלט ער זיך צווישן „יאָ" און „ניין". ער איז טאַקע זייער פאַרליבט אינעם מיידל. ער איז גליקלעך. עס גייען אַוועק וואָכן. יעדן אָוונט טרעפן זיך די פאַרליבטע און ביז אינדערפרי קאָנען זיי זיך ניט אָנרעדן. זיי ריידן וועגן אַלץ: יויכעוועד דערציילט סאָליאן וועגן מאַטעמאַטיק, ראַקעטעס און קאָסמאָס, סאָליא דערציילט איר וועגן מוזיק, קונסט, הויכע געפילן. נאָר איין זאַך, די איין־און־איינציקע זאַך, אויף וועלכער עס וואַרטן אַלע פאַרליבטע מיידלעך, זאָגט ניט אַרויס סאָליא... יויכעוועד פּרוּווט אים העלפן אונטערזאָגן:

„סאָליא, איך וויל דיר עפּעס זאָגן, — האָט זי, געזעגענענדיק זיך מיט מיר, א שעפּטשע געטאָן, ווי פאַרטרויענדיק א סאָד. — דו ביסט זייער געפעלן אַלע מײַנע כאַווערטעס, זיי זײַנען פאַרליבט אין דיר"...

פאַרשטייט זיך, אז יויכעוועד האָט געהאַט דאָס רעכט און אויך דעם כיישעק צו הערן פון סאָליאס מויל עפּעס ענלעכס און נאָך מער קאָנקרעטס, אָבער דאָס קומט ניט פאָר. סאָליא, אַן איבעראַשטער, גייט אָן ווערטער אַוועק פון איר.

אַכוץ דעם, וואָס יויכעוועד מוז אויסהערן יעדן טאָג מוסער־רייד פון איר פאַנאַטישן טאַטן, אַכוץ דעם, וואָס זי טאָר ניט און וויל ניט אים מעצאַער זײַן, — אַכוץ דעם אַלעמען, גלייבט זי ניט געננוג אין סאָליאס ליבע, ווײַל די ליבע ווערט ניט באַגלייט מיט די געהעריקע ווערטער. ס'איז באַוווּסט דער אונטערשייד פון אייניקע שטריכן, וועלכע כאַראַקטעריזירן פרויען־ און מענער־ליבע. דאָס גלײַכווערטל קלינגט: „א מאַנצבל דאַרף זען, און א פרוי וויל הערן די ליבע". עפּשער טאַקע דערפאַר, ווײַל זי האָט בעמעשעך פון דער גאַנצער צײַט ניט געהערט פון סאָליאן קיין מאַמאָשעסדיקע ווערטער, האָט די אָנגעצילטע אויף צו דערגרייכן הויכע מאַדרייגעס אין פּראַקטישן לעבן יויכעוועד אָנגענומען א באַשלוס: קאָלזמאַן ס'איז נאָך ניט שפּעט, דאַרף מען פאָלגן דעם טאַטן און מאַכן א סאָף צו די באַציִונגען, וואָס זי האָט מיט סאָליאן. זײַענדיק איבערלעך א באַשלאָסענע, נעמט זי אָן אַלע מיטלען אויף צו רעאַליזירן דעם באַשלוס מיט איין מאָל, אַזוי אַז עס זאָל שוין ניט בלײַבן קיין צוריקוועג צו דער פאַרגאַנגענהײַט.

ס'קאָן זײַן, אז עס זײַנען געווען נאָך און גאָר אַנדערע מאָטיוון. איינס איז אָבער אויסער יעדן צווייפל — דער אײַנרײַס איז געווען א באַוווסטזיניקער, און ניט צוליב „פּאַטאָלאָגישער אַטראָפיע", וועלכע ס'שרײַבט צו יויכעוועדן מ. מאַרגאָלין, נאָר צוליב א ריי אָביעקטיווע און סוביעקטיווע סיבעס, וועלכע דאַרפן אויסגעפאָרשט און אַנאַליזירט ווערן מיצאַד דעם קריטיקער, אויב ער פּרעטענדירט אויף אָריגינעלע אָפּשאַצונגען און פעסטשטעלונגען.

ווי עס איז אָבער צו זען, האָט מ. מאַרגאָלין זיך ניט פאַרנומען מיט אַזאַ אַנאַליז, ווילנדיק, אַפּאָנעם, דער לייענער זאָל אים אָן שום אַרגומענטן גלייבן, אז נאָטע לוריע האָט אַרײַנגעבראַכט אין אונדזער ליטעראַטור „א נאָך ווייניק באַקאַנטן מאָדוס פון שאַפן א ברייטע קינסטלערישע לײַוונט אויף איראַציִאָנעלע יעסוידעס".

זאָל אונדז דער כאָשעווער קריטיקער מויכל זײַן! דער הײַנטיקער סאָוועטישער לייענער נעמט לאַכלוטן ניט אויף דאָס, וואָס איז ניט באַגרינדעט און ניט דערוויזן.

צום סאָף זאָל דערלויבט ווערן אַרויסצוזאָגן אין א פּאָר ווערטער אונדזער אייגענע אָפּשאַצונג פון דעם ראָמאַן.

פונעם וויקועך מיט מ. מאַרגאָלינען דרינגט אַרויס, אז „די געשיכטע פון א ליבע" איז אָנגעשריבן מיט גרויסער קינסטלערישער מײַסטערשאַפט, וועלכע אַנטפּלעקט זיך אין נאָטע לוריעס עכט רעאַליסטישן סטיל. צו די באַזונדערקײַטן פונעם ראָמאַן געהער די קלאָרקײַט פון שילדערונגען. די זע־בילדער און די שפּראַך פון די העלדן זײַנען קאָנקרעט און בוילעט. דעם אַווטאָרס באַציִונג צום מענטשן, צו דער נאַטור און צום לעבן זײַנען אַזוי שטאַרק און איבערצײַגעוודיק, אז דער לייענער ווערט אינדוצירט מיט די געשילדערטע געפילן און לײַדנשאַפטן.

„די געשיכטע פון א ליבע", פּונקט ווי די אַנדערע לײַוונטן פון נ. לוריע, זײַנען אָנגעזאַפּט מיט דראַמאַטיזם און טראַגיזם. אין איר איז אָבער ניטאָ קיין יִיעש. ניט געקוקט אויף איר טראַגישן סאָף, איז זי פרײַ פון מאָרעשכוירע און שטעלט מיט זיך פאָר אַן „אָפּטימיסטישע טראַגעדיע".

מיט אַזאַ מונטערן געפיל ווילט זיך פאַרמאַכן דעם ראָמאַן. און ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער פאַרענדיקט זיך פאָרט מיט א „וויגע, וואָס דרייט, פײַפט און וואָיעט", קומען אויפן זיקאָרן גאָר אַנדערע ווערטער, מיט וועלכע ס'וואָלט, דוכט זיך, געווען מער פּאַסיק צו שליסן די „געשיכטע":

„...נאָך האַלבער נאַכט האָט דער רעגן אויפגעהערט. דער הימל האָט זיך אויסגעלײַטערט, אויסגעשטערנט. ס'איז געוואָרן שטיל, זייער שטיל. די קליאָנען, אָפּגעצוואָגענע פון רעגן, זײַנען געשטאַנען פון ביידע זײַטן פונעם גאַנעקל ווי פאַרקישעפטע, ניט א ריר טוענדיק מיט א בלעטל"...

יאָ, דער לייענער גלייבט, אז ס'וועט טאַקע אַזוי זײַן: בא ביידע זײַטן פון יויכעוועדס קייווער וועלן ווי א מאַצייווע אויסוואַקסן קליאָנען, וועלכע וועלן טאָמיד מיספּאַלעל זײַן פאַר די, וואָס האָבן אַזוי שיין געלעבט, הייס, ריין און ערלעך געליבט און מיט זייער טויט פאַרייביקט דאָס לעבן און די ליבע.

קאָנסטאַנטין קעדראָוו

מענטש און קאָסמאָס

(פילאָסאָפישער עטיוד)

וואָס איז אַזוינס דער קאָסמאָס פאַרן מענטשן? פאַר דער מערהייט מענטשן איז עס דער אויסגעשטערנטער באַנאַכטיקער הימל איבערן קאָפּ, דער באַטאָגיקער הימל — ווידער טאַקע איבער אונדז. נאָר צי וועט שטענדיק זײַן אַזוי, צי איז שטענדיק דער הימל איבער אונדז? צי וועלן מיר שטענדיק פאַרבלײַבן נאָר אינווייניק, אינעם קאָסמאָס? איז דאָך געקומען אַזאַ מאָמענט, ווען דער באַטאָגיקער הימל איז געבליבן פון אונטן און דער מענטש איז אַרופגעקומען איבער אים. דאָס אַרויסגיין פונעם מענטשן אויסער די גרענעצן פונעם באַטאָגיקן הימל קאָן געגליכן ווערן צו זײַן, דעם מענטשנס, קאָסמישן געבורט. פּונקט ווי דאָס קינד, וואָס האָט זיך געפונען אין דער מוטער-טראַכט און איז פּלוצעם, אינעם מאָמענט פון געבוירן ווערן, אַרויס פון איר און אַרופגעקומען איבער איר, אַזוי איז דער מענטש אַרויס פון דער טראַכט פונעם באַטאָגיקן הימל און אַרופגעקומען ניט בלויז איבער די וואָלקנס, נאָר אויך איבער דער אַטמאָספער. אַרומפליִענדיק פון דער קאָסמאָסזײַט אַרום דעם באַטאָגיקן הימל, וועלכער האָט אים אַמאָל געהאַט אויסגעזען ווי אַן אומענדלעכער, מוז דער מענטש ניט-ווילנדיק אויפהייבן דעם בליק אויך צום באַנאַכטיקן פינצטערן קאָסמישן הימל און פאַרגעבן די פראַגע: און אָט אַרום דעם דאָזיקן הימל וועט מען ניט קאָנען אַמאָל אַרומפליִען, ווי אַרום דעם באַטאָגיקן? צי וועט ניט קומען אַזאַ מאָמענט, ווען דער מענטש, אַרײַנקומענדיק אין דער געגנט פון די שוואַרצע לעכער[1], וועט ווי איבערקערן אַף דער לינקער זײַט דעם קאָסמאָס, דעם גאַנצן גרענעצלאָזן קאָסמאָס און וועט אַרופקומען איבער אים, ווי ער איז אַרופגעקומען איצט איבער דער אַטמאָספער?

קורץ גערעדט, געבוירן געוואָרן פון דער אַטמאָספער-טראַכט, שטייט אונדז ניט פאָר איבערלעבן אַ צווייטן קאָסמישן געבורט?

אַזאַ קאָסמישער געבורט איז אומפאַרמײַדלעך. צי מיר באַזיניקן עס צי ניין, נאָר מיר ווילן עס אַלע. מיר ווילן זײַן אייביקע, אומענדלעכע, פולקומע, ווי דער קאָסמאָס, וואָס האָט באַשאַפן די ערד, באַשאַפן דאָס לעבן, באַשאַפן אונדז און אונדזער פאַרנונפט אַף דער ערד. מיר ווילן זײַן געגליכן צו דעם אייביקן אומשטערבלעכן קאָסמאָס, ניט פאַרלירנדיק דערבײַ אונדזער אינדיווידואַליטעט, אויפהיטנדיק אונדזער „איך”, אונדזער פאַרנונפט, אונדזער ערדישן קערפּער? צי איז עס מעגלעך? יאָ, ס׳איז מעגלעך.

אַ מענטש פון דער קאָסמישער טקופע קאָן דערוואַרבן אַ פולקומען, אַ מין צוויי-אייניקן קערפּער, איין טייל פון וועלכן — דאָס זײַנען מיר אין אונדזער הײַנטיקן צושטאַנד, און דער

[1] שוואַרצע לעכער — אַן אַסטראָפיזישער באַגריף, וואָס באַטײַט אַזעלכע אָביעקטן אין דער אַלוועלט, ווו די גראַוויטאַציע (צוציִונגס-קראַפט) איז אַף אַזוי פיל שטאַרק, אַז די ליכט-שטראַלן קאָנען זי ניט בײַקומען, קאָנען זיך ניט אָפּווענדן פון איר. דערפאַר רופט מען נאָך די שוואַרצע לעכער אויך „שוואַרצע זונען”.

צווייטער טייל איז דער גאַנצער אומענדלעכער קאָסמאָס.

מע קאָן אַרויסגיין אין קאָסמאָס און ניט דערזען אים. מע קאָן זיך געפינען אויף דער ערד און דערזען דעם קאָסמאָס. אַ גלענצנדיקע באַשטעטיקונג דערפון איז ציאָלקאָווסקיס גורל. פונוואַנען האָט ציאָלקאָווסקי זיך דערוווּסט וועגן אַנוואָגיקייט, וועלכע ער האָט אַזוי בולעט און באַגײַסטערט באַשריבן אין זײַנע „טרוימען וועגן דער ערד און דעם הימל"? אָ, ניין, דער נאָמען פון דעם דאָזיקן בוך איז ניט קיין צופעליקער, דאָס זײַנען טאַקע ווירקלעך געווען טרוימען, אין דעם פּראַט איז דער געלערנטער זייער פּינקטלעך. ער דערמאָנט זיך, אַז די פאָרשטעלונג וועגן אַ סוויווע, ווו דער מענטש שוועבט פרײַ, שוועבט אָן פליגלען, אָן וואָג, איז בא אים געווען פון קינדווײַז אָן. ציאָלקאָווסקי האָט זיך געוווּנדערט, פונוואַנען האָט זיך בא אים גענומען אָט דאָס געפיל? עס איז וועגן דעם דאָך קיין וואָרט ניט געזאָגט געוואָרן ניט אין ביכער און אַפילע ניט אין די מײַסעלעך. הײַנט קאָנען מיר ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע: די אינפאָרמאַציע וועגן אָנוואָגיקײַט, וועגן אַ סוויווע, ווו דער מענטש קאָן פליִען אָן פליגלען, האָט ציאָלקאָווסקי באַקומען פון דעם קאָסמאָס, אָבער ניט פון דעם אויסערלעכן קאָסמאָס, נאָר פון דעם אינערלעכן — אונדזער קערפּער, אונדזער מויעך זײַנען דאָך פּונקט אַזוי אומענדלעך אין דער טיף, ווי אומענדלעך אין דער ווײַט ס'איז דער רוים, וואָס שפּרייט זיך אַרום אונדז. צוויי אומענדלעכקײַטן פאַרייניקן זיך אין דעם מענטשן. מע קאָן באַקומען אינפאָרמאַציע פון אויסן, און מע קאָן, ווי דאָס האָט געטאָן ציאָלקאָווסקי, איבערלייענען זי אין דער טיף פון דעם אייגענעם קאָסמישן זיקאָרן. מיר זײַנען קינדער פון דעם קאָסמאָס, זײַנע שאַפונגען, און דאָס הייסט, אַז ערגעץ אין די טיפענישן אונדזערע ווערט אופגעהיט דער קאָד, ווו ס'זײַנען פאַרצייכנט די דערינערונגען וועגן אונדזער קאָסמישן אורהיימלאַנד, וועגן קאָסמאָס, פונוואַנען מיר שטאַמען און וווּהין מיר קערן זיך הײַנט ווידער אום.

אין אַלטערטום פלעגט מען זאָגן: ס'זײַנען פאַראַן דרײַ ביכער — דער הימל איבערן קאָפּ, דאָס מענטשלעכע האַרץ און די ביבל. אַלע דרײַ ביכער רעדן וועגן איינעם און דעם זעלבן, מע דאַרף נאָר קענען זיי לייענען. ציאָלקאָווסקי האָט איבערגעלייענט דעם בוך פונעם האַרצן, און דאָס האָט אים געהאָלפן אויך איבערלייענען דעם הימל איבערן קאָפּ. דאָס הייסט, אַז עס איז דאָ אַן איינהײַטלעכער גענעטישער קאָד פון דער אַלוועלט. לאָמיר אים אָנרופן מעטאַקאָד. דער מעטאַקאָד איז פּונקט אַזוי רעאַל אין דעם קאָסמאָס, ווי רעאַל ס'איז דער גענעטישער קאָד אין דעם מענטשלעכן קערפּער. ער איז פאַרצייכנט סײַ אין דער סטרוקטור פון דעם באַשטערנטן הימל, סײַ אין דעם געבוי פון דעם גען, סײַ אין די אוראַלטע מיפּאָלאָגישע לעגענדעס און מעסירעס, סײַ אין דער הײַנטצײַטיקער קונסט. לאָמיר זי כאָטשבי דערמאָנען אָן דער ביבלישער לעגענדע וועגן יוינען, וועלכן ס'האָט פאַרשלונגען אַ גרויסער פיש (אַ וואַלפיש). געפינענדיק זיך אין די אינגעווײדן פון דעם פיש, איז יוינע אַרויס פון דאָרטן געזונט און גאַנץ. לאָמיר זיך איצט אויך דערמאָנען אָן דעם, אַז אין אַלטערטום האָט אַ וואַלפיש סימבאָליזירט מיט זיך די גאַנצע אַלוועלט, און דאַן וועלן מיר פאַרשטיין, אַז די לעגענדע וועגן יוינען אַנטהאַלט אין זיך די פאַרקאָדירטע צוקונפט פון דער גאַנצער מענטשהײַט. אונדז שטייט פאָר אַרויסגיין פון דעם קאָסמישן „בויך" פון דער אַלוועלט, שטייט פאָר איבערלעבן אַ קאָסמישן געבורט. הײַנט זײַנען מיר נאָך אינווייניק אין דער אַלוועלט, נאָר ס'וועט קומען אַ מאָמענט, און, אַרומנעמענדיק מיט דער אויבערפלאַך פון אונדזער קערפּער דעם גאַנצן קאָסמאָס, פּונקט ווי מיר נעמען איצט אַרום מיט דער אינערלעכער זײַט פון אונדזער הויט אונדזער קערפּער, וועלן מיר קאָנען זאָגן: דער קאָסמאָס איז אין אונדז. דאָס וועט פאָרקומען אין דעם מאָמענט, ווען מיר וועלן קאָנען פאַרבײַטן דעם וועקטאָר פון אינערלעכן און אויסערלעכן, אַזויווי די קאָסמאָנאַווטן בײַטן דעם וועקטאָר פון אויבן און אונטן, ווען זיי געפינען זיך אין צושטאַנד פון אָנוואָגיקײַט.

לאָמיר זיך ווידער ווענדן צו די אַלטע טעקסטן. אָט וואָס עס ווערט געזאָגט אין דעם גנאָסטישן[1] עוואַנגעליִום פון III יה., אין עוואַנגעליִום פון טאָמאַ. די תּלמידים פרעגן דעם לערער: ווען וועלן מיר ווערן פולקומע? יענער ענטפערט: ווען איר וועט מאַכן אַזוי, אַז דער אויבן זאָל זײַן ווי אונטן, דאָס רעכטע ווי דאָס לינקע, דאָס אינערלעכע ווי דאָס אויסערלעכע און דאָס אויסערלעכע ווי דאָס אינערלעכע — דעמאָלט וועט איר אַרײַנקומען אין קיניגרײַך. דערבײַ וועלן מיר דאָ אַגעוו דערמאָנען, אַז קיניגרײַך באַטײַט דאָ „דאָס הימלשע קיניגרײַך", דה. דער גאַנצער קאָסמאָס. מיר וועלן אויך אָפּמערקן די ווערטער, וואָס ווערן אָפּט איבערגעכאַזערט וועגן דעם, אַז דאָס „הימלשע קיניגרײַך" געפינט זיך אויפן

[1] גנאָסטיציזם — אַ רעליגיעז־פילאָסאָפישע שטרעמונג אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון אונדזער ערע, וואָס האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם אָפיציעלן קריסטנטום.

הימל און אינווייניק אין אונדז. דאָ האַנדלט
זיך ניט וועגן דעם מיסטישן אַראָפּזינקען אין
זיך און דערוערבן דעם אינערלעכן הימל, ווי
דאָס איז באַשריבן אין די לידער פון ניזאַמי,
ווען דער מענטש, פאַרטיפערנדיק זיך אין זיך,
גייט אַרויס צו דער זון, צו די שטערן, צו די
פּלאַנעטן, צו דער גאַנצער אַלוועלט. דאָ
רעדט זיך וועגן אַן אַנדער מעגלעכקייט —
וועגן דער מעגלעכקייט צו מאַכן דאָס אינער-
לעכע ווי דאָס אויסערלעכע און דאָס אויסער-
לעכע ווי דאָס אינערלעכע, דה. צו דערוערבן
אַ צוויי-אייניקן קאָסמישן קערפּער. אַ העלפט
פון דער דאָזיקער פּראָגראַם פון איבעראָריענ-
טירן דעם מענטשן, „מאַכן אַזוי, אַז דער אויבן
זאָל זײַן ווי אונטן", איז שוין פאַרווירקלעכט.
„דער אויבן זאָל זײַן ווי אונטן" — דאָס באַ-
טײַט דאָך אַריבערשפּאַנען פון דעם ערדישן
צושטאַנד אין צושטאַנד פון אַנוואַגיקייט. דאָס
האָבן שוין הײַנט די מענטשן דערגרייכט.
דערבײַ איז דאָס סאַמע וווּנדערלעכסטע דאָס,
וואָס דער מענטש האָט צום ערשטן מאָל דער-
גרייכט אַזאַ מין צושטאַנד און אויספירלעך
באַשריבן אים, נאָך ניט זײַענדיק פיזיש אין
דעם צושטאַנד פון אַנוואַגיקייט. ציאָלקאָווסקי,
ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן פריִער, האָט
באַקומען אינפאָרמאַציע וועגן אַזאַ צושטאַנד
פון די טיפענישן פון זיך אַליין. אויסדריקנדיק
זײַנע קינדערשע טרוימען אין דער שפּראַך
פון מאַטעמאַטיק, האָט ציאָלקאָווסקי געשענקט
דער מענטשהייט אַ רעאַלן קאָסמאָס.
לאָמיר זיך דערמאָנען, וואָס פאַר אַ רעאַק-
ציע עס האָבן אַרויסגערופן ציאָלקאָווסקיס
ווערק קלאָל ניט בײַ קאָנסערוואַטיווע מיט-
צײַטלער זײַנע, נאָר בײַ מענטשן אויפגעקלער-
טע. זיי האָבן געצווייפלט ניט אין דער ריכטי-
קייט פון זײַנע וויסנשאַפטלעכע אויסרעכענונ-
גען, נאָר אין גאָר עפּעס אַנדערש, אין דעם
צי איז צוועקמעסיק זיך געפינען אין צושטאַנד
פון אַנוואַגיקייט, צי מע דאַרף ביכלאָל דאָס
אַרויסגיין אין קאָסמאָס. אָט דעם דאָזיקן
סקעפּטישן אַרגומענט — צי דאַרף מען בי-
כלאָל דאָס אַלץ? — האָט דער געלערנטער
אין זײַן צײַט ניט געקאָנט בײַקומען. מע קאָן
אויף אַ וויסנשאַפטלעכן ניוואָ דערווײַזן די מעג-
לעכקייט אַרויסגיין אין קאָסמאָס, נאָר מע קאָן
ניט וויסנשאַפטלעך דערווײַזן די נויטווענדי-
קייט דערפון. דאָס עפענען די טיר אין קאָס-
מאָס, דער קאָסמישער געבורט — דאָס איז אַ
זאַך פון דעם מענטשנס פרײַען אויסוואַל און
ביזוואַנען די מענטשהייט האָט ניט אויסגע-
קליבן דעם דאָזיקן וועג, האָט זי אים ניט גע-
קאָנט פאַרווירקלעכן.
אייניקע קאָסמאָנאַווטן זײַנען געווען דער-
שטוינט פון דעם, וויאַזוי פּינקטלעך ציאָלקאָוו-

סקי האָט באַשריבן דעם צושטאַנד פון אַנוואַ-
גיקייט. פונוואַנען האָט ער דאָס געוווּסט? אַנ-
דערע קאָסמאָנאַווטן ריידן וועגן דער אַנוואַ-
גיקייט ווי וועגן אַ צושטאַנד, וואָס איז ניט
צו באַשרײַבן. ס'איז טאַקע, זאָגן זיי, אַלץ אַזוי,
ווי ס'האָט געשריבן ציאָלקאָווסקי, נאָר ס'איז
נאָך דערבײַ דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס איז ניט
איבערצוגעבן. וויאַזוי זאָל מען זיך דאָ ניט
דערמאָנען וועגן דעם, אַז דער אוראַלטער רי-
טואַל פון באַהעפטן דעם מענטשן צום קאָס-
מאָס, צום „הימלשן קיניגרײַך" איז באַשטאַנען
פון אַראָפּלאָזן אים אין וואַסער, און אַז אַ
מענטש טוקט זיך אין וואַסער, באַקומט עס די
מאַקסימאַל צוטריטלעכע אויף דער ערד שפּי-
רונג פון אַנוואַגיקייט.
ווידער שטויסן מיר זיך אָן אויף אַן איבע-
ראַשנדיקן פענאָמען: דאָס אוראַלטע וויסן,
וואָס מע האָט געהאַלטן פאַר מיסטיש, איז גאָר
פוטוראָלאָגיש און קאָן דינען אַלס וויסנשאַפט-
לעכער פּראָגנאָז. דאָס באַטײַט, אַז דער מע-
טאַקאָד האָט אין אַלע צײַטן געגעבן דעם
מענטשן גענוג רעאַלע קענטענישן וועגן זײַ-
נעם, דעם מענטשנס, קאָסמישן זײַן. און
שטענדיק איז פאַרן מענטשן געשטאַנען די
מעגלעכקייט פון אויסוואַל: בלײַבן אַן ערדיש
באַשעפעניש, אָדער, אַפילו געפינענדיק זיך
אויף דער ערד, זײַן אַ מענטש פון קאָסמאָס.
דאָס „קינד געפינט זיך אין דער מוטער-
טראַכט", „אונטערגעהאַנגען אויף וואַסערן", ווי
אין אַנוואַגיקייט. דערנאָך גייט עפּעס אַ קוויער
אַ צי דאָס קינד דורך לאַבירינטן, איבערגאַנ-
גען, און איידער עס וועט אַרײַנאָטעמען לופט,
וועט עס דערפילן, ווי עס שטיקט דעם עפּעס,
און איידער עס וועט מיט דער צײַט עפענען
די אויגן, דאַרף עס דערפילן די באַדערפעניש
זיי צו עפענען, דאָס הייסט, דערזען כאַשכעס.
אין מאָמענט פון געבוירן ווערן לעבט דער

מענטש איבער אַן ערעך דאָס זעלבע, וואָס אים שטייט פאַר איבערצולעבן אין מאָמענט פון טויט: דערשטיקעניש, כאַשכעס, פאַרפרעסטקייַט אין ענגן רוים, א שווידערלעכע שוואַרקראַפט, וואָס ציט אים אין אומבאַוווּסטקייַט. און מיטאַמאָל קומט אָן א מאָמענט, ווען דער ענגער רוים ווערט אומענדלעך צעשפרייט, — אַזוי אומענדלעך איז דער רוים פון דער אַלוועלט נאָך דער געמיטלעכער מוטער־טראַכט. דאָס כאַשכעס ווערט ליכט, דער ענגער רוים — אומענדלעך ברייט.

נאָר דאָס איז דאָך קימאַט א פינקטלעכע באַשרייַבונג פון דעם, וואָס עס פילן מענטשן אין צושטאַנד פון קלינישן טויט: צוערשט — דאָס דורכגיין דורך אַן ענגן רוים, כאַשכעס, דערנאָך העלע שייַן. דאָס אַרויסקומען און דאָס שוועבן איבער זיך. צי באַטייַט עס ניט, אַז דער ביִאָלאָגישער טויט פון דעם מענטשן — דאָס איז זייַן קאָסמישער געבורט, סייַ אין דעם, סייַ אין יענעם פאַל איז פאַראַן דער מאָמענט פון קאָסמאָלאָגיש איבערקערן זיך (דאָס, וואָס אַף רוסיש רופט דער אַווטאָר פון דעם אַרטיקל אַן выворачивание — מ.פ.). דאָס איז פון לאַנג שוין באַשריבן אין די פאָלקס־מייַסעלעך. לאָמיר זיך דערמאָנען אָן דעם ברונעם, אין וועלכן א מענטש לאָזט זיך אַראָפ און גייט אַרויס פון דאָרטן צו ליכט, אָן דעם אויסהייל פון א בוים, אין וועלכן מע קאָן אַרייַן און פלוצעם זיך דערזען אַפן הימל. לאָמיר זיך לעסאָף דערמאָנען אָן דער זשאַבע — דער באַסמאַלקע, וועלכע קריגט, איבערקערנדיק זיך פון דער הויט פון איר ערדישן קערפער, א שטערן־אייַנהייל, מאָלט שטערן־מעל אין א שטערן־מיל, באַקט שטערן־ברויט, וועבט שטערן־מאַלבושים. צי איז עס ניט קיין קאָד פון דעם, וואָס איז פאָרויס באַשטימט פאַרן מענטשן? אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס זשע איז פאַר אונדז דער טויט דער גרעסטער אומגליק? דערפאַר, ווייַל מיר האָבן בא אונדזער לעבן ניט איבערגעלעבט דעם אויסערגעוויינלעכן צושטאַנד פון דערוואַרבן אונדזער קאָסמישן קערפער, מיר האָבן גייַסטיק און פסיכאָלאָגיש ניט צוגעגרייט זיך צו דעם. מיר ווילן עס, נאָר מיר ווייסן ניט, וויאַזוי עס צו פאַרווירקלעכן. אָבער ס'איז פאַראַן אַן אַבסאָליוט קלאָרע פראָגראַם: מאַכן דאָס אינערלעכע אויסערלעך, און דאָס אויסערלעכע — אינערלעך, מע דאַרף איבעראָריִענטירן די וועקטאָרס פון אינערלעכן און אויסערלעכן.

עס כידעשט, וואָס ציאָלקאָווסקי האָט ניט געמאַכט דעם דאָזיקן טראָט, און באַשרייַבנדיק די רעליאַטיוווקייַט פון דעם אויבן און אונטן אינעם צושטאַנד פון אָנוואָגיקייַט, האָט ער ניט דערפילט די רעליאַטיוווקייַט פון די וועקטאָרס פון אינערלעכן און אויסערלעכן. נאָך מער איז א כידעש, וואָס אכוץ אין דעם אויבנגעבראַכטן טעקסט פון דעם גנאָסטישן עוואַנגעליום פון טאָמאַ, רעדט זיך אין ערגעץ ניט וועגן אַזאַ מעגלעכקייַט. וואָרשייַנלעך, אַז אונדז איז געגעבן צו בייַזייַן אין דעם מאָמענט, ווען פאַר דער מענטשהייַט האָט זיך געעפנט די מעגלעכקייַט דערוואַרבן דעם קאָסמאָס ניט דורך פאַרטיפערונג אין זיך, נאָר גייענדיק דעם קאָסמאָס אַנטקעגן אָן טעכנישע מיטלען, אָן מאָטאָרן, באַנוצנדיק זיך אויסשליסלעך מיט דעם סאַמע פולקומען און פילבאַרן מאַכשיר, וואָס איז געשאָנקען דעם מענטשן, — מיט דעם אייגענעם קערפער.

איבעראָריִענטירנדיק די באַגריפן פון אינערלעכן און אויסערלעכן, אַרומנעמענדיק מיט דער אויבערפלאַך פון זייַן קערפער דעם קאָסמאָס, וועט דער מענטש אים אַרייַננעמען אין זיך, וועט אים דערפילן ווי זייַן אייגענעם קערפער און וועט ווערן א מענטש אַן אייביקער, א קאָסמישער.

די קאָסמישע איבעראָריִענטירונג קערט אום דעם מענטשן זייַן צענטראַלע אָרטלאַגע אין קאָסמאָס. פונקט ווי א קינד, וואָס גלייַך נאָכן געבוירן ווערן קאָן עס נאָך ניט באַוווּסטזיניקן דעם קערפער ווי זייַנס אַן אייגנס און וועט נאָך לאַנג אַרומטאַפן די הענט, די פיס, דעם קאָפ, ניט פאַרשטייענדיק, אַז עס האָט מאַכט איבער זיי, אַזוי אויך דער מענטש הייבט אָן צוביסלעכווייַז אַרומטאַפן דעם קאָסמאָס און באַוווּסטזיניקן אים ווי זייַן אייגענעם קערפער.

וואָס זשע שטעלט מיט זיך פאָר דער רעאַלער וועג צו דערגרייכן אַזאַ קאָסמישע איבעראָריִענטירונג? לאָמיר זיך צוערשט באַנוצן מיט ציאָלקאָווסקיס מעטאָד, דה. לאָמיר דאָ, אַף דער ערד, מאָדולירן דעם צושטאַנד, וואָס דערוואַרט דעם מענטשן אינעם מאָמענט פון דערנעענטערן זיך צו דער געגנט פון שוואַרצע לעכער אין דער אַלוועלט. דער רוים ווערט אַלץ שמעלער, פון דעם ליכט ווערט כאַשכעס, — מיט איין וואָרט, ער לעבט איבער דאָס זעלבע, וואָס א מענטש אין מאָמענט פון קלינישן טויט, וועלכער איז אַזוי גוט באַשריבן אין לעוו טאָלסטאָיס דערציילונג „דער טויט פון איוואַן איליטש”. איוואַן איליטש פילט, ווי מע שטופט אים אַרייַן אין דער שוואַרצער לאָך פון א זאַק. איוואַן איליטש פילט זיך אַזוי ווי א מענטש, וואָס פאָרט אין א צוג דורך א טונעל, און פלוצעם קומט אָן א מאָמענט, ווען ער באַנעמט, אַז דער צוג האָט זיך באַוועגט גאָר ניט אין דער זייַט, וווּהין ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן. אָט דעם דאָזיקן מאָמענט, ווען עס בייַטן זיך די וועקטאָרס, ווען עס קומט פאָר

די איבעראָריִענטירונג, האָט אַף אַן אינטויִציִע ניוואָ זייער פּינקטלעך דערזען טאָלסטאָי. „אַן ענדע. אַן ענדע צום טויט", — האָט אַ טראַכט געטאָן איוואַן איליטש, אויסגעצויגן זיך און געשטאָרבן. אַזעלכע באַשרײַבונגען, צום באַדויערן, ווערן געוויינלעך אויפגענומען ווי אַ מעטאַפאָר, ווי אַ קינסטלערישע אויסטראַכטונג. מע דאַרף אָבער, אַז דער מענטש זאָל עס אויפנעמען ווי אַ רעאַליטעט. די גאַנצע קונסט איז אָנגעזאַפּט מיט אינפאָרמאַציע וועגן דעם קאָסמישן געבורט פון דעם מענטשן. טאָ לאָמיר צעעפענען די הערצער און די אויגן, לאָמיר גלייבן די קינסטלער, די פּאָעטן, די נעוויִים — זיי האָבן געזאָגט עמעס. דאָס איז געווען אַן אינטויִטיווער עמעס, ווי, לאָמיך זאָגן, טיוטשעווס שורע: „אַלץ אין מיר און איך אין אַלץ", — און פלעגט זיך באַלד פאַרגעסן. ווײַזט אויס, אַז קיין געהעריקע עסטעטישע מאָדעל פון קאָסמישן איבערקערן זיך איז פאַרט ניטאָ. גאַנץ אָפטער גיט מען באַשרײַבונגען פון דעם פאַרקערטן פּראָצעס: דער הימל, די אַלוועלט, ווערן אַרײַנגענומען אין דעם מענטשן. צום בײַשפּיל: דער הימל (אין דעם „אַפּאָקאַליפּסיס") וויקלט זיך צונויף, ווי אַ מעגילע, און יאָהאַן שלינגט זי אײַן. דער אַלטער נאָווי פילט מיט רעכט זיך אַליין, ווי אַ מעגילע פון דעם הימל-בוך, אַף דער אַנדערער זײַט פון וועלכער ס'זײַנען אָנגעמאָלט שטערן-צייכנס. ווען מע האָט אַרופגעוואָרפן אַפן שײַטער-הויפן רעב אַקיוון אַ פאַרוויקלטן אין פּאַפּירוס-בוך, האָבן אים זײַנע טאַלמידים געפרעגט, וואָס ער זעט. ענטפערט ער: דער בוך ווערט פאַרברענט, נאָר די אויסיִעס טראָגן זיך אַרויף צום הימל. עס ווערט פאַרברענט דער פּאַפּירוס, נאָר די שטערן-צייכנס אַף אים ווערן אַפן הימל ניט פאַרניכטעט.

פאַר די ביבלישע נעוויִים איז דער הימל — אַ גיגאַנטישער דיספּליי[1], וועלכן מע דאַרף לייענען, בא וועלכן מע דאַרף זיך לערנען, וועלכן מע דאַרף פאַרשטיין. ניט צופעליק איז דער סיידער פון די שטערן, ניט צופעליק איז דער אומבײַט פון די לעוואָנע-פאַזעס — דאָס אַלץ גיט דעם מענטשן אַ פאָרשטעלונג וועגן די איידלסטע קאָסמאָלאָגישע פּראָצעסן. און אָט וואָס ס'איז צו באַוווּנדערן: אַפילע די אוראַלטע נעאָליטישע געבײַען, די אוראַלטע נעאָליטישע געמעלן אַנטהאַלטן אין זיך די מאָדעל פון קאָסמאָלאָגישער איבערקערונג אין אַלוועלט אַרײַן. די מאָדעל פון קאָסמישן געבורט. דאָס איז דאָס פאַרשפּרייטסטע געמעל פון אַ צווייענדיקער ספּיראַל, וועלכע גייט זיך צונויף צום צענטער און דערנאָך צעגייט זי זיך פון אים. שפּעטער איז דאָס די מאָדעל פון אַן 8, די מאָדעל פון אַ זאַמד-זייגער.

די גרענעצן צווישן אינערלעכן און אויסערלעכן ציִען זיך ווײַט אין דער טיף פונעם מענטשן, און ס'איז שווער צו זאָגן, ווו עס ענדיקט זיך דאָס אינערלעכע און עס הייבט זיך אָן דאָס אויסערלעכע. וויכטיק איז פּסיכאָלאָגיש איבערבײַטן דעם וועקטאָר און זיך אויסלערנען פּונקט אַזוי פרײַ באַגיין זיך מיטן וועקטאָר פונעם אינערלעכן און אויסערלעכן, ווי די קאָסמאָנאַווטן באַגייען זיך פרײַ מיט דעם וועקטאָר פון אויבן און אונטן. פאַרן אַרויסגיין פון דעם מענטשן אין קאָסמאָס איז צווישן די געלערנטע געגאַנגען אַ שטרײַט, צי וועט קענען דער מענטש אין צושטאַנד פון אָנוואָגיקײַט אויפהיטן דעם פאַרשטאַנד, צי וועט ער ניט אַראָפּ פונעם זינען, צי וועט דאָרט בא אים ניט פאַרשווינדן די פעסטע פאָרשטעלונג, וועלכע איז פאַרפונדעוועט אין יעדן מענטשן, די פאָרשטעלונג וועגן אויבן און אונטן. ס'האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ס'איז גאָר ניט אַזוי שרעקלעך. דער קאָסמאָנאַווט רעכנט באַדינגלעך, אַז דאָרט, ווו ס'געפינט זיך זײַן קאָפּ, דאָס איז אויבן, דאָרט, ווו ס'געפינען זיך די פיס — דאָס איז אונטן, האגאם דאָס האָט ניט קיין שום רעאַלע שײַכעס צו דער אָרטלאַגע פון זײַן גוף. אָט פּונקט אַף אַזאַ אויפן קאָנען מיר, געפינענדיק זיך רעאַל אינווייניק אין דער אַלוועלט, איבעראָריִענטירן דעם וועקטאָר פון אינערלעכן און אויסערלעכן. און דער קאָסמאָס וועט זיך אַנטפּלעקן אינווייניק, אין אונדז.

אַלזאָ, דער שטערן-קאָד איז אין אונדז, דער שטערן-קאָד איז איבער אונדזער קאָפּ, דער שטערן-קאָד איז אין אונדזערע אוראַלטע לעגענדעס, מעסוירעס, דער שטערן-קאָד איז אין דער הײַנטצײַטיקער פּאָעטישער מעטאַפאָר — דער שטערן-קאָד איז אומעטום. מע דאַרף נאָר קענען אים לייענען.

לאָמיר נעמען די אוראַלטע מעסוירע וועגן אָדעמען, וועגן דעם, וויִאַזוי ס'איז באַשאַפן געוואָרן די וועלט און דער מענטש. ס'איז אויסגעשלאָסן, אַז די וועלט און דער מענטש ווערן באַשאַפן באַזונדער. ס'איז אַבסאָליוט קלאָר געזאָגט אין דער ביבל, אַז די שטערן, די זון, די לעוואָנע דינען דעם מענטשן. דאָס באַטײַט, אַז דער קאָסמישער מענטש, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן לויטן פורעם און געשטאַלט פונעם קאָסמאָס, וועלכער האָט אים געבוירן, האָט אין זיך אַרײַנגענומען דעם גאַנצן אומענדלעכן קאָסמאָס. אין וואָס זשע איז באַשטאַנען אָדעמס אַפּפאַל? אין זײַן זעלבסט-איזאָלירן זיך פון דעם קאָסמאָס. די ערד, ווי

[1] דיספּליי — אַן עקראַן פון אַ טעלעוויזיע-אײַנריכטונג, וועלכע ווערט אויסגענוצט צוליב שטורדירצוועקן.

דער עפּל פון דעם גאַנייידן, איז אָפּגעפאַלן פון דעם קאָסמאָס, האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער וועלט. אויך ביז דעם איז אָדעם שוין געווען אַף דער ערד, און דער מאָמענט פון אָפּפאַלן באַטײַט, אַז דער וועקטאָר פון אָדעמס באַשטרעבונגען איז איצט געריכטעט אַף אינווייניק, אין דער טיפעניש פון זיך אַליין. אָדעם האָט אָנגעהויבן עקזיסטירן באַזונדער פון איידען — פון דעם קאָסמישן גאַנייידן. דאָס האָט אים געבראַכט לײַדן און... פרײַהײַט. אין אונדזער צײַט אָבער קומט אָן ווידער דער מאָמענט, ווען אָדעם קאָן זיך אומקערן אין איידען-גאָרטן. ער קערט זיך אום אַהין שוין מיט רײַכע קענטענישן און מיט דער פרײַהײַט, פאַר וועלכע ס'איז באַצאָלט געוואָרן מיט דער פּרײַז פון אַלע לײַדן, וועלכע ס'איז אויסגעשטאַנען דער מענטש אין זײַן געשיכטע. ער קערט זיך אום אין איידען, ווײַל די פאַרבאָטענע פּיירע פון דער אַלוועלט, פון וועלכער ער געניסט, האָט ער דערקענט ביזן סאָף. איצט ריכטעט אָדעם זײַן באַוועגונג דעם קאָסמאָס אַנטקעגן. דעם געניסן, דעם געברויך ווערט איצט אַנטקעגנגעשטעלט דאָס שאַפן, דאָס בויען, די באַוועגונג ניט אין זיך, נאָר פון זיך, דער וועלט אַנטקעגן.

טראַכטנדיק וועגן דעם, וואָס דאַרף מיט זיך פאָרשטעלן דער מענטש אין דער צוקונפט, וויאַזוי דאַרף אויסזען דער פולקומער קערפּער זײַנער, איז ציאָלקאָווסקי געקומען צום אויספיר, אַז דאָס וועט זײַן א דורכזיכטיקער, ליכטנדיקער קערפּער, וועלכער נערט זיך מיט שײַן און באַוועגט זיך אין דער אַלוועלט אין א באַליביקער ריכטונג אין א באַליביקן פונקט פון רוים. קאָן זײַן, אַז דאָס איז דער ענטפער אַף דעם, וואָס אַזוינס שטעלן מיט זיך פאָר די אַד (АЯ) — די אַנאָמאַלע אַטמאָספער-דערשײַנונגען[1]. ס'דאַרפן דאָך זײַן אין קאָסמאָס אַזעלכע וועזנס, וועלכע האָבן שוין צו הײַנטיקן טאָג דערגרייכט די פולקומקײַט, צו וועלכער מיר שטרעבן. קאָן זײַן, אַז עס זײַנען פאַראַן וועזנס, וועלכע האָבן נאָך זייער דורכגיין דורך דער געגנט פון די שוואַרצע לעכער, שוין רעאַל פיזיש איבערגעלעבט זייער קאָסמישן געבורט און דערוואָרבן זייער שטערן-קערפּער.

וויאַזוי וואָלטן מיר זיך אויפגעפירט, איבערלעבנדיק אַזא קאָסמישן געבורט? צי וואָלטן מיר געווען גלײַכגילטיק צו דעם גורל פון אַנדערע מענטשן, וואָס האָבן נאָך ניט דערגרייכט אַזא פולקומקײַט? מיר וואָלטן, אָן שום ספק, זיך באַמיט מיט אַלע מיטלען קומען זיי צו הילף, נאָר מע דאַרף פאַרשטיין, אַז די מעגלעכקײַטן פון אַזא הילף זײַנען באַגרענעצט. לאָמיר זיך דערמאָנען, וויאַזוי מיר האָבן זיך געפּרוּווט העלפן די האָזן, אויסראָטנדיק די וועלף. אין רעזולטאַט זײַנען אומגעקומען סײַ די האָזן, סײַ די וועלף. מיר קאָנען באַאָבאַכטן דאָס לעבן פון א מוראַשניק, נאָר מיר קאָנען ניט אַרײַנדרינגען, אַרײַנמישן זיך אין זײַן לעבן, ניט צעשטערנדיק די אינערלעכע אָרדענונג, דעם נאַטירלעכן סיידער דאָרטן, ניט אַרײַנטראָגנדיק קיין קאַטאַסטראָפאַלע ענדערונגען. און וואָס העכער ס'איז דער ניוואָ פון דער ציוויליזאַציע, וואָס העכער ס'זײַנען אירע מאָראַליש-עטישע נאָרמעס, אַלץ פאָרזיכטיקער דאַרפן די העכערע ציוויליזאַציעס זיך אַרײַנמישן אין לעבן פון די נידעריקערע ציוויליזאַציעס.

לאָמיר זיך דערמאָנען, אַז נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק האָבן מיר באַהערשט די נאַטור. איצט געברויכן מיר אַלץ אָפטער דעם טערמין „באַשיצן די נאַטור". אָט אַזוי באַשיצן אונדז עפּשער אויך אין דער מאָס פון זייערע קרעפטן און מעגלעכקײַטן די אייביקע באַוווינער פון דעם קאָסמאָס. איצט געפינען מיר זיך אַף א זייער א הויכער מאַדרייגע פון אַנטוויקלונג — דער פאַרנינפטיקער מענטש, Homo Sapiens. פאַרנונפט — דאָס איז א סאַך, נאָר נאָך ניט אַלץ. עס קומט דער מאָמענט, ווען דער Homo Sapiens דאַרף ווערן א Homo Cosmus. דער פאַרנינפטיקער מענטש דאַרף ווערן א מענטש א קאָסמישער. דער דאָזיקער פּראָצעס איז פונקט אַזוי שפּרונגאַרטיק, פּלוצעמדיק, ווי דאָס באַווײַזן זיך פון דעם פאַרנינפטיקן מענטשן. ער וועט פאָרקומען קימאַט אויגנבליקלעך. לאָמיר זיך פאַרטרויען דעם מעטאַקאָד, לאָמיר מיט נײַע אויגן א קוק טאָן אַף א סאַך רעטענישפולע דערשײַנונגען אין דער מענטשלעכער געשיכטע און קולטור, סוידעספולע ניט אַן און פאַר זיך, נאָר איבער אונדזערער דויערסלאַנגער אומפעיִקײַט צו פאַרשטיין זיי.

און בעעמעס, אין וועלכער לאַגע געפינען מיר זיך, דערוואַקסענע, בענעגייע צו קינדער, ווען מיר פּרוּוון זיי דערציילן וועגן דער קאָמפּליצירטער וועלט פון דערוואַקסענע מענטשן? מיר פּרוּוון מאַכן פּאָשעטער די פאַקטן, מיר טראַכטן אויס, מיר דערציילן מײַסעלעך, און אין די מײַסעלעך גיבן מיר א טיפע און פּינקטלעכע אינפאָרמאַציע וועגן דער וועלט און וועגן דעם מענטשן. אַף אַן ענלעכן אופן האָבן געהאַנדלט אונדזערע ווײַטע קאָסמישע אָוועס, וועלכע האָבן געבראַכט אַף דער ערד לעבן און פאַרנונפט. דערינערונגען וועגן דעם געפינען מיר אין דער ביבל, אין די טעקסטן פון

[1] אַד (АЯ) — אַבּרעוויאַטור: אַנאָמאַלע דערשײַנונגען (аномальные явления).

די אופאנישאדן, אין די „מאכאבכאראטא". אין דער ביבל, צום בײַשפּיל, ווערט דערציילט וועגן דעם, ווי די זין פון הימל האָבן זיך אראָפּגעלאָזט אַף דער ערד און פלעגן קומען צו די ערדישע טעכטער. פון אזא צונויפמישונג האָבן זיך באוויזן מעשונענע באשעפענישן — ריזן, וועלכע ס'איז שפּעטער אויסגעקומען צו פארניכטן. מע האָט דערפון אָפּגעלאכט, נאָר איצט, ווען אין אפריקע האָט די מישפּאָכע ארכעאָלאָגן ליקי געפונען סקעלעטן פון גיגאנטן פון צוריק מיט דרײַ מיליאָן יאָרן, איז עפשער קעדײַ זיך אופמערקזאמער צוהערן צו דעם, וואָס עס דערציילן אונדז די אָוועס אונדזערע און פּרוּוון זיי גלייבן? און פריִער פון אלץ גלייבן דער מיטיילונג, וואָס כאזערט זיך איבער אָן אופהער אין אלע אוראלטע טעקסטן וועגן דעם, אז דאָס לעבן איז איבערגעטראָגן געוואָרן אַף דער ערד פונעם קאָסמאָס, אז דער קאָסמאָס האָט קיינמאָל ניט פארלאָזט דעם מענטשן, אז שטענדיק איז געבראכט געוואָרן אַף דער ערד וויסן.

ס'איז טשיקאווע, אשטייגער, אז די סטודענטן, וועלכע האָבן ווידערופגעשטעלט לויט דער אויספירלעכער באשרײַבונג אין דער ביבל אָן אָרן, האָבן אומגעריכט באקומען... א קאָנדענסאטאָר פון עלעקטרע!.. צי דען איז דאָס ניט קיין בוילעטער באווײַז, אז דער אלטער סייפער דערציילט וועגן גאנץ רעאלע געשענישן, וועלכע מיר האָבן פּאָשעט פריִער ניט ריכטיק באנומען און פארשטאנען.

ס'איז אייביקאָניק די שטרעבונג פון מענטשן אין קאָסמאָס. ניט ווייניקער באוווּסט איז די שטרעבונג פון מענטשן זײַן אליין... קאָסמאָס. די כינעזישע סיסטעם פון נאָדלטעראפּיע, צום בײַשפּיל, באזירט זיך אַף א געוויסער אנטשפּרעכונג פון פארשיידענע פונקטן אפן הימל-געוועלב מיט געהעריקע פונקטן אפן מענטשלעכן קערפּער. דער מענטשלעכער קערפּער האָט זיך פּראָיעצירט אפן הימל-געוועלב, און פארקערט — דאָס הימל-געוועלב האָט זיך פּראָיעצירט אפן קערפּער פון דעם מענטשן. דאָס הארץ איז די זון, די זון — דאָס הארץ. דער קאָסמאָס איז געווען די אויסערלעכע פּראָיעקציע פון דעם מענטשן, דער מענטש — די אינערלעכע פּראָיעקציע פון דעם קאָסמאָס. דער סימבאָל פון אזעלכע קעגנזײַטיקע פּראָיעקציעס איז א געפּעס, וואָס גייט זיך צונויף צום צענטער און צעגייט זיך צו אונטן-צו. אָדעם, וואָס גייט איבער דער ערד, איז געווען אָן אָפּשפּיגלונג פון דעם שטערן-אָדעם — פון דעם גאנצן הימל-געוועלב איבער זײַן קאָפּ. דער מענטש און די אלוועלט זײַנען געווען קאָסמישע טאָפּלינגען. דער הימל איז געווען א שפּיגל, אין וועלכן דער מענטש האָט געזען פריִער פאר אלץ זיך אליין. אזא מענטשנארטיקע קאָסמאָלאָגיע האָט מען שפּעטער אויסגעלאכט און אָפּגעוואָרפן ווי א ניט-וויסנשאפטלעכע. נאָר איניינעם מיט דער וואסער, ווי מע זאָגט, האָט מען ארויסגעפליוסקעט פון דער וואנע אויך דאָס קינד. מע האָט פארגעסן וועגן דעם, אז אין דעם ניט-וויסנשאפטלעכן בילד פון דער וועלט איז געגעבן א פולקום וויסנשאפטלעכע געאָמעטריש און רוימלעך-פּינקטלעכע מאָדעל פון דער צווישנפארהעלטעניש פון דעם מענטשן און דער אלוועלט. אין די אוראלטע צײַטן איז ניט געווען אזא וויסנשאפט, ווי טאָפּאָלאָגיע, אן אָפּטייל פון מאטעמאטיק, וועלכער פארנעמט זיך מיט קאָמפּליצירטע איבערגעשטאלטונגען פון סיסטעמען. ס'האָט נאָך ניט עקזיסטירט די באוווּסטע טעאָרעמע פון „שטעכלער", וועלכע באהויפּט, אז א ספערע קאָן איבערגעקערט ווערן אַף דער לינקער זײַט, דערבײַ באקומט זיך א קאָמפּליצירטע זיך זעלבסט איבערקרייצנדיקע אויבערפלאך.

און איצט שטעלט זיך פאָר, אז די ספערע — דאָס איז די אויבערפלאך פון אונדזער גאנצער אלוועלט, וואָס, ווי מיר ווייסן שוין הײַנט, צעלויפט זי זיך אלץ ווײַטער און ברייטער, און שטעלט זיך פאָר, אז, איבערקערנדיק זיך אַף דער לינקער זײַט, שאפט זי א קאָמפּליצירטע, זיך זעלבסט איבערקרייצנדיקע אויבערפלאך. אָבער אזא אויבערפלאך דאָס איז טאקע די סטרוקטור פון אלדאָס לעבעדיקע, ווו אלץ קרייצט זיך איבער, פלעכט זיך איבער, גייט ארײַן לייקעארטיק אינווייניק אין זיך און גייט ארויס לייקעארטיק אין קאָסמאָס. טוט א קוק, ווי עס זײַנען פארדרייט, פארווירבלט די אויערמושלען, ווי עס איז פארשרויפט דער נאָפּלשנוק, שוין אָפּגערעדט פון אנדערע צענטרען פונעם מענטשלעכן קערפּער. און פארגלײַכט די דאָזיקע ווירבלען מיט די ווירבלען פון די קאָסמישע גאלאקטיקעס, פארגלײַכט זיי מיט די לאבירינטן, מיט די ספּיראלן פון דעם אינדזל וואלאאם, און איר וועט באנעמען, אז מיר האָבן פּאָשעט ניט פארשטאנען די אלטע, ניט פארשטאנען זייער פאָרשטעלונג וועגן דער וועלט, ווען מיר האָבן אָפּגעוואָרפן דאָס קאָנסעקווענטע צוויי-אייניקע בילד פון מענטש — קאָסמאָס, וועלכס ס'האָבן געשאפן די אוראלטע מיפּאָלאָגיעס. ניט פארשטאנען, אז די שפּראך פונעם מיף איז סימבאָליש, אז מע טאָר זי ניט פארשטיין בוכשטעבלעך, פּונקט ווי מע טאָר ניט פארשטיין בוכשטעבלעך אונדזערע מאטעמאטישע פאָרמולעס.

שטעלט זיך פאָר, אז א מענטש, וועלכער האָט קיין שום אנונג ניט אין דער הײַנטצײַ-

טיקער וויסנשאַפט, וועט פּלוצעם אַרײַנקוקן אין איינשטיינס רעלאַטיוויטעט-טעאָריע. וואָס וועט ער דאָרטן פאַרשטיין? ער וועט דערזען אַ ריי צייכנס, וואָס זאָגן אים גאָרניט, און וועט אָנהייבן צוטראַכטן היפּאָטעזעס וועגן דעם, וואָס אָט די צייכנס באַטײַטן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ס׳איז אַ גרויסער סאָפּעק, צי זיי וועלן זײַן נאָענט צום עמעס. נאָר אויב ער וועט דערזען געאָמעטרישע צייכענונגען, קאָסמאָלאָגישע מאָדעלן פון דער אַלוועלט, וועלכע זײַנען געגעבן אין דער אַלגעמיינער רעלאַטיוויטעט-טעאָריע, וועט ער זיי פאַרשטיין און דערקענען, ווײַל דאָס וועלן זײַן די זעלבע מאָדעלן, וועלכע ס׳האָט נאָך געצייכנט דער אוראַלטער מענטש אויף די ווענט פון זײַן הייל. ווײַל דאָס וועלן זײַן די זעלבע מאָדעלן, וועלכע די אוראַלטע אײַנוווינער פון מיצראַיִם האָבן געשאַפן באַם בויען די פּיראַמידעס. די זעלבע, וואָס מיר וועלן אין אַ גלײַכער מאָס געפינען סײַ אין די אוראַלטע כינעזישע מאַנוסקריפּטן, סײַ אין די פּערואַנישע סימבאָלן, סײַ אין דער סימבאָליק פון דעם אינדזל ראַפּאַנוי (פּאַסכאַ), סײַ אין דער סימבאָליק פון דעם רוסישן פאָלקלאָר. אומעטום וועלן מיר דערזען אַ ספּיראַלן ווירבל, וואָס גייט זיך צונויף צום צענטער און דאָרט געבוירט ער אַן אַנדער ספּיראַל, וואָס צעגייט זיך פונעם צענטער: דער מענטש, וואָס געבוירט דעם קאָסמאָס, דער קאָסמאָס, וואָס געבוירט דעם מענטשן.

מיר זײַנען גערעכט, ווען מיר זאָגן, אַז די אַלטע האָבן ניט געוווּסט אונדזער אַסטראָנאָמיע. נאָר דערבײַ דאַרף מען טאַקע שטעלן דעם טראָפּ אויפן וואָרט „אונדזער”. מע דאַרף פאַרשטיין, אַז זייער אַסטראָנאָמיע איז געווען ניט ווייניקער קאָמפּליצירט און, קאָן זײַן, ניט ווייניקער באַגלייבט, ווי אונדזערע. די פאַרשטעלונג וועגן מיליאַרדן שײַן-יאָרן איז באַוווּסט געווען אין דער אַלט-אינדישער מיפאָלאָגיע, און די אַסטראָנאָמיע איז געקומען דערצו בלויז אויף דער שוועל פון XX יה. אַ פאַרשטעלונג וועגן רעלאַטיווען רוים און צײַט געפינען מיר אין דעם עוואַנגעליום: „איין טאָג ווי טויזנט יאָר און טויזנט יאָר ווי איין טאָג”. און די הײַנטצײַטיקע רעלאַטיוויטעט-טעאָריע מיט איר באַגריף פון צײַט, וואָס פרעסט זיך צונויף און צעשפּרייט זיך, וואָס איז אָפּהענגיק פון דער גיכקייט פון די מאַטעריעלע אָביעקטן, איז אויפגעקומען מיט צוויי טויזנט יאָר שפּעטער. לאָמיר זיך דערמאָנען איינשטיינס ווערטער וועגן דעם, אַז די וויכטיקסטע עמפּינדונג, וועלכע עס גיט די וויסנשאַפט, איז דאָס געפיל פון מיסטישקייט. איינשטיין איז ניט קיין מיסטיקער, איינשטיין איז אַ סטיכיישער מאַטעריאַליסט. נאָר דאָס וואָרט „מיסטישקייט” באַטײַט בעסאַכאַקל — סוידעסדיקייט. יאָ, יאָ, סוידעספול וויסן. וואָרהאַפטיק וויסן האָט אַנטהאַלטן אין זיך געהיימניש, סוידעספולקייט שטענדיק, אין אַלע צײַטן.

פאַרוואָס איז דאָס וויסן געווען סוידעספול, איז פולקום פאַרשטענדלעך. ערשטנס, דערפאַר, וואָס די מענטשהייט איז ניט געווען גרייט אויפצונעמען די דאָזיקע טיפע און הויכע עמעסן. און, צווייטנס, דערפאַר, וואָס דער עמעס (דאָס ווייסן מיר זייער גוט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט) איז דאָס סאַמע געפערלעכע און סאַמע גרויזאַמע געווער אין די הענט פונעם מענטשן. אויב אַן אומווירדיקער מענטש באַהערשט דעם עמעס, אַנטשטייען שוידערלעכע קאַליזיעס, אַזעלכע ווי די אַטאָם-באָמבאַרדירונג פון כיראָסימע און נאַגאַסאַקי.

אַלזאָ, לאָמיר אַ קוק טאָן אויף דעם מענטשן ווי אויף אַ געאָמעטרישן קערפּער, בײַ וועלכן ס׳איז דאָ אַ וועקטאָר פון דעם אינערלעכן און אויסערלעכן, פון דעם אויבן און אונטן. לאָמיר זיך נאָכאַמאָל דערמאָנען, אַז די וועקטאָרס פון דעם אויבן און אונטן זײַנען, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, רעלאַטיוו. דער ערשטער, וועמען ס׳האָט זיך עס אָנגעשטויסן, איז געווען ציאָלקאָווסקי, און רעאַל האָט עס דערפילט יורי גאַגאַרין, ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן אין קאָסמאָס און אַרײַן אין אָנוואָגיקייט. און ביז אים האָבן פיל און פיל מענטשן געפּרוּווט מאָדולירן די דאָזיקע עמפּינדונג אויף דער ערד, דורך טוקן זיך אין וואַסער, דורך אויסערגעוויינלעכע שפּרונגען אינדערלופטן, וואָס האָבן אויסגעפילט גימנאַסטן און אַקראָבאַטן, דורך פּסיכאָלאָגישן זעלבסט-אַרײַנדרינגען צו די אויספלוסן און דערינערונגען וועגן דער אייגענער קאָסמישער צוקונפט.

אַזוי-אַרום, דער אויבן און אונטן זײַנען הײַנט-צו-טאָג איבעראָריענטירט. ס׳איז געבליבן איבעראָריענטירן דאָס אינערלעכע און אויסערלעכע. ס׳איז וויכטיק, אַז צוליב דעם איז ניט אומבאַדינגט נייטיק אַרויסגיין אין קאָסמאָס. דער אויבן און אונטן זײַנען אין דער ווירקלעכקייט רעלאַטיוו. אין דער ווירקלעכקייט זײַנען זיי פאַראַן נאָר דאָרט, ווו ס׳איז פאַראַן גראַוויטאַציע. וויבאַלד אונדזער וווינאָרט איז דער גאַנצער קאָסמאָס, קענען מיר און דאַרפן פילן, ווי דער אויבן און אונטן בײַטן זיך מיט די ערטער, ווי רעלאַטיוו די דאָזיקע באַגריפן זײַנען און ווי זיי קאָנען בִּכלל ניט זײַן.

דאָס זעלבע איז נעגייע דעם באַגריף „דאָס אינערלעכע און אויסערלעכע”. ווי אויף מאָמענטן, ווען דאָס אינערלעכע און אויסערלעכע בײַטן זיך מיט די וועקטאָרס, קאָן מען

אָנווייַזן אף דעם אקט פון מענטשלעכן געבורט, אף דעם פארגיין אין שוואנגערן. ווען עס גיסן זיך צונויף די מענלעכע און ווייַבלעכע קעמערלעך, ווען דאָס אינערלעכע ווערט דאָס אויסערלעכע און דאָס אויסערלעכע ווערט דאָס אינערלעכע. און פונקט אזוי, ווי ס'איז דאָ א רעאלער רוים, וווּ דער מענטש האָט ניט קיין וואָג, איז פאראן אין דער אלוועלט א רעאלער רוים, וווּ דער מענטש, אופהיטנדיק זייַן ביִאָלאָגישן, פסיכאָלאָגישן, סאָציִאלן „איך", וועט זיך אויסקערן אף דער אנדערער זייַט און ארייַנעמען אין זיך דעם גאנצן וועלטבוי. דאָס זייַנען די געגנטן פון די שווארצע לעכער — אָט די סאמע קאָסמישע לייקעס, די צייכענונגען פון וועלכע ס'זייַנען אזוי פינקטלעך איבערגעגעבן אין די אוראלטע נעאָליטישע ספיראלן. ארייַנציִענדיק צום צענטער, ווארפן זיי ארויס אף דער אויבערפלאך.

הייַנט איז דער מענטש ענלעך אף א שנעק, וואָס געפינט זיך אין דער מושל פון זייַן קערפער, אין דער אויסערלעכער מושל, אין דער מושל פון די הימלען. נאָר לאָמיר זיך פארשטעלן, אז דער שנעק קריכט ארויס אין דרויסן, ארייַנעמענדיק אין זיך זייַן אויסערלעכן סקעלעט — זייַן מושל. אויסערלעך איז ער אומבאשיצט, ער איז אין געפאר, נאָר דערפאר איז ער אָפן פאר אלע פייַנסטע ווירקונגען פון דער נאטור און פון דעם קאָסמאָס. ניט צופעליק זייַנען אויסגעשטאָרבן די בראָנטאָזאווערן, וועלכע זייַנען געווען באדעקט מיט א דורכויסיקער מושל פון הויט, וועלכן ס'האָט גאָרניט געקאָנט דורכשלאָגן. ניט צופעליק איז דער העכסטער אופשטייַג פון דער עוואָליוציע צוגעגרייַט פאר דעם מענטשן, וואָס איז אויסערלעך א סאך ווייניקער באשיצט, ווי די טשערעפאכע, דער דינאָזאווער אָדער דער זעלבער שנעק.

לאָמיר אין געדאנק אריבערטראָגן אונדזער בליק אין די טיפענישן פון אונדזער קערפער, לאָמיר ארייַנדרינגען אהין ביז דער אומענדלעכקייַט, ביזוואנען די אינערלעכקייַט פון אונדזער קערפער וועט זיך ניט צעוואקסן ביז די מאסשטאבן פונעם הימל-געוועלב. און אין דעם מאָמענט, ווען מיר וועלן דערזען זיך פון אינווייניק, ווען מיר וועלן דערזען אונדזער אינערלעכקייַט, ווי מיר זעען איצט דאָס הימל-געוועלב, לאָמיר טייקעף אריבערטראָגן אונדזער בליק אף צוריק און געבן א קוק אף זיך פון אויסן, און מיר וועלן דערווערבן מיטאמאָל צוויי הימלען: דאָס אינערלעכע — ווי דעם הימל איבערן קאָפ, און דעם הימל — אין זיך. די דאָזיקע עמפינדונג דארף מען אופהיטן ווי זיכערע ידיִעס וועגן דער רעאלער אומענדלעכקייַט פון אונדזער קערפער, וואָס איז ניט ווייניקער אומענדלעך און ניט ווייניקער הימליש, ווי דער גאנצער קאָסמאָס.

דאָס באוווסטזיניקן די אומענדלעכקייַט פון דעם מענטשלעכן קערפער איז, צום באדויערן, דערווייַל נאָר א פילאָסאָפישער פאָסטולאט, אן אלעמען באוווסטע אקסיִאָמע, וועלכע מע גייט דורך סייַ אין דער מיטלשול, סייַ אין די הויכשולן, נאָר וואָס איז דערווייַל ווייַט נאָך ניט אונדזער טאָגטעגלעך געפיל. ווען דער דאָזיקער דיִאלעקטישער עמעס וואָלט געוואָרן אונדזער באשטענדיק געפיל, וואָלטן מיר באקומען עכטן וויסן וועגן אונדזער צענטראלער אָרטלאגע אין קאָסמאָס צווישן צוויי אומענדלעכקייַטן: צווישן דער אומענדלעכקייַט אין דער טיף און דער אומענדלעכקייַט אין דער ברייט. דער מענטש ווייסט, אז די ערד איז א קייַלעכדיקע, נאָר אין זייַן טאָגטעגלעכן שטייגער-לעבן לעבט ער אף א פלאכער ערד. דער מענטש ווייסט, אז ער איז אומענדלעך, נאָר פירן פירט ער זיך אוף ווי א באשעפעניש, אן ענדלעכע, א באגרענעצטע. דער טאָך פון דער קאָסמישער איבעראָריִענטירונג באשטייט אין דעם, אז דאָס פילאָסאָפישע וויסן זאָלן מיך מאכן פאר א טאָגטעגלעך וויסן. די וויסנשאפט זאָגט אונדז, אז א טייל און דאָס גאנצע זייַנען דיִאלעקטישע קאטעגאָריעס. א טייל קאָן זייַן דאָס גאנצע, און דאָס גאנצע — א טייל. דער מענטש איז א טייל פון דער אלוועלט, הייסט עס, אז דער מענטש קאָן זייַן די גאנצע אלוועלט.

וויִאזוי האָט אלבערט איינשטיין אנטדעקט זייַן רעליאטיוויטעט-טעאָריע? זייער פאָשעט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, דערפילט, אָדער ריכטיקער געזאָגט — ער האָט זיך דערזען (איינשטיין אליין האָט באנוצט נעמלעך אָט דאָס וואָרט) אפן שפיץ פון א שטראל, וואָס טראָגט זיך אין דער אלוועלט. וואָס הייסט „דערזען", „דערפילט"? ער האָט זיך צוגעגלייַכט צו שייַן און האָט, ווערנדיק געגליכן צו שייַן, געגעבן א פינקטלעכן רעפאָרטאזש וועגן אלץ, וואָס ער האָט געזען. דער דאָזיקער רעפאָרטאזש — דאָס איז טאקע די רעליאטיוויטעט-טעאָריע. דאָס דאָזיקע געגליכן ווערן איז געווען אזוי גרויס, אז צום סאָף פון זייַן לעבן, ניט לאנג פארן טויט האָט איינשטיין געשריבן זייַנעם א פרייַנט, אז ער האָט זיך אף אזויפיל צונויפגעגאָסן מיט די געזעצן פון דער אלוועלט, אז דער אייגענער טויט שטעלט זיך אים ניט פאָר ווי א באדייַטנדיקע געשעעניש. פאקטיש איז מיט איינשטיינען פאָרגעקומען בא זייַן לעבן

א קאָסמישע איבעראָריִענטירונג, וועגן וועלכער ער האָט טאַקע דערציילט די מענטשן.

אזא איבעראָריִענטירונג איז זײַנערצײַט פאָרגעקומען אויך מיט קאַנטן. זי איז דײַטלעך אויסגעדריקט אין עטלעכע ווערטער: דער אויסגעשטערנטער הימל איבערן קאָפּ און דער מאָראַלישער געזעץ זײַנען אין מיר.

דורכגייענדיק מיטן וועג פון קאָסמישער איבעראָריִענטירונג, האָט דאַנטע אונדז איבערגעלאָזט זײַן „געטלעכע קאָמעדיע". ער האָט אונדז איבערגעלאָזט א באַשרײַבונג פון דעם מאָמענט, ווען ער האָט זיך ווי איבערגעקערט אין דער אַלוועלט, דערזען א שײַן און דערפילט, אז דאָס דאָזיקע שײַנען איז די ליבע, וואָס באַוועגט די זון און די הימל-ליכטער.

איבערגעלעבט און דערפילט די קאָסמישע איבעראָריִענטירונג, האָט משה אונדז דערציילט וועגן איר מיט די ווערטער פון אַלטבאַווּלישע און העברעִישע קאָסמאָלאָגישע מיפן אין דעם בוך „בערייִשיס".

איבערגעלעבט די קאָסמישע איבעראָריִענטירונג, האָט יוחנן אונדז איבערגעלאָזט אַזעלכע ווערטער: „און דאָס לעבן איז געווען דאָס ליכט פון די מענטשן, און דאָס ליכט אין דעם חושך לויכט, און דאָס חושך האָט ער ניט אַרומגענומען". טוט א קוק, וואָס פאַר אַן אַנציקנדיק קאָסמיש בילד: ליכט, וואָס לויכט אין דער פינצטערניש, און די פינצטערניש נעמט עס ניט אַרום. נעמלעך אָט אַזוי טאַקע זעען די קאָסמאָנאַווטן די קאָסמישע שײַן.

מיט וואָס איז אָפּגעטיילט פון אונדז דער קאָסמאָס? מיט א דין הײַטל פון דער אַטמאָספער, ענלעך אַף א סקאַפאַנדער, וואָס באַשיצט די קאָסמאָנאַווטן פון דער אומברענגענדיקער ווירקונג פון פײַער און קעלט. צוליב וואָס זשע דאַרף דער קאָסמאָנאַווט דעם סקאַפאַנדער? נאָר צוליב באַשיצן זיך פון דעם קאָסמאָס, אָדער צוליב דערלערנען, דערקענען אים? צוליב וואָס איז אונדזער לעבן אַף דער ערד אינעם הײַטל פון דעם נאַטירלעכן סקאַפאַנדער — נאָר צוליב זײַן אין נאַטירלעכער באַשיצטקײַט? ניין, פאַרשטייט זיך, — צוליב דערקענען, דערלערנען דעם קאָסמאָס, די גאַנצע אַלוועלט. אָדעמס זינד — דאָס איז די אויסנוצונג פון דער נאַטור צוליב דער נאַטור אַליין, דאָס איז די פאַרוואַנדלונג פון ליבע אין טייווע.

וואָס זשע פאַר א פּראָגראַם האָבן מיר אין דער צוקונפט, וואָס וואַרט אַף דער מענטשהײַט אין אירע באַציִונגען מיטן קאָסמאָס? וועט דאָס לעבן מיט א פאַטאַלער אומפאַרמײַדלעכקײַט אומגעבראַכט ווערן? צי פאַרקערט, אין סאַמע קריטישן מאָמענט וועט דער קאָסמאָס אונדז פאַרטיידיקן, ווי עס טרוימען וועגן דעם א סך, וועלנדיק מיט האָפענונג די בליקן אַף די ערד? ס'איז ניטאָ קיין פאַטאַלע אומפאַרמײַדלעכקײַט, אז די מענטשהײַט זאָל אומקומען. ס'איז אָבער אויך ניטאָ קיין שום גאַראַנטיעס פאַר איר עקזיסטענץ. דער קאָסמאָס איז פולקום, נאָר ניט אַלמעכטיק. אין זײַן בוך „דער שעפער און דער ראָבאָט" האָט דער גרינדער פון קיבערנעטיק נאָרבערט ווינער ריכטיק באַמערקט, אז אַלמעכטיקײַט איז נאָך ניט קיין סימען פון א פולקומער סיסטעם. פאַרקערט, וואָס פולקומער ס'איז די סיסטעם, אַלץ פילבאַרער איז זי און אַלץ מער קאָן זי געטראָפן ווערן.

אַלזאָ, דער מענטש איז אימשטאַנד זיך ראַטעווען, ווערן א קאָסמיש וועזן, נאָר ער קאָן אויך אומקומען. אַלץ איז געווענדט פון אים אַליין. דער קאָסמאָס איז דעם מענטשנס פאַרבינדעטער, נאָר ער וועט אים פאַר דער האַנט ניט פירן. ווען איך זאָג „קאָסמאָס", האָב איך אין זינען ניט נאָר די ווײַטע פון אונדז שטערן און גאַלאַקטיקעס, נאָר אויך אונדזער קערפּער, אונדזער באַוווּסטזײַן און אונטערבאַוווּסטזײַן. דער צוויי-אייניקער קאָסמאָס צאַפּלט אין אונדזער האַרצן, ער קאָן ניט אינגאַנצן אומקומען. די אַלוועלט איז אומשטערבלעך. איבעריקנס, לאָמיר זיך דערמאָנען די ווערטער פון דעם „אַפּאָקאַליפּסיס": „און ס'איז געווען א קאָל, אז צײַט וועט מער ניט זײַן". א סך האָבן עס געטײַטשט ווי אַן אָנדײַט אַף דעם סאָף פון דער וועלט, אַף דעם אומקום פונעם לעבן אַף דער ערד. איז לאָמיר ווידער ווענדן אונדזער בליק צו דער הײַנטצײַטיקער וויסנשאַפט. לאָמיר זיך דערמאָנען, אז צײַט און רוים האָבן זייערע גרענעצן. אין דעם זינען, אז ס'איז דאָ נול צײַט, נול רוים, און דאָס באַטײַט פאָלגנדיקס: די צײַט און דער רוים וועלן ווירקלעך פאַרשווינדן פאַרן מענטשן, פאַרשווינדן, ווען ער וועט באַהערשן דעם גאַנצן קאָסמאָס, דעם גאַנצן רוים און די גאַנצע צײַט, ווען ער וועט אין דער באַגרענעצטקײַט פון זײַן קערפּער אַרײַננעמען די גאַנצע אַלוועלט, וואָס האָט אים געשאַפן; ווען ער וועט אין די באַגרענעצטע ראַמען פון זײַן ביִאָלאָגישער סטרוקטור איבערלעבן די גאַנצע געשיכטע פון דער אַלוועלט — איר פאַרגאַנגענהײַט, צוקונפט און קעגנוואַרט — איינצײַטיק. וועגן אָט דעם מאָמענט האָט געטרוימט פאַוסט: „איך וועל דעם אויגנבליק זאָגן: פאַרהאַלט זיך, דו ביסט אַזוי שיין!" ער האָט ניט געמיינט די ערדישע, פאַרבײַלויפיקע, פאַרגענגלעכע רעגע. ער האָט געהאַט אין זינען, מיין איך, די

קאָסמישע רעגע, וועלכע נעמט אין זיך אַרײַן די גאַנצע אייביקייט.

איך שטעל זיך פאָרפריִער פּאָר דעם סקעפּטישן שמייכל פון דעם לייענער: דאָס אַלץ איז גוט, נאָר וויִאַזוי פּאָרט זיך עס מיט די גרוילן און מיט דעם אומרעכט פון דעם טאָגטעגלעכן לעבן, מיט וועלכע ס'איז פול סײַ די געשיכטע, סײַ די הײַנטצײַטיקייט? צי דען קאָן די קאָסמישע איבעראָריִענטירונג אויסלייזן די מענטשהייט פון דער געפאַר פון א נוקלעאַרער מילכאָמע? צי דען קאָן זי לייזן אונדזערע מאַטעריעל-טעכנישע פּראָבלעמען, צי דען קאָן זי אויסשליסן פון אונדזער לעבן קראַנקייטן, הונגער?

דאָ דאַרף מען זייער דײַטלעך דורכפירן א גרענעץ צווישן די פּראָבלעמען, וועלכע איך רוף אָן „פּראָבלעמען פונעם סקאָפאַנדער”, און די פּראָבלעמען, וועלכע עקזיסטירן אויסער דעם סקאָפאַנדער. די פּראָבלעמען אינווייניק אין סקאָפאַנדער, אינווייניק אינעם הײַטל פון דער נאַטור, די ערדישע פּראָבלעמען פאַרבלײַבן מיט אונדז. נאָר אויסער דעם סקאָפאַנדער זײַנען די פּראָבלעמען אַנדערע. מיר זײַנען וועזנס ניט בלויז צײַטווײַליקע, נאָר אויך אייביקע, ניט בלויז ערדישע, נאָר אויך קאָסמישע. מע קאָן ניט אין אונדזער צײַט זיך ריכטיק אָריִענטירן אַף דער ערד, ניט אָריִענטירנדיק זיך אין קאָסמאָס.

לאָמיר זיך אַף א רעגע פאָרשטעלן, אַז דאָס קינד, וואָס געפינט זיך אין דער מוטערס טראַכט, איז באַשענקט מיט א מעגלעכקײַט אויסצוקלײַבן: געבוירן ווערן אָדער ניט. אַן ערעך אין אַזאַ לאַגע געפינען מיר זיך אינווייניק אין דער אַלוועלט. אַרגומענטן קעגן געבוירן ווערן האָט דאָס קינד גאַנץ וואָגיקע: פון דעם גאַניידן, אין וועלכן עס געפינט זיך — פון דער מאַמעס טראַכט, דאַרף עס זיך א לאָז טאָן אַנטקעגן געפאַרן, אין אייניקע פאַלן — אַנטקעגן דעם טויט, עס וואַרטן אַף דעם האַרבע און שווערע אויספּרוּוון. וואָס וועט עס באַקומען? וואָס וועט עס פאַרלירן? עס וועט באַקומען א רוים, אַן אומענדלעכן אין פאַרגלײַך מיט דעם פריִערדיקן, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען אין דער מוטערס טראַכט, עס וועט געווינען אַן אומענדלעכע צײַט אין פאַרגלײַך מיט יענער צײַט, ווען די מוטער האָט עס געטראָגן. דאָס הייסט, אַז עס וועט געבוירן זײַן אומשטערבלעכקײַט אַנטקעגן.

מיר קוקן זיך אופמערקזאַם אײַן אין דער אַאורע אַרום דעם מענטשן, וועלכע ווערט אָנגערופן ביִאָפעלד. מיר זעען, ווי זי מינעט זיך, מיר קוקן זיך אײַן אין איר ספּעקטער און מיר קענען ניט נישט פאַרגלײַכן זי מיט דער אַאורע אַרום דער פּלאַנעטע סאַטורן, וועלכע שפּילט מיט די זעלבע פאַרבן פונעם רעגנבויגן. מיר פאַרגלײַכן דעם באַשטאַנד פון דעם כימישן שטאָף און די צווישנפאַרהעלטעניש פון די כימישע עלעמענטן אין מענטשנס מויעך מיט דער צווישנפאַרהעלטעניש פון די כימישע עלעמענטן אין די שטערן און קומען צו א וואונדערבאַרן אויספיר, אַז די דאָזיקע צווישנפאַרהעלטענישן זײַנען זייער נאָענט. מיר דערמאָנען זיך אָן די אַלטע לעגענדעס וועגן דעם, אַז די מענטשן זײַנען שטערן, און די שטערן — מענטשן. עס קומען אונדז אַפן זינען די ווערטער פון דעם דיכטער פעט וועגן דעם מענטשנס קרוויוועשאַפט מיט די שטערן. מיר הערן אַמאָל מיט אומצוטרוי, אַמאָל מיט פאַרדאַכט, נאָר הערן פונדעסטוועגן וועגן די אייגנאַרטיקע פּולסירונג-ריטמען פון דעם סאַמע נאָענטסטן צו אונדז שטערן — פון דער זון. די דאָזיקע פּולסירונג באַוווּנדערט דעם אַסטראָנאָם, וואָס איז ניט צוגעגרייט צו אַזעלכע דערשײַנונגען, און ער רופט אויס: „זי (די זון) קלאַפּט און פּולסירט, פּונקט ווי א לעבעדיקער נעפעש”. מיר זעען, ווי עס שלאָגט אימפּולסיוו א קײַלעכבליץ, פּונקט ווי א גויסעסדיקער באַלכײַ, וויִאַזוי ער הילט אַן אַנדערס מאָל אַרום דעם מענטשן, פּונקט ווי אין א הײַטל פון א סקאָפאַנדער, און טוט אים ניט אָן קיין שום שאָדן, און אַן אַנדערס מאָל לאָזט ער פון נעם מענטשן איבער בלויז אַש. מיר האָבן אופוועזן פון מענטשן, וועלכע האָבן, דערזעענדיק א קײַלעכבליץ, איבערגעלעבט א שטאַרקן פאַרלאַנג אים א גלעט צו טאָן. מיר פאַרגלײַכן די דאָזיקע עמפּינדונגען פון אייניקע אונדזערע מיטצײַטלער מיט די פאָרשטעלונגען פון אוראַלטע מענטשן וועגן די נעשאָמעס פון פאַרשטאָרבענע, וואָס בלאָנקען, ווי פײַערן, איבער דער אַלוועלט, וועגן דעם, אַז יעדערער פון אונדזערע אָוועס ווערט נאָכן טויט פאַרוואַנדלט אין א שטערן, וועגן דעם, אַז אין מאָמענט פון דעם מענטשנס געבורט צינדט זיך אין הימל אָן זײַן שטערן — זײַן טאָפּלינג...

איז וואָס זשע, זאָלן מיר, הערנדיק דאָס אַלץ, נאָר א שמייכל טאָן מיט אומצוטרוי, אָפּוואַרפן עס ווי אַזעלכס, וואָס מע קאָן עס ניט דערווײַזן? נאָר צי איז רעכטמעסיק אַלץ, וואָס מע קאָן הײַנט ניט דערווײַזן, רעכענען פאַר ניט-וויסנשאַפטלעך? דאָס, וואָס מע קאָן ניט דערווײַזן, איז ניט אומבאַדינגט ניט-וויסנשאַפטלעך. פּונקט ווי ניט-וויסנשאַפטלעך הייסט נאָך ניט ניט-עמעסדיק.

אין דער הײַנטצײַטיקער וויסנשאַפט איז

פאַראַן זייער אַ פּינקטלעכער באַגריף. „פּאַראַדיגמע“ הייסט ער. די פּאַראַדיגמע פון דער וויסנשאַפט — דאָס הייסט די ספערע, די געביטן, ווו די וויסנשאַפט און דער וויסנשאַפטלעכער מעטאָד זײַנען רעכטמעסיק, זײַנען צום אָרט, האָבן אַ זינען. און דאָס באַטײַט, אַז עס זײַנען אויך פאַראַן אַזעלכע ספערן און געביטן, ווו די וויסנשאַפטלעכע דערפאַרונג איז ניט רעכטמעסיק, ניט צום אָרט און האָט קיין זינען ניט. וואָס זשע זײַנען דאָס פאַר אַ געביטן?

דער קיבערנעטיקער נאַלימאָוו רופט אָן אַזעלכע געביטן. אויספאַרשנדיק די אַזויגערופענע זעלטענע, צופעליקע דערשײַנונגען אין דער נאַטור און אין דער אַלוועלט, איז ער געקומען צו זייער אַן אינטערעסאַנטן אויספיר, אַז מיר רעכענען פאַר צופעליקע איינצלנע פּראָצעסן, ד. ה. אַזעלכע, וואָס כאַזערן זיך ניט איבער, און די וויסנשאַפטלעכע דערקענטעניש אינגאַנצן באַזירט זיך אויף איבערכאַזערונג, אויף ווידערופשטעלונג, אויף דער מעגלעכקײַט דובלירן דעם אָדער יענעם פּראָצעס אין איינע און די זעלבע באַדינגונגען. אָבער די לעבנס-דערשײַנונגען זײַנען דאָך אָפט אוניקאַל און איין-און-איינציק. קאָן זײַן, אַז טכיעס-האַמייסים איז פאָרגעקומען איין מאָל פאַר דער גאַנצער געשיכטע, איין מאָל און וועט זיך מער ניט איבערכאַזערן. איין מאָל פאַר דער גאַנצער געשיכטע איז אָנגעשריבן געוואָרן די „געטלעכע קאָמעדיע“. איין מאָל קאָן אַ מענטש איבערגעבן אויף אַ מעהאַלעך זײַן געדאַנק, און אַ צווייט מאָל, אַפילע ווען ער וועט זיך זייער באַמיִען, וועט זיך בא אים גאָרנישט ניט באַקומען. איין מאָל ווערט אַ מענטש געבוירן און איין מאָל שטאַרבט ער. דאָס אַלץ געפינט זיך אין אַ געוויסער מאָס אויסער די גרענעצן פון וויסנשאַפטלעכן מעטאָד.

סאָפקאָלסאָף קאָן דער מענטש זיך איבערצײַגן אין דער רעאַליטעט פון דער קאָסמישער איבעראָריענטירונג אויף דער אייגענער דערפאַרונג. ווי ווערט עס געזאָגט אין טילים: „געניסט און איר וועט זען...“ די איבעראָריענטירונג פאָדערט ניט קיין גלויבן, זי פאָדערט קאָנקרעטע טאַטן, זי איז מאַמאָשעסדיק. צי ווילט איר זיך צורירן צו די שטערן? יאָ, יאָ, זיך צורירן צו זיי קערפּערלעך, טאַקטיש, ווי מיר רירן זיך צו צו אונדזער האַרץ, צו די לונגען, צו דער לעבער? נאָר צוליב וואָס ווען? פּונקט אַזוי קערפּערלעך רירן מיר זיך דאָך שוין צו צו די שטערן, צו דער זון, צו דער לעוואָנע. דאָס זײַנען פיזישע רעאַליטעטן. אונדזער אויג רעאַגירט אויף דער שײַן פון דער זון, אויף דער שײַן פון די שטערן, אַפילע פון די סאַמע ווײַטסטע. איז פאַרוואָס זשע נעמען מיר אויף די רעאַליטעט פון אונדזער האַרץ און לעבער ווי אונדזער אייגענע רעאַליטעט? און די רעאַליטעט פון די ניט ווייניקער ווירקלעכע אויף אונדז הימל-ליכטער, פון דער זון, פון די שטערן און פון דער גאַנצער אַלוועלט שטעלן מיר אונטער אַ סאָפעק, מיר זאָגן: דאָס איז עפּעס פון אונדז באַזונדערס?

אויף דער ערד לעבט אַ מענטש מיט אַ קינסטלעך האַרץ, מיט אַן אַפּאַראַט, וואָס איז אײַנגעשלאָסן אין זײַן האַרץ און געפינט זיך אויסער זײַן גוף. דער דאָזיקער אַפּאַראַט קאָן אונטערפירן אין יעדער מינוט, ער איז ניט קיין לאַנגטערמיניקער, און אין דעם איז זײַן אומגליק. מיר אָבער זײַנען מיטן גאַנצן קערפּער אײַנגעשלאָסן אין אַן אייביקן און אומשטערבלעכן אַפּאַראַט — אין קאָסמאָס.

דער קאָסמאָס איז אומשטערבלעך, און מיר זײַנען אומשטערבלעך בלויז אין דער מאָס, אין וועלכער מיר זײַנען אײַנגעשלאָסן אין קאָסמאָס, אײַנגעשלאָסן מיט אַלע אונדזערע געפילן, עמפּינדונגען, געדאַנקען, מיט דער געוועדנטקײַט פון אונדזערע באַשטרעבונגען. איבעראָריענטירן זיך אַנטקעגן דעם קאָסמאָס הייסט איבעראָריענטירן זיך אַנטקעגן אומשטערבלעכקײַט.

צוליב וואָס זשע האָט אונדז דאַן די נאַטור געגעבן דעם שרעק פאַרן טויט, אויב דער מענטש איז אַן אומשטערבלעך וועזן? דער שרעק פאַרן טויט איז נייטיק דעם מענטשן פּונקט אַזוי, ווי די קלאָלים פון דער זיכער-טעכניק זײַנען נייטיק אַ נײַעם אַרבעטער אויף אַ בויונג. אַ דערפאַרענער, באַהאַוונטער מײַסטער האָט זיי ניט וואָס צו לייענען. ער ווייסט אינסטינקטיוו, אינטויִטיוו, וואָס מע דאַרף טאָן, וויאַזוי זיך באַשיצן און ראַטעווען. און דאָס הייסט, אַז ס׳וועט קומען אַ צײַט און דער שרעק פאַרן טויט וועט אויסגעלעבט ווערן, וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ רעליאַטיוון באַגריף. ריכטיקער געזאָגט, אָט די צײַט קומט שוין אָן. איבעראָריענטירנדיק זיך אין קאָסמאָס, וועט דער מענטש אָנווערן דעם שרעק פאַרן טויט.

צי ברענגט עס ניט צו קיין ענדערונגען פון דער ביאָלאָגישער נאַטור פון דעם מענטשן, פון זײַן גאַנצן וועזן? פאַרשטייט זיך, אַז עס ברענגט. פּונקט ווי די איבעראָריענטירונג פון דעם אויבן און אונטן. פון דעם באַגריף אויבן און אונטן אין דער אָנוואָגיקײַט. וואָס זשע וועט ער מיט זיך פאָרשטעלן, אָט דער איבעראָריענטירטער מענטש? לויט זײַן וועלט-עמפּינדונג וועט ער זײַן געגליכן צו איינשטיינען, צו דאַנטען, צו מוי-

שען. לויט דער וועלט־עמפינדונג, כאָזשע איך איבער, נאָר ניט לויט זײַנע נאַטור־קישרוינעס. און צי דען איז דאָס ניט קיין בלענדנדיקע אויפגאַבע — שענקען יעדן מענטשן די וועלט־עמפינדונג פון אַ גאָען?

איצט געווינט אונדז צו די גאַנצע ציוויליזאַציע צו אָפּגעשלאָסענע רוימען: אָפּגעשלאָסענע קאָנטורן פון די וווינונגען, פון דעם אַנטאָן, אָפּגעשלאָסענע מיט זייערע גרענעצן קאָנטורן פון די מעלוכעס, אָן אָפּגעשלאָסענער קאָנטור פון דעם אַטמאָספּערהײַטל אַרום דער ערד... זיך אָפּגרענעצן, אָפּשיידן, אָפּטיילן — ס׳איז מײַנס. דאָס אַלץ דערווײַטערט דעם מענטשן פון דעם קאָסמאָס, ברענגט אים טויט. ס׳איז נאָך ניט אויסגעבויט די שטאָט פון דער צוקונפט מיט צעפּראַלטע פּערספּעקטיוון, די צוקינפטיקע וווינונג, וועגן וועלכער ס׳האָט געטרוימט דער פּאָעט כלעבניקאָוו: טראָגסט מיט זיך אַ דורכזיכטיק הײַטל אויף דער פּלייצע, קומסט, פֿורעמסט עס אײַן אין דער גרייטער אַרמאַטור פון דער שטאָט, בלאָזסט עס אָן און לעבסט דאָרט וויפל דו ווילסט, דערנאָך נעמסטו עס, וויקלסט צונויף און שפּאַנסט זיך ווײַטער.

ניט אַזוי גיך, ווײַזט אויס, וועט קומען די צײַט פון מענטשלעכער אייניקײַט אויסער די שטאַכימדיקע געאָגראַפישע גרענעצן. נאָר אונדזער קערפּער איז שטענדיק מיט אונדז, און קיינער קאָן אונדז ניט שטערן זיך באַגיין מיט אים אַזוי, אַז מיר זאָלן אַרײַננעמען אין אים דעם גאַנצן קאָסמאָס. אונדזער קערפּער איז אַ פּאָלקאָמסטע קיבערנעטישע אײַנריכטונג, וועלכע ס׳האָט געשאַפן די אַלוועלט, נאָר מיר ניצן אים זייער אָפּט אויס ניט אַזוי, ווי ס׳געהער צו זײַן. דערווײַל קאָן דער מענטש נישט נאָר ניט שאַפן קיין שום ענלעכס, נאָר אַפילע זיך באַנוצן מיט דעם, וואָס ער פאַרמאָגט. מיר ניצן ניט אויס אַפילע קיין טויזנטכיילעך פון די מעגלעכקײַטן, וועלכע עס גיט אונדז אונדזער קערפּער. צווישן מיליאָנען אַזוינע מעגלעכקײַטן איז דאָ איינע די סאַמע וויכטיקסטע, די, צוליב וואָס דער קערפּער איז באַשאַפן: זײַן קאָסמאָס...

— וואָס זשע זאָל איך טאָן, — וועט עפּשער פרעגן עמעצער פון די לייענער, — אָט שוין איצט, באַלד ווי איך האָב איבערגעלייענט דאָס אַרטיקל, קעדיי דערנעענטערן זיך צו דער קאָסמישער איבעראָריענטירונג פונעם מענטשן? נו, וואָס, לאָמיר אַ פּרוּוו טאָן כאָטשבי אַזאַ מין וואַריאַנט: שטעלט זיך פאָר אין געדאַנק דעם קאָנטור פון אײַער קערפּער, דערפילט אים מיט דער גאַנצער הויט אײַערער ווי פון אויבן אַזוי אויך פון אינווייניק, פאַרטיפט אײַער בליק אַלץ טיפער און טיפער אין זיך ביז צום צענטער — ביזן פּולסירנדיקן האַרץ. גלײַכצײַטיק סטאַרעט זיך דערפילן, ווי דער קאָסמאָס גייט אַרײַן אין אײַערע אויגן און אויערן, אין די פּאָרעס פון אײַער הויט, אין אײַער נאָפּל. דערפילט, ווי עס פּולסירט די זון אויפן הימל און פאַרייניקט די דאָזיקע פּולסירונג מיטן ריטם פון אײַער האַרץ. דער קאָנטור, דער סילועט פון אײַער קערפּער — דאָס וועט זײַן אויך דער קאָנטור פון דעם קאָסמאָס. איר נעמט אים שוין אַרום מיטן גאַנצן קערפּער, ביידע אַלוועלטן — די אויסערלעכע און אינערלעכע — האָבן זיך פאַרייניקט. ניטאָ קיין אויבן און אונטן, דאָס אויסערלעכע און אינערלעכע — דאָס זײַנען באַדינגלעכע באַגריפן. זיי קאָנען זיך בײַטן מיט די ערטער, אַלץ איז געווענדט פון אײַער קוק, פון אײַער שטאַנדפּונקט: די אַלוועלט איז אין אײַך, איר זײַט אין דער אַלוועלט. אָט דאָס איז טאַקע די ריכטיקע עמפינדונג פון אײַער אָרטלאַגע אין קאָסמאָס. איר — זײַט דער צענטער פון דער אַלוועלט, וועלכער קאָן זיך געפינען אין אַ באַליביק אָרט, איר זײַט אַ לעבעדיקע איליוסטראַציע צו דעם געדאַנק פון דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז די אַלוועלט איז אַ ספערע מיט אַן אומענדלעכן ראַדיוס, און דער צענטער אירער איז אומעטום. דער דאָזיקער צענטער — דאָס איז אײַער האַרץ, דער ראַדיוס ציט זיך אויף אַזויפיל, אויף וויפל אײַער געדאַנק איז אימשטאַנד אַרײַנדרינגען אין דער אויסערלעכער און אינערלעכער ווײַט.

צי קאָן מען לאַנג אויפהיטן אין זיך אַזאַ געפיל? נאָר אויב גאַנצע קאָלעקטיוון געלערנטע, ספּעציאַליסטן, קיבערנעטיקער, פּסיכאָלאָגן, קינסטלער, פּאָעטן מיִען זיך איבער דעם, אַז עס זאָל זיך שאַפן בײַ אײַך דאָס ריכטיקע בילד פון דער אַלוועלט פון אײַער צוויי־אייניקן אַלוועלטלעכן קערפּער, איז צי דאַרף מען צווייפלען אינעם דערפאָלג פון אַזאַ זאַך? איך צווייפל ניט. אַ שול פון דער קאָסמישער איבעראָריענטירונג פון דעם מענטשן וואָלט אייניצײַטיק געווען אַ שול פון זײַן קאָסמישער אומשטערבלעכקײַט. די קאָסמישע אומשטערבלעכקײַט פונעם מענטשן — דאָס איז די אומפאַרמײַדלעכע צוקונפט און אַ גאַנץ מעגלעכע קעגנוואַרט. אַלץ הענגט אָפּ פון אונדז.

יידיש — מ. פּ ע נ ס



מאריִע מאנקאָוויטש — בריגאַדיר פון די בריוונטרעגער אין דער 16־טער ביראָבידזשאַנער פאַרבינדונגס־אָפּטייי־לונג

אינעם נייַעם שאָך־קלוב פונעם געגנטלעכן צענטער

דער ביבליאָטעקער פון דער געגנטלעכער ביבליאָטעק אף שאָלעם־אַלייכעמס נאָמען עמע קאַץ קלייַבט אָפּ בי־כער פאַר אַן אָרדנטלעכער אויסשטעלונג

אין דער ביבליאָטעק פונעם טעכניקום פון דער לייַכטער אינדוסטריע

די לערערן אנע גראָבער מיט א גרופּע שילער

יונגע מאָלער אַף עטיודן בא דער בירע



פאַינע גרימבערג

נאָטיצן וועגן דער ייִדישער טעמאַטיק אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור פון פאַרשיידענע לענדער און צײַטן

אין די ליטעראַטורן פון די לענדער פונעם באַלקאַנער האַלב־אינדזל

וועגן דעם, אַז עס זײַנען געווען ייִדישע ייִשוּווים אַפן באַלקאַנער האַלב-אינדזל אינעם אַנטישן פעריאָד, זאָגן איידעס פילצאָליקע אַרכעאָלאָגישע אָנגאַבן. עס זײַנען אויך פאַראַן ידיעס וועגן ייִדישע קעהילעס אין דער מיטל־אַלטערלעכער בולגאַריע א. אַנד. אָבער דער גרעסטער טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין די לענדער פונעם באַלקאַנער האַלב־אינדזל שטאַמט פון פליטים נאָכן גייִרעש שפּאַניע אין סאָף פונעם XV יה. די דאָזיקע ייִדן רופט מען ספאַרדים, זיי ריידן אַף דער שפּראַך, וואָס איז נאָענט צו דער שפּאַנישער פונעם XV יה. אין דער צווייטער העלפט פון XIX יה. האָבן אין רעזולטאַט פון מיגראַציע־פּראָצעסן זיך באַוויזן אַפן באַלקאַנער האַלב־אינדזל אויך אַשקענאַזישע — מיזרעך־אייראָפּעישע ייִדן (דײַטשישע, גאַליציאַנישע).

די באַלקאַנער ייִדן פאַרמאָגן זייער געשיכטע, וועלכע איז איבערפולט מיט אייגנאַרטיקע קערפּונקטן. דער צענטער פון דער ייִדישער באַלקאַנדער קולטור, אַ מין „הויפּט־שטאָט” פון די דאָרטיקע ייִדן, איז געווען סאַלאָניקי. ביז דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָבן אין אַ סאַך גריכישע שטעט עקזיסטירט ייִדישע קעהילעס. בײַס דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע זײַנען גרויסע מאַסן גריכישע ייִדן דעפּאָרטירט געוואָרן. די מערהײַט פון זיי זײַנען אומגעקומען. וועגן דעם אומקום פון ניט קיין גרויסער ייִדישער קעהילע דערציילט דער פּראָגרעסיווער גריכישער שריפטשטעלער דימיטריס כאַדזיס אין אַ נאָוועלע פונעם ציקל „די לעצטע טעג פון אונדזער שטעטל”.

געטאַדלט האָבן דעם אַנטיסעמיטיזם אין זייערע ווערק, וועלכע טראַקטירן די ייִדישע טעמאַטיק פון די פּאָזיציעס פון אינטערנאַציאָנאַליזם און הומאַניזם, אַזעלכע פּראָגרעסיווע אווטאָרן, ווי מיצאָס אַלעקסאַנדראָפּולאָס, ניקאָס קאַזאַנדזאַקיס, דידאָ סאָטיריו, עלי אַלעקסיו אאַ.

פילאַרטיק איז די ליטעראַטור פון די פעלקער פון יוגאָסלאַוויע. ניט ווייניק יוגאָסלאַווישע שריפטשטעלער האָבן באַרירט אין זייערע ווערק די ייִדישע טעמאַטיק, דערציילט וועגן ייִדן־אַנטיפאַשיסטן.

אינעם פּאָעטישן ציקל פון אָסקאַר דאַנטשאָ „כאַנע” איז אין דעם געשטאַלט פון אַ ייִדיש מיידל, דער טאָכטער פון אַן אָרעמען הענדלער, געשילדערט דער קויעך, די אומיטלבאַרקײַט פון דער יוגנט.

אין 1954 איז דערשינען אַ זאַמלבוך דערציילונגען פון דער באַוווּסטער דיכטערן דעסאַנקאַ מאַקסימאָוויטש „די שוידערלעכע שפּיל”. די זאַמלונג דערציילט וועגן די ניסיוינעס, וועלכע זײַנען אויסגעפאַלן אַפן גוירל פונעם סערבישן פאָלק אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. די העלדן פון דער

ס אָ ף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד” נומ. 6 פאַרן 1984 יאָר.

דערציילונג „די שוידערלעכע שפּיל“, וואָס האָט געגעבן דעם נאָמען פונעם זאַמלבוך — קינדער, סערבישע און ייִדישע, שפּילן אין אַ שוידערלעכער מילכאָמע-שפּיל, „אין דײַטשן און ייִדן“, אָבער דאָס לעבן גרייט פאַר די קינדער ווירקלעכע גרויזאַמע ניסיוינעס.

„אַלץ איז געווען פּונקט אַזוי, ווי טאָמיד, בלויז אַ פּאַכעד און אוימרו האָבן פאַרקאָוועט דאָס האַרץ פון די דערוואַקסענע. אויך אין אָט דעם אָוונט האָבן געלויכטן מענטשלעכע נעסטן... ס'האָט זיך געהערט, ווי געוויינלעך, קינדערשער געלעכטער און געוויין...

און פּלוצעם איז דאָס אַלץ פאַר איין נאַכט פאַרשוווּנדן, פּונקט ווי אין אַ מוירעדיק מײַסעלע. ייִדישע הײַזער האָבן באַגעגנט דעם באַגינען פּוסטע. און האַגאַם אין אַ נעם פאַרשקלאַפּטן לאַנד זײַנען יעדן טאָג באַגאַנגען געוואָרן אומגעהערטע אַוולעס, האָבן מענטשן ניט געקאָנט קומען צו-זיך פון אָט דעם גרויל. ערשט נעכטן אין אָוונט האָב איך געזען ייִנגלעך דאָ, באַם פענצטער, באַ אָט דעם זעלבן פענצטער, אויף וועלכן איר קוקט, — האָט געזאָגט, יאָמערנדיק, די אַלטע שכיינע פון די גאַבײַעווס.

— און איך בין נעכטן געווען מיט דער מאַדאַם קאָנפינאָ אויפן מאַרק. זי האָט זיך, נעבעך, באַקלאָגט, אַז די קינדער עסן ניט קיין שפּינאַט, — האָט צוגעגעבן די מיטשמועסערן.

איבער דער דובראָווניצקער גאַס איז געגאַנגען אַן אַבסאָליוט וואַנזיניקע פרוי, ניט זעענדיק פאַר זיך קיין זאַך, און געיאָמערט:

— בלויז אין איין הויז פינף קינדער!

אויפן ראָג איז געשטאַנען פאַרשטיינערט אַ זאָקן, ער האָט אָפּגעשטעלט זעלטענע פאַרבײַגייער און געפרעגט איינע און די זעלבע פראַגע:

— איר האָט געזען, וואָס ס'איז געשען מיט אונדזערע ייִדן? עס האָט זיי אײַנגעשלונגען די פינצטערניש.

באַטאָג זײַנען אין גאַס אַרויס קינדער. אין זייערע דערשראָקענע אויגן איז געשטאַנען אַ מאַטערנדיקע פראַגע. פּונקט ווי אין אַ פיבער, זײַנען זיי געלאָפן פון איין אָרט צום אַנדערן, געפינענדיק אומעטום שפּורן פון זייערע כאַווירים, מיט וועמען זיי האָבן זיך געשפּילט. ווען זיי זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען זשאַקס הויז און אַרײַנגעקוקט אינווייניק, האָט מאַרקאָ דערזען אין אַן אָפענעם בוך זשאַקס הוט. ווען דער בוך וואָלט געווען פאַרמאַכט, וואָלט עס אויסגעזען גאַנץ אַנדערש. דער ניט-דערלייענטער בוך האָט גלײַך ווי געשריגן וועגן דעם לעבן, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן פאַר אָט דער צײַט...“

באַזונדערס דאַרף מען זיך אָפּשטעלן אויף דער ייִדישער טעמאַטיק אין דער שאַפונג פונעם גרעסטן פּראָזאַיִקער פון יוגאָסלאַוויע, לאַורעאַט פון דער נאָבעל-פּרעמיע איוואָ אַנדריטש (1892—1975). ער איז געווען איינער פון יענע שריפטשטעלער, וואָס האָבן דערוויזן, אַז דאָס באַלקאַנער האַלב-אינדזל איז אַ וויג פון דער אייראָפּעיִשער קולטור, „אַ לעבעדיקער מוזיי“. אין זײַנע ראָמאַנען „די טראַווניצקער כראָניק“, „אַ בריק אויף דער דרינע“, אין די דערציילונגען און עסייען האָט איוואָ אַנדריטש אָנגעמאָלט אַ גאַנצע גאַלעריי אינטערעסאַנטסטע נאַציאָנאַלע כאַראַקטערס, דערגראָבן זיך צו די וואָרצלען פון זייער פאָרמירונג, מע קאָן זאָגן — פעסטגעשטעלט דאָס אָרט פונעם באַלקאַנער האַלב-אינדזל אין דער נײַער אייראָפּעיִשער געשיכטע.

פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אויך ניט געקאָנט פאַרבײַגיין דאָס לעבן פון די באַלקאַנער ייִדן-שפּאַניאָלן. אין זײַנע ווערק וואַרפט ער אַ בליק אויף דער ייִדישער באַפעלקערונג סײַ „פון דער זײַט“, סײַ „פון אינווייניק“. מיר זעען באַ אים אַ קאָוואָנע צו באַווײַזן היסטאָריש די לאַגע פון די ייִדן אויפן באַלקאַנער האַלב-אינדזל.

דער קלייניקער העלד פון זײַן דערציילונג „קינדער“ פאַלט אַרײַן אין ייִדישן קוואַרטאַל צופעליק, גייענדיק פּוסטריט נאָך זײַנע כאַווירים, וועלכע זײַנען געקומען אהער זיך שלאָגן מיט די ייִדישע ייִנגלעך. זײַנע כאַווירים האַנדלען אָן אַ זין, אויפנעמענדיק די פאָרורטיילן פון די עלטערע, אָבער דער העלד (די דערציילונג איז אָנגעשריבן פון דער ערשטער פּערזאָן) שעמט זיך דערמיט, דער נאַציאָנאַלער אַנטאַגאָניזם זעט אים אויס צו זײַן אָפּשטויסנדיק. אין אָט דער ניט גרויסער דערציילונג הערן מיר די שטים פונעם אווטאָר גופע — די שטים פון אַ דענקענדיקן מענטשן, אַן אַנאַליטיקער, וואָס וויל ניט עטעמען מיט דער לופט פון דער פאַרשימלטער אַטמאָספער, וועלכע איז אייגנטימלעך פאַר דער קליינבירגערלעכער סוויווע.

אין איוואָ אַנדריטשעס פּראָזע טרעפט זיך אָפט דער מאָטיוו פון אומבאַשיצטקײַט, אויף וועלכער ס'איז פאַרורטיילט די שיינקײַט אין דער וועלט פון טאָגטעגלעכקײַט, גלײַכגילט, אַכזאָריעס, קאָרופּציע. די דאָזיקע וועלט ברענגט אום דעם כיינעוודיקן וולאַדאָ („די באַרישניע“), די יונגע מאַרע („דאָס קעפּסווײַב מאַרע“), אַניצען („פײַניקונג“). עס קומט אום אויך די 16-יאָריקע ריווקע, די העלדין פון דער דערציילונג „אַ ליבע אין שטעטל“. די געוויינלעכקײַט פון דעם האַרבן, שווערן לעבן לאָזט ניט איבער קיין אָרט פאַר דערהויבענע געפילן.

די האַנדלונג פון דער דערציילונג „קאַפּאַ טיטאַניק“ ווערט פאַנאַנדערגעוויקלט אין דער שטאָט סאַראַיעוואָ אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט-מלחמה. דער אייגנטימער פון דער קאַפּאַ אונטערן שרײַענדיקן נאָמען „טיטאַניק“ מענטאָ פּאַפּאָ איז אַ מענטש, וואָס האָט אָנגעוווירן זײַנע וואָרצלען.

„...ער האַלט נישט אָן קיין שום פאַרבינדונגען ניט מיט דער אייגענער מישפּאָכע, ניט מיט דער ייִדישער קעהילע, ניט מיט יענעם קרײַז מענטשן, פון וועלכע ער האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן“. ער באַלעבאַטעוועט אין זײַן קליין „וועלטל“, פאַרווײַלט די געסט מיט לידער און כאָכמעס, קריגט זיך, שלאָגט זיך און בעט זיך איבער מיט זײַן „פרײַנדן“, און אַלץ, וואָס ער פאַרדינט באַ די שיקורים אין בופעט און באַ די קאָרטן-שפּילער אינעם שפּיל-צימער, פאַרשפּילט ער און פאַרטרינקט מיט זיי צוזאַמען.

דער גורל שטויסט צונויף מענטאָ פּאַפּאָן פּונקט מיט אַזאַ נעפעש סטעפאַן קאָוויטשן.

„...אין די דאָזיקע גרויזאַמע, אומגעהערטע צײַטן, וועלכע עפענען פאַר אַזעלכע, ווי ער, אומגעזעענע פּערספּעקטיוון, אומבאַגרענעצטע מעגלעכקײַטן און פולע אומבאַשטראָפטקײַט, קאָן דער לעבנס-שיקזאַל זײַן בלויז עפּעס אַ נעבעכדיקער און וואָכעדיקער. אָט איז ער איצטער אָן אוסטאַש — דאָס איז ניט קיין שפּאַס, אים אַליין איז עס אַפילע שרעקלעך. ער איז אַרײַן אין אַ קאָמפּאַניע פון יונגעלײַט, פאַרגוואַלדיקער און גרוביאַנען, פאַר וועלכע ער האָט קעסיידער מוירע געהאַט און צווישן וועלכע ער האָט אויך איצט זיך געפילט, דעם עמעס געזאָגט, ווי אַ הײמלאָזער הונט צווישן וועלף“.

אַ צעווילדעוועטער אין זײַן זעלבסטליבנדיקער שטרעבונג „צו באַווײַזן זיך“, באַמערקט ניט קאָוויטש, אַז ער האָט פאַר זיך פּונקט אַזאַ מענטשן, ווי ער, וועמען אַלץ גייט מיט דער פּוטער אַראָפּ. אויך פּאַפּאָ זעט ניט אײַן דעם עמעסן טאָך פון קאָוויטשן. אָנשטאָט אַ ווילנסלאָזן מענטשן, וועמען ער וואָלט געקענט געבן אַ ווידערשטאַנד, שטעלט פּאַפּאָ זיך פאָר אַן אַבסטראַקטן „אוסטאַש“, וואָס האַנדלט, ווי אַ פאַרפירטער פון אַ פרעמדער האַנט מעכאַניזם. אויב אָבער הינטער דעם שלימאַזל פּאַפּאָ שטייט ניט קיין אַנדער זאַך, אויסער מענטשלעכע פאַרדאָרבנקײַט, איז אויף דער זײַט פון סטעפאַן קאָוויטשן פאַראַן דער בײַזוויליקער סאָציאַלער פאַקטאָר, וואָס הייסט פאַשיזם. שילדערנדיק דעם צוזאַמענשטויס צווישן צוויי „אַרויסגעפאַלענע פונעם לעבן“ מענטשן, ווענדט זיך דער אַווטאָר צו די אַנדערע מיט אַ רוף צו געפינען אין זיך קויעך אויף צו קעמפן, ניט אָנווערן די מענטשלעכע ווירדע.

אייגנאַרטיק איז דער לעבנסוועג פונעם העלד אין דער דערציילונג „אַ בריוו, וואָס איז דאַטירט מיטן 1920 יאָר“. מאַקס לעווענפעלד איז אַ ייִד לויט דער נאַציאָנאַליטעט, „אַ דאָקטער און אַ זון פון אַ דאָקטער“. מיר זעען אים אַ מינדעריעריקן, וואָס לייענט אַ סאַך, און אַ יונגן דאָקטער, וועלכער האָט איבערגעלעבט די ערשטע וועלט-מלחמע. אָט וואָס ער שרײַבט צו זײַנעם אַ פרײַנט וועגן דער אָפּגעפרעמדטקײַט צווישן פעלקער אין די באַדינגונגען פון דער קלאַסן-געזעלשאַפט: „דער, וואָס פאַרברענגט אין סאַראַיעוואָ אַ נאַכט אָן שלאָף, קאָן דערהערן אַלע באַנאַכטיקע שטימען. שווער און זיכער שלאָגט דער זייגער אויפן טורעם פונעם קאַטוילישן קאַטעדראַל. עס גייט דורך אַ ביסל מער פון אַ מינוט, און דעמלט שלאָגט דער זייגער אויף דעם אָרטאָדאָקסאַלן קלויסטער. באַלד נאָך אים שלאָגט טויבלעך, ווי פונדערווײַטן דער זייגער אויפן טורעם פון דער מעטשעט... בלויז אײַן ניט באַרעמהאַרציקער גאָט ווייסט, לויט וועלכן כעזשבן גייט די צײַט באַ די ייִדן — לויט די ספּאַרדים אָדער אַשקענאַזים. אַפילע באַנאַכט, ווען אַלץ אַרום שלאָפט, ווען עס פליסן די טויבע באַנאַכטיקע שאָען, דרעמלט ניט דער שטרײַט, צעטיילנדיק שלעפּעריקע מענטשן, וואָס פרייען זיך, אויפכאַפּנדיק זיך, נאָר טרויערן, פאַסטן לויט פיר שטרײַטנדיקע קאַלענדאַרן און בעטן גאָט אויף פיר פאַרשיידענע לעשוינעס. און אָט דער שטרײַט, וואָס איז אָט אַן אָפענער, אָט אַן אומבאַמערקטער, ווערט שטילערהייט פאַרוואַנדלט אין סינע...“

מאַקס לעווענפעלד איז אַן ערלעכער מענטש, וואָס פילט אויס זײַן כויוו. „ער האָט דורכגעלעבט אַן ערלעך לעבן. ווען אין שפּאַניע האָט אויסגעבראָכן דער בירגערקריג, האָט ער אַלץ געוואָרפן און איז אַוועק פרײַוויליק אין דער רעפּובליקאַנישער אַרמיי. ער האָט אָרגאַניזירט איבערבינדונגס-פּונקטן און האָספּיטאַלן און איז באַרימט געוואָרן מיט זײַנע קענטענישן און מעסירעסנעפעשדיקער אַרבעט. אויף זײַן האָספּיטאַל איז פאָרגעקומען אַ לופט-אָנפאַל, ער איז אומגעקומען און צוזאַמען מיט אים — קימאַט אַלע פאַרוווּנדעטע.

אַזוי האָבן זיך פאַרענדיקט די טעג פון אַ מענטשן, וואָס איז אַנטלאָפן פון סינע...“

איוואָ אַנדריטש איז באַזונדערס באַרימט געוואָרן מיט זײַנע היסטאָרישע ראָמאַנען „די טראַווניצקער כראָניק“ און „אַ בריק אויף דער דרינע“, אין וועלכע עס זײַנען באַרירט פאַרשיידענע אַספּעקטן פון דער געשיכטע פונעם באַלקאַנער האַלב-אינדזל אין דער ענגער פאַר-

בינדונג מיט דער אלוועלטלעכער געשיכטע. אין דער פּילנאַציאָנאַלער גאַלעריי געשטאַלטן האָט דער אווטאָר געשאָנקען אויך אופמערקזאַמקייט ייִדן. אינעם ראָמאַן „די טראַווניצקער כראָניק" זיינען געשילדערט דער שטייגער און די זיטן פון ייִדן-שפּאַניאָלן אינעם סאָף פון XVIII יה. אַנדריטש האָט אָנגעמאָלט די אינטערעסאַנטע געשטאַלטן פונעם אַפּטייקער מאָרדאָ, פונעם לעדער-הענדלער סאָלאָמאָן.

די האַנדלונג פונעם ראָמאַן „א בריק אף דער דרינע" כאַפּט אַרום עטלעכע יאָרהונדערטער. אויך דאָ טרעפן מיר געשטאַלטן פון ייִדן — דעם געבילדעטן ראָוו עליאַס לעווי, וועלכן מע רופט בעקאָוועדיק אין דער שטאָט כאַדזשי ליאַטשאָ, די גאַליציאַנער ייִדישקע לאָטיקאַ. וועגן איר שרייבט דער אווטאָר: „ווען זי זאָל געווען אַרייַנפאַלן אין אַנדערע אומשטענדן, איז שווער צו זאָגן, וואָס זי וואָלט געקאָנט ווערן און וואָס עס וואָלט געקאָנט געבן דער וועלט די דאָזיקע קלוגע, גוטהאַרציקע און מעסירעסנעפּעשדיקע פרוי, די אומבאַוווּסטע באַלעבאָסטע פון א פּראָווינציעלן האָטעל... עפּשער וואָלט זי געוואָרן איינע פון יענע מערקווירדיקע פרויען, וועלכע זיינען אַרייַן אין דער געשיכטע, פרויען, וואָס שאַפן זיך מיט די גווירעס און באַרימטע פאַמיליעס, הויפן אָדער אפילע מעלוכעס און, ווי א גוטער געני, ברענגען זיי גליק"...

איוואָ אַנדריטש האָט אַרייַנגעשריבן אַן אינטערעסאַנט, אינהאַלטסרייַך קאַפּיטל אין דער אינטערפּרעטאַציע פון דער ייִדישער טעמאַטיק.

אינעם סאַמע צענטער פונעם באַלקאַנער האַלב-אינדזל געפינט זיך די בולגאַרישע פאָלקס-רעפּובליק.

פיל אינטערעסאַנטע פּראָטים קאָן מען דערציילן וועגן די בולגאַרישע ייִדן. זייער גוירל איז ענג פאַרבונדן מיטן גוירל פונעם בולגאַרישן פאָלק און איז איבערפולט מיט דראַמאַטישע, צומאָל ראָמאַנטישע געשעענישן.

די געשיכטע וועגן דעם, וויאַזוי דער שפּאַנישער קיניג אַלפאָנסאָ דער VIII האָט זיך פאַרליבט אין א ייִדישער פרוי מיטן נאָמען פאָרמאָזאַ, איז באַוווּסט לויט די ווערק פון אַזעלכע וואָרט-מייַסטערס, ווי לאָפּע דע וועגאַ, פ. גרילפּאַרצער, ל. פויכטוואַנגער. אָבער וועגן אַן אַנאַלאָגישער געשיכטע, וואָס איז געשען אף די באַלקאַנען, ווייסן בלויז היסטאָריקערגעלערנטע. אינעם XIV יה. האָט דער בולגאַרישער קיניג יאָהאַן אַלעקסאַנדער (1331—1355) כאַסענע געהאַט מיט איינער אַן אייַנוווינערן פונעם ייִדישן קוואַרטאַל פון זייַן הויפּטשטאָט טירנאָוואָ, א מיידל מיטן נאָמען סאַראַ (נאָך דעם שמאַדן זיך האָט זי באַקומען דעם נאָמען טעאָדאָראַ — גאָטס אויסדערוויילטע). די דאָזיקע פרוי איז געווען די מוטער פונעם לעצטן רעגירער פון בולגאַריע איוואַן שישמאַן, וועלכער איז באַזונגען געוואָרן אין פאָלקסלידער און לעגענדעס. אין אָט דעם פּעריאָד ווערט אויך פאַרשפּרייט אין בולגאַריע, באַגלייַך מיט אַנדערע אַפּיקאָרסישע באַוועגונגען, די אַזוי־גערופענע יודאַיסטישע געצנדינערייַ, ווי אויך די אויספורעמונג פון דער פּינקעס-טראַדיציע. אָבער האַגאַם די ידיעס וועגן דעם דאָזיקן פּעריאָד אין דער געשיכטע פון בולגאַריע קאָן מען האַלטן פאַר גענויע (אין פאַרגלייַך מיט די פאַריקע יאָרהונדערטער), פונדעסטוועגן זייַנען זיי בעפּירעש ניט קיין גענוגנדיקע, כּדי פולקום רעקאָנסטרויִרן די געשאַפענע היסטאָרישע סיטואַציע איידער די מערקן האָבן ענדגילטיק דעראָבערט בולגאַריע. אפילע בא די געלערנטע-היסטאָריקער, שוין אָפּגערעדט וועגן די שריפטשטעלער-בעלעטריסטן, שאַפט זיך א ווידערשפּרעכלעכע פאַרשטעלונג וועגן אָט דער צייַט.

מיט אָט דעם פּעריאָד האָבן זיך פאַרינטערעסירט ניט ווייניק וויכטיקע שריפטשטעלער — איינער פון די גרונטלייגער פון דער בולגאַרישער ליטעראַטור פון דער נייַער צייט איוואַן וואַזאָוו (1850—1921), די שרייַבער סטאָיאַן זאַגאָרטשינאָוו, מאַגדאַ פּעטקאַנאָוואַ, עמיליאַן סטאַנעוו. קיין באַדייַטנדיק ווערק אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור איז אָבער דערווייַל אף דער דאָזיקער טעמע ניט געשאַפן געוואָרן.

בייס דער צווייטער וועלט-מילכאָמע נעמען די בולגאַרישע ייִדן אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַנטיפאַשיסטישער באַוועגונג. דאָס בולגאַרישע פאָלק האָט געשטערט די פאַשיסטן צו רעאַליזירן זייערע פּלענער פון דעפּאָרטאַציע און גענאָציד בענעגייע דער ייִדישער באַפעלקערונג. דאָס געשטאַלט פון א ייִדן-אַנטיפאַשיסט, פון א ייִדן-פּאַרטיזאַנער איז פעסט אַרייַן אין דער בולגאַרישער ליטעראַטור. וועגן דעם האָבן געשריבן די באַוווּסטע אווטאָרן פון פּאַרטיזאַנישע מעמוארן אַטאַנאַס סעמערדזשיעוו, יעלענאַ און דאָברי דזשוראָוו אאַ. אין דעם מעמוארן-בוך פון מיטקאַ גריבטשעוואַ „אין נאָמען פונעם פאָלק" ווערט געשילדערט דאָס געשטאַלט פון דער העלדישער אונטערערדלערן וויאָלעטאַ יאַקאָוואַ, וועלכע איז געווען א בייַשפּיל פאַר די יונגע קעמפער.

„אין 1920 איז אין דער מישפּאָכע פונעם אַרבעטער יאָסיף יאַקאָוו געבוירן געוואָרן א מיידעלע, וועלכן מע האָט געגעבן דעם נאָמען וויאָלעטאַ. אירע קינדער-יאָרן זייַנען דורכגעגאַנגען אף דער גאַס, צווישן ייִנגלעך און מיידלעך... ווען דאָס מיידעלע איז אונטערגעוואַקסן,

האָט די באָבע אָנגעהויבן איר אײַנדויבען די כאָכמע פֿון טאַלמוד. און ווער ווייסט, עפּשער וואָלט וויאָלעטעס הייסע און באַגײַסטערטע נאַטור טאַקע טיף אַרײַנגעדרונגען אין די געטלעכע עמעסן, ווען זי וואָלט, אָנהייבנדיק פֿונעם פֿערצניאָריקן עלטער, ניט געאַרבעט אין די טאַבאַק-סקלאַדן אין איר היימשטאָט דופּניצע. דאָרט האָט זי באַגעגנט פֿריידיקער פֿון א נײַער לעבנס-אידיי — פֿונעם קלאַסנקאַמף. דאָס האָט אָנגעפֿילט איר נעשאָמע מיט קאָלאָסאַלער ליבע צו מענטשן און מיט סינע צו די אונטערדריקער. דאָס מעסירעסנעפּעשדיקע מיידל איז אײַנגיכן געוואָרן א פֿירערן פֿון דער יוגנט. די אָרגאַניזאַציע, מיט וועלכער זי האָט אָנגעפֿירט, האָט פֿאַנאַנדערגעוויקלט א ברייטע פּראָפּאַגאַנדיסטישע טעטיקײַט, אַרומכאַפּנדיק די גאַנצע אַמערסטן אַקטיווע יוגנט. זי האָט אָנטיילגענומען אין אַלע קאַמפּאַניעס, וועלכע ס'האָט דורכגעפֿירט די פּאַרטיי.

ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע קעגן דעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד, איז וויאָלעטאַ שוין געווען א רײַפֿע אָנפֿירערן פֿון דער יוגנט. אַלעמען איז באַוווּסט געווען איר אויסערגעוויינלעכע דרייסטקײַט.

אַנומלטן האָט מען מיר געבעטן כאַראַקטעריזירן וויאָלעטען מיט עטלעכע ווערטער. אָט זײַנען זיי:

„פֿאַר מיר איז וויאָלעטאַ געווען דער בעסטער מוסטער פֿון א קאָמוניסט. קאָן מען דען ניט פֿאַרנייגן דעם קאָפּ פֿאַר אַזאַ מענטשן?!”

געשטאַלטן פֿון ייִדן-קאָמוניסטן ווערן געשילדערט אינעם ראָמאַן פֿון דעם באַוווּסטן בולגאַרישן שרײַבשטעלער דימיטרי דימאָוו „טאַבאַק”, אין די דיכטערישע און פּראָזאַישע ווערק פֿון א סאַך אַנדערע בולגאַרישע פּראָזאַיקער און פּאָעטן.

וועגן דער בעקאָוועדיקער באַציִונג פֿון די בולגאַרן צו די ייִדן שרײַבט דמיטר טאַליעוו אין זײַנע ראָמאַנען „דער איליִן-טאָג” און „איך הער אײַערע שטימען”, געווידמעט די געשעענישן פֿון דער בולגאַרישער געשיכטע אינעם סאָף פֿון XIX — אָנהייב XX יה.

אין דער ייִדישער סוויווע פֿון דער בולגאַרישער פֿאָלקס-רעפּובליק איז טעטיק א גאַנצע פּלעיאַדע בולגאַרישע שרײַפֿטשטעלער-ייִדן, אַזעלכע ווי כאַיִם אַליוועך, וויקטאָר באַרוך, סאַליס טאַדזשער, כאַיִם בענאַדאָוו אאַ. אינעם זשורנאַל „סעפּטעמוורי” זײַנען פּובליקירט געוואָרן אַלבערט קאָענס אינטערעסאַנטע מעמואַרן „צווישן צוויי מילכאָמעס”, וועלכע אַנטהאַלטן פֿיל יעדיִעס וועגן דעם לעבן פֿון די בולגאַרישע ייִדן אין דער ערשטער העלפֿט פֿון אונדזער יאָרהונדערט.

מע דאַרף אויך אָפּמערקן דעם פּאָעטישן ציקל פֿונעם באַוווּסטן דיכטער, דראַמאַטורג, סצענאַריסט און איבערזעצער וואַלערי פּעטראָוו, געווידמעט דעם אָנדענק פֿון זײַן פֿאָטער ניסים מעוואָראַך. דער אַווטאָר שאַפֿט א פֿאַרגאַנצט געשטאַלט פֿון א בולגאַרישן ייִד-פּאַטריאָט, א מענטש מיט אײדעלע געפֿילן און פּראָגרעסיווע אָנשויונגען.

אַזעלכע זײַנען די וועגן פֿון דער ייִדישער טעמאַטיק אין דער אייראָפּעיִשער קינסטלערישער ליטעראַטור — אָנהייבנדיק פֿון פּראַגמענטאַרע יעדיִעס, וועלכע געפֿינען זיך אין די ווערק פֿון אַנטישע היסטאָריקער, ביז די געשילדערטע כאַראַקטערן פֿון קאָמוניסטן, קעמפֿער פֿאַר א בעסערער צוקונפֿט פֿון דער מענטשהײַט, וועלכע מיר געפֿינען אין די ווערק פֿון שרײַבער, אָנהענגער פֿונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

אין דער רוסישער קלאַסישער סאָוועטישער ליטעראַטור

דעם קורצן איבערזיכט וועגן דער ייִדישער טעמאַטיק אין דער רוסישער ליטעראַטור ווילט זיך מיר אָנהייבן פֿון א פּרעכטיקן פּאָעטישן פֿראַגמענט, וועלכער געהערט א. ס. פּושקינען. אין אָט דער ניט פֿאַרענדיקטער ליד האַנדלט זיך וועגן דעם, וויאַזוי דער אייביקער נאַוונאַדניק אַגאַספֿער האָט באַזוכט א ייִדישע מישפּאָכע, אין וועלכער ס'איז געשטאָרבן א קינד.

אין דער כאַלופּע באַ די ייִדן
א לעמפּל ברענט אין ווינקל שוואַך,
באַ אָט דער שײַן א זאָקן זיצט
און לײיענט די ביבל. אַפֿן סײפֿער
עס פֿאַלן זײַנע גראָווע האָר.
א יונגע ייִדישקע, דערשלאָגן,
באַם פֿוסטן וויגל ביטער וויינט.
אַנטקעגן איר א יונגער ייִד,
דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן, זיצט,
פֿאַרזונקען טיף אין א מאַכשאָווע.
אין דער כאַלופּע גרייט א זקיינע
די שפּעטע וועטשערע צום טיש.
דער אַלטער ייִד פֿאַרמאַכט דעם סײפֿער,
די טאָוולען שפּיליעט לײַכט צונויף.
דאָס אָרעם עסן שטעלט די זקיינע
אַוועק און טוט א רוף ס'געזינד,
נאָר מ'רירט ניט צו זיך צו דעם עסן.
ס'גייט דורך א שאָ און נאָך א שאָ,
די וועלט האָט צוגעמאַכט די אויגן,
בלויז פֿון דער ייִדישער כאַלופּע
זיך אָפּגעטאָן עס האָט דער שלאָף.
ווען אין דער שטאָט האָבן די גלעקער
געקלונגען האַלבנאַכט, האָט א קלאַפּ

דערהערט זיך פּלוצעם אין דער טיר.
דער יונגער ייִד שטייט אוף פאַרכידעשט
און לאָזט אין שטוב אַרײַן דעם גאַסט —
אַן אומבאַקאַנטן נאַוונאַדניק,
וואָס האַלט אַ וואַנדערשטאַק אין האַנט...
(ייִדיש — א. ווערגעלים)

די דאָזיקע ניט גרויסע, ניט פּרעטענדיקטע ליד, וואָס איז אָנגעשריבן אין 1826, באַוווּנדערט מיט דער טיפער אַרײַנדרינגונג אינעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. אַזעלכע זשאַנער-שילדערונגען וועלן מיר באַגעגענען שפּעטער (אין דער צווייטער העלפט פונעם XIX — אָנהייב XX יה.) בא די ייִדישע שריפטשטעלער — קענער פונעם שטייגער און פון די פאָלקס-זיטן — שאָלעם-אַלייכעם, ייִצכאָק-לייבוש פּערעץ, מענדעלע מויכער-ספאָרים, דאָוויד בערגעלסאָן, שאָלעם אַש אאַ. דער פּאָעטישער פראַגמענט, וועלכן דער געניאַלער רוסישער פּאָעט האָט געשאַפן אינעם פּעריאָד, ווען ס'האָבן געהערשט אין דער וועלט-ליטעראַטור ראָמאַנטישע טראַדיציעס, מאַכט אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרקן אײַנדרוק און ציט צו די סימפּאַטיעס פון די לייענער צו דער געשילדערטער נאַציאָנאַלער סוויווע.

מ. יו. לערמאָנטאָוו האָט אָנגעשריבן די דראַמע „שפּאַניער" אין 1830 יאָר, ווען ער איז אַלט געווען 16 יאָר. דאָס דאָזיקע ווערק אַנטשפּרעכט פולקום די טראַדיציעס פון דער ראָמאַנטישער דראַמאַטורגיע. זײַן סיוזשעט, די געשטאַלטלעכע סטרוקטור וואַרייִרן די שוין באַוווּסטע אין דער ליטעראַטור מאָטיוון.

א באַקאַנטע קאָליזיע: אַ יונג מיידל — אַ קינד פון דער נאַטור, אַ ריינע און אופריכטיקע אין איר ליבע, און אַ באָכער, וואָס האָט פאַרלאָזט די געזעלשאַפט און מיט אירע כעסרוינעס איז ער ניט בעקויעך צו קעמפן, אָבער די דאָזיקע כעסרוינעס זײַנען אומבאַמערקבאַר פאַר אים געוואָרן אַ טייל פון אים אַליין, — די קאָליזיע, וועלכע לערמאָנטאָוו וועט פאַנאַנדעראַרבעטן אַף אַ מײַסטערהאַפטן אויפן שפּעטער אין אַ רעאַליסטישער פאָרם („בעלאַ"), טראָגט אין „די שפּאַניער" אַ ביסל אַן אַבסטראַקטן כאַראַקטער. אָבער דער עצעם פאַקט פונעם פרווו זיך ווענדן צו דער ייִדישער טעמאַטיק פאַרדינט אַן שום צווייפל אופמערקזאַמקייט.

ניט איין מאָל האָבן זיך געווענדט צו דעם אומויסשעפּלעכן אויצער פון דער ביבלישער פּאָעזיע אַזעלכע רוסישע פּאָעטן ווי פ. נ. גלינקאַ (1786—1880), אַ. ס. גריבאָיעדאָוו (1795—1829), וו. ק. קיוכעלבעקער (1797—1846), וו. נ. גריגאָריעוו (1803—1876), ק. מ. פאָפאָנאָוו (1862—1911). די דאָזיקע רעשימע קאָן מען פאַרזעצן און פאַרזעצן...

אין די ביבלישע לידער פון די רוסישע פּאָעטן זעט מען בוילעט די מאָטיוון פון פרײַהייטליביקייט, פון פילאָסאָפישער באַזיניקונג. שווער איז געווען די לאַגע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אינעם צאַרישן רוסלאַנד. ניט זײַענדיק באַשיצט מיצאַד דער געזעצגעבונג, האָבן די ייִדן געליטן פון די פאַרפאָלגונגען מיצאַד די מאַכט-אָרגאַנען, פון די אָרטיקע פּניי, פון קאָלערליי פּאָגראָמשטשיקעס. אין 1882 זײַנען אָנגענומען געוואָרן די אַזויגערופענע „צײַטווײַליקע קלאָלים" וועגן ייִדן. די דאָזיקע „קלאָלים" האָבן עקזיסטירט האַרט ביזן פאַלן פונעם צאַריזם, און זיי האָבן פאַקטיש פאַרורטיילט די ייִדישע באַפעלקערונג אַף אומדערטרעגלעכע לעבנס-באַדינגונגען, אַף נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אונטערדריקונג.

די פּראָגרעסיווע רוסישע ליטעראַטור האָט געפירט אַ קאָנסעקווענטן קאַמף קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם, קעגן די שאָוויניסטישע טענדענצן, וועלכע די רעאַקציע האָט אײַנגעהאַלטן און סיסטעמאַטיש צעצונדן. א. אי. הערצען דעמאַסקירט די שוידערלעכע אַכזאָריעסן פונעם צאַריזם, שילדערנדיק ייִדישע קאַנטאָניסטן-ייִנגלעך, וועלכע מע האָט מיט גוואַלד גענומען צו דינען אין ספּעציעלע מיליטערישע ייִשווים.

„מע האָט געבראַכט צו פירן קליינוואַרג און זיי אויסגעשטעלט אין אַ ריכטיקן פראָנט. דאָס איז געווען איינע פון די סאַמע גרויליקע פאָרשטעלונגען, וועלכע כ'האָב געזען... אָרעמע, אָרעמע קינדער! די ייִנגלעך פון צוועלף-דרײַצן יאָר האָבן נאָך ווי-עס-איז זיך געהאַלטן, אָבער די ייִנגלעך פון אַכט, נײַן יאָר... קיין איין שוואַרץ פּענדזל וועט ניט אַרופּברענגען אַזאַ גרויל אַפן לײַוונט. בלאַסע, אויסגעמאַטערטע, מיט אַ דערשראָקענעם אויסזען, זײַנען זיי געשטאַנען אין ניט קיין צוגעפּאַסטע, גראָבע שינעלן מיט אופגעשטעלטע קאָלנערס, וואַרפנדיק עפּעס אַן אומבאַהאָלפענעם, נעבעכדיקן בליק אַף די גאַרניזאָן-סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אַף אַ גראָבן אויפן אויסגעגלײַכט זייער ריי. די ווײַסע ליפן, די בלאָע קרײַזן אונטער די אויגן האָבן אַרויסגעוויזן פיבער אָדער ציטער..." (א. אי. הערצען „אָוואַר און מאַכשאָוועס")

עס באַמיט זיך צו פאַרשטיין דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, וואָרהאַפטיק שילדערן ייִדן מ. יע. סאַלטיקאָוו-שטשעדרין.

„דער פאָטער זײַנער איז געווען אַן ערלעכער אַלטער ייִד, לויט דער מעלאָכע אַן אויסווײַסער (лудильщик), און איז בוכשטעבלעך אונטערגעגאַנגען, פון הונגער, ווײַל אַזעלכע באַלמעלאָכעס האָבן זיך צעפּלאָדיעט

אין דער שטאָט זייער א סאך, און צינעווען איז ניט געווען וואָס. אָבער דער אַלטער איז געווען מונטער. ער האָט ניט פאַראַטן דעם געבאָט פון די אָוועס, נישט אראָפּגענומען פונעם קאָפּ זײַן יאַרמעלקע, אויך זײַן לאַנגן, אָפּגעניצעוועטן לאַפּסערדאַק, ניט געשוירן די פּייעס און אַלע פאַרנאַכט, באַגיסנדיק זיך מיט טרערן, געזונגען פּסוקים, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט דעם גלאַנץ פון ירושלאַיִם און אויך זײַן פאַלונג. ער איז געווען איינער פון יענע אָרעמע, אַנציקטע ייִדן, וועלכע קענען אין איפּעש און אוועק פונעם אויעזד-שטעטל בויען פאַר זיך א ווייטעקדיק-דערהויבענעם מיראַזש, וועלכער האָט אויסגעמאַטערט און גלײַכצײַטיק געגעבן קויעך צו לעבן". (מ. יע. סאַלטיקאָוו-שטשעדרין „די הײַנטצײַטיקע אידיליע").

סאַלטיקאָוו-שטשעדרין טרעט אַנטשיידן אַרויס קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם פון די הערשנדיקע קרײַזן. אינעם אַרטיקל „די יול-שטרעמונג", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1882 אינעם זשורנאַל „אָטעטשעסטווענ:יע זאַפּיסקי", שרײַבט ער: „די געשיכטע האָט קיינמאָל ניט אָנגעצייכנט אַף אירע שפּאַלטן קיין שווערערע, קיין פרעמדערע לעגאַבע מענטשלעכקײַט, קיין מער פּלאָגנדיקע פּראַגע, איידער די ייִדישע... ס'איז ניטאָ קיין אַנדער דערציילונג, וואָס צערײַסט מערער דאָס האַרץ, איידער די דערציילונג וועגן דעם, וויאַזוי איין מענטש איזדיעקוועט זיך אומענדלעך איבער אַן אַנדערן... וויפל סימפּאַטיע עס אַנטהאַלט אין זיך דאָס פאַרפאָלגטע ייִדנטום און וואָס פאַר א מעשונע ווילדע טראַגעדיע עס לויערט איבער זײַן עקזיסטענץ..."

דער שרײַבער-רעוואָליוציאָנער ג. א. מאַטשטעט (1852—1901) מאָלט מיט טיפער סימפּאַטיע אין זײַן דערציילונג „זשיד" דאָס געשטאַלט פון א ייִדישן אינטעליגענט. דער העלד פון דער דערציילונג, א זעמסקע דאָקטער, דאָוויד גורוויס, סטאַרעט זיך אויפקלערן זײַנע פרײַנט, דערציילן זיי דעם עמעס וועגן זײַן פאָלק; דאָס איז אַן אָרנטלעכער, אויפריכטיקער מענטש...

„איך וויל לאַכלוטן ניט מיט מײַן דערציילונג פאַרטיידיקן א גאַנצע נאַציע, — איך וויל ניט כאָטשבי דערפאַר, ווײַל אין אזא שוץ נייטיקט זי זיך, פאַרשטייט זיך, ניט. דאָס ייִדישע פאָלק פאַרמאָגט זײַן געשיכטע, וואָס אַפילע דער סאַמע אויסגעשפּראָכענער יודאָפאָב קאָן איר וועלט-באַדײַטונג ניט אָפּלייקענען..."

קעדיי אָפּוועגדן די פאָלקסמאַסן פונעם קאַמף מיט די עקספּלואַטאַטאָרן, אינספּירירט די רעאַקציע בלוטיקע פּאָגראָמען, שענדלעכע פּראָצעסן, אַזעלכע ווי דער ביילים-איניען.

„די דאָזיקע הענטשקע, וועלכע די אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקײַט, וואָס האָבן נאָך דערווײַל, צום אומגליק, א קויעך, האָבן א וואָרף געטאָן דעם גאַנצן געבילדעטן רוסלאַנד, דאַרפן טייקעף אופהייבן אַלע יענע, וואָס זעען אין דער פרײַהײַט און דעמאָקראַטיע א קויעך פאַר דער שאַפונג און לעבנס-טעטיקײַט פונעם פאָלק און פון דער געזעלשאַפט", — האָט געשריבן דער רעוואָליוציאָנער וו. מ. באָנטש-ברויעוויטש אין 1914 אין זײַן בוך „דער צייכן פון דער צײַט (דער מאָרד פון אַנדריי יושטשינסקי און דער ביילים-פּראָצעס. אײַנדרוקן פונעם קיִעווער פּראָצעס)".

אונטערן פּראָטעסט פון דער רוסישער אינטעליגענץ אין שײַכעס מיט דעם ביילים-איניען שטייען די כסימעס פון מ. גאָרקי, וו. קאָראָלענקאָ, ל. אַנדרייעוו, א. בלאָק, פון יע. טשעריקאָוון — דעם אָווטאָר פון דער דראַמע „ייִדן", פון דעם היסטאָריקער אי. גרעווס און פונעם פילאָלאָג-לינגוויסט אי. באָדוען דע קורטענע.

„פון לאַנגאָנען גייט א דויערעסדיקער קאַמף צווישן מענטשלעכקײַט, וואָס רופט צו פרײַהײַט, גלײַכבאַרעכטיקונג און ברידערלעכקײַט, און דער פריידיקונג פון פאַרשקלאַפונג, סינע און צעטיילונג. די זעלבע מענטשן טרעטן אַרויס פאַר רעכטלאָזיקײַט פונעם אייגענעם פאָלק, וועקן אין אים אַלץ אַקשאָנעסדיקער אויך אין אונדזער צײַט, ווי ס'איז טאָמיד געווען, דעם גײַסט פון רעליגיעזער סינע און פעלקער-האַס. ניט האָבנדיק קיין אָפּשײַ צו דער מיינונג און צו די רעכט פונעם פאָלק, זײַענדיק גרייט צו דערשטיקן עס מיט די האַרבסטע מיטלען, כאַנפענען זיי די פאָרורטיילן פונעם פאָלק, צעבלאָזן די אָבערגלויבעניש און רופן אײַנגעשפּאַרט צו גוואַלדטאַט איבער זײַנע ייִדישע לאַנדסלײַט... האָט מוירע פאַר יענע, וואָס פלאַנצן שעקער! גלייבט ניט אין דעם פינצטערן ליגן, איבער וועלכן ס'איז שוין פיל מאָל באַגאָסן געוואָרן בלוט, און איינע האָט מען אומגעבראַכט, אַנדערע האָט מען פאַרפלעקט מיט זינד און שאַנד!"

וו. ג. קאָראָלענקאָ (1853—1921) איז דער אָווטאָר פון א ריי אַרטיקלען קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם. אין יענע יאָרן איז ער געשטאַנען אין דער שפּיץ פונעם פּראָגרעסיוון זשורנאַל „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ".

אין דער שווערער צײַט פון רעאַקציע באַווײַזן זיך די דערציילונגען פון א. קופּרין („גאַמברינוס", „שולאַמיס"), וועלכע זײַנען דורכגעדרונגען מיט מיטגעפיל צום ייִדישן פאָלק, מיט אַן אינטערעס צו זײַן אוראַלטער געשיכטע.

אַף אַן אייגנאַרטיקן אויפן אַנטוויקלט אין זײַן פּאָעטישער שאַפונג די טראַדיציעס פונעם ביבלישן מאָטיוו אין דער רוסישער פּאָעזיע אי. א. בונין. די גרויסאַרטיק קאַרגע און פּינקטלעכע פּראָטים („ראָכלס קייווער"), די וווּנדערבאַרע געשטאַלטן פון די ביבלישע פּערסאָנאַזשן („שימשן"), די אײדעלע און פּרעכטיק אָנגעצייכנטע אין עטלעכע פירשורעדיקע לידער כאַראַקטערן („מאַגאָמעט און סאָפיע") — דאָס אַלץ זײַנען כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער ביבלישער טעמאַטיק אין בונינס פּאָעזיע.

ראָכלס קייווער

„און בא דעם וועג האָט יאַקאָוו זי צו קווורע געבראַכט"... און אַף איר שטילן קייווער פעלט
פון עמעצן אַן אויסגעקריצטע שורע,
איר נאָמען כאָטש זאָל לויכטן. טונקל העלט
באַנאַכט פון קייווער א געהיימער אָפּשײַן,
ווײַל אויסגעווײַסט מיט קאַלך איז איר געצעלט,
און וועלכן אַף אייביק זי איז אָפּ שוין.
איך קום אַהער, און זאָלן אַלע האָרכן —
איך קוש דעם קאַלך, וואָס אָפן שטיין ער העלט,
פון ווערטער ערדישע דאָס סאַמע זיסע — ראָכל!

מאַגאָמעט און סאָפיע

סאָפיע דאַרף קיין כײַן בא קיינעם ניט אַנטלײַען,
שווער זײַנען די צעפּ, און שלאַנק עס איז דער גוף.
„אַלע דאָ מיך זידלען. „ייִדישקע!" זיי שרײַען.
מאַגאָמעט, וואָס זאָל איך זאָגן אַף דערויף?"
מאַגאָמעט צעלאַכט זיך, און ער ענטפערט שפּעטער:
„ווען זיי וועלן צושטיין, זאָלסט זיי זאָגן דאַן —
ס'איז אַוורום מײַן טאַטע, מוישע איז מײַן פעטער,
מאַגאָמעט — מײַן מאַן".

(ייִדיש — א. ווערגעליס)

אין דער רוסישער געזעלשאַפט הייבן אָן צו שפּילן אַן אַלץ באַדײַטנדיקערע ראָליע די נײַע קויכעס, צווישן אַנדערע — די פּאַרטיי פון באָלשעוויקעס, וועלכע רופט צו פאַראייניקן די פּראָלעטאַריער פון אַלע פעלקער און לענדער. פאַר דער דאָזיקער פּאַרטיי האָבן ניט עקזיסטירט קיין שום „דאָפּלטע לייזונגען" פון די פראַגן וועגן די רעכט פון די ייִדן און פון אַנדערע „אינאָווערצעס" אין רוסלאַנד. אין 1914 האָט וו. אי. לענין אָנגעשריבן א געזעץ-פּראָיעקט וועגן נאַציאָנאַלער גלײַכבארעכטיקונג, אין וועלכן ער האָט געשאָנקען הײפּשע אויפמערקזאַמקײַט דאָס אָפּהיטן די רעכט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג.

„כאַווייריִם!

די רוסלענדישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער-פראַקציע האָט באַשלאָסן אַרײַנטראָגן אין דער IV מעלוכישער דומע דעם געזעץ-פּראָיעקט וועגן אָפּשאַפן די באַגרענעצונגען אין די רעכט פון די ייִדן און פון אַנדערע „אינאָראָדצעס", וועלכן איר וועט געפינען ווײַטער.

דער געזעץ-פּראָיעקט איז געווידמעט דער אָפּשאַפונג פון אַלע נאַציאָנאַלע באַגרענעצונגען קעגן אַלע נאַציעס: ייִדן, פּאָליאַקן אאַוו. אָבער ער שטעלט באַזונדערס אויספירלעך זיך אָפּ אַף די באַגרענעצונגען קעגן די ייִדן. די סיבע איז א קלאָרע: קיין איין נאַציאָנאַליטעט אין רוסלאַנד ווערט ניט אַזוי אונטערדריקט און פאַרפאָלגט, ווי די ייִדישע...

עס ווערן אָפּגעשאַפן אַלע און קאָלערליי געזעצן, צײַטווײַליקע קלאָלים, באַמערקונגען צו די געזעצן אאַוו., וועלכע באַגרענעצן די ייִדן אין וואָסער-ניט-איז ספערע פונעם געזעלשאַפטלעכן און מעלוכישן לעבן..."

דער גרונטלייגער פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור מאַקסים גאָרקי האָט אין זײַנע ווערק ניט ווייניק זײַטלעך געווידמעט דער לאַגע פון די ייִדן אין רוסלאַנד. ער מערקט אָפּ א נײַעם טיפּ ייִד, א ייִד א רעוואָליוציאָנער, א באָלשעוויק. אין זײַן דראַמע „וואַסאַ זשעלעזנאָווא" שטעלט זיך אַקעגן דער שוידערלעכער וועלט פון עקספּלואַטאַטאָרן — די זשעלעזנאָווס און כראַפּאָווס — די רעוואָליוציאָנערקע ראַשעל טאָפּאַז. אַדאַנק איר רײַסט איבער מיט זײַן סוויווע וואַסאַס זון פיאָדער. ביידע פרויען האָבן צאַרט ליב דעם קליינינקן קאָליע — ראַשעלס זון, וואַסאַס אייניקל. אויב אָבער פאַר דער קאַפּיטאַליסטקע זשעלעזנאָווא איז דעם ייִנגלס צוקונפט — די צוקונפט פון א „פעסטן באַלעבאָס", זעט די מוטער-באָלשעוויטשקע פאַר איר זון אַן אַנדער וועג — א וועג פון א פּראָגרעסיוון אינטעליגענט...

„ר א ש ע ל: הערט אויס, וואַסאַ באָריסאָווונאַ, גיט אָפּ דעם זון...

וו א ס א: ווידער, הייסט עס, ווילסטו זיך אַמפּערן? ניין, כ'וועל ניט אָפּגעבן!

ר א ש ע ל: איך קאָן זיך אַבסאָליוט ניט פאָרשטעלן — וואָס וועט איר טאָן מיט אים? וויאַזוי וועט איר אים דערציִען?

וו א ס א: ערגער זיך ניט, מירן עס קאָנען טאָן. מיר זײַנען מענטשן פעסטע. געלט פאַרמאָגן מיר, וועלן מיר דינגען די בעסטע לערערנס, פּראָפעסאָרן... מירן אים אויסלערנען...

ר א ש ע ל: איר וועט אים אויסלערנען ניט דאָס, וואָס עס דאַרף וויסן אַן ערלעכער מענטש... וואַסאַ באָריסאָווונאַ, איך קען ניט שלעכט אײַער קלאַס סײַ דאָ, אין רוסלאַנד, סײַ אין אויסלאַנד — דאָס איז א האָפענונגסלאָזער קראַנקער קלאַס!.. אַפילע די בעסטע, אַמערסטן קלוגע מענטשן אײַערע לעבן בלויז אויס עקל צום טויט, אויס פּאַכעד פאַר אים"...

אין דער סאָוועטישער רוסישער ליטעראַטור איז אין פיל צענדליקער ווערק פאַנאַנדערגעאַרבעט די ייִדישע טעמאַטיק. איבערן מאַנגל אין אָרט איז אין אָט דעם איבערזיכט מעגלעך אָנצורופן בלויז עטלעכע בײַשפּילן.

רומפול איז דער וועג אין דער רעוואָליוציע פון די העלדן אין באַריס קאַרנילאָווס „טריפּאָליע" — פון די ערשטע קאָמיוגיסטן אויף אוקראַיִנע, און אין איסאַק באַבעלס „קאָנאַרמיי". א באַדײַטנדיק אָרט אין ניקאָלײַ אָסטראָווסקיס ראָמאַן „וויאַזוי ס'האָט זיך פאַרהאַרטעוועט שטאָל" פאַרנעמען די געשטאַלטן פון ייִדן-אונטערערדלער, קאָמיוגיסטן, פּאַרטייער, צווישן וועלכע עס טיילט זיך אויס דאָס געשטאַלט פון ריטע אוסטינאָוויטש — א מאָנאָליטע נאַטור, גלײַכצײַטיק א שטאַרקע און א פרוייִש-צאַרטע, וועלכע האָט געשפּילט א וויכטיקע ראָל אין פאַרהאַרטעווען דעם כאַראַקטער פונעם הויפּט-העלד פון דעם ראָמאַן פּאַוועל קאָרטשאַגין. אינטערעסאַנטע טיפּן פון ייִדן-באָלשעוויקעס, וועלכע קאָנען פירן נאָך זיך די מאַסן, זײַנען געשאַפן געוואָרן אין די געשטאַלטן פונעם קאָמיסאַר קאָגאַן אין עדוואַרד באַגריצקיס פּאָעמע „די דומע פון אָפּאַנאַסן" און פונעם קאָמאַנדיר פון דעם ווײַט-מיזרעכדיקן פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד לעווינסאָן — איינעם פון די הויפּט-העלדן פון אַלעקסאַנדער פאַדייעווס ראָמאַן „צעקלאַפּט".

אין דעם ניט פאַרענדיקטן איבערן טויט פונעם אוטאָר ראָמאַן „בלוי און ווײַס" באַווײַזט אונדז דער באַוווּסטער סאָוועטישער פּראָזאַיִקער באַריס לאַווּרעניאָוו דאָס פרידלעכע לעבן ערעוו דער ערשטער וועלט-מילכאָמע פון א בײַ-יאַמישער שטאָט, א קרײַזל פון באָכערים און מיידלעך, צווישן זיי דעם יונגן יאַם-אָפיצער באָריס און דאָס ייִדישע מיידל מירע. דער קעגנזײַטיקער געפיל פון דעם יונגן פּאָרלשטויסט זיך אָן אין קליינבירגערלעכע שאָוויניסטישע פאָרורטיילן, אָבער באָריס געפינט אין זיך קויעך אריבערצושפּאַנען זיי. אַזוי פאָרמירן דעם כאַראַקטער פונעם יונגן רוסישן אינטעליגענט די ערשטע לעבנס-ניסיוינעס.

אינטערעסאַנט איז די ייִדישע טעמאַטיק אין דער שאַפונג פונעם הײַנטצײַטיקן אַוטאָר באָריס וואַסיליעוו. אין דעם ראָמאַן „אין דער רעשימע האָט ער זיך ניט גערעכנט" שאַפט ער דאָס געשטאַלט פון דער כאַווערטע פונעם הויפּט-העלד, דעם לעצטן פאַרטיידיקער פון דער לעגענדאַרער ברעסטער פעסטונג ניקאָלײַ פּלוזשניקאָוו. אין אַן אַנדער ראָמאַן פון דעם זעלבן שריפטשטעלער — „און באַגינענס זײַנען דאָ שטילע" איז מיט גרויס סימפּאַטיע געשילדערט סאָניע גורוויטש — א סטודענטקע, וועלכע איז פרײַוויליק אַוועק אויפן פראָנט. אין דער גרופּע מיידלעך-זעניטשיצעס טראָגט זי אַרײַן, קאָן מען זאָגן, א ווייכן „פּאָעטישן עלעמענט".

אויב אונטערפירן א קורצן סאַכאַקל, קאָן מען זאָגן, אַז אין אַלע ווערק, וועלכע מיר באַצייכענען מיט דער באַהאַנדלטער טעמאַטיק, טראָגט אַרײַן די רוסישע ליטעראַטור — סײַ די קלאַסישע, סײַ די הײַנטצײַטיקע — דעם גײַסט פון פעלקער-פרײַנטשאַפט און אינטערנאַציאָנאַליזם.

ייִדיש — ב. גערשמאַן

■ ■ ■

פובליציסטיק

יורי ווערטשענקאָ,
קים סעליכאָוו

אפגאניסטאן קעמפט, אפגאניסטאן האלט אָפ א ניצאָכן

אונדזער אעראָפלאן האָט א וויג געטאָן מיט די פליגל צו די בארג-הייכן און אָנגעהויבן לויט א ספיראל אראָפנידערן. עס איז דורכגעגאן ניט קיין סאך צײַט, און די שאסי פונעם מעכטיקן לײַנער באַרירן שוין ווייך דעם גרויען בעטאָן פונעם קאבולער אעראָדראָם. באם סאמע טראפ פונעם אעראָפלאן באגעגנט אונדז א גרופע אפגאנישע שריפטשטעלער, בעראָש מיטן מיטגליד פון דער פאָליטביוראָ פונעם צענטראל-קאָמיטעט פון דער פאָלקס-דעמאָקראטישער פארטיי פון אפגאניסטאן, דער באוווסטער פאָעט און פאָרזיצער פונעם שרײַבער-פארבאנד פון דער רעפובליק דאסטאגיד פאנדזשירי. די העלע זומערדיקע זון פארבלענדט מאמעש די אויגן, שפילט לייצאָנעס איבער אונדזערע ווארעמע היטלען און מאנטלען. שמייכלענדיק, זאָגט דער כאווער פאנדזשירי:

— מיר האָבן א ווונטש, אז די שטראלן פון אונדזער זון זאָלן צוזאמען מיט די הייסע הערצער פונעם גאנצן פאָלק באגריסן די אָנטיילנעמער פון די ערשטע אין דער געשיכטע פון אונדזער לאנד טעג פון דער סאָוועטישער ליטעראטור. אין נאָמען פונעם צק פון דער פאָלקס-דעמאָקראטישער פארטיי פון אפגאניסטאן, פון די שריפטשטעלער, פון אלע מײַנע לאנדסלײַט גראטולירן מיר אײַך און בעטן די שעליכים פון דער גרויסער ליטעראטור פון אונדזער גרויסן צאָפנדיקן שאָכן זײַן די סאמע געגארטע געסט פונעם רעוואָליוציאָנערן אפגאניסטאן!

...אזוי האָבן זיך אָנגעהויבן די טעג פון דער סאָוועטישער ליטעראטור אף דער אפגאנישער ערד. אין באשטאנד פון אונדזער דעלעגאציע זײַנען געווען דער קאזאכישער פאָעט אָלזשאס סוליימאנאָוו, דער אוקראינישער פאָעט דמיטראָ פאווליטשקאָ, דער ווײַסרוסישער פאָעט אנאטאָלי גרעטשאנינאָוו, די מאָסקווער דיכטערן ליודמילע שטשיפאכינא. די סאָוועטישע שריפטשטעלער האָט אויפגענומען דער גענעראל-סעקרעטאר פונעם צק פון דער פאָלקס-דעמאָקראטישער פארטיי פון אפגאניסטאן, פאָרזיצער פונעם רעוואָליוציאָנערן ראט פון דער רעפובליק כאווער באבראק קאראמאל.

נאָך דער פײַערלעכער דערעפענונג פון די טעג מיטן אָנטייל פון פאָרשטייער פון דער געזעלשאפטלעכקײַט פון דער אפגאנישער הויפטשטאָט איז פאָרגעקומען א וויסנשאפטלעך-פראקטישע קאָנפערענץ, געווידמעט דער סאָוועטישער ליטעראטור. די שרײַבער, וועלכע זײַנען ארויסגעטראָטן אף דער קאָנפערענץ, האָבן דערמאָנט, וואָס פאר א קאָלאָסאלן אײַנפלוס די סאָוועטישע ליטעראטור האָט געהאט אף דער פאָרמירונג פון די כאראקטערן פון די יונגע קעמפער פאר פרײַהײַט אויך פאר דער רעוואָליוציע אין אפגאניסטאן. די ווערק פון מאקסים גאָרקין, די קעמפערישע לידער פון וולאדימיר מאיאקאָווסקין, פאדייעווס ראָמאן וועגן די יונגגווארדייער האָבן באגײַסטערט די רעוואָליוציאָנערן, געגעבן זיי קויעך איבערצולעבן אלע גרוילן פון די פײַניקונגס-קאמערן אין דער קיניגלעכער און אמינישער טורמעס, ניט פארלירן דעם קויעך פון זייער גײַסט, פארבלײַבן, ניט געקוקט אף די פיזישע פײַ-

ניקונגען, טרײַ דער זאַך פון דער פארטיי, פונעם פאָלק.

די ביכער פון די סאָוועטישע אווטאָרן זײַנען אינעם ביזרעוואָליוציאָנערן פעריאָד פאקטיש ניט ארויסגעגעבן געוואָרן אין אפגאניסטאַן. אהער, אין אָט דעם לאנד, זײַנען זיי ארײַנגעפאלן מיט אן אומלעגאלן וועג, ניט זעלטן האָט מען זיי דאָ איבערגעשריבן מיט דער האנט און פארשפרייט צווישן דעם פאָלק געהיים פון דער פאָליציי. פארמאכנדיק פעסטער אף א שלאָס דעם טויער פון זייער הויז, בא א בלאסער שײַן פון א קעראָסין-לעמפל, האָבן די רעוואָליוציאָנערן-אונטערערדלער דורכגעפירט מאסן-פאָרלעזונגען פון דער סאָוועטישער ליטעראטור פאר די אָרעמעלײַט, וועלכע האָבן פון קינדווײַז נישט געקענט ניט לייענען, ניט שרײַבן. אזעלכע אנאלפאבעטן זײַנען אין דעם לאנד געווען ניט קיין הונדערטער און ניט קיין טויזנטער, נאָר מיליאָנען. 98% פון דער אפגאנישער באפעלקערונג זײַנען ביז דער אפרעל-רעוואָליוציע געווען אנאלפאבעטן, געלעבט אין פינצטערניש און אָרעמקײַט. אף 17 מיליאָן אײַנוווינער זײַנען געווען ווייניקער פון איין טויזנט דאָקטוירים. די טעכנישע אינטעליגענץ האָט געהאט אין איר באשטאנד סאכאקל עטלעכע הונדערט מענטשן.

הײַנט, נאָך דער רעוואָליוציע, האָט דאָס גאנצע לאנד — קינדער און דערוואקסענע, דעכקאנען, סאָלדאטן, פרויען און מאנצבלען — ניט געקוקט אף דער קריגס-לאגע, ארויסגעוויזן א שטארקן ווילן לערנען אין די באטאָגיקע- און אָוונט-שולן. די אפגאנישע יוגנט דערלערנט מיט גרויס אינטערעס די רוסישע שפראך, וועלכע העלפט איר בעסער צו וויסן די געשיכטע און דעם אָוואר פון דעם ברידערלעכן סאָוועטישן פאָלק. אף פילצאָליקע קורסן, אינעם אוניווערסיטעט און אין די אינסטיטוטן איז די שטודירונג פון דער קינסטלערישער ליטעראטור געוואָרן אן אומאָפנעמבארער טייל פונעם גײַסטיקן לעבן פון מיליאָנען בירגער פון דער רעפובליק.

— דאָס איז יענער קוואל פון דערקוויקנדיקן וואסער, וועלכן ס'האָט ענדלעך געפונען אונדזער קאראוואן נאָך א לאנגן, אויסמאטערנדיקן וועג אין א מידבער, — האָט געזאָגט אין זײַן ארויסטרעטונג דאסטאגיר פאנדזשירי. — שוועריקײַטן זײַנען הײַנט פאראן בא די אפגאנישע שריפטשטעלער ניט ווייניק. און דאָס איז נאטירלעך. אָבער עס מאכט שוין זײַנע ערשטע זיכערע טריט דער יונגער שרײַבער-פארבאנד פון אפגאניסטאַן וועלכער איז געשאפן געוואָרן אין 1980 יאָר. דאָס איז די ערשטע אין דער פילדויערסדיקער געשיכטע פונעם לאנד פארייניקונג פון ליטעראטורן.

א גרויסע פאָפולערקײַט האָבן דערוואָרבן, צוזאמען מיט דער אפגאנישער ליטעראטור, די ביכער פון די הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע שריפטשטעלער. א באזונדערן אינטערעס ווײַזט ארויס דער אפגאנישער לייענער צו די ווערק פון אזעלכע מײַסטערס פון דער ליטעראטור, ווי מיכאיל שאָלאָכאָוו און באָריס פאָלעוואָי, יורי באָנדארעוו, ניקאָלײַ טיכאָנאָוו, געאָרגי מארקאָוו, ראסול גאמזאטאָוו, טשינגיז אײַטמאטאָוו און פיל אנדערע. מיט גרויס אינטערעס האָבן אויסגעהערט אונדזערע קאָלעגן אין קאבול די ארויסטרעטונגען פון די סאָוועטישע שריפטשטעלער, וועלכע האָבן דערציילט וועגן דער אנטוויקלונג פון דער פילנאציאָנאלער ליטעראטור אין אונדזער לאנד, זיך געטיילט מיט דער פערזענלעכער דערפארונג פון דער ארבעט און מיט די שעפערישע פלענער אין דער צוקונפט. נאָך דער קאָנפערענץ זײַנען פאָרגעקומען פילצאָליקע באגעגענישן פון דער סאָוועטישער דעלעגאציע מיט די ארבעטנדיקע, קריגסלײַט און יוגנטלעכע פון דער רעפובליק. די ערשטע באגעגעניש איז געווען מיט די ארבעטער פונעם קאבולער בוי-קאָמבינאט. ווארעם און הארציק האָבן אונדז אופגענומען די בויער פון דער הויפטשטאָט. נאָך א פײַערלעכן מאסן-מיטינג, האָט אונדז די אָנפירונג פונעם קאָמבינאט באקאנט מיטן לעבן פונעם פילטויזנטקעפיקן ארבעטער-קאָלעקטיוו. דער קאָמבינאט איז אויסגעבויט געוואָרן מיט דער הילף פונעם סאָוועטנפארבאנד נאָך אין 1965 יאָר. אָבער מיט דער פולער מעכטיקײַט האָט ער אָנגעהויבן ארבעטן בלויז נאָך דער אפרעל-רעוואָליוציע.

— יעדעס נײַ וווין-הויז פאר די ארבעטנדיקע אין קאבול — דאָס איז ניט נאָר א ווירטשאפטלעכער, נאָר אויך א פאָליטישער זיג, — דערציילן אונדזערע פרײַנט, — דאָס איז די בעסטע אָנשוילעכע באשטעטיקונג פון דער קעסיידערדיקער זאָרג פון דער פאָלקס-דעמאָקראטישער פארטיי און פון דער רעגירונג וועגן די נויטן פונעם פאָלק.

מיר האָבן געזען די פרוכטן פון דער אקשאָנעסדיקער מי פון די ארבעטער, אינזשענירן און טעכניקער פונעם קאָמבינאט, ווען מיר האָבן זיך באקאנט מיט באזונדערע קווארטאלן פון דער הויפטשטאָט. דאָס זײַנען גרויסע וווין-מאסיוון, מיקראָראיאָנען מיט הײַנטצײַטיקע באקוועמע דירעס, אין וועלכע עס וווינען שוין טויזנטער געזינדן פון די ארבעטנדיקע. אין די הײַזער איז פאראן הייסע וואסער און צענטראלע באהייצונג, קא-

נאַליזאַציע, באַקוועמע קיכן פאַר די באַלעבאָסטעס. אַזעלכע מויערן זעען אויס ווי עמעסע פאַלאַצן אין פאַרגלײַך מיט די נעבעכדיקע הײַזקעלעך, וועלכע האָבן זיך צוגעקלעפּט, ווי פייגל-נעסטן, צו די באַרגשיפּוים, און ווּ עס זײַנען ניטאָ קיין עלעמענטאַרסטע באַדינגונגען פאַרן לעבנשטייגער פון די מענטשן. צום באַדויערן, לעבן נאָך אין אַזעלכע באַדינגונגען אַ סאַך מישפּאָכעס פונעם האָרעפּאַשנעם קאַבול. דעם קאָלעקטיוו פונעם בוי-קאָמבינאַט שטייט נאָך פאָר אַ סאַך צו טאָן, קעדיי לייזן אין די נאָענטסטע יאָרן די וווינונגס-פּראָבלעם אין דער שטאָט. שוין הײַנט האָט דער מוניציפּאַליטעט פון קאַבול אויסגעטיילט נײַע הונדערטער העקטאַר ערד פאַר נײַע פאַרבויונגען. בוי-פּלעצער, אַף וועלכע עס מיִען זיך אַפגאַנישע אַרבעטער האַנט באַ האַנט מיט סאָוועטישע ספּעציאַליסטן, האָבן מיר געזען ניט נאָר אין קאַבול, נאָר אויך אין די פּראָווינצן, ווּ די אַרבעטנדיקע פונעם לאַנד האָבן, פּונקט ווי אין דער הויפּטשטאָט, הייס און האַרציק אופגענומען די דעלעגאַציע פון די סאָוועטישע שריפטשטעלער.

רויִק לעבט און אַרבעט די שטאָט דזשעלאַלאַבאַד, וועלכע איז ענלעך אַף אַ גרויסן סאָד. אין די פילצאָליקע קלייטן און אַפן טומלענדיקן און בונטן מאַרק גייט אַ לעבהאַפטער האַנדל. עס אַרבעטן אין שטאָט אַלע שולן, אַן אָפּטייל פונעם קאַבולער אוניווערסיטעט. אין פולן גאַנג זײַנען די אידוסטריעלע אונטערנעמונגען. עס זײַנען אָפן די טירן פון די מעטשעטן. אַפן שטאָטישן סטאַדיאָן איז פאָרגעקומען אַ באַגעגעניש פון די אַרבעטנדיקע פון דער שטאָט מיט די סאָוועטישע שרײַבער. עס האָבן זיך פאַרזאַמלט טויזנטער מענטשן. ווײַסבערדיקע, געזעצטע זקיינים האָבן פאַרנומען בעקאָוועדיקע ערטער — ווייכע שטולן אין די ערשטע רייען. הינטער זייערע פּלייצעס, אַרונטערגענומען די פיס אונטער זיך, זיצן איבער דער גאַנצער ברייט פונעם גרינעם פעלד פון דעם סטאַדיאָן יונגע כעווּרע, אַרבעטער און סאָלדאַטן, סטודענטן און שילער. העכער צוויי שאָ האָט געדויערט די דאָזיקע אומפאַרגעסלעכע, רירנדיקע באַגעגעניש. זי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אויסטערלישער דעמאָנסטראַציע פון אומצערײַסבאַרער אַפגאַניש-סאָוועטישער פרײַנטשאַפט, אין אַ יאָמטעוו פון די ליטעראַטורן פון צוויי ברידערלעכע פעלקער. באַזונדערס לאַנג האָבן די אָנטיילנעמער פונעם מיטינג ניט געוואָלט אָפּלאָזן פון דער טריבונע אונדזערע פּאָעטן, וועמענס לידער וועגן דער ליבע צום היימלאַנד, וועגן פאַרטיידיקן דאָס סאָציאַליסטישע פּאָטערלאַנד האָבן געפונען אַ הייסן אָפּקלאַנג אין די הערצער פון אונדזערע פרײַנט. פאַרלאָזט דעם סטאַדיאָן האָבן מיר מיט פרישע רויזן, גוואָזדיקעס, שמעקנדיקע כריזאַנטעמעס, וועלכע ס'האָבן אונטערגעטראָגן באַם געזעגענען זיך די דאַנקבאַרע אײַנוווינער פונעם נאַנגאַרכאַרער טאָל.

...און ווידער איז אונדזער דעלעגאַציע אין וועג. בײַטנדיק אין מאַזאַרי-שאַריף דעם עראָפּלאַן אַף אַ העליקאָפּטער, פליִען מיר אַף צאָפן פון דער רעפּובליק, קיין שיבאַרגאַן, וועלכער איז אַ וויכטיקער צענטער פון דער יונגער פּאָטערלענדישער אינדוסטריע פונעם לאַנד. ווי באַוווּסט, האָט מען דאָ זײַנערצײַט געפונען מיט דער הילף פון סאָוועטישע געאָלאָגן רײַכע לאַגערן פון נאַטירלעכן גאַז. אַדאַנק דער אָנשטרענגונג פון דער פּאָלקס-מאַכט, אַרבעט הײַנט אַף דער פולער מעכטיקײַט אין דער אומגעגנט פון דער שטאָט שיבאַרגאַן אַ גאַז-געווערב. ס'איז געקומען די צײַט, ווען די שיבאַרגאַנער גאַז באַפרידיקט אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס די הייצוואַרג-ענערגעטישע באַדערפענישן פונעם לאַנד, ער ווערט אויסגענוצט אין דער פּראָדוצירונג פון כעמישע באַגיטיקונגען אַפן זאַוואָד אין מאַזשאַרי-שאַריף. עס פליסט אַפגאַנישער גאַז אויך דורך דער גאַזלייטונג פון פרײַנטשאַפט אין דער סאָוועטישער מיטלאַזיע. שיבאַרגאַן — די שטאָט פון אַרבעטער און געאָלאָגן — נעמט אוף אַף אַ ברידערלעכן אויפן די שעליכים פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. נאָך אַ פילטויזנטקעפּיקן מיטינג אַפן שטאָטישן פּלאַץ, לאַדט מען אונדז אײַן אַף אַ פײַערלעכן יאָמטעוו — דאָס אָפּגעבן אין עקספּלואַטאַציע אַ גאַנץ וווין-שטעטל פאַר די געזינדן פון די אַרבעטנדיקע. די בעסטע וואַנגאַרדיסטן פון דער מי באַקומען די שליסל פון זייערע נײַע דירעס.

— דאָס, וואָס די פּאָלקס-מאַכט האָט מיר געגעבן אַ גרויסע, ליכטיקע שטוב מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן איז אַ גרויס גליק פאַר מיר און פאַר מײַן מישפּאָכע. עס ווילט זיך אַרבעטן נאָך בעסער, זיכערער, מיט געווער אין די הענט פאַרטיידיקן אונדזער רעוואָליוציע, — האָט געזאָגט אַ יונגער אַרבעטער אַף אַ ספּאָנטאַנעם, רירנדיקן מיטינג פון נײַבאַוווינער אין שיבאַרגאַן.

...אַ ווײַטער און ניט קיין גרינגער איז דער וועג ביז קישלאַק מעסראַבאַד, וועלכער האָט אַ גוטן שעם אין דער גאַנצער רעפּובליק. עס גייען אַרויס אונדז באַגעגענען אַלע אײַנוווינער, ווי מע זאָגט — פון קליין ביז גרויס. אינעם נאָמען פון דער דעלעגאַציע פון די סאָוועטישע שריפטשטעלער איז אַרויס-

געטראָטן מיט אַ רעדע אַף זײַן מוטער-
שפּראַך דער קאַזאַכישער פּאָעט אָלזשאַס סו-
לײמענאָוו. מע פאַרשטײט אים דאָ אָן אַן
איבערזעצער, עס הילכט אַן אומגעריכטער
פאַר אונדז אײנמוטיקער „הוראַ!”. נאָכדעם
לאָדן אונדז אײַן צו זיך צוגאַסט די פרויען.
אַפן געראַמען הויף שטײט אין אַ קאַמפּס-
רײ דער ערשטער אין אַפגאַניסטאַן פרויען-
באַטאַליאָן פון זעלבסטשוץ. דרײַ הונדערט
מײדלעך מיט אויטאָמאַטן און ביקסן. אַ טראַ-
גישע געשעעניש האָט זײ געצוווּנגען נעמען
אין די הענט געווער. אַפן קישלאַק איז אָנגע-
פאַלן אַ באַנדע דושמאַנען, וועלכע האָט
אָנגעהויבן ראַבעווען הײַזער, אוועקטרײַבן
דאָס פי, אומבאַראַכמאָנעסדיק דערשיסן זײע-
רע מענער, ברידער און קינדער. אָט דעמלט
טאַקע האָבן זײ, אויסוויינענדיק די אויגן פון
צאַר, וואָס זײ האָבן פאַרלאָרן זײערע נאָענ-
טע, זיך פאַרײניקט אין זײער האַס צו די
באַנדיטן. זײ האָבן אָנגעהויבן שטודירן די
ניט פרויישע, ניט גרינגע מיליטער-פּראָפע-
סיע. אַן ערעך אין אַ כוידעש אַרום — אַן
אַליאַרעם אינמיטן דער נאַכט: צום קישלאַק
איז צוגעקומען אַ נײַע גרויסע באַנדע. עס
האָבן זי באַגעגנט די פרויען, וועלכע האָבן
פאַרנומען לויט אַלע אַרמײ-קלאָלים אַ שוץ-
פּאָזיציע אַרום דעם קישלאַק. געשאָסן האָבן
זײ פּינקטלעך און צו באַגינען-צו אָפּגעשלאָגן
עטלעכע אַטאַקעס פון די דושמאַנען. די באַנ-
דע איז אין אײַלעניש אָפּגעטראָטן.

דושמאַנען... אונדז איז אויסגעקומען
שמועסן מיט יענע, וועלכע האָבן נאָך אין
דער ניט וויַטער פאַרגאַנגענהײַט געראַבע-
וועט און געהאַרגעט זײערע לאַנדסלײַט. אַרײַנ-
פאַלנדיק אין געפענקעניש, טײַנען אַ סאַך
פון זײ, אַז מע האָט זײ מיט קויעך געצוווּנ-
גען צו נעמען געווער אין די הענט, ניט זײ
האָבן, קלוימערשט, געשאָסן אין שוצלאָזע
זקײנים, פרויען און קינדער, נאָר אַנדערע.
„אָנגעשראָקן”, „אָפּגענאַרט”, „געצוווּנגען”...
אַזוי זאָגן זײ, און אַלײן האָבן זײ מוירע צו
קוקן אין די אויגן פונעם אויספאָרשער, וועל-
כער פאַרמאָגט אומבאַשטרײַטבאַרע באַווײַזן
פון צענדליקער מענטשן, דאָקומענטן, פאָטאָ-
גראַפיעס, וועלכע זאָגן עדות וועגן די פאַר-
ברעכנס פון די דאָזיקע מערדער... די רע-
וואָליוציאָנערע רעפּובליק באַשטראָפט האַרב
און אַף אַ גערעכטיקן אויפן אירע סאָנים.
זי ווײַזט אָבער אַרויס עכטן מענטשלעכן
הומאַניזם צו יענע, וועלכע האָבן פרײַוויליק
אַוועקגעלײגט דאָס געווער.

— איך בין געווען דער אָנפירער פון
אַ גוט צוגעגרײטער אין פּאַקיסטאַן מיצאַד
אַמעריקאַנער אינסטרוקטאָרן באַנדע, — דער-
צײלט אַ שוואַרץ-אויגיקער באָכער, וועלכער
איז ניט לאַנג צוריק אַלט געוואָרן בלויז
20 יאָר. — דערפילנדיק די גאַנצע לאַסט פון
מײַן פאַרברעכן קעגן דעם פאָלק, בין איך
צוזאַמען מיטן גאַנצן אָטריאַד פרײַוויליק אַרי-
בער אַף דער זײַט פון דער אַפגאַנישער אַרמײ.
— מיט בלוט פון אומשולדיקע מענטשן
זײַנען פאַרפלעקט מײַנע הענט, — זאָגט, ניט
אויסהאַלטנדיק, אַן אַנדער אָנפירער פון דער
באַנדע, אַ הענערער אין וווּקס, מיט געדיכטע
ברעמען, די גרויע אויגן זײַנע קוקן אַזעס-
דיק, קימאַט ניט פינטלענדיק. — אויב מײַן
אײגן פאָלק וועט מיר מויכל זײַן, וועל איך
מײַן לעבן פאַר דעם ניט שאַנעווען.

מע איז זײ מויכל געווען, זײ זײַנען
פרײַוויליק געוואָרן קריגסלײַט פון דער אַפ-
גאַנישער אַרמײ, און זײ קעמפן, ווי מיר האָבן
ניט לאַנג צוריק זיך דערוווּסט, מיט די סאָ-
נים פון דער רעוואָליוציע.

מעכטיקע קלעפּ איבער די באַנדעס
קאָנטררעוואָליוציאָנערן האָט דערלאַנגט אין
דער לעצטער צײַט די אַפגאַנישע אַרמײ. דאָס
איז אַן אַרמײ פון אַ נײַעם טיפּ, וועלכע איז
געאַכטעט און באַליבט באַם פאָלק. זי ווײסט
גוט, פאַר וואָס זי קעמפט, וועמען זי פאַר-
טײדיקט. מיט 175 יאָר צוריק האָט פ. ענגעלס
געשריבן: „...די אַפגאַנער זײַנען אַ דרײסט,
ענערגיש און פרײַהײַטליבדיק פאָלק”. און
דאָס איז ווירקלעך אַזוי. אָבער אַ הײַנטצײַטי-
קער שלאַכטמאַן דאַרף באַגלײַך מיט זײַן מוט
און דרײסטקײַט באַזיצן מיליטערישע קענטע-
נישן, קעדײ געניט זיך אופירן אַפן שלאַכט-
פעלד, פולקום באַהערשן די גרויזאַמע און
קאָמפּליצירטע קריגס-טעכניק. אין אײנע פון
די מיליטערישע שולן האָט מען אונדז באַ-
קאַנט מיט דער לערן-פּראָגראַם פון די קינפ-
טיקע אָפיצער-קאַדרען פון דער אַפגאַנישער
אַרמײ. די פּראָפעסיאָנעלע מיליטערישע לער
באַהעפט זיך מיט פּאָליטישער צוגרײטונג.
די דערצויגלינגען פון אָט דעם מיליטערישן
אוניווערסיטעט האָבן גוט זיך באַוויזן אינעם
קאַמף מיט די קאָנטררעוואָליוציאָנערע אויס-
וואורפן. און האַגאַם ניט ווייניק פון זײ זײַנען
געפאַלן מיט אַ העלדישן טויט אין די
שלאַכטן, דאָך האָט קײנער ניט פאַראַטן די
זאַך פונעם פאָלק, די זאַך פון דער אַפּרעל-
רעוואָליוציע. נאָך דעם מיטינג האָבן מיר גע-
שמועסט מיטן שעף פון דער שול — אַ גרויען,
אָבער יוגנטלעך שטאַלטנעם גענעראַל.

— די מיליטערישע מײַסטערשאַפט לער-
נען מיר זיך בא דער סאָוועטישער אַרמײ, —
דערצײלט דער גענעראַל, — פאַר אונדז, אַפ-
גאַנישע שלאַכטלײַט, דינען אַלס מוסטער פון
אויספילן דעם הויכן מיליטערישן און אינ-

טערנאַציאָנאַלן כּיוו די סאָלדאַטן און אָפּי-
צערן פונעם באַגרענעצטן קאָנטינגענט פון
דעם סאָוועטישן מיליטער אין אַפגאַניסטאַן,
וועלכער העלפט אונדז באַשיצן דאָס לאַנד
פון די קאָנטררעוואָלוציאָנערע קריכעס.

אין אַט זעען מיר די פּנעמער פון
אונדזערע סאָלדאַטן און אָפּיצערן, וועגן וועל-
כע ס'האָט מיט אַזויפיל וואַרעמקייט זיך
אָפּגערופן דער אַפגאַנישער גענעראַל. פּאַר-
ברוינטע, מיט אַ גוטן האַרציקן שמייכל, ליבע
פּנעמער פון יונגע סאָוועטישע שלאַכטלײַט.
מיר זײַנען באַ זיי צוגאַסט. דאָ האָט מען ליב
און מע שעצט אָפּנעמעסן די פּאַטערלענדי-
שע ליטעראַטור... די יונגע שלאַכטלײַט צע-
שיידן זיך ניט אין די פרײַע פון מיליטער-
דינסט שאָען מיטן בוך. אייניקע פון זיי פּרוּוון
אַליין זייערע ליטעראַרישע קריכעס, שרײַבן
לידער און דערציילונגען, פירן טאָגבוכער.
פּאָעזיע האָט דאָ אַ באַזונדער קאָוועד. די
סאָלדאַטן און אָפּיצערן האָט גערירט דמיטראָ
פּאַווליטשקאָס ליד, אַן אָנגעשריבענע דאָ, אָף
דער אַפגאַנישער ערד. די ליד איז געוויד-
מעט די סאָוועטישע שלאַכטלײַט, וועלכע פילן
מוטיק אויס זייערע נאַציאָנאַלע פליכטן. אַנאַ-
טאָלי גרעטשאַנינאָוו לייענט לויט דער באַ-
קאָשע פון זײַנע לאַנדסלײַט לידער וועגן
ווײַסרוסלאַנד. אַלזשאַס סולײמענאָוו — וועגן
דעם ברייטן קאַזאַכישן סטעפּ, וועלכער גע-
בירט גוט ברויט און שיקט צו די שטערן
קאָסמישע שיפן. ליודמילע שטשיפּאַכינאַ —
וועגן דעם סאַמע פאַרבאָרגענעם: וועגן ליבע
און טרײַשאַפט.

מע בעט די פּאָעטן, זיי זאָלן לייענען
נאָך און נאָך לידער. אָבער אונדזער צײַט
האָט זיך פאַרענדיקט. ווידער רופט אונדז
דער ווײַטער וועג איבער דער אַפגאַנישער
ערד.

נאָך דעם, ווי עס זײַנען פײַערלעך גע-
שלאָסן געוואָרן די טעג פון דער סאָוועטי-
שער ליטעראַטור אין אַפגאַניסטאַן, האָבן מיר
זיך ווידער פאַרזאַמלט אינעם זאַל פון אונדזער
קולטור-צענטער אין קאַבול באַם „רונדן
טיש". מיר האָבן אָנגעמערקט געמײנזאַמע
מיט די אַפגאַנישע קאָלעגן ליטעראַרישע אַק-
ציעס אָף דער צוקונפט, געטרונקען טיי, ניט
געוואָלט זיך שיידן איינער מיטן אַנדערן.
מאָרגן דאַרפן מיר אָבער אַרויספליִען קיין
מאָסקווע. די אַפגאַנישע פרײַנט וועלן אָף אַן

אַקטיוויסטן אויפן אַנטיילנעמען אינעם קאַמף
פאַר ליקווידירן דעם אַנאַלפאַבעטיזם, פאַר
אַנטוויקלען די פאָלקסווירטשאַפט. זיי וועלן
מיט זייער פלאַמיק וואָרט באַגײַסטערן דאָס
פאָלק צו פאַרטיידיקן די רעפּובליק.

דער באַוווּסטער פּאָעט סולייםאַן לאַיעק
קאָאָרדינירט זײַן שעפערישע טעטיקייט מיט
די פליכטן פון מיניסטער איבער די אײניאַ-
נים פון פעלקערשאַפטן און שוואַטים, ווי אויך
פון פּרעזידענט פון דער וויסנשאַפט-אַקאַדע-
מיע פון דער דעמאָקראַטישער רעפּובליק
אַפגאַניסטאַן.

— די היינטצײַטיקע אַפגאַנישע ליטע-
ראַטור האַלט אין איין האַנט די פּען און אין
דער צווייטער — דעם אויטאָמאַט, — זאָגט ער.
באַריק שאַפיי שענקט פיל קריכעס דער
געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אינעם נאַציאָנאַלן
פאַטערלענדישן פראָנט פונעם לאַנד. דער
יונגער פּאָעט קאַווען טופאַני שטייט בראָש
פון דער צײַטונג „כאַקיקאַטע אינקילאַבע
סאָור" („דער עמעס פון דער אַפּרעל-רעוואָ-
ליוציע"), דעם אָרגאַן פונעם צק פון דער
פאָלקס-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון אַפגאַני-
סטאַן, און זײַן כאַווער, דער פּאָעט אַבדולאַ
נאַיִב, איז אַ פאַראַנטוואָרטלעכער מיטאַרבע-
טער אין צק פון דער פּאַרטיי. אָף דעם הויכן
פּאָסטן פון רעקטאָר פונעם קאַבולער אוני-
ווערסיטעט איז נאָמינירט געוואָרן דער גוט
באַקאַנטער אין אונדזער לאַנד שרײַבער אַסאַ-
דולאַ כאַביב.

היינט לעבט די אַפגאַנישע ליטעראַטור
און אַנטוויקלט זיך אין דער סאַמע געדיכטע-
ניש פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן.
זאָרגעוודיק פאַרהיטנדיק אין זיך די קלוג-
שאַפט און די קינסטלערישע ווערטן פון די
פאַרגאַנגענע דוירעס, שטרעבט זי צו ווערן
אַזאַ, ווו דער הויפּט-העלד וועט ווערן דאָס
אַרבעטזאַמע אַפגאַנישע פאָלק, וואָס בויט אַ
נײַ, ליכטיק לעבן.

די מיטאַרבעט פון די סאָוועטישע און
אַפגאַנישע ליטעראַטורן טראָגט אַרײַן איר
צושטײַער אינעם פעסטיקן די ברידערלעכע
פרײַנטשאַפט צווישן דעם סאָוועטישן און אַפ-
גאַנישן פאָלק.

אַ הויכן שוווּנג דיר, רעוואָלוציאָנערע
ליטעראַטור פון דער דעמאָקראַטישער רעפּוב-
ליק אַפגאַניסטאַן!

צו דער פראגע וועגן דעם לעבנס-ניוואָ אין ייִשׂראל (לויט דער דאָרטיקער פרעסע).

ווי פיל קאָסט אַ גענוצטע דירה?

תל־אביב (צינס). — גענוצטע דירות אין ישראל קאָסטן באַדייטנדיק ביליקער ווי נייע — טיילט מיט מעריב. די צייטונג האָט פאַרעפנטלעכט פאָלגנדע פּרטים אין שייכות מיט דעם דאָזיקן ענין. אַ דירה פון פינף צימערן אין דער אַריסטאָקראַטישער געגנט פון רחביה אין ירושלים, קאָסט אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר. אָבער דער פּרייז פון דער זעלבער דירה אין רמות איז בלויז 95 טויזנט דאָלאַר.

אַ דריי־צימערדיקע דירה אין דער גילה געגנט אין ירושלים קאָסט 59 טויזנט דאָלאַר. אָבער אין דער שכונה תלפיות איז שוין דער פּרייז פון דער זעלבער דירה 75 טויזנט דאָלאַר. אין צענטער פון שטאָט וועט מען פאַר איר פאָדערן 105 טויזנט דאָלאַר.

פאַר אַ דירה פון דריי־מיט־אַ־האַלב צימערן אויף רחוב חרל"ה פאַרלאַנגט מען 155 טויזנט דאָלאַר.

וואָס שייך תל־אביב פאַרלאַנגט מען פאַר אַ דירה פון דריי צימערן 70 טויזנט דאָלאַר. אין צפון טייל פון דער שטאָט איז דער פּרייז פאַר דער זעלבער דירה 90 טויזנט דאָלאַר.

אָבער אין רמת אביב קען מען קויפן אַ דריי־צימערן דירה פאַר 75 טויזנט דאָלאַר.

אַנדערש איז עס אין חיפה, וווּ אַ דירה פון דריי צימערן קען מען באַקומען פאַר 50 טויזנט דאָלאַר; און אויפן כרמל קאָסט שוין די זעלבע דירה צווישן 70 און 85 טויזנט דאָלאַר. דאָ האַנדלט זיך אָבער אין אַ גענוצטער דירה און די פּרייזן זענען אין דאָלאַרן.



אַט וואָס פאַר א לעבן זיי
גרייטן צו פאַר די ייִדן,
וועלכע פאָרן ארויס פונעם
סאָוועטנפארבאנד אונטער
דער ווירקונג פון זייער
פּראָפּאַגאַנדע.

אין ניו־יאָרקער ישיבות ווו עס לערנען אויך טויזנט קינדער פון סאָוועטישע עמיגראַנטן

הרב משה לאַם באַשטימט אַלס קאָ־ שערמאַן פון הסתדרות הרבנים קאָמיסיע פאַר רוסישע אידען

400 עולים־משפּחות געפינען זיך אין צייטווייליקע דירות

נעמט אַ רוסישען איד צו אייער סדר־טיש

דער האקנקרייץ

גיב מיר נאָך אַ מאָל אַ שטיקל ווייסן בינט
פון דער אַכטער ווילנער ראָטע,
איינצוהאַלטן אין מיין ייִדיש וואָרט דאָס בלוט.
ווי אַ מאָל — פון גרוב צום פראָנט
אויפן פאַרטיזאַנער וועג
— פון „כוואַראָסט" און פון אַסיענדיקער בלאָטע.

גיב מיר דעם באַנדאַזש פון מיין ליטווישער דיוויזיע,
אַ צהויסגעוויקלטער פון די מלחמה יאָרן.
וועל איך באַנדאַזשירן דעם געשריי פון מיין זכרון.
ווייל איך האָב דערזען אַ שוואַרצן האַקנקרייץ
אין תל־אביב, ווידער פאַר די אויגן.
האָט אַ קאַלטער גליווער זיי פאַרצויגן,
ווי די קעפּלעך פון געשטשעטנע צוויי טויבן.
לעב איך ווידער אין גלות פּנעם לאַנג־
ווו ס'איז נישטאָ קיין גלויבן...

ע. איינזאַמער סוף דעצעמבער, 1982.

לאָמיר אופמערקזאם
איבערלייענען אָט די
ליד — דעם „געשריי פון
זיקאָרן", וועלכע ס'האָט
פאַרעפנטלעכט אין ייִס־
ראָעל א געוועזענער סאָ־
וועטישער ייִד.

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

אין דער צײַטונג „דער וועג" (טעל־אַוויוו) באַווײַזן זיך אָפט אָפּ־
רופן אף פובליקאַציעס אין „סאָוועטיש היימלאַנד". צוויי פון זיי, ווע־
מענס אַוטאָר עס איז ייִסראָעל יאַנקעלעוויטש, דרוקן מיר איבער מיט
קירצונגען.

ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער מיט קאָסמאָנאַווטן באַם רונדן טיש

די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער האָבן א קער
געטאָן זייערע לידער און דערציילונגען צו די נײַע
דערגייכונגען פון דער סאָוועטישער און אַל־
מענטשלעכער וויסנשאַפט. דער זשורנאַל „סאָוועטיש
היימלאַנד" האָט אַזעלכע ווערק זייערע אַרײַנגעפירט
אף זײַנע זײַטלעך אונטערן קעפּל „אונדזער קאָס־
מאָס־ווינקל". איך וואָלט עס ניט אָנגערופן ווינקל,
ווײַל דאָס איז א גרויסער פּייזאַזש פון וויסן, וואָס
לייענט זיך מיט פאַרכאַפּונג, אַן עפּאָפּייע וועגן דער
פּרעכטיקער וויזיע און רעאַלער דערגרייכונג פון
דער וויסנשאַפט אין לענינס אָקטיאַבער־לאַנד. קומט
טאַקע דער רעדאַקציע פונעם זשורנאַל א דאַנק פאַר
אַרײַנפירן, זאָל זײַן, דאָס „ווינקל", וואָס דרוקט זיך
שוין א לענגערע צײַט אין יעדן נומער פונעם זשור־
נאַל.

באַם לייענען די קאָסמאָס־מאַטעריאַלן אין
„סאָוועטיש היימלאַנד" בין איך צוריק אַרײַנגעפירט
געוואָרן אין מײַנע ייִנגלשע יאָרן, ווען מיר, קינ־
דער, זײַנען געשטאַנען צוזאַמען מיט באַיאָרטע און
געקוקט אין די הימלען, ווײַזנדיק מיט די פינגער:—
אָט פליט ער, דער צעפּעלין! שפּעטער, ווען מיר
זײַנען אונטערגעוואַקסן, האָבן מיר געלייענט זשול
ווערנס אויסטערלישע פאַנטאַסטישע דערציילונגען
מיט פאַרכאַפּונג. זשול ווערן האָט דאָס געזען מיט
הונדערט יאָר צוריק דורך זײַן וויסנשאַפטלעך־שרײַ־
בערישער וויזיע. הײַנט איז דאָס א רעאַלע שעפּע־
רישע אַרבעט און דערגרייכונג, אין איינקלאַנג מיט
דער סאָוועטישער שאָלעם־באַנעמונג, אַז די וויסנ־
שאַפט און די טעכניק דאַרפן דינען דעם מענטשן
פון הײַנט און פון מאָרגן. פליִען הײַנט אין די
הימלשע הייכן כאַדאָשימלאַנג מענטשלעכע קאָלעק־
טיוון און פירן דאָרטן אויספאָרשונגען: וויסנשאַפט־
לעכע און טעכניש־אינזשעניערישע אַרבעטן, גלײַך
זיי וואָלטן געזעסן באַם אינזשעניערישן טיש אָדער
געשטאַנען באַם וואַרשטאַט. דאָס איז די צײַט פון
מענטשלעכער שעפערישער באַהערשונג פון דעם אַל־
וועלטלעכן רוים. דער מענטש איז געוואָרן דער
באַהערשער און דער דייעזאָגער אף דער ערד און
ווערט שוין אויך דער באַהערשער און דייעזאָגער
אויך אין גאָטס מעדינע, אין דעם קאָסמאָס. פונקט
ווי אין אַלע צײַטן, האָט די ליטעראַטור אָפּגע־
שפּיגלט און אַקטיוו אָנטיילגענומען באַם איבערגע־
שטאַלטיקן דאָס לעבן און דעם אַרום פון דער
מענטשלעכער ספערע, אַזוי אויך באַם אָפּשליסן אונ־
דזער ברויזנדיקן יאָרהונדערט, וואָס צייכנט זיך
אויס ניט בלויז מיט מילכאָמע־פײַער, נאָר אויך
מיט גאָר גרויסע אויפטוען און דערגרייכונגען אין
דער וויסנשאַפט און אין דער טעכניק. דאָס פאַר־
לײַכטערט און פאַרשענערט דאָס לעבן פונעם מענטשן
הײַנט און פאַרזיכערט זײַן קיִעם אף דוירעס. צו־
גלײַך מיט אירע שעפערישע פאָרגייער, פאַרנעמט
הײַנט די ליטעראַטור איר כאָשעווודיק אָרט, און
צווישן אַנדערע — די ייִדישע ליטעראַטור און אירע
שעפער. זיי נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם אַל־
מענטשלעכן פּאָרויסמאַרש פון דערגרייכונגען אין
דינסט פונעם מענטשן און זײַן וווילזײַן. האָבן זיך
טאַקע מיט ליטעראַרישער וויזיע און קענטעניש
אײַנגעשלאָסן די ייִדישע שרײַבער אין ראַטנפאַר־
באַנד צו שילדערן און מאָלן אין מאַמע־לאָשן דאָס,
וואָס עס איז מיט הונדערט יאָר צוריק געווען כאָ־
לעם און איז הײַנט געוואָרן דאָס רעאַלע, שעפערי־
שע לעבן. קעדיי זיי זאָלן בעסער אויספילן די גע־
שטעלטע אויפגאַבעס, אָרדנט די רעדאַקציע פון „סאָ־
וועטיש היימלאַנד" אײַן פּעריאָדישע סעמינאַרן פון
עס לערנען און ווערן געגרייט די קאַדרען צום קאָס־
די ייִדישע שרײַבער אין שטעטל „זוויאָזדנע", וווּ
מאָס־פלי. אין די סעמינאַרן נעמען אָנטייל די פליִ־
ער און וויסנשאַפטלער אין דער קאָסמאָס־לערע. זיי
באַקאַנען די פאַרזאַמלטע שרײַבער מיט די טיפענישן
פון זייערע פאָרשונגען און דערגרייכונגען. מיר ווילן
ברענגען אייניקע אויסצוגן פון דעם, וואָס עס האָט
געזאָגט דער שעף פונעם קאָסמאָס־אינסטיטוט געאָרגי
בערעגאָוואָי אף א זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע:
„אונדזער וויסנשאַפט, דאָס גאַנצע פאָלק אונדזערס,
זײַענדיק געטרײַ אונדזער פרידלעכער אויסערן־פּאָ־
ליטיק, געטרײַ די לעניניסטע געבאָטן, האָט קיינמאָל
ניט געטראַכט אַפילע אויסצונוצן די קאָסמישע דער־
גרייכונגען אף אָנטאָן שלעכטס אַנדערע פעלקער.
פאַרקערט, אַלץ, וואָס קאָן ברענגען גוטס דער
מענטשהײַט, דעם פּראָגרעס פון דער גאַנצער מענטש־
הײַט, זײַנען מיר גרייט זיך צו טיילן מיט אַלעמען,
ווער עס שטייט אף פּאָזיציעס פון גוטן ווילן און
שאָלעם". בערעגאָוואָי האָט געזאָגט באַם רעדאַקציע־
טיש פונעם ייִדישן זשורנאַל: „דער העלד פון סאָ־

וועטנפֿאַרבאַנד וויאַטשעסלאַוו זודאַוו האָט, לויט אופּטראַג פֿון די פֿליִער־קאָסמאָנאַוטן, באַגריסט אַפֿן גרויסן אָוונט אין צענטראַלן ליטעראַטן־הויז די רעד־קאָלעגיע און דעם שעפֿערישן אַקטיוו פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד". צוואַנציק יאָר איז ביכלאַל גענומען שוין אַ גאַנץ סאָלידער עלטער. לויט דעם אָבער, וויאַזוי „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט זיך מיט ברען און ליבע אַ נעם געטאָן פֿאַר דער קאָסמישער טעמע, קאָן מען באַוווּנדערן זייער יונגקייט".

מיר ענדיקן מיט אַרן ווערגעליסעס שלום־ווערטער אַף דער זעלבער רעדאַקציע־זיצונג: „לענין האָט אין זײַן ווערק „די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און די פּאַרטיי־ליטעראַטור" אָנגעשריבן אַזעלכע רופֿנדיקע ווערטער: צו דער אַרבעט, כאַווײרים! פֿאַר אונדז שטייט אַ שווערע און נײַע, אָבער אַ גרויסע און דאַנקבאַרע אויפֿגאַבע — אָרגאַניזירן אַ ברייטע, פֿאַרשיידנאַרטיקע ליטעראַרישע אַרבעט... פֿון אונדזער זײַט גיבן מיר צו: זײַט געשטאַרקט מיט מאָזאָליעדיקע הענט און מיט פֿרישע קויכעס צו דער נײַער שעפֿערישער אויפֿגאַבע אין דער ייִדישער ליטעראַטור".

מאשע פֿון מינסק ...

ניט לאַנג צוריק איז אין טעל־אַוויוו פֿאַרגעקומען אַן אָוונט צום 40־טן יאָרטאָג פֿון דער ליקווידאַציע פֿון דער מינסקער געטאָ.

אין געוואַגטע אַנטינאַצישע אַקציעס האָבן אָנטיילגענומען ייִדישע ווידערשטענדלער. אַ סאַך פֿון זיי האָבן זיך אויסגעטײלט אין דער גרויסער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג. דאָס איז אַלעמען באַוווּסט, אָבער אייניקע רעדנער האָבן געפּרוּווט שאַפֿן אַ פֿאַלש בילד מיט אַ נאַציאָנאַליסטישער באַפֿאַרבונג.

„מיר זײַנען געווען די איניציאַטאָרן און געוואַגטסטע ווידערשטענדלער, וואָס האָבן דעם אָקופּאַנט געגעבן צו פֿילן און געדענקען. די „אַנדערע" האָבן צוגעהאָלפֿן"... — אַזעלכע ווערטער האָט מען געקענט הערן פֿון די רעדנער. דער אויִלעם איז אָבער ניט קיין גוילעם און קאָן בינדן היסטאָרישע פֿאַקטן מיט צײַט און אָרט.

דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אָפּגעדרוקט אַ דאָקומענטאַלע דערציילונג „די אומבאַוווּסטע". ס'איז פֿאַרכאַפּנדיק דאָס לעבן און דער טויט פֿון דעם טראַגישן און העלדישן „אומבאַקאַנטן" מינסקער מיידל און די אַכרײַעסדיקע מי פֿון סאָוועטישע פּובליציסטן צו דערגרייכן דעם אָפּשטאַם און דעם נאָמען פֿון עם מיידל, וועלכע האָט ניט באַוויזן אַפֿילע צו באַקומען אַן אַטעסטאַט, אַז זי האָט פֿאַרצו דער אונטערערדישער טעטיקייט און פֿאַרענדיקט ענדיקט די מיטלשול... זי האָט זיך אָנגעשלאָסן מיידלעך. פֿאַר איר פֿאָטאָגראַפֿיע, וואָס הענגט אין איר יונג לעבן ווי אַ העלדן צווישן די מינסקער מינסקער מוזיי, שטעלן זיך אָפּ טויזנטער באַזוכער און לייענען דעם אונטערשריפֿט: „שטאָלץ גייען דורך די סאָוועטישע פּאַטריאָטן פֿאַרבײַ די מערדער. אַפֿילע דער נאָענטער טויט האָט ניט אײַנגעבראָכן די דרייסטע הערצער פֿון די קעמפֿער קעגן פֿאַשיזם. אייביקער אָנדענק אײַך, אומבאַוווּסטע כאַווײרים אונדזערע, וועלכע באַגעגנט דעם טויט פֿאַר דער גרויסער גערעכטער זאַך מיט הויך אויפֿגעהויבענע קעפּ". אַ פֿאַשיסטישער טאַליען, אַן אָפֿיצער פֿון דער דײַטשישער אַרמיי, וואַרפֿט אַרויף דעם שטריק אַפֿן האַלדז פֿון זײַן אומשולדיקן קאָרבן.

די פֿאַרצייכענונג איז געשריבן מיצאַד די סאָוועטיאַרנלאַנג געזוכט, געפֿונען און וויסנשאַפֿטלעך באַטישע פּובליציסטן לעוו אַרקאַדיעוו און אַדאַ דיכטיאַר אַפֿן יעסאַד פֿון דאָקומענטן, וועלכע זיי האָבן אַרבעט. אין ייִדיש האָט עס איבערגעזעצט דער שרײַבער ב. גערשמאַן. די דערציילונג איז געוויד־מעט, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, דעם אומבאַקאַנטן מיידל פֿון מינסק, וועמענס נאָמען איז ביז איצט פֿאַרשן, פֿאַרענדיק איבער שטעט און דערפֿער, איז ניט געווען באַקאַנט. ערשט נאָך 40 יאָר זוכן און די דערמאָנטע וויסנשאַפֿטלער געלונגען צו אויפֿזוכן דאָקומענטאַלע אַקטן און לעבנגעבליבענע איידעס. דאָס האָט געקרוינט זייער פּיליאַריקע מי, די וועלט זאָל זיך דערוויסן, אַז דאָס אומבאַקאַנט געהאַנגען מיידל אין מינסק הייסט מאשע ברוסקינאַ, זי איז אַ געוועזענע שילערן פֿון 8־טן קלאַס פֿון דער מינסקער שול נומ. 28. זי האָט געטיילט דעם טראַגישן און העלדישן גורל מיט אַן עלטערן מאַנצבל און מיט אַ יונג ייִנגל. אַף מאשעס יונגער ברוסט האָט מען אויפֿגעהאַנגען אַ ברעט מיט דער אויפֿשריפֿט, וואָס האָט גערעדט אין נאָמען פֿון אַלע דרײַ: „מיר זײַנען פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן געשאָסן אין דײַטשישע זעלנער".

אין אונדזער נאָטיץ איז ניט מעגלעך איבערדערציילן דעם פֿאַרלויף פֿון די זוכעניש און אויך ניט דעם העלדישן געראַנגל פֿון די סאָוועטישע מענטשן דאָרט, ווו עס האָט געווילדעוועט דער בעסטיאַלישער אָקופּאַנט. דאָס לאָזן מיר איבער פֿאַרן לייענער צו דערוויסן זיך אין „סאָוועטיש היימלאַנד".

מאשע איז געווען אַ טאָכטער פֿון באָריס דאַווידאָוויטש ברוסקין, וועלכער איז אַפֿן צווייטן טאָג פֿונעם אָנפֿאַל אַפֿן סאָוועטנלאַנד געוואָרן מאָבילי־זירט צו דער פֿאַרטיידיקונג פֿון דעם פֿאָטערלאַנד. ער האָט די מילכאָמע איבערגעלעבט, אָבער שוין ניט געפֿונען די שפּורן פֿון זײַן פֿרוי און 17־יאָריקער טאָכטער. ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָט ער זיך דערוווּסט וועגן דעם טראַגישן גורל.

נאָך 40 יאָר ווערן מענטשן דערשיטערט, מיט וואָס פֿאַר אַ רויִקײַט און ווירדע די דאָזיקע מענטשן — צוויי ווײַסרוסן און אַ ייִדיש מיידל זײַנען געגאַנגען צום טויט.

די דערציילונג וועגן דעם געמיינזאַמען קאַמף פֿון סאָוועטישע מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן ווערט געלייענט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" מיט אויסערגעוויינלעכן אינטערעס.

דאָס איז ספּיקזווע

שומרונים אויפן באַרג גערזים

די שומרונים אין ייִסראָעל, וועלכע ציילן בא א 500 נעפאַשעס, זײַנען אומרויִק וועגן זייער צוקונפט.

ווי באַוווּסט, ווײַנט א העלפט פון דער איידע אין כאָלאָן, אין א ספּעציעלן קוואַרטאַל, און די צווייטע העלפט (די, וועלכע האָבן קעסיידער געלעבט אין שכעם, פריער — יאָרדאַניע) — נאָענט צום הייליקן פאַר זיי באַרג געריזים.

ביז דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע האָבן די ייִסראָעל־שומרונים פון כאָלאָן געקאָנט אריבער די גרענעץ קיין יאָרדאַניע איין מאָל אין יאָר — אפן שומרונישן פּייסעך. אלע שומרונים, די ייִסראָעלדיקע און די פון יאָרדאַניע, זײַנען צוזאַמען מאַקריוו געווען אפן באַרג געריזים דעם קאָרבן־פּייסעך.

די שומרונים באַנוצן זיך מיטן אלטן לאָשנקוידעש. זיי האָבן סייפער־טוירעס און אנערקענען ניט דעם טאַלמוד. זיי היטן אָפּ די טוירע אזא, ווי זי איז געשריבן, ניט ווי דער טאַלמוד טײַטשט זי אויס. בא זיי איז פּייסעך אין אנדערע טעג; סוקעס בויען זיי אין שטוב, ניט אין דרויסן. זיי אנערקענען ניט ירושאָלאַיִם, נאָר בא זיי איז, ווי געזאָגט, הייליק דער באַרג געריזים.

די ייִדישע רעליגיִעזע טראַדיציע זאָגט, אז די שומרונים שטאַמען ניט פון לויטער ייִדן, נאָר פון די אײַנגעוואַנדערטע פעלקער, וואָס זײַנען פון זייערע ערטער פאַרטריבן געוואָרן דורך די אשורים און זײַנען פאַרבליבן אין ערעץ־ייִסראָעל, ווו זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט די צען שוואָטים. געווען צײַטן, ווען די שומרונים זײַנען אויסגעהארגעט געוואָרן מיצאד די קאָלאָניִאַלע מעטראָפּאָליעס, און עס איז איבערגעבליבן פון זיי א קליין גרופּקעלע. זיי זײַנען קימאַט אונטערגעגאנגען. אויך איצט, ווי געזאָגט, ציילן זיי סאכאקל עטלעכע הונדערט מענטשן. די שומרונים מעגן, לויט זייערע פאָרשריפטן, כאַסענע האָבן מיט ייִדישע טעכטער, און מערערע ייִדישע מיידלעך האָבן טאַקע גענומען אלס מענער שומרונים.

לעצטנס רעדט מען א סאך אין דער פּרעסע און אין דער ייִסראָעל־ראַדיאָ וועגן דעם וווינונגס־קריזיס פאַר יונגע שומרונים אין שכעם. ווי דער שטייגער איז, זײַנען אין דער לעצטער צײַט צוגעקומען פיל יונגע פאָרפּאָלקן, און זיי האָבן ניט ווו צו לעבן. ווי די שומרונים פירן זיך, וווינען זיי פון טאָמיד צוזאמען, קעדיי זיך ניט אויסמישן מיט אנדערע. איצט האָבן די יונגע אין שכעם ניט קיין אָרט ווו צו לעבן.

אזויווי אפן באַרג געריזים געפינען זיך א סאך ביניאָנים, וועלכע ווערן באַנוצט בלויז פּייסעך־צײַט, ווען די שומרונים זײַנען מאַקריוו דעם קאָרבן־פּייסעך, זײַנען די יונגע ארויף אף דעם שפּיץ באַרג און פאַרנומען די ביניאָנים (די שומרונים אין שכעם וווינען אף דעם אראָפּהאנג פונעם באַרג). נאָך א קורצער צײַט האָבן די יונגע פאָרפּאָלקן אָבער געמוזט אראָפּ.

די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט צו זיי ניט צוגעלאָזט קיין וואסער און ניט צוגעטיילט קיין אנדערע קאָמונאַלע באַדינגונגען. איצט האָבן ווידער די יונגעלײַט ניט ווו צו וווינען.

(לויט א נאָטיץ פון ל. ר א כ־ מ א ן אין „אווסטראַלישע ייִדישע נײַס”)

■ ■ ■

דער אָביעקטיוו שמייכלט

„בעסאָד סוידעס...“



פּנטאָ פון וו. אכלאָמאָוו

אײַנפאלו, אפאָריזמען און ווערטלעך
פון שאָלעם־אלײכעמען

— ברוכים האיושווים!
— נעכטיקע פארפל עסט איר?
— פארוואָס ניט?
— ט'איר מויכל זײַן קומען מאָרגן.



— גוט-מאָרגן, באָרעכהאבאָ א ייִד, רעב יאנקל — ס'מאכסטו? וואָס מאכט דײַן פלוינעסטע, דײַן שווער און שוויגער, און ווי גייט עס דיר אין געשעפט? ביסט געקומען מיסטאמע מיר אָפּגעבן מײַן געלט? שוין טאקע לאנג צײַט! וואָס? ניין? נאָך ניט צײַט? וואָס האָסטו צו מיר? איך מאָן דיך ניט, כאָלילע! איך מאָן דיך דען? נאָר איך פרעג דיך גלאט אזוי — וואָס האָסטו צו מיר, דו גאזלען? דו מאמזער! איינס פון די צוויי — גיב מיר אָפּ מײַן געלט!



נאריש — נארישער — כאָטש זאלץ אים אין אוגערקעס, כאָטש מארינירט אים אין קרויט!

א

קלעזמער-לאַשן:
— אנו, וואַרף נאָר אַרויס פון דער פידל אַ פּאָר שוואַרצע אויגן!

אדעם הארישן: דער איינציקער גליקלעכער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין שוויגער.

א

ווייַב: א מאקע אשער לוי קסו-וואָ באַטוירא.

פּעטש: א מעזומענע זאַך.

מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור

קושניראָוו, ארן
(1949—1890)

— דיכטער, פּראָזאַיִקער, דראַמאטורג. געבוירן אין באָיארקע, קיִעווער געגנט, אין א מישפּאָכע פון אָנגעשטעלטע. פון דרײַצן יאָר, נאָכן טויט פונעם פאָטער, אָנגעהויבן ארבעטן און איינצײַטיק זיך פארנומען מיט זעלבסטבילדונג. פונעם 1914 ביזן 1917 געדינט אין דער ארמיי און אָנטיילגענומען אין דער ערשטער וועלט־מילכאָמע אלס סאָלדאט פונעם 3־טן סיבירער שיסער־פּאָלק. אין 1920 פרײַוויליק אוועק אין דער רויטער ארמיי. צו יענער צײַט דעביוטירט מיט א ליד אין דער כארקאָווער איינמאָליקער אויסגאבע „דער קאמף מיט דער פּוילישער שליאכטע". אין 1921 איז אין קיִעוו דערשינען זײַן ערשטע לידער־זאמלונג „ווענט". אין 1922 אריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע און געוואָרן איינער פון די גרינדער פונעם זשורנאל „שטראָם". פון דעמלט אָן אָנגעהויבן רעגולער צו דרוקן לידער און דערציילונגען אין פארשיידענע ליטערארישע אויסגאבעס. אין 1928 האָט דער ייִדישער מעלוכעטעאטער אין מינסק אופגעפירט זײַן דראמע אין פערזן „הירש לעקערט", שפּעטער האָט ער פארן זעלבן טעאטער איבערגעזעצט און באארבעט לאָפּע דע וועגאס „שעפּסנקוואל". אין מעשעך פון די 30־ער יאָרן דערשײַנען איינס נאָכן אנדערן זײַנע לידער־זאמלונגען און דערציילונגען, וועלכע רוקן אים ארויס אלס איינעם פון די באדײַטנדיקסטע וואָרט־מײַסטערס אין דער ייִדישער סאָוועטישער פּאָעזיע. ער איז אויך אן אָנגעזעענער אָרגאניזאטאָר פון דער ליטעראטור, רעדאקטאָר פון א ריי אויסגאבעס („סאָוועטיש", „איינικײַט", „היימלאנד" און אנד.). א שרײַבער־קאָמוניסט, גייט ער אוועק אין די ערשטע טעג פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע פרײַוויליק אפן פראָנט און ווײַזט ארויס העלדנמוט און געוואגטקײַט אלס קאָמאנדיר פון א מיליטערישן טייל. די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור האָט אים צו באדאנקען פאר זײַנע גלענצנדיקע איבערזעצונגען פון דער רוסישער און וועלט־קלאסיק („דאָס געזאנג וועגן איגאָרס כאַיִל", מ. גאָרקיס „דאָס מיידל און דער טויט", די ווערק פון א. ס. פּושקין, מ. יו. לערמאָנטאָוו און אנד.).

באדײַטנדיק זײַנען א. קושניראָווס אופטוען אין דער ליטעראטור. אָנהייבנדיק פון „פלאַקאטישע" לידער, האָט ער דער ערשטער אין דער ייִדישער דיכטונג באזונגען דאָס יונגע סאָוועטישע לאנד, וועמענס פינפשפּיציקער „ניצאָכנדיקער פײַערדיקער שטערן" „האָט אף ערדן אופגעשײַנט" („ראסייא"). פונעם סאמע אָנהייב פון זײַן שאפונג ביז דער לעצטער שורע איז א. קושניראָוו געווען א מוסטער פון איינהײַטלעכן טאט און וואָרט. א פּאָעט פון רעוואָליוציאָנערן „ברויז" (אזוי האָט ער אָנגערופן איינע פון זײַנע ערשטע לידער־זאמלונגען), האָט ער געהאט א שטארקע ווירקונג אף דער אנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ייִדישער דיכטונג.

ווערק: ווענט, לידער. פארלאג „ליריק", קיִעוו, 1921; קינדער פון איין פּאָלק, דערציילונגען. פארלאג „שול און בוך", מאָסקווע, 1928; האָוריק, לידער. פארלאג „שול און בוך", דאָרט, 1928; ברויז, לידער. מינסק, מעלוכע־פארלאג, 1928; הירש לעקערט, דראמע אין 3 אקטן. קיִעוו, „קולטור־ליגע", 1920; (צוזאמען מיט ד. האָפשטיין) שטאם־אזקאָרע, לידער. מאָסקווע, „שול און בוך", 1924; טויטע סאָפּקע, דערציילונג. כארקאָוו—קיִעוו, אוקרמעלוכענאצמינדפארלאג, 1932; א געלונגענע אָפּעראציע, קאָמעדיע אין איין אקט. כארקאָוו—קיִעוו, אוקרמעלוכענאצמינדפארלאג, 1934; דראמען. מאָסקווע, „עמעס", 1935; לידער. מאָסקווע „עמעס", 1938; א סימכע אין ביראָפעלד, דערציילונג.

מאָסקווע „עמעס״, 1938; רויטאַרמייער, לידער. מאָסקווע, „דער עמעס״, 1939; האַרטע ערד, דערציילונגען. מאָסקווע, „דער עמעס״, 1939; אַן עשעלאָן רויטאַרמייער, לידער מיט נאָטן, מוזיק פון ריווע באַיאַרסקאַיאַ. מאָסקווע, „דער עמעס״, 1940; מיזרעך און מײַרעוו, דראַמאַטישע פּאָעמעס און לידער. מאָסקווע, „דער עמעס״, 1940; געקליבענע ווערק, אויסגעוויילטע לידער פאַר די יאָרן 1915—1947. מאָסקווע, „דער עמעס״, 1947; פּאַטער־קאָמאַנדיר, לידער. מאָסקווע, „דער עמעס״, 1948; די הינטישע סטעזשקע, דערציילונג. כאַרקאָוו, צענטרפאַרלאַג, 1931; געקליבענע לידער. פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, מאָסקווע, 1975.

ביבליאָגראַפיע: שאָלעם גאָרדאָן, אין זשורנאַל „שטראָם״, 1922, נום. 2; ד. בערגעלסאָן, אין זשורנאַל „מילגרוים״, 1923, נום. 1; א. וועוויאָרקע, אויפברויז. אינעם זאַמלבוך „אָקטיאַבער״, מאָסקווע, 1925; פּ. מאַרקיש, אין „ביכער־וועלט״, 1922; ד. טשאַרני, די ייִדישע ליטעראַטור אין סאָוועטנרוסלאַנד. אין „פּאַריזשער בלעטער״, נום. 76, 79; י. דאָברושין, אין זאַמלבוך „נײַערד״, 1925; נ. אויסלענדער, דער נײַער ליטעראַרישער עטאַפּ. דאָרט; מ. אַשעראָוויטש, אין דער צײַטונג „אָקטיאַבער״, מינסק, אַפּרעל 1928; ב. אָרשאַנסקי, אין דער צײַטונג „דער עמעס״, 22 אַפּרעל 1928; ז. רייזען, לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע. ווילנע, דריטער באַנד, 1929, שפּאַלטן 619—623; ב. אָרשאַנסקי, וועגן א. קושניראָווס דראַמע „הירש לעקערט״. זשורנאַל „די רויטע וועלט״, 1929, נום. 7; י. גוסינאָוו, אַרײַנפיר צו דער רוסישער איבערזעצונג פון „הירש לעקערט״. מאָסקווע, 1930; מ. ליטוואַקאָוו, אין אומרו. ב. 2, קיִעוו, 1926; י. דאָברושין, קושניראָווס „ברויז״. זשורנאַל „שטערן״, מינסק 1929, נום. 2; סיאָמע (ס. זשוקאָווסקי), וועגן „ברויז״. זשורנאַל „פּראָליט״, קיִעוו, 1928, נום. 7; א. פּעפּער, אַן ענטפער קושניראָוון. „פּראָליט״, 1930, נום. 8—9; ב. ווישינסקי, וועגן „הירש לעקערט״. זשורנאַל „די רויטע וועלט״, כאַרקאָוו, 1929, נום. 7; וו. רעדקאָ, וועגן קושניראָווס „מיזרעך און מײַרעוו״. זשורנאַל „סאָוועטישע ליטעראַטור״, קיִעוו, 1941, נום. 4; ש. עפּשטיין, אין זשורנאַל „די רויטע וועלט״, 1929, נום. 5—6; ס. זשוקאָווסקי, אַף האַרטער ערד. „פּראָליט״, 1928, נום. 3; ד. האָפשטיין, וועגן „ברויז״. „פּראָליט״, 1928, נום. 3; י. בראָנשטיין, אין ברויזיקער רו. „די רויטע וועלט״, 1929, נום. 2—3; צ. בליץ, דער קאָמאַנדיר ארן קושניראָוו. זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״, 1965, נום. 1; ה. רעמעניק, ארן קושניראָוו — דער דיכטער. פאָרוואָרט צו א. קושניראָווס „געקליבענע לידער״. פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, מאָסקווע, 1975; ס. נאַראָווטשאַטאָוו, דער דיכטער פון יוגנט פאַרשײַטער. פאָרוואָרט צו א. קושניראָווס זאַמלונג „לידער״ (רוסיש), פאַרלאַג „כודאָזשעסטווענאַיאַ ליטעראַטורא״, מאָסקווע, 1964 (אין דער ייִדישער איבערזעצונג — „סאָוועטיש היימלאַנד״, 1970, נום. 1; א. ווערגעליס, ארן קושניראָווס אופטועו אין דער ייִדישער ליטעראַטור. „סאָוועטיש היימלאַנד״, 1968, נום. 8; ה. רעמעניק, וועגן ארן קושניראָוון. אינעם בוך „שטאַפּלען״, פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, מאָסקווע, 1982; א. פינקעלשטיין, קורצער איבערזיכט פון ארן קושניראָווס ווערק. „סאָוועטיש היימלאַנד״, 1975, נום. 11.

◇ ◇ ◇

Для изучающих идиш

Урок XXV

פאר די, וואָס לערנען ייִדיש

לימעד XXV

אינהאלט: I. גראמאטיק: פונקציעס פונעם פּארטיציפּ.
II. פראגמענטן צום לייענען און איבערזעצן.

Задание 1. Повторите тему «Образование причастий прошедшего времени (см. приложения к «Советиш геймланд» № 8 за 1982 г., §§ 14 а, б, 15, 16 а, б, а также к № 7 за 1983 г., § 18).

§ 43а. Из предыдущих уроков вам уже известно что в сочетании со вспомогательными глаголами [hобн, зайн, вэрн, волт] причастие прошедшего времени образует сложные формы: 1) прошедшего времени (см. уроки IX—XIII), 2) условного наклонения типа «читал бы» (урок XIV), 3) страдательного залога «пассив» (урок XXII), 4) описательных глаголов (урок XXI § 39 и XXIII). Ср., например:

1а: Я читал (прош. вр.)
1б: Я пришел (прош. вр.)
2: Я читал бы (усл. накл.)
3а: Книга читается (пассив)
3б: Работа закончена (пассив)
4: Ребенок выздоравливает (дословно — «становится здоровым» — описательный глагол).

1א: איך האָב געלייענט
1ב: איך בין געקומען
2: איך וואָלט געלייענט
3א: דער בוך ווערט געלייענט
3ב: די ארבעט איז פארענדיקט
4: דאָס קינד ווערט געזונט

Во всех этих случаях сочетание причастия со вспомогательным глаголом представляет собой одно смысловое целое — сказуемое, отвечающее на вопрос «что делает (делало, делало бы, будет делать) подлежащее?» или — «что делается с подлежащим?», например, «книга читается», «дом строится» и т. п. формы пассива.

§ 43б. При перечислении ряда прошедших действий вспомогательный глагол употребляется, как правило, один раз — при первом глаголе. Остальные же глаголы употребляются в форме «голых» причастий без вспомогательного глагола. Ср., например:

Советская армия отбросила фашистские армии от Москвы, разбила под Сталинградом, разгромила под Курском и Орлом и окончательно уничтожила их в Берлине.

די סאָוועטישע ארמיי האָט אָפּגעשלײַדערט די פאשיסטישע ארמייען פון מאָסקווע, צעקלאפּט בא סטאלינגראד, צעשמעטערט הינטער קורסק און אָריאָל און ענדגילטיק פארניכטעט זיי אין בערלין.

Употребление одних только причастий без какого-либо вспомогательного глагола возможно также во всем предложении, если из предыдущих предложений или из контекста видно, что речь идет о действиях в прошедшем времени. Ср., например, следующий отрывок из произведения Шолом-Алейхема «Мальчик Мотл».

1) Сразу же после этого **принялись** снова за **прежнюю** работу. 2) Влив еще пару ведер воды, мой брат Эля поднял руку: «Довольно!» 3) (Он) снова **обмакнул** перо в бочку, снова **написал** (что-то) на белой бумаге и опять **поднес** (показал) написанное маме и затем моей золовке Брохе.

„(1) באלד נאָך דעם האָט מען זיך גענומען ווידער צו דער פריִערדיקער ארבעט. (2) אָנגעגאָסן נאָך א פּאָר עמער וואסער, האָט מײַן ברודער עליע אופגעהויבן די האנט: „גענוג!" (3) ווידעראמאָל אײַנגעטונקען די פּען אין פאס, ווידעראמאָל געגעבן א שרײַב אין ווײַסן פּאפּיר ארײַן און ווידעראמאָל צוגעטראָגן דאָס אָנגעשריבענע פריִער צו דער מאמען און נאָכדעם צו מײַן שוועגערן בראָכע".

§ 43в. Причастия прошедшего времени **без вспомогательных глаголов** встречаются также в следующих случаях:

а) В кратких сообщениях или рапортах о проделанной работе, например:

1) Прочел до конца.
2) Выполнили план на 100%.

1) דורכגעלייענט ביזן סאמע סאָף.
2) אויסגעפילט דעם פּלאן אף 100%.

б) В пословицах, поговорках, в поэтической речи:

1) Сказано — сделано!	1) **געז׳אָגט — געמ׳אכט!**
2) Много сказано (говорено), но мало сделано.	2) **א סאך גער׳עדט און ווייניק געמ׳אכט!**
3) «Со всех рек твоих воду **пробовал**, во всех твоих лесах **спал**, со всех твоих садов **ел** плоды, со всеми сыновьями твоими **встречался**». (М. Грубиан).	3) **„פון אלע דײַנע טײַכן וואסער** פארז׳וכט, **אין אלע דײַנע וועלדער** געשל׳אָפֿן, **פון אלע דײַנע סעדער** געג׳עסן **פרוכט, מיט אלע דײַנע זין זיך** געטר׳אָפֿן״. (מ. גרוביאן)

в) При полнозначных глаголах, указывая, как протекает данное действие:

1) Он говорит очень **взволнованно.**	1. **ער רעדט זייער** אופגערעגט
2) Стоит дерево посреди дороги, **стоит** оно **согнувшись**, Все птички с дерева разлетелись (народная песня).	2. **„שטייט א בוים אינמיטן וועג, שטייט ער** אײַנגעבויגן, **אלע פייגעלעך פון בוים זײַנען זיך צעפלויגן״** (פאָלקסליד).

г) При существительных в роли определения, указывая на свойства предмета или лица, названного существительным, например:

1) В комнате отдыха (стояли) шкафы с подарками — изделиями, **нарисованными, связанными, вышитыми, выточенными** руками пациентов (лечащихся).	1) **„אינעם זאל פאר אָפּרו און פארווײַלונגען — שאפעס מיט סוּווע׳נירן,** אויסגעמאָלטע, אויסגעשטריקטע, אויסגענייטע, אויסגעטאָקטע **מיט די הענט פון די זיך היילנדיקע״ (נאָטע לוריע).**
2. У него было **изнуренное лицо.**	2) **ער האָט געהאט אן** אויסגעמאטערט **פּאָנעם.**

З а м е т ь т е: Причастие с каким-либо окончанием (см. пример № 1) всегда является определением к существительному; причастие без окончания (прим. № 2) **может быть** определением **только перед существительным среднего рода, единственного числа** при наличии неопределенного или отрицательного артикля или же притяжательного местоимения. Сравните подобное явление применительно к герундиву (см. урок XXIV).

§ 43г. Краткое причастие вместе с зависимыми от него словами образует обособленный оборот, соответствующий по своему значению русскому обособленному обороту с деепричастием прошедшего времени на «-ав», «-ив», «-ев» («прочитав», «выпив», «пропев» и т. п.), ср. например, перевод следующих предложений:

1) **Услыхав такие речи,** мой брат Эля рассердился.	1) דערה׳ערט אזעלכע דיבורים, **איז מײַן ברודער עליע געוואָרן אין כּעס.**
2) **Наговорившись и накричавшись о разных других делах** (досл. «о посторонних делах»), перешли к вопросам: куда заехать, у кого остановиться (Перевод М. Шамбадала).	2) אָנגערעדט זיך און אָנגעשריגן זיך וועגן זײַטיקע זאכן, **איז מען ארוף אף א שמועס וועגן וווּה׳ין צו פארפ׳אָרן און בא וועמען אָפּצושטעלן זיך.** (שאָלעם-אַליי כעם)

§ 43д. Отличительные признаки оборота с (дее)причастием прошедшего времени: (1) Оборот стоит обычно в начале предложения; (2) в обороте нет вспомогательных глаголов; (3) оборот выделяется запятыми; (4) само причастие стоит в краткой форме без каких-либо окончаний (примеры см. выше).

§ 43е. Причастие прошедшего времени [партиципׂ] выражает **законченное** действие, **предшествующее** действию сказуемого. Этим оно отличается от значения герундива, выражающего **незаконченное, продолжающееся** действие, **одновременное** с действием сказуемого. Ср. перевод следующих сопоставляемых примеров с партиципом (под буквой «а») и с герундивом (под буквой «б»):

1а: отъехавший автобус	1א: דער אָפּגעפּאָרענער אווטאָבוס
1б: отъезжающий автобус	1ב: דער אָפּפּאָרנדיקער אווטאָבוס
2а: опрошенный ученик	2א: דער געפרעגטער שילער
2б: спрашивающий ученик	2ב: דער פרעגנדיקער שילער
3а: **Увидав,** что Броха упала, мама подняла крик.	3א: „דערזען, אז בראָכע איז געפאלן, שרײַט די מאמע: גוואלד!

3б: **Глядя на нее,** закричала и Тайбл (Перевод М. Шамбадала).

3ב: אף איר קוקנדיק, **שרײַט טײַבל אויף: גוואלד!״** (ש אָ ל ע ם־א ל ײ כ ע ם).

4а: **Остановившись снова,** Сегалович слез с лошади и,

4א: „זיך ווידעראמאָל **אָפּגעשטעלט,** איז סעגאַלאָוויטש אַראָפּ פון פערד און,

4б: **держа ее за узду,** повел ее за собой.

4ב: האלטנדיק אים פארן צוים, **אוועקגעפירט נאָך זיך״** (ה. ד אָ ב י ן).

דאָצענט — ש י מ ע ן ס א נ ד ל ע ר

КРАТКИЙ РАЗГОВОРНИК

М. Х.: Исачек, ты, как учитель, садись возле хозяина.	и́цикл, ду, алс лэ́рэр, зэц зих лэбн балэбо́с.	מ. כ.: איציקל, דו, אלס לערער, זעץ זיך לעבן באַלעבאָס.
З. А.: И следи, чтобы хозяин ел и меньше говорил.	ун гиб а́хтунг, дэр балэбо́с зол эсн ун ве́йникер рэ́йдн.	ז. א.: און גיב אכטונג, דער באַלעבאָס זאָל עסן און ווייניקער ריידן.
И. Б.: Договорились!	о́пгемахт!	אי. ב.: אָפּגעמאכט.
Н: Дина, садись возле меня.	ди́нэ, зэц зих лэбн мир.	נ.: דינע, זעץ זיך לעבן מיר.
Д: Ты по мне соскучился?	ду hост зих фарбэ́йнкт нох мир?	ד.: דו האָסט זיך פארבענקט נאָך מיר?
Н: Разумеется, моя дорогая. Как будто бы все устроились.	фарштэ́йт зих, майн та́йэрэ. духт зих, аз алэ hобн зих а́йнгэорднт.	נ.: פארשטייט זיך, מײַן טײַערע. דוכט זיך, אז אלע האָבן זיך אײַנגעאָרדנט.
З. А.: Дорогие гости, не стесняйтесь, возьмите себе кому что нравится.	та̂йэрэ гест, шэмт зих нит, нэмт зих вос вэ́мэн эс гефэ́лт.	ז. א.: טײַערע געסט, שעמט זיך ניט, נעמט זיך וואָס וועמען עס געפעלט.
М. Х.: Не забудьте наполнить рюмки.	фарге́ст нит о́нфилн ди ко́йсэс.	מ. כ.: פארגעסט ניט אָנפילן די קויסעס.
И. Б.: Я прошу слова. Дорогие друзья! Первый бокал я поднимаю за здоровье наших милых хозяев. Я хочу их поблагодарить за гостеприимность и пожелать им радость от своих детей и внуков.	их бэт а ворт. та́йерэ фрайнт! дэм э́рштн кос hэйб их уф фар у́ндзэрэ ли́бэ балэба́тим. их вил зэй бада́нкен фар зэ́йер га́стфрайнтлэхкайт ун зэй цу́винчэвэн на́хэс фун зэ́йере ки́ндэр ун э́йниклэх.	אי. ב.: איך בעט א וואָרט. טײַערע פרײַנט! דעם ערשטן קאָס הייב איך אויף פאר אונדזערע ליבע באלעבאטים. איך וויל זיי באדאנקען פאר זייער גאסטפרײַנטלעכקײַט און צווינטשעווען זיי נאכעס פון זייערע קינדער און אייניקלעך.
Пусть будет мир во всём мире! Лэхаим!	зол зайн шо́лэм аф дэр га̂нцэр вэлт! лэха́им!	זאָל זײַן שאָלעם אף דער גאנצער וועלט! לעכאַים!
Все: Лэхаим!	лэха́им!	אלע: לעכאַים!

А. Герцберг

Contemporary Jewish prose is represented by two stories: "Hershele from Ostropolie and the Coachman", by Grigory Polyanker of Kiev, and "Two Streets", by Shmuel Gordon of Moscow. We are also printing the continuation of a short novel, "But Life Goes On", by Moishe Gitzis of Chicago.

Our poetry section features cycles of new poems by Lev Berinsky of Moscow, Dora Khaikina of Kiev and one of our readers, Hershl Baraz of Rostov-on-the-Don.

Moini Shulman of Moscow tells in a literary essay, "Trust the Poet", about the last collection by Avrom Gontar (1908-1981). Chaim Melamud of Chernovtsy gives his reminiscences of the outstanding Jewish actress, Sidi Tal (1912-1983).

Moishe Volf of Moscow is critical of certain propositions in Margolin's article, "A Love Story" (about a new novel by Note Lury'e), published earlier in our magazine. Our issue also contains the conclusion of "Jewish Themes in World Literature", by Faina Grimberg of Tashkent.

Readers will also find a review of the latest edition of "Judaica Bohemiae", a publication of the State Jewish Museum in Prague. Our feature "Items of Interest" discusses the problems of the Samaritan community in Israel.

In the previous number, we began the publication of interviews on the problems of Soviet Jewish theatre and variety, and also of Jewish themes on the contemporary Russian stage. We are continuing this series of talks. The reader's attention is drawn to interviews with Bertha Shilman, director of the Birobijan Jewish People's Theatre, Bentsion Shlyom, chairman of the art council of the Kaunas Jewish Amateur Company, Roman Kartsev, actor at the Moscow theatre of Miniatures, Alexander Azarin, reader, Merited Artist of the RSFSR, Boris Levinson, actor at the V. V. Mayakovsky Drama Theatre in Moscow Merited Artist of the RSFSR, and pianist-accompanist David Ashkenazi.

The April number of "Sovietish Heimland" was entirely given over to space themes. We draw the readers' attention to an article by Konstantin Kedrov of Moscow, "Man and Space", which deals further with the problems raised in the "space issue".

We also continue our traditional features, "From the Newspapers and Magazines", "Material for a Lexicon of Soviet Jewish Literature" and "An Aid to those learning Yiddish".

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")
No. 7, July, 1984

The birthday centenary of David Bergelson (1884-1952) is a notable event in Jewish literary life. Our July issue begins with chapters from his unfinished novel, "Alexander Barash". Literary historian Professor Zalman Libinzon of Gorky, who has published in "Sovietish Heimland" this year several critiques of work by this classic of Soviet Jewish prose, contributes an article, "David Bergelson's epic "By The Dnieper". The author of the article comes to the conclusion that "By The Dnieper" can hold its own with the best novels of 20th-century world literature. "It is an epic novel about life among the Jewish people in Russia at the end of the 19th century and the beginning of the 20th".

We are publishing the continuation of a survey of items from the Soviet press about the Sholem Aleichem anniversary here in the Soviet Union (for beginning, see "Sovietish Heimland" No. 6, 1984).

In connection with his anniversary, a number of items about Sholem Aleichem were published in the newspaper "Birobijaner Stern". On 2 March 1984, a full page was given over to the event. In particular, the newspaper quoted Maxim Gorky's famous letter to Sholem Aleichem about the appearance of a Russian translation of "Little Boy Motl". There were also excerpts from Alexander Fadeyev's speech at the ceremonial evening dedicated to Sholem Aleichem's 80th birthday anniversary in 1939, and also poems by David Hofshtein and Itzik Fefer. The newspaper published a selection of comments by Birobijan readers about this Jewish writer of genius. There was also a report on an anniversary evening held in Birobijan's House of Culture.

In connection with the anniversary, many Soviet newspapers, published in various languages, carried articles about the life and work of Sholem Aleichem. As is known, he lived in Odessa for some years. During the anniversary, Russian and Ukrainian newspapers in the town printed interesting items about the writer's Odessa period.

In its issue for 11 April 1984, the Moscow newspaper "Sovietskaya kultura" told of the Sholem Aleichem Museum, founded several years ago in the writer's native town of Pereyaslav. This was echoed by a note in the newspaper "Literaturnaya Rossia" for 13 April 1984, "In the Writer's Native Town".

We are also publishing information about the ceremonial evenings held to mark the Sholem Aleichem anniversary in Moscow, Kiev, Chernovtsy, Pereyaslav-Khmelnitsky and Minsk. A marble memorial to him has been put up in the great writer's home-town. Those present at the anniversary celebrations planted a grove of 125 oak saplings round the memorial.

The traditional feature, "Merry Lines", has been compiled for our current issue from aphorisms written by Sholem Aleichem (illustrations by Moscow artist Hersh Inger).

ных торжеств посадили вокруг памятника рощу из 125 молодых дубков.

Традиционная рубрика «Веселые строки» составлена в этом номере «Советиш геймланд» из афоризмов, принадлежащих перу Шолом-Алейхема (рисунки к ним выполнены московским художником Гершем Ингером).

Современная еврейская советская проза представлена рассказом Григория Полянкера (Киев) «Гершеле из Острополья и извозчик» и новеллой Шмуэла Гордона (Москва) «Две улицы». Публикуется также продолжение повести Мойше Гициса (Чикаго) «А жизнь идет».

В поэтической рубрике выступают с циклами новых стихотворений Лев Беринский (Москва), Дора Хайкина (Киев) и читатель журнала из Ростова-на-Дону Гершл Бараз.

Мойни Шульман (Москва) рассказывает в литературном эссе «Верьте поэту» о последнем сборнике Аврома Гонтаря (1908—1981). Хаим Меламуд (Черновцы) посвятил свои воспоминания выдающейся еврейской актрисе Сиди Таль (1912—1983). Мойше Вольф (Москва) подвергает критике отдельные положения статьи М. Марголина «История любви» (о новом романе Нотэ Лурье), ранее опубликованной в нашем журнале. В номере печатается окончание работы Фаины Гримберг (Ташкент) «Еврейская тематика в мировой литературе».

Читатели найдут также рецензию на новый выпуск «Юдаика Богемие» — издания Государственного еврейского музея в Праге. Рубрика «Это интересно» знакомит с проблемами самаритянской общины в Израиле.

В предыдущем номере мы начали публикацию интервью с деятелями искусства по вопросам еврейской советской эстрады и театра, а также еврейской тематики на современной русской сцене. Эта серия бесед продолжается. Вниманию читателей предлагаются интервью с режиссером Биробиджанского еврейского народного театра Бертой Шильман, председателем художественного совета Каунасского коллектива еврейской художественной самодеятельности Бенционом Шлёмом, артистом Московского театра миниатюр Романом Карцевым, заслуженным артистом РСФСР, чтецом Александром Азариным, актером Московского Академического драматического театра им. В. В. Маяковского, заслуженным артистом РСФСР Борисом Левинсоном, пианистом-аккомпаниатором Давидом Ашкенази.

Апрельский номер «Советиш геймланд» текущего года был целиком посвящен космической теме. Предлагаемая вниманию читателей статья Константина Кедрова (Москва) «Человек и космос» перекликается с проблемами, поднятыми в «космическом номере».

Продолжаются также традиционные рубрики «Листая журналы и газеты», «Материалы для лексикона еврейской советской литературы» и «В помощь изучающим идиш».

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 7, июль, 1984.

Столетие со дня рождения Давида Бергельсона (1884—1952) — заметное событие в еврейской литературной жизни. Наш июльский номер открывается главами незавершенного романа Давида Бергельсона «Александр Бараш». Литературовед, профессор Залман Либинзон (гор. Горький), опубликовавший уже в нескольких номерах «Советиш геймланд» за текущий год ряд критических работ о творчестве этого классика советской еврейской прозы, выступает со статьей «Эпопея Давида Бергельсона «У Днепра». Автор статьи приходит к выводу, что «У Днепра» можно поставить в один ряд с лучшими романами мировой литературы XX столетия. «Это роман-эпопея о жизни еврейского народа в России в конце XIX — начале XX века».

Публикуется продолжение обзора материалов советской прессы о праздновании в нашей стране юбилея Шолом-Алейхема (начало см. в «Советиш геймланд», № 6, 1984 г.).

Ряд материалов, посвященных Шолом-Алейхему, был опубликован, в связи с юбилеем, в газете «Биробиджанер штерн». 2 марта 1984 года целая страница была отдана юбилею. Приводится, в частности, известное письмо Максима Горького Шолом-Алейхему в связи с выходом русского перевода «Мальчика Мотла», а также отрывки из речи Александра Фадеева на торжественном вечере, посвященном 80-летию Шолом-Алейхема в 1939 г., стихи Давида Гофштейна и Ицика Фефера. Газета напечатала подборку высказываний биробиджанских читателей о гениальном еврейском писателе. Помещена также информация о юбилейном вечере, состоявшемся в биробиджанском городском Доме культуры.

В связи с юбилеем многие советские газеты, выходящие на различных языках, опубликовали статьи о жизни и творчестве Шолом-Алейхема. Как известно, писатель жил некоторое время в Одессе. Русские и украинские газеты этого города напечатали в дни юбилея интересные материалы об одесском периоде его биографии.

Московская газета «Советская культура» в номере за 11 апреля 1984 г. рассказала о музее им. Шолом-Алейхема, созданном несколько лет назад в его родном городе Переяславе. С этой корреспонденцией перекликается заметка в газете «Литературная Россия» за 13 апреля 1984 года «В родном городе писателя».

Публикуются также сообщения о торжественных вечерах, состоявшихся в ознаменование юбилея Шолом-Алейхема в Москве, Киеве, Черновцах, Переяславе-Хмельницком, Минске. На родине великого писателя ему установлен мраморный памятный знак. Участники юбилей-

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:

главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 923-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан
Корректор Е. Островский

Сдано в набор 30.04.1984 г. Подписано к печати 18.06.1984 г. Формат 70×108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 70 коп. Зак. 241.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1984 г.

Цена 70 коп.
70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

Д. Бергельсон (к 100-летию со дня рождения). Александр Бараш. Фрагменты из неоконченного романа. З. Либинзон. Эпопея Д. Бергельсона «На Днепре».

Рассказы М. Гициса, Г. Полянкера, С. Гордона.

Стихи Д. Хайкиной, Л. Беринского, Г. Бараза.

Информируем наших читателей. К 125-летию со дня рождения Шолом-Алейхема. Материалы в советской печати.

Интервью с деятелями еврейского театрального и эстрадного искусства (продолжение).

Литературная критика. Вопросы искусства

Х. Меламуд. О Сиди Таль. М. Шульман. Верьте поэту (о последней книге А. Гонтаря). М. Вольф. Полемические заметки. К. Кедров. Человек в космосе (философский этюд).

Публицистика. Ю. Верченко, К. Селихов. Афганистан борется, Афганистан побеждает.

Листая журналы и газеты. Это интересно. Веселые строки. Хроника. Материалы для лексикона советской еврейской литературы. В помощь изучающим идиш.

Резюме на русском и английском языках.

1984
№ 7

265-78